STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00614

ZIKHROYNES FUN MAYN LEBN

Chaim Zhitlowsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Charlotte Frank
in memory of
Benjamin Frank

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. חיים זשיטלאָווסקי

זכרונות פון מיין לעבן

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון
דר. חיים זשיטלאָווסקי יובילײ קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1935

Copyright by
DR. CHAIM ZHITLOWSKY
New York, 1935

POSY - SHOULSON PRESS
19 W. 21st St., New York
234

אינהאַלט:

צום ערשטן באַנד זכרונות (פאָרוואָרט)

שלמה זאַנוול ראַפּאָפּאָרט — אַנסקי
(זיין לעבן און שאַפן)

די פאַרפּרעמדונג פון דעם יידישן פאָלק 9
ש. אַנסקים ערשטע טעטיקייט 22
אַנסקים וואַנדער יאָרן 30
אַנסקי דער רוסישער „נאַראָדניק" 43
אין דעם מיכאַילאָווסקי קרייז 57
אין שווייצאַריע 71
אין פּאַריז 95

אין אַ יידישער מדינה
(און ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ יידישיסט) 115

זכרונות פון מיין לעבן

אַן אורח 126
„פאַרבאָטענע שריפטן" 131
„איך גלויב ניט" 135
מיין פאָטער 139
איך ווער אַן אפיקורוס 143
יידישע פּאַטריאָטן 148
איך ווער אַ פּאַטריאָט 152
דייטשן און פּוילן 157
פּוילן און רוסן 163
אַן אָוונט אין אַ יידיש הויז 169
אין אַ ליבעראַלער גימנאַזיע 187
יידישער פּאַטריאָטיזם אָדער סאָציאַליזם 193
מיין פּוילישער חבר 199
מיר ווערן קאָסמאָפּאָליטן 205
אַ טרערן־בונד מיטן רוסישן פאָלק 210

די יידישע יוגנט און די רוסישע ליטעראַטור 217
די „נייע" וועלט אַנטקעגן דער „אַלטער" 223
אין טשערנישעווסקים חדר 230
מיינע נאָענטסטע פריינט 237
די צוויי רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון אונדזער צייט 243
אַנסקים פּלאַן 248
דער עולם־הזה קולט 253
די בורזשואַזע אַטמאָספערע 260
אין „טיף ראַסיי" 267
איך געפין אַן אוצר 273
מיינע ערשטע שריט 280

צו דעם ערשטן באַנד זכרונות

פֿאָרוואָרט

דער ערשטער באַנד פֿון מיינע זכרונות איז צונויפֿגעשטעלט פֿון אָט וועלכע אַרבעטן:

א) זכרונות וועגן ש. י. ראַפּאָפּאָרט-אַנסקין, פֿריער אָפּגעדרוקט אין דער טעגלעכער צייטונג „די צייט" פֿאַר דעם יאָר 1920-21. זיי זיינען דערפֿירט געוואָרן, ביז צו אַנסקיס קומען פֿון פּאַריז קיין בערן, וואו פֿאַר אים האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערנסטער „דרך תשובה", דער וועג פֿון קומען צוריק צו דעם יידישן פֿאָלק און ווערן איינס פֿון זיינע טרייסטע, איבערגעגעבנסטע קינדער. מיינע ווייטערדיקע זכרונות וועגן אים האָף איך אַריינצואַרבעטן אין די דערינערונגען וועגן מיין אייגענער טעטיקייט.

ב) דער פֿראַגמענט: „אין א יידישער מדינה", געשריבן אין 1912, דעם יאָר, אין וועלכן מען האָט מיך באַערט מיט אַ יובילײ-יום-טוב, צוליב מיין פֿינף-און-צוואַנציק-יעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט. אָפּגעדרוקט איז דער פֿראַגמענט געווען אין דער ווילנער „אידישער וועלט", אונטער ש. ניגערס רעדאַקציע, און האָט געטראָגן דעם נאָמען: „ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ יידישיסט". עס איז טאַקע געווען מיין, אַרויסצוברענגען יענע לעבנס-איינדרוקן און געדאַנקען וועגן זיי, וואָס האָבן געמאַכט אַ סוף צו מיין „אַסימילאַטאָרישן „פּעריאָד" אין די יינגלשע יאָרן און האָבן עס געהאָלפֿן אויסאַרבעטן יענעם איינשטעל אין מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען, וואָס טראָגט דעם נאָמען „יידישיזם" און „סאָציאַליסטישער גלות-נאַציאָנאַליזם". די מאָטיוון, פֿאַרוואָס איך האָב געהאַלטן פֿאַר וויכטיק צו שרייבן יענעם אָפּשניט פֿון מיין לעבן, וועט דער לייענער געפֿינען אין דעם פֿראַגמענט גופֿא. ער איז טאַקע פֿאַרבליבן נאָר א פֿראַגמענט, מחמת אַן

אורזאַך, וואָס איז אויך אָנגעטייט געוואָרן אין אים: איך האָב מיך דערשראָקן פאַר דעם אָנברויז פון קינדער־ און יוגנט־זכרונות, וואָס האָט מיך אַוועקגעשלעפּט אין דעם ווייטן עבר אַריין און וואָלט מיך אָפּגעריסן פון אַ סך וויכטיקערע דאגות און מער דרינגענדיקע אַר־בעטן.

די ווערטפולסטע מאָמענטן פון אָט דעם לעבנס־אָפּשניט זיינען אָבער אַ סך שפּעטער אָנגעשריבן געוואָרן און וועלן אַריין אין דעם צווייטן באַנד פון אָט דער אויסגאַבע.

ג) דער ערשטער טייל פון מיינע „זכרונות פון אַ יידישן סאָצי־אַליסט", וואָס האָבן גענומען דערשיינען אינם „טאָג" פאַר די יאָרן 1929־1930. דער צווייטער טייל איז שוין אויך איבערגעגעבן געוואָרן דער רעדאַקציע פונם „טאָג". — די „זכרונות" האָבן זיך גענומען שרייבן ניט פון אַן אייגענעם אינעווייניקסטן אָנטרייב. איך בין מרוצה געוואָרן, צו נעמען זיך פאַר זיי, ווי פאַר אַ טייל פון מיין שטענדיקער מיטאַרבעט פאַר יענער צייטונג. זיי פלעגן דערשיינען ניט רעגלמעסיק, מיט באַדייטנדיקע איבעררייסן. עס איז פאַר מיר וויכטיקער געווען, אויסצונוצן דעם מיר צוגעגרייטן פּלאַץ אין דער צייטונג, פאַר ערנסטערע ענינים. פון איצטער אָן, האָף איך, וועל איך קענען אַרבעטן אויף זיי סיסטעמאַטיש און כסדר. — דעם הויפּט־צוועק, וואָס איך האָב דערביי אין זינען, האָב איך אָנגעמערקט אין דעם אריינפירנדיקן קאַפּיטל צו דעם ערשטן טייל, וועלכן דער לייע־נער געפינט דאָ, אין דעם באַנד. עס איז אין דער ערשטער ליניע דער פאַרלאַנג, אָפּצוגעבן זיך אַליין און דער יידישער לייענערשאַפט אַ דין וחשבון וועגן מיין יידיש־סאָציאַליסטישער און ליטעראַרישער טעטיקייט פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט. אין אָט דער צייט איז מיר אויסגעקומען צו נעמען אַן אַנטייל, אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער מאָס, אין גאַנץ באַדייטנדיקע היסטאָרישע פאָרקומענישן און אין ערנסטע אידייאישע קאַמפן. עס איז מיר אויך אויסגעקומען צו אַרבעטן אין איינעם מיט — (אָדער צו באַקעמפן) גאַנץ באַדייטנדיקע פערזאָנען, — צום טייל אויך אַזוינע, וואָס זייערע נעמען זיינען שוין פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון אונדזער צייט. איך וועל באַטראַכטן פאַר מיין חוב, מיטצוטיילן, וואָס עס געדענקט זיך וועגן זיי. דער עיקר יענע

שטריכן און מאָמענטן, וואָס זיינען נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור. פאַר דעם יידישן לעזער וועט מסתמא נויטיק זיין, אויסצונוצן אַט די שוין פאַרעפנטלעכטע מאַטע־ריאַלן אין דער ניט־יידישער ליטעראַטור, כדי ער זאָל קאָנען האָבן אַ מער אָדער ווייניקער קלאָרן באַגריף וועגן די פערזאָנען, פאָרקומעניש און צייט־אומשטאַנדן, וועגן וועלכע עס ווערט גערעדט אין די „זכרונות".

איך וויל האָפן, אַז עס וועט מיר זיין באַשערט, דורכצופירן די אַרבעט בשלימות.

ניו־יאָרק, אין אַפּריל, 1935.

שלמה זאַנוול ראַפּאָפּאָרט—אַנסקי
(זיין לעבן און שאַפן)

די פאַרפרעמדונג פון דעם יידישן פאָלק

1.

שלמה זאַנוול (אָדער זאַנוועל) ראַפּאָפּאָרט, מער באַקאַנט אונטער זיין פּסעוודאָנים ש. אַנסקי, געהערט צו די ליכטיקסטע געשטאַלטן, וועלכע דאָס יידישע פאָלק אין רוסלאַנד האָט ארויסגעבראַכט. לויט זיין גייסטיקן מהות, — א גרויסע וואַרעמע אידישע האַרץ פאַרבונדן מיט א באַשאַפערישן קינסט־לערישן גייסט, פול מיט ליבע צו אַלע אונטערדריקטע און ליידנדיקע, צו אַלע וואָס רייסן זיך צו א בעסערן און גערעכטערן לעבן; א האַרץ, פול מיט שטענדיקע דאגות פאַר דעם אַנדערן און דעם גאַנצן כלל און אין דערזעל־ביקער צייט פול מיט „בטחון” און אָפּטימיזם, פול מיט גלויבן אין לעבן און מענטשן, א לעבנס־פריידיקער גייסט, וואָס פלעגט תמיד אַריבערשרייען די שרעקלעכסטע יסורים און ליידן סאַי די אייגענע, סאַי די פון די פריינט און באַקאַנטע, סאַי פון דעם כלל, — לויט אָט דעם גייסטיקן מהות זיינעם, גע־הערט אַנסקי צו די זעלטענע און זעלטן־סימפּאַטישע טיפּן, מיט וועלכע די מענטשהייט איז געבענטשט.

זיין לעבנס־אַרבעט — וואָס איז תמיד געווען אַן איבערגעגעבענע דינסט צו יענע אידעאַלן אין וועלכע ער האָט געגלויבט,—איז אַזוי פלוצלונג און פּריצייטיק איבערגעריסן געוואָרן. אַנסקי האָט אונדז אָבער איבערגעלאָזן א רייכע ירושה פון זעלבסטשטענדיקע ווערק און זאַמלונגען, וואָס דאַרפן פאַרנעמען א זייער חשובן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור. זי, — זיין לעבענס־אַרבייט, מיין איך, — האָט אויך איבערגעלאָזן א באַדייטנדיקן שפּור אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָס אַלץ מאַכט נויטיק, אַז אַנסקי'ס לעבן און געשטאַלט זאָלן אויס־געמאָלט ווערן פאַר דעם לעזער אין זייער גאַנצער גרויס, מיט אַלע איינצל־נע פּרטים, און אַז די רעזולטאַטן פון זיין לעבנס־אַרבעט זאָלן אָפּגע־שאַצט ווערן נאָך זייער אמת'ער פאַרדינסט.

ווען אַזא לעבנס־באַשרייבונג און אָפּשאַצונג קאָן נאָך אָבער איצטער

קיין רייד ניט זיין. אפריער מוזן ארויסגעגעבן ווערן זיינע ווערק, פאר־עפנטלעכט ווערן זיינע זאמלונגען; עס מוז צונויפגעקליבן און ארויסגע־געבן ווערן זיין אומגעהויער רייכע פריוואטע קארעספאנדענץ; עס מוזן אויס־געהערט ווערן די פערזענלעכע דערינערונגען פון יענע, וואס האבן זיך מיט אים צונויפגעטראפן אין לעבן אויף דעם אדער יענעם געביט פון זיין פיל־פארצווייגטער טעטיקייט.

א געוויסער טייל פון אט דער צוגרייטונגס־ארבייט פאלט אויס, ווי א הייליקער חוב, אויף דעם שרייבער פון אט די שורות, ווייל איך האב געהאט דעם גרויסן מזל צו זיין איינער פון זיינע נאענטסטע פריינט, אויב ניט דער גאר נאענטסטער. אן אומצערייסבארער באנד פון אייביקער פריינטשאפט האט אונדז פארבונדן פון דער צארטער קינדהייט אן, — א פריינטשאפט, צו וועלכער נאר דער טויט האט געקאנט מאכן אן אומענדלעך שמארצהאפטן סוף.

ליידער איז אויך פאר מיר אבסאלוט אוממעגלעך איבערצוגעבן איצטער מיינע דערינערונגען וועגן אים, אפילו צו כאראקטעריזירן די וויכטיקסטע מאמענטן פון אונדזער פריינטשאפט, וואס האט אנגעהאלטן איבער פערציק יאר (פון 1878 אן), און וואס אין איר משך זיינען מיר אזוי אפט געווען פארבונדן אין לעבן און געמיינשאפטלעכער ארבעט און אלעמאל פארבונדן אין גייסט.

וואס איך קאן איצטער טאן, איז נאר פרואוון געבן אן אייליקן עסקיז פון די וויכטיקסטע עטאפן אין אנסקים אנטוויקלונגס־גאנג און פון די גייסטיקע אינטערעסן ,וואס האבן אים באשעפטיקט אין די פאר־שיידענע עפאכן פון זיין לעבן און שאפן.

ווי דעם ערשטן פעריאד פון זיין באוואוסטזיניקן לעבן וואלט איך באצייכנט די צייט פון 1878 ביז 1882, פון — אן ערך — זיין פופצנטן ביז און מיט זיין איין־און־צוואנציקסטן לעבנס־יאר. אט די פינף־זעקס יאר האבן מיר אפגעלעבט אינאיינעם (צום סוף פון זיי אויך מיט נאך א פאר חברים); אין אט דער צייט האבן מיר געווירקט איינער אויף דעם אנדערן, און עס איז זייער שווער ארויסצושיידן דעם אנסקי־פאדים פון דעם געמיינשאפטלעכן געוועב.

געמיינשאפטלעך פאר אונדז זיינען די יארן געווען א געמיש פון יינגלשע שטיפערייען און קונדסערייען און אין דער זעלביקער צייט פון אזא'ן ערנסטן שטודיום, פון אזא הייסן דראנג צו בילדונג און וויסן, פון אזעלכע האפערדיקע דערוועגונגען אויף דעם פעלד פון פרייען דענ־קען, אז איך הויב איצטער אליין אן צו קוקן מיט א געפיל פון דרך־ארץ

אויף אונדזערע שטיפערישע ייִנגלשע יאָרן.

געמיינשאַפטלעך פאַר אונדז ביידן איז אויך געווען דער גייסטיקער אַנטוויקלונגס־גאַנג, דער אומבאַוואוסטזיניקער, אָרגאַנישער איבערגאַנג פון שטופּע צו שטופּע און די פּאַנאַנדערוויקלונג פון אַלץ ברייטערע און ליכ־טיקערע גייסטיקע האָריזאָנטן.

עס איז מערקווירדיק, ווי אַזוי מיר האָבן אָן לערער און וועג־ווייזער, — ווייניקסטנס, אין דער ערשטער צייט, — דורכגעמאַכט דיזעלביקע אַנט־וויקלונגס־עטאַפּן, וועלכע די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור און דער גאַנצער רוסישער עפנטלעכער געדאַנק איז דורכגעגאַנגען. און אין דעמזעלביקן סדר, אין וועלכן ער איז דורכגעגאַנגען, ביז זיין שטראָם האָט אויך אונדז פאַרכאַפּט.

שלמה זאַנוויל האָט אָנגעהויבן לייענען נאָך גאָר אין דער פריער קינדהייט, — דאָס רוב, שמר׳שע ראָמאַנען, — נאָך איידער מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן. אין דעם פּרט בין איך, — דער ייִנגערער פון אונדז ביידן, — געווען ווייט פאָרויס. איך האָב ניט געהאַט קיין אייגנטלעכע „שונד״־פּעריאָדע הינטער זיך. אַ דאַנק בעסערע עקאָנאָמישע אומשטענדן און גאַנץ אַנדערע לעבנס־באַדינגונגען, האָב איך אין 1878 שוין גע־האַלטן אין גרייטן זיך צום דריטן קלאַס גימנאַזיע און מיין ער־שטער ענטוזיאַזם איז אַרויסגערופן געוואָרן ניט פון די שונד־ראָמאַנען — כאָטש איך האָב זיך אויך אַמאָל פאַרשיכורט מיט די ווערק פון אַ פּאָנסאָן דיו־טעראַיל און אַ קסאַוויע דע מאָנטעפּען. מיין יונג האַרץ האָבן גאָר געוואונען די ראָמאַנען פון א. מיכאַילאָוו־שעלער און זיין מין: אָמוליעווסקי, מאָרדאָווצעוו.

ווי אַזוי איך בין געקומען צו זיי, געהערט ניט צו דעם איצטיקן ענין. אָבער איינמאָל אָנגעשטויסן זיך אויף זיי, בין איך באַצויבערט געוואָרן פון דעם לעבן און די העלדן, וועלכע זיי שילדערן, און ווען איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט שלמה זאַנוולען, האָט ער זיך שנעל אויסגע־לערנט לייענען רוסיש — און מיר האָבן ביידע זיך מתענג געווען מיט דעם גייסטיקן שטאָף, וועלכן יענע ראָמאַניסטן האָבן אונדז געגעבן.

איך ווייס ניט, צי די איצטיקע לעזער געדענקען נאָך אַזעלכע נעמען, ווי מיכאַילאָוו־שעלער, אָמוליענסקי, מאָרדאָווצעוו. דער רוסישער קרי־טיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער סקאַביטשעווסקי האָט געווידמעט שעלערן אַ לאַנגן קריטישן אַרטיקל מיט דער כאַראַקטעריסטישער איבער־שריפט: „סענטימענטאַלע שיין־נשמהקייט אין אַ רעאַליסטישן מונדיר״. („סענטימענטאַלנאַיע פּרעקראַסנאָדושיע וו׳ מונדירע ריעאַליזמאַ).

פֿון אַ ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז סקאָביטשעווסקי געווים געווען אין אַלגעמיין גערעכט, און דער פּאַנטעאָן פֿון דער רוסישער ליטעראַטור ליידט אַ ברעקל ניט דערפֿון, וואָס אין אים פֿעלט איצטער מיכאַילאָוו. אָבער מיכאַילאָווס טאַלאַנט האָט ער פּאָרט ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט. קיין ריינער רעאַליסט איז ער על פּי דער טבע זיינער ניט געווען; ער איז פֿון דער נאַטור אויס געווען אַ דיקענס־שער טאַלאַנט, ווען אפֿילו פֿון אַ סך אַ שוואַכערן גראַד. נאָר אין גאַנצן אונטערגעשעצט האָט סקאָביטשעווסקי די פּעדאַגאָגישע ווירקונג פֿון אָט דעם מין שיינער ליטעראַטור, זייער השפּעה אויף אַ יונגער נשמה, וואָס הויבט זיך ערשט אָן אַרומצוקוקן אין לעבן.

מיר זיינען ניט באַקאַנט קיין אַנדערע ווערק, — אַ חוץ דעם דייטשן שפּילהאַגענס, — וואָס זאָלן וועקן אַזאַ אינטערעס צו דעם ווירקלעכן לעבן („דער רעאַליסטישער מונדיר”) און אין דערזעלביקער צייט אויפֿרעגן און מאַכן אויפֿקלינגען אַלע אידעאַליסטישע סטרונעס פֿון דעם מענטשלעכן האַרצן, ווי שעלערס ראָמאַנען און אַמוליעווסקיס „שריט נאָך שריט” („שאַג זאַ שאַגאָם”, דערשינען, אויב איך האָב ניט קיין טעות, אין דעם ראַדיקאַלן זשורנאַל „דיעלאָ”).

א. מיכאַילאָוו האָט אונדז בריידן געבראַכט צו דער רוסישער ליטעראַטור בכלל; צו פּושקינען, ליערמאָנטאָוון און ביעלינסקין, און פֿון זיי זיינען מיר שוין געשוואומען מיט דעם שטראָם פֿון דער איינציקאַרטיקער רוסישער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, די באַרימטע פּלעיאַדע פֿון גאָגאָל, טורגעניעוו, ניעקראַסאָוו, גאָנטשאַראָוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּיסעמסקי, די „זייטיקע” אָבער זייער באַדייטנדיקע, פּאָמיאַלאָווסקי, ריעשעטניקאָוו און א. ליעוויטאָוו (דערהויפּט האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אָט דער ליעוויטאָוו).

האַנט אין האַנט מיט די בעלעטריסטן זיינען געגאַנגען פּאָר אונדז די רוסישע קריטיקער — פּיסאַרעוו און דאָבראָליובאָוו — וואָס האָבן אויף אונדזערע נשמות אַרויפֿגעלייגט אויף אייביק דעם שטעמפּל פֿון דעם פֿרייען, אומדערשראָקענעם ראַדיקאַלן דענקען, און האָבן אונדז אַריינגעפֿירט אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקענוועלט.

שפּעטער זיינען צוגעקומען די אומלעגאַלע און האַלב־לעגאַלע שריפֿטן: טשערנישעווסקיס „טשטאָ דיעלאַט? ”, די ווערק פֿון לודוויג בערנע, היינריך היינע און פֿערדינאַנד לאַסאַל; נאָך שפּעטער איינצלנע נומערן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ” און דעם „טשאָרני פּערעדיעל”, — אָבער דעמאָלט זיינען מיר שוין געווען מער אָדער ווייניקער דערוואַקסענע, אויפֿגעקלערטע.

שפּעטער זיינען אויך אַריינגעוואַקסן אין די „אַטיעטשעסטווענניע זאַפּיס־קי” און אין די רוסישע גייסטיקע ספערן, וועלכע עס האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט יענער מערקווירדיקער, איינציק־אַרטיקער ראַדיקאַל־סאָציאַליס־טישער זשורנאַל, אונטער דער גייסטיקער לייטונג פון ניקאָלאַי מיכאַי־לאָווסקין.

געמיינשאַפטלעך אין אונדזער ביידנס לעבן אין יענע יאָרן איז אויך געווען אונדזער שטעלונג צו דעם יידישן פאָלק און צו דער גאַנצער יידישקייט. מען קאָן ניט זאָגן, אַז מיר זיינען געווען פרעמד דעם יידישן לעבן: מיר האָבן דאָך געלעבט אין אים און געאָטעמט אין אים. פאַר אָט די גאַנצע יאָרן איז צווישן אונדזערע נאָענטע באַקאַנטע ניט געווען קיין איין רוס. די ראַדיקאַלע סביבה, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַרום אונדז, צום גרויסן טייל אויך אַ דאַנק אונדזער טעטיקייט, איז געווען אַ ריין יידישע, לויט דעם אַנטראָפּאָלאָגישן מאַטעריאַל, פון וועלכן זי איז געווען צונויפגעשטעלט.

און יעדערער פון אונדז האָט געהאַט אַ יידישע היים, מיט יידישע יום־טובים, וועלכע מיר האָבן גאָר ניט פיינט געהאַט, מיט אַ יידישער שפּראַך, וועלכע מיר האָבן גאַנץ אָפט געברויכט צווישן זיך, אמת, וואָס ווייטער — אַלץ וויניקער.

מיר זיינען ניט געווען פרעמד דער יידישער וועלט, אָבער אונדזערע נשמות האָבן געוואוינט אין דער פרעמד, און יענע פרעמד איז, לויט איר גייסטיקן תוך, געווען לחלוטין פיינטלעך צו אַלע יסודות פון דעם יידישן לעבן.

אויף אונדזער שטעלונג צו יידן און יידישקייט וועל איך מיך מוזן אָפּשטעלן אביסל לענגער אין דעם נעקסטן קאַפּיטל. דערווייל וויל איך נאָר באַמערקן, אַז ניט קוקנדיק אויף דער צונויפגעוואַקסנקייט פון אונדזערע לעבנס אין יענעם פּעריאָד, איז אויף דעם געמיינשאַפטלעכן פאָן פאָרט אַרויסגעטראָטן אַנסקיס אָריגינאַליטעט און זעלבסטשטענדי־קייט אין אַ סך זייער וויכטיקע פּרטים.

אין דעם ערשטן פעריאָד פון אנסקים לעבן, אין די יאָרן פון 1878—1882, האָט מיר נאָך ניט געוואוסט פון א נאַציאָנאַלער פראַגע. פאַר אונדז האָבן עקזיסטירט נאָר איינצלנע מענטשן. מיט זיי האָבן מיר געהאַט צו טאָן, — מיט זייערע אנשויאונגען, לעבנס־צילן, זייערע באַציאונגען איינער צו דעם אַנדערן און דעם אַרט לעבן, וואָס זיי ברענגען אַרוים.

פון אָט דעם ריין אינדיווידואַליסטישן שטאַנדפונקט געזען, איז אין דעם יידישן לעבן ניט געווען פאַר אונדז קיין איין זאַך, וואָס זאָל אונדז צוביינדן צו זיך, וואָס זאָל אין אונדז אַרויסרופן דעם וואונטש, צו קעמפן פאַר איר דערהאַלטונג און ווייטערער אַנטוויקלונג. אדרבה, אַלץ וואָס די יידישע סביבה האָט אונדז געגעבן, האָט געמוזט אָפּשטויסן אונדז פון זיך און — אין דער שפּעטערער צייט — אויך אַרויסרופן אונדזער באַוואוסטזיניקן רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט.

די יידישע וועלט, אין וועלכער מיר האָבן פון קינדווייז אויף געלעבט און געאָטעמט, קאָן איינגעטיילט ווערן אין פיר ספערן: א) דער חדר און די מלמדים; ב) די דאַוון־שול און די רעליגיעזע פאַרשריפטן; ג) דאָס הויז מיט איר גאַנצן אויפפיר; ד) די יידישע קינדער־גאַס, מיט אירע שפּילן, וואָס וואַקסט פאַר אונדז שפּעטער אויס אין דער אייגנאַרטיקער ספערע פון דער יידישער ראַדיקאַלער יוגנט.

די יידישע דערוואַקסענע גאַס, מיט אירע עקאָנאָמישע און גייסטיקע אינטערעסן, מיט אירע סאָציאַלע באַציאונגען און קהלשע ענינים, איז געלעגן מחוץ פון אונדזער קינדערשן לעבן, און אַז מיר זיינען אויסגעוואַקסן, זיינען מיר געבליבן אויסגעשלאָסן פון איר; ריכטיקער, מיר האָבן זי שוין געהאַסט און ניט געוואָלט אַריינוואַקסן אין איר.

אין די אויבנדערמאָנטע פיר ספערן זיינען געלעגן די נעגאַטיווע עלעמענטן וואָס האָבן אונדז פרעמד געמאַכט דעם יידישן פאָלק, און די פּאָזיטיווע עלעמענטן, וואָס האָבן אונדז צוגעצויגן צו א גאַנץ אַנדער וועלט.

מיט דעם יידישן חדר און זיינע מלמדים, האָבן ניט שלמה זאַנוול, ניט איך, ניט געהאַט קיין גליק. די פּאָעזיע פון דעם חדר און דער ישיבה קאָן איך נאָר פון די באַשרייבונגען אין דער יידישער ליטעראַטור און פון געשפּרעכן מיט מענטשן, וועלכע האָבן זי דורכגעלעבט. איך בין אָפּט מקנא יענע יידן, וואָס קאָנען דערמאָנען צו גוטן זייערע חדר־יאָרן אָדער ישיבה־יאָרן.

אונדזער חדר־צייט איז געווען די פינצטערסטע צייט אין אונדזער לעבן.

דער לימוד איז באַשטאַנען כמעט דורכויס פון דער טרוקענער גמרא. ניט קיין תנ"ך, ניט קיין מדרש; אפילו דעם תרגום־שני, — דעם אַזוי רייכן מיט היסטאָריש־טראַגישע בילדער, — האָט מען מיט מיר ניט געלערנט. (איך ווייס ניט, צי דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט אנסקין). גמרא, גמרא, גמרא. ווי אויף אַ שאַרפשטיין האָט מען אָן איר געשאַרפט דעם קינדערשן שכל, אַזש פונקען האָבן פון אים געשפּריצט. און דער רבי האָט דעם גאַנצן טאָג געדריקט דעם פּעדאַל און געטריבן דאָס ראָד פון ניין אַזייגער אינדערפרי ביז ניין אַזייגער אויף דערנאַכט. און אַלע ווײַלע פּלעגט ער פּרוּוון, צי עס שאַרפט זיך ווי עס דאַרף צו זיין, ווייל דער בעסטער קאָמפּלימענט, וואָס ער האָט געקאָנט מאַכן טאַטע־מאַמע פאַר זייער יינגעלע איז געווען, אַז ער האָט אַ „שאַרף־קעפּעלע", און טאָמער האָט דאָס יינגעלע ניט געוואָלט, מען זאָל זיין נשמה שאַרפן, ווי אַ שטיק שטאָל, אָן דער שטיינערנער גמרא — איז דעמאָלט ווי געוועזן צו דעם יינגעלע: זיין יונג לייבעלע האָט זיך גע־צאַפּלט אונטער רעם רבינס שניידנדיקע ריטער: זיינע יונגע ביינדלעך האָבן געקנאַקט אונטער דעם רבינס שווערער ביינערנער האַנט.

צווישן די ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון אַנסקיס, וואָס געהערן צו די יינגלשע יאָרן, איז אויך געווען אַ דראַמאַטיש ווערק, אַ שילדערונג פון דעם גאַנצן גיהנום, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט אין דעם חדר. ווער ווייסט, צי דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך נאָך ערגעץ־וואו אויף דער וועלט. אָבער אויב ער וואָלט געפונען געוואָרן, וואָלט ער געווען אַ דאָקומענט פון אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט: ניט נאָר ווי אַביסל מאַטעריאַל פאַר אַנסקיס ביאָגראַפיע, נאָר אויך ווי אַ נאַטור־טרייע שילדערונג פון די הימל־שרייענ־דיקע צושטאַנדן, וואָס האָבן געהערשט אין דער יידישער דערציאונג. שפּעטער האָט ער דיזעלביקע טעמע באַרירט אין איינעם פון זיינע בעסטע ווערק, „וו' יעוורעיסקאַי סעמיע" („אין אַ יידיש הויז־געזינד"), וואָס איז דערשינען אין קאָראָלענקאָס „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ".

ניין, דער יידישער חדר האָט ניט געקאָנט איינפלאַנצן אין אונדז קיין ליבע צו דעם יידישן פאָלק און צו דעם יידישן לעבן. אָבער דאָס האָט אויך ניט געקאָנט טאָן די דאַוון־שול, ניט קוקנדיק אויף דעם אומגעהויער רייכן פילאָזאָפישן, רעליגיעזן, פּאָעטישן און נאַציאָנאַל־היסטאָרישן אינהאַלט פון די יידישע תפילות. ווער האָט געזאָלט ווייסן, אַז אין זיי ליגן אָנגעזאַמלטע אַזעלכע אוצרות! „סידור" און „מחזור" לערנט מען ניט אין חדר. צו דער צייט פון אונדזער באַקענען זיך (אין 1878) וואָלטן מיר ביידע געקאָנט אָפּ־לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות און (אפשר אויך) מהרש"א, אָבער עס

איז א גרויסע שאלה, צי מיר וואָלטן געקאָנט ריכטיק אָפּטייטשן אפילו דעם „אדון עולם". און שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך אויסגעלערנט העברייאיש און האָבן שוין געלייענט אַביסל פון דער ראַדיקאַלער העברייאישער ליטע־ראַטור פון א סמאָלענסקי, י. ל. גאָרדאָן און ליליענבלום — איז שוין די גאַנצע יידישע רעליגיע געווען אַוועקגעוואָרפן פון אונדז אויף דעם מיסט־קאַסטן.

די דאָזן־שול, מיט די פליכטן, וואָס זי האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט, איז פאַר אונדז געווען ניט מער, ווי א נייער עול, וואָס האָט שווער געדריקט אויף אונדזער נאַקן.

און דערזעלביקער רעליגיעזער יאָך פון מצוות און עבירות אויף יעדן קער און ווענד האָט אונדז ניט געלאָזן צו רו אויך אין הויז, וואו א טרונק וואַסער האָט ניט געטאָרט פאַרזוכט ווערן אָן א ברכה; וואו א ביסן ברויט האָט ניט געטאָרט פאַרזוכט ווערן אָן וואַשן־זיך, „המוציא" און בענטשן; וואו מען האָט זיך אום שבת ניט געטאָרט צורירן צו א לייכטער און אַנדערע מוקצה־זאַכן וואו מען פלעגט דאַרפן שטענדיק אומגיין אין א היטל; וואו... נאָר ווער קאָן דאָס אַלץ אויסרעכענען!

מיר האָבן אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם דרייפאַכן יאָך פון חדר, שול און יידיש הויז, ביז צו רויכערן א פּאַפּיראָס אום שבת בפרהסיה, — אָן אומדערהערטע זאַך אין וויטעבסק אין יענע צייטן. צווישן בכבודיקע באַלעבאַטישע קינדער.

ניין, ניט אין אָט דעם דרייפאַכן יאָך האָט געקאָנט ליגן א וועלכער עס איז מאַגנעט, וואָס זאָל אונדז האַלטן צוגעבונדן צו דעם יידישן פאָלק און צו וועלכער עס איז יידישקייט.

פריי און העל און לוסטיק איז געווען פאַר אונדז די פערטע ספערע פון אונדזער יידישן לעבן: די שטיפערישע, ליאַרעמדיקע, יידישע יינגל־גאַס: אָבער צו יענער צייט און אין יענעם טייל שטאָט, וואו איך האָב געוואוינט (אויף דער שלאָס־גאַס), האָט אויך די יידישע יינגל־גאַס מיט אירע שפּילן זיך גענומען אָנזאַפּן מיט ניט־יידישע עלעמענטן.

אויף דער שלאָס־גאַס איז אין דעם מיטן פון די זיבעציקער יאָרן געווען צווישן די אָנפירער פון דער ווייסער חברה איינער א ניסקע כאַיקין אָדער קושניער, וואָס איז שוין אין 1876 געווען א גימנאַזיסט פון ערשטן קלאַס. ער האָט אַריינגעפירט צוויי שפּילן, וואָס האָבן סוף־כל־סוף אַרויסגעשטופּט אַלע אַנדערע: דעם „פּאַראַד" און די „גימנאַזיע". אין דעם פּאַראַד האָבן מיר זיך געמושטירט, און ניסקע איז געווען דער גענעראַל, וואָס פלעגט נאָכ־מאַכן מיט אַלע פּישטשעווקעס די האַוואַיעס און תנועות פון דעם „אמתן"

גענעראַל, ווי מיר האָבן דאָס אַלע געקאַנט זען אין די „פּאַראַדנע" טעג. אין דער „גימנאַזיע" פלעגן מיר אַלע זיצן אויף בענקלעך פון ברעטער (ער־געץ־וואו אין אַ נאָך ניט פאַרטיק אויסגעבויט הויז), ווי אין אַן אמתן קלאַס, און ניסקע פלעגט מיט אַלע פישטשעווקעס פון אַן אמתן לערער טאַקע אויף אַן אמת לערנען מיט די, וואָס האָבן נאָך ניט געקאַנט, אי לייענען, אי שרייבן, אי רעכענען, — אַלץ אין „רוס".

ווען איך בין צו בר־מצוה באַקאַנט געוואָרן מיט שלמה־זאַנוולען, בין איך שוין ניט געווען קיין שפּיל־יינגל אָבער אָט־אָ־די שפּיל־לוסט צו זיין אַ לערער האָב איך אַריבערגעטראָגן אויף אים. ער האָט מיך אינגאַנצן אַרויסגעצויגן פון דער גאַס, אינגאַנצן איינגענומען פאַר זיך אַליין: ער איז געוואָרן מיין „קלאַס".

אַנסקי האָט אין אַ רעדע אויף מיין יובילײ־אָוונט אין פּעטערבורג דער־ציילט פון זיינע יוגנט־דעראינערונגען, אַז מיר האָבן ביידע אויף זיין הויף געבויט אַ בית־המקדש פון די קלעצער, וואָס זיינען דאָרטן געלעגן; אַז מיר האָבן געקויפט לאַנגע מעסערס, געשליפן זיי פון ביידע זייטן, און באַהאַלטן זיי אין „היילן" כדי צו פאַרטיידיקן מיט זיי די „מחנה־ישראל". די מעשה מיט די מעסערס געדענק איך ווי דורך אַ חלום: די מעשה מיט דעם בית־המקדש קאָן איך מיך ניט דערמאָנען. געווען איז דאָס: אַנסקי האָט געהאַט אַ גוטן זכרון. דאָס איז, משמעות, געווען אין דער גאָר ערשטער צייט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, ווען די „פּאָדוויניער" יידישקייט (אַנסקי האָט גע־וואוינט אין „פּאָדוויניע") האָט זיך נאָך געקאַנט האַלטן אַנטקעגן דער „שלאָ־סער" ציוויליזאַציע". ביסלעכווייז איז אויך פון אונדזער שפּיל־לעבן פאַר־שוואונדן יעדער אָנקלאַנג אָן אַ יידישן מאָטיוו. מיר זיינען ביסלעכווייז פאַרגויאישט געוואָרן, ריכטיקער: פאַר־רוסישט געוואָרן.

האָט אונדז געצויגן, אַנשטאָט צום יידישן חדר און ישיבה, צו דער רו־סישער „אוטשילישטשע" און דער גימנאַזיע? אַנשטאָט צו דער דאַוון־שול צו דער קריסטלעכער קירך? אַנשטאָט צו דער יידישער היים צו אַ רוסיש הויז־לעבן?

ניין. בשום אופן ועניין ניט. די גימנאַזיע האָט נאָך געהאַט אַ שטיק אָנציאונג־קראַפט, וויניקסטנס אויף מיר און אויך דאָס אין גאָר דער ערשטער צייט. די ראַדיקאַלע רוסישע ליטעראַטור האָט אונדז באַלד אויפגעקלערט וועגן דעם מהות פון דער „קאַזיאָנער" בילדונג און דערציאונג, און מיר האָבן באַלד אויסגעפונען איר רעאַקציאָנערן אָפּטויטנדיקן קערן. און וועגן די יסודות פון דעם רוסישן הויז־לעבן האָבן אונדז אָסטראָווסקי און זיין אויסטייטשער דאָבראָליובאָוו דערציילט צופיל אָפּשרעקנדיקע זאַכן, מיר

זאָלן האָבן ווען עס איז געקאָנט טרוימען וועגן אַזאַ מין לעבן. און ספּע־ציעל אַנסקי. אַן אַריינבליק אין דעם רוסישן לעבן האָט ער געהאַט ניט נאָר דורך דער רוסישער בעלעטריסטיק, נאָר אויך פון דעם לעבן גופא. געגנוג ווילדע סצענעס פון דעם רוסישן פּריוואַטן און פאַמיליען־לעבן האָט ער זיך אָנגעזען אין דעם שענק־הויז פון זיין מוטער.

ניין, אונדזער „רוסיפיקאַציע" איז געווען פון אַ גאַנץ אַנדער מין, אייד דער צ. ב. די „אַמעריקאַניזאַציע", וואָס קומט איצטער פאָר אין דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. ניט קיין נייע אַנדערע לעבנס־פאָרמען האָבן פאַרביטן די אַלטע, יידישע, נאָר נייע אַנדערע לעבנס־אידעאַלן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אַלע אַלטע לעבנס־אידעאַלן, סיי יידישע, סיי ניט־יידישע.

עס איז ביי אונדז ניט געווען קיין קעגנזאַץ פון יידישן לעבן און ניט־יידישן לעבן, נאָר אַ קעגנזאַץ צווישן „אַלטע" מענטשן, אידייען, לעבנס־צילן און לעבנס־פאָרמען און „נייע" מענטשן מיט נייע אידייען, מיט נייע לעבנס־צילן און אַ שטרעבן צו העכערע, איידעלערע, בר־דעתדיקערע לעבנס־פאָר־מען. אין אָט־דעם פּרט איז ביי אונדז ניט געווען קיין נפקא־מינה צווישן ייד און ניט־ייד. „אוטשילישטשע" און „חדר" גלייך פאַרוואָרפן. „שול" און „קירך" גלייך פאַרהאַסט. פּיסאַרעוו און ליליענבלום גלייך געליבט און גע־שעצט, ווייל ביידע האָבן מיט רעוואָלוציאָנערן אימפּעט געשטורעמט די אַלטע פעסטונגען.

וואָלטן מיר געלעבט אין אַן אייגן לאַנד און אונדזערע ראַדיקאַלע אידייען באַקומען אין אַן אייגענער שפּראַך, וואָלט אונדז קיינמאָל אפילו אויף דעם זין ניט אַרויפגעקומען צו פאַרלאָזן אונדזער פאָלק. מיר וואָלטן געווען — קעמפער פאַר דעם פרייען געדאַנק און פאַר אַ פרייען גערעכטן לעבן אין די גרעניצן פון דעם אייגענעם פאָלק, ווי דאָס זיינען געווען די רוסישע פריי־הייטס־קעמפער פאַר די רוסן.

אָבער מיר האָבן געלעבט אין גלות, און די סאָציאַליסטישע רעליגיע פון נייע לעבנס־אידעאַלן האָבן מיר איינגעזויגן אין דער רוסישער שפּראַך; זיינען מיר געוואָרן רוסישע אינטעליגענטן, רוסישע רעוואָלוציאָנערן און האָבן זיך איינגאַנצן אומגעקערט מיטן רוקן צו דעם אייגענעם פאָלק.

דער ראַדיקאַליזם פון דער רוסישער ליטעראַטור האָט ניט אַרויסגע־בראַכט אין אונדז קיין נייע שטעלונג צו יענע יסודות פון דעם יידישן לעבן, וואָס זיינען אונדז געווען באַקאַנט פון דעם חדר, דער דאַוון־שול און פונם יידישן הויז. דער איינגעבוירענער פרייהייט־זין האָט אונדז אַוועקגעשטעלט אין אַ פיינטלעכן אַנטאַגאָניזם צו זיי. די ראַדיקאַלע שריפטן האָבן נאָר

אויפגעקלערט, באלויכטן און געגעבן א טעאָרעטישע באַרעכטיקונג צו אונדזערע נייגונגען און געדאַנקען.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען מיט יענע טיפער ליגנדיקע יסודות פון דעם יידישן לעבן, וואָס האָט אַליין פון זיך ניט צוגעצויגן אונדזער יונגן, כמעט נאָך יינגלשן אויפמערק. איך האָב דאָ אין זין די יידישע הענדלערישע טעטיקייט, דעם מקור חיונה פון דער גרויסער מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק, בפרט אין יענער צייט.

די פיסאַרעווישע קריטיק פון דעם פריצישן שלינג־און־שלאַנג לעבן האָט ניט געקאָנט אָנגעווענדט ווערן אויף דער יידישער סביבה, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט דעם רעש און געפילדער פון אַן ענערגישער אַקטיוויטעט אויף דעם סוחרישן געביט: די צייטן פון גנילאָפּיאַטאָווקע און גלופּסק, די פאַר׳אויר׳טע, זומפּיקע אידיליע פון מענדעלע מוכר־ספרימס העלדן, מיט זייער בטלנות און ליידיק־גייערײַ, זיינען אפשר אין אונדזערע מקומות (אין רייסן און ליטע) קיינמאָל ניט געווען. על־כל־פּנים איז פון זיי קיין זכר ניט פאַרבליבן אין די זיבעציקער יאָרן.

דאָס סוחרישע לעבן, מיט דער פּסיכאָלאָגיע, וואָס זי ברענגט אַרויס, האָט אָבער ניט געפונען קיין קריטישע באַאַרבעטונג אין דער רוסישער שיינער ליטעראַטור. דאָס לעבן פון „קופּיעטשעסטוואָס", איז מייסטערהאַפט כאַראַקטעריזירט געוואָרן אין אָסטראָווסקיס דראַמען, אָבער נאָר אין דעם פּרט פון זיין קולטורעלער ווילדקייט, פון זיין מענטשלעכער אָפּגעשטאַנענקייט און ניט אין דעם פּרט פון זיין סאָציאַלער שעדלעכקייט און פאַרדאַרבלעכקייט.

די גרויסע לעבנס־קריטיק, וואָס די רוסישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעבראַכט, האָט צעריעט די יסודות פון דעם פּריצישן לעבן, האָט אָבער קוים אָנגערירט די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער בורזשואַזיע. אַזוי איז גאָר אין איינעם פון די וויכטיקסטע רוסישע ראָמאַנען, אין גאָנטשאַראָווס „אָבלאָמאָוו", אַרויסגעפירט געוואָרן אין די סימפּאַטישסטע פאַרבן דער עכטער ענערגישער בורזשואַ שאָלץ, ווי אַ קעגנבילד צו דעם פוילן, פאַרשלאָפענעם, אָפּגעלאָזענעם „אָבלאָמאָוו". און אפילו אַ פּיסאַרעוו האָט אין שאָלצס לעבן־שפּרודלענדיקער פיגור געזען קודם כל די פאַרקערפּערונג פון אינדוסטריעלער ענערגיע, פון נאָענטן קאָנטאַקט מיט בר־דעתדיקער מענטשלעכער אַקטיוויטעט, געבויט אויף די נאַטור־וויסנשאַפטן, אין וועלכע פּיסאַרעוו איז געווען אַזוי פאַרליבט.

די סאָציאַלע און מאָראַלישע (ריכטיקער: אַנטי־מאָראַלישע) באַדייטונג פון דעם הענדלערטום איז אונדז קלאָר געוואָרן ערשט פון די סאָציאַליסטישע טעאָריעס, — וואָס האָבן אונדז באַוויזן, אַז יעדער האַנדל, ד. ה.

יעדער אויסבייט פון סחורות צוליב פרנסה און ריוח, יעדער מקח און ממכר צוליב געלט און רייכטום, איז געבויט אויף אומרעכט: אז יעדער הענדלער איז א פאראזיט, ד. ה. א בריאה, וואס לעבט אויף דעם חשבון פון אן אנ־דערנס ארבעט; אז דער באלעבאטישער האנדל איז ניט קיין אנדער זאך, ווי „עקספלואטאציע", ד. ה. פשוט גערעדט, הויט־שינדעריי און בלוט־זויגעריי.

די ארבעטס־ווערט־טעאריעס פון אדאם סמיטה, ריקארדא און — דער עיקר — פון קארל מארקס, — מיר זיינען מיט זיי באקאנט געווארן דורך צווייטע און דריטע פאפולאריזירנדיקע הענט, — האבן וויסנשאפטלעך באַ־פעסטיקט יענע מאראלישע פאראורטיילונג פון דעם הענדלערטום, וועלכע מיר האבן ארויסגעטראגן פון דעם סאציאליסטישן אידעאל און דער עטיק פון אייגענער ארבעט, מיט וועלכער יענער אידעאל איז דורכגעדרונגען.

אויב מיר האבן מיט דער יידישער אלטער וועלט זיך נאך געקאנט מתוכח (מיסוואקייאך) זיין וועגן די פראבלעמען פון דער אלגעמיינער וועלט־אנשויאונג, — וועגן גאט, נשמה, גיהנום און גן עדן, וועגן גלויבן און וויסן, וועגן פרומקייט און „צעלאזנקייט", — און ניט איינמאל צוקוועטשן צום וואנט דעם אדער יענעם פון אונדזערע פרומע אפאנענטן, איז אבער בנוגע אונדזערע סאציאלע אמתן דאס שפיל ניט אנגעגאנגען אזוי גרינג.

דער סאציאליזם, וועלכן מיר האבן איינגעזויגן אין אונדזער יונגן בלוט, — דער עטישער סאציאליזם פון די גרויסע אוטאפיסטן (אוען, סען־סימאן, פוריע, קאבע, לואי־בלאן, פרודאן), — האט פאריתומט אונדזער נאַ־טירלעכע ליבע צו דעם אייגענעם פאלק, ווייל מיר האבן געמוזט זען אין אים ניט מער, ווי א קלאס פון הענדלער, ד. ה. א מחנה פאראזיטן, וואס ווערט ניט סימפאטישער, ווען מען דערמאנט זיך, אז א חוץ יידן זיינען דא נאך אנדערע און נאך ערגערע פאראזיטן אויף דער וועלט: — מיר האבן איבער־הויפט ניט געטראכט וועגן ייד און ניט־ייד.

די יידישע ארבעטערשאפט איז דעמאלט נאך ניט ארויסגעטראטן בולט אין לעבן, ווען אפילו, ווי מיר געדענקט זיך, זי האט שוין דעמאלט אין אונדזער שטאט געשפילט א בדייטנדיקע עקאנאמישע ראלע. מיר האבן געוויס ניט פארזען די עקזיסטענץ פון דעם יידישן ארבעטער, מיר האבן געוואוסט, אז ער איז דא און אז ער ווערט געשונדן און אויסגעזויגט פון דעם יידישן און ניט־יידישן „עקספלואטאטאר". אבער ניט ער, דער יידישער ארבעטער, האט געגעבן דעם הויפט־טאן אין לעבן: זיין שטים, ווי אן ארבעטער־שטים, האט זיך נאך לאנג־לאנג ניט געהערט אין דער יידישער גאס.

אויך זיינען מיר נאך דעמאלט ניט באקאנט געווען מיט די געשיכטס־פילאזאפישע לערן פון קארל מארקס, וואס טראגן אין זיך א היסטארישן,

צײטװײליקן הכשר אויף דעם קאפּיטאַליזם און דעם הענדלערטום. מיר האָבן יענע לערן זייער פאַלש פאַרשטאַנען און דעם הכשר בשום אופן ניט אַרויסגעפונען. באַקאַנט זיינען מיר געווען — מער מיט די עקאָנאָמישע לערן פון קאַרל מאַרקס און אין זיי האָבן מיר געזען נאָר דעם ווּיסנשאַפטלעכן באַוויז פאַר די עטישע פאָדערונגען פון גרויסע אוטאָפּיסטן.

אזוי אַרום האָט אין אונדזער נשמה געלעבט דער ביטערסטער האַס אויב ניט צו דעם הענדלער, איז צו דעם הענדלערטום, ד. ה. צו דעם פונדאַמענטאַלסטן גרונט פון דעם יידישן לעבן.

דער האַס צו דער געלט־ווירטשאַפט און דעם האַנדל, האָט, אויף אַזאַ אופן, אונדז נאָך ווייטער געמאַכט פון דעם יידישן לעבן. אָבער ניט קוקנדיק דערויף זיינען מיר אין יענעם פּעריאָד פאָרט געווען אויסגעבונדן מיט אים.

ש. אַנסקיס ערשטע טעטיקייט

1

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, איז פאַר אַנסקין אין יענער צייט ניט געווען קיין פּראָבלעם: ייד אָדער ניט־ייד. די שאלה איז געווען: אין וואָס זאָל מען גלויבן, ווי אַזוי זאָל מען לעבן, וועלכע צילן זאָל אַן „אַנטוויקלטער" מענטש שטעלן פאַר זיך. און אָט־די שאלות האָבן נאָך אונדזער מיינונג געדאַרפט פאַרענטפערט ווערן פון יעדן מענטשן, — אַלץ איינס, ייד אָדער „גוי", — אויף איין און דעם זעלביקן שטייגער: דעם שטייגער, וואָס שטימט צונויף מיט די פאָדערונגען פון דעם אַבסאָלוטן אמת און דעם אַבסאָלוטן יושר.

דער ענטפער, וועלכן דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט אין יענער צייט געגעבן אויף אָט־די שאלות, איז אָבער געווען אַזאַ, וואָס האָט אָפּגעלייקנט אַלע יסודות פון דעם יידישן זיין: די רעליגיעזע וועלט־אָנשויאונג, די דערציאונג, די שטעלונג צו דער פרוי און דער פאַמיליע, ועל כולם דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט גופא פון דער גאַנצער יידישער עקזיסטענץ, דעם האַנדל, מיט דער גאַנצער סאָציאַלער און גייסטיקער וועלט, וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם מקח־וממכר און וואָס אין איר האָט געלעבט די יידישע נשמה.

וואָלט דאָס יידישע פאָלק דעמאָלט געוואוינט אין אַן אייגן לאַנד, וואָלט אונדזער ראַדיקאַלע קריטיק פון דעם יידישן לעבן ניט געקאָנט פירן צו דער אָפּלייקענונג פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. דאָס וואָלט אויך געווען אוממעגלעך, ווען אונדזער גייסטיקע אַנטוויקלונג און אַלע אונדזערע רעוואָלוציאָנערע אידייען וואָלטן מיר אויפגענומען פון דער פרעמדער און ווייטער אַנטוויקלט, נאָר — דער עיקר — אין אַן אייגענער יידישער שפּראַך.

מיר וואָלטן געקאָנט קריטיש צעפּאַלמעסן און פאַרוואַרפן איטלעכן איינצלנעם יידישן לעבנס־אינהאַלט. מיר וואָלטן אָבער ניט געקאָנט זיך אָפּ־

זאָגן פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פאָרם, אין וועלכער יעדער איינצלנער אינהאַלט טרעט אַרויס אין לעבן : די נאַציאָנאַלע שפּראַך.

דער יידישער חדר איז באַרבאַריש. פינצטער, — ער פאַרקריפּלט דעם גוף און די נשמה פון דעם קינד. מיר וואָלטן געקעמפט פאַר אַ נייער, „ריין־מענטשלעכער" פּראָגרעסיווער דערציאונג. אָבער די שפּראַך פון דער נייער דערציאונג וואָלט געמוזט זיין די יידישע, און אויף אַזאַ אופן וואָלט דורך דעם גופא געוועז פאַרזיכערט פאַרן יידישן פאָלק אַ קולטורעל־זעלבסשטענדיקע אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

דער יידישער וועלט־ און לעבנס־באַנעם איז פאַרשימלט און אינעוויי־ניקסט צעפוילט (אַזוי האָבן מיר דעמאָלט געגלויבט, אָן אַ שמץ פון אַ וואָסער עס איז ספק). מיר וואָלטן פאַרשפּרייט נייע „אַלגעמיין־מענטשלעכע" אידייען און געדאַנקען. אָבער געטאָן וואָלטן מיר דאָס אין דער פאָרם פון דער יידי־שער שפּראַך : און געלעבט וואָלטן יענע אידייען און געדאַנקען ווידעראַמאָל נאָר אין דער פאָרם פון דער יידישער שפּראַך, באַפעסטיגנדיק דורך דעם גופא די עקזיסטענץ פון אַן אייגענער יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַט־מאָספערע.

והוא הדין — מיט אַלע אַנדערע עלעמענטן און אינהאַלטן פון דעם יידישן לעבן. זיי אַלע וואָלטן מיר געקאָנט אָפּלייקענען, פאַרבייטן אויף בע־סערע און שענערע, דאָס וואָלט אָבער ניט אָנגערירט דעם נאַציאָנאַלן תוך : ווייל דער תוך פון אַ נאַציאָנאַלן זיין איז ניט דער אָדער יענער לעבנס־אינ־האַלט (אָדער געדאַנקען־אינהאַלט), וואָס בייט זיך און מוז זיך בייטן פון היסטאָרישער עפּאָכע צו היסטאָרישער עפּאָכע. דער תוך פון אַ נאַציאָנאַלן זיין ליגט—ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען—ניט אין וועלכע עס איז באַזונדערע לעבנס־פאָרמען און ניט אין באַזונדערע אידייען און אידעאַלן, נאָר מער נישט, ווי אין אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער פאָרם, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דאָס גאַנצע לעבן און שאַפן פון אַ פאָלק.

לײדער אָבער האָבן מיר אין יענער צייט נאָך ניט געלעבט אין אַן איי־גענעם יידישן לאַנד (אַן אַנדערס מאָל דוכט מיר, אַז מיר טוען דאָס נאָך עד היום ניט). און ווען אפילו דאָס יידישע פאָלק האָט דעמאָלט, ווי איצטער, געהאַט אַן אייגענע יידישע שפּראַך, וואָס אין איר האָט זיך אויסגעדריקט זיין גאַנץ לעבן, איז יענע שפּראַך נאָך דעמאָלט געוועזן צו אָרעם, צו ווייניק געשעצט פון דעם פאָלק גופא און האָט געשפּילט אַ צו קליינע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע ראָלע אין דעם לעבן פון די גרויסע יידישע מאַסן. אויף אַזאַ אופן האָט די יידישע שפּראַך — אין יענער צייט — ניט געקאָנט האָבן אין זיך די קראַפט, צוצובינדן אונדז אויף אייביק צו דעם פאָלק און צו זיין

נעשיכטלעכן גורל. (די יידישע שפּראַך האָט ערשט איצטער אין אַנטוויקלען אין זיך און אין אירע שאַפונגען אָט־דעם צויבערהאַפט־מאַגנעטישן נאַציאָנאַלן כוח, און עס זיינען ליידער ניטאָ קיין גאַראַנטיעס, אַז אַ וואָסער עס איז דרויסנדיקע, ברוטאַל־ווירקנדיקע מאַכט זאָל זי ניט דערווערגן, נאָך איידער זי וועט האָבן אַנטוויקלט אין זיך יענעם צויבערהאַפט־מאַגנעטישן כוח).

אויף אַזאַ אופן זיינען מיר געווען אינעווייניק צונויפגעבונדן מיט אונדזער פאָלק נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל אין אונדז האָט געלעבט די יידישע שפּראַך און אויף וויפיל אָט־די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם האָט אונדז געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן אונדזערע אידייען, — ד. ה. אויף וויפיל מיר זיינען אומבאַוואוסטזיניק געווען „יידיש־שפּרעכנדיקע" סאָציאַליסטן.

אין זינען מוז מען נאָך דערביי האָבן, אַז עס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אין לעבן יענער דרויסנדיקער צוואַנג פון פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען, וואָס האָט שפּעטער אָוועקגעשטעלט יעדן יידישן אינטעליגענט פאַר דער אַלטערנאַטיווע: אָדער שמדן זיך, אָדער דערקלערן זיך סאָלידאַריש מיט דעם יידישן גורל, לפּחות אויף אַ ווײַלע, ביז דער פּיינטלעכער דרוק וועט פאַרשווינדן.

אויף וויפיל מיר זיינען געווען "יידיש־שפּרעכנדיק", אויף אַזוי פיל זיינען מיר אומבאַוואוסטזיניק געווען נאַציאָנאַלע (אָבער אַנטי־נאַציאָנאַליסטישע) יידן. און אין דער ערשטער צייט איז אָט־דער שפּראַכלעכער, אָביעקטיווער צונויפבונד מיט דעם פאָלק געווען אַ גאַנץ שטאַרקער.

אין אָנהויב פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָבן מיר צווישן זיך גערעדט יידיש. געטראַכט האָבן מיר אין יידיש, און די ערשטע פּרואוון פון דער שריפטשטעלערישער טעטיקייט, — זיי האָבן זיך ביי אונדז באַוויזן זייער פרי, — זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך (ווען איך זאָל אַראָפּוואַרפן פון חשבון די פּאָר שירים, וואָס איך האָב קינדווייז געשריבן אין העברייאיש)

איך געדענק ניט ביי וועמען פון אונדז ביידן איז פריער אַרויפגעקומען דער געדאַנק, מיר זאָלן אַרויסגעבן אַ שריפטלעכן זשורנאַל. מיר דאַכט, די איניציאַטיווע האָט געהערט אַנסקין. מיר זיינען דעמאָלט געווען נאָך גאָר אפרוחים, אָט־ערשט אַרויסגעפּיקט זיך פון דער קינדערשער שאָלעכץ. פון דעם גאַנצן ענין געדענקט זיך מיר נאָר, אַז די צייט־שריפט איז אַרויס אין אַ פּאָר נומערן; אַז זי האָט זיך גערופן „וויטעבסקער גלעקלעך" (דער נאָמען שטאַמט זיכער פון אַנסקין); אַז ער איז געווען דער פּובליציסט

און איך — דער בעלעטריסט. (איך האָב געשריבן פאַר איר א נאָוועלע). אויך געדענק איך גוט, אז אנסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין איר אַן ארטיקל, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער „ריכטונג פון אונדזער ערשטן פּאַרטיי־אָרגאַן". דאָס איז געווען א נעקראָלאָג נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם דר. קעניג, — א דייטש, אַן אמתער מענטשן פריינט, אַן „אוהב אביונים", נאָך וועמעס לויה עס זיינען געגאַנגען טויזנטער אידן פון פאָלק.

די טענדענץ פון אנסקיס ארטיקל איז געווען קלאָר: ס'איז קיין נפקא מינה ניט, ייד אָדער גוי. די נפקא מינה איז: גוטער מענטש אָדער שלעכ־טער מענטש.

אנסקיס „זשורנאַליסטישע טעטיקייט" אין די „וויטעבסקער גלעקלעך" האָט דערוועקט אין אים דעם שריפטשטעלער. ער האָט שוין ליב באַקומען צו זיצן ביים שרייב־טיש, פירן די פען און איבערפירן פּאַפּיר.

ווען קיין וויטעבסק איז געקומען גאַסטראָלירן דער יידישער טעאַטער (אדלער האָט שוין דעמאָלט געשפּילט אין אים), האָט אנסקי פאַרטראַכט און אָנגעשריבן א מער־אקטיקע פּיעסע פון דעם יידישן חדר־לעבן (איך האָב זי פריער אמאָל דערמאָנט). טריי צו דער ווירקלעכקייט, צו די שוידערלעכע צושטאַנדן פון דעם דאַמאָלסטיקן יידישן חדר, ווערט אין יענע סצענעס געשילדערט, ווי אזוי א יונג־לעבן ווערט פאַרקריפּלט און שטאַרבט לסוף ווי א קרבן אויף דעם מזבח פון דעם אלטן יידישן דערציאונגס־סיסטעם.

די פּיעסע האָט אנסקי געבראַכט אדלערן, אָדער איינעם פון זיינע חברים, און דער אינהאַלט אירער האָט, — ווי ער האָט מיר דערנאָך דער־ציילט, — זייער אויסגענומען, מען האָט נאָר פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל מתיר זיין אַריינשטעלן אין איר . . . לידעלעך און טענץ! (ווי ווייניק האָט זיך דער ענין געענדערט אין דעם יידישן טעאַטער!)

אנסקי האָט גאָר ניט געהאַט אנטקעגן פּיעסן מיט לידעלעך און טענץ, האָט אָבער גערעכנט, אז גראָד אין זיין טראַגעדיע פון דעם קינדערשן לעבן איז פאַר זיי ניטאָ קיין פּלאַץ.

פון דעם עסק איז גאַרנישט געוואָרן, אָבער אנסקי האָט זיך דערנאָך ארומגעטראָגן מיט דעם פּלאַן פון אַן אָפּערעטע „מיט לידעלעך און טענץ".

די אָפּערעטע איז קיינמאָל ניט אָנגעשריבן געוואָרן. משמעות דער מחבר האָט פאַרשטאַנען, אז זי האָט ניט געהאַט קיין ברעקל שאַנס, אויפ־געפירט צו ווערן אין דעם צאַריסטישן רוסלאַנד.

ערנסטער האָט אנסקי געאַרבעט אין יענער צייט אויף די דראַמאַטישע סצענעס פון דעם אָרימען יידישן לעבן: דער עיקר אויף דעם אינטערעסן־היפּך פון קאַפּיטאַל און ארבעט. אַן ערד־ארבעטער, איז פאַרשאָטן געוואָרן,

גראָבנדיק א פונדאַמענט פאַר א רייכן פּאָדריאַטשיק, דער גביר האָט „פאַר־גיטיקט" די אַלמנה און די יתומים מיט גאַנצע פערציק רובל. דאָס איז געווען אַן אמתער פּאַרפאַל פון לעבן, און אַנסקי האָט אים פריער געפּרוּווט באַאַרבעטן אין א דראַמאַטישער פאָרם.

איך געדענק ניט, וואָס עס האָט אים געפירט דערצו, ער זאָל די טעמע איבעראַרבעטן אין דער פאָרם פון א נאָוועלע. די ראַם איז געוואָרן ברייטער, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַריינצואַרבעטן מער מאַטעריאַל און צו זיין נאָך טרייער דעםווירקלעכן לעבן. אַזוי איז אַרויסגעוואַקסן זיין ערשטע געדרוקטע ליטעראַרישע שריפט, וואָס האָט געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון א סך מבינים און איז ערנסט אויפגענומען געוואָרן פון אַזא קריטיקער, ווי א. וואָלינסקי וואָס האָט זי באַגריסט אין א לענגערן אַרטיקל אין „וואָסכאָד" אין דעם זעלביקן זשורנאַל, אין וועלכן זי איז דערשינען.

און נאָך אַנדערע קלענערע זאַכן זיינען אין יענער צייט אַרויס פון זיין יידישער פעדער. אָבער וואָס מער די יידישע שפּראַך איז ביי אונדז פאַרדרענגט געוואָרן דורך דער רוסישער, סאַי אין רעדן, סאַי אין טראַכטן, סאַי אין שאַפן, — אַלץ מער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער פאָדים, וואָס האָט אונדז צונויפגעבונדן מיט דעם יידישן פאָלק.

ביי אַנסקין איז ער באַלד אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. ער האָט זיך באַוואוסטזיניק אָפּגעשטעלט מחוץ פון דער יידישער מחנה און האָט יאָרן און יאָרן גאָר ניט געוואָלט וויסן פון איר.

2.

א חוץ דער שפּראַך, האָט אַנסקין געהאַלטן אין די גרענעצן פון דעם יידישן לעבן זיין אַרבעט אין א יידישער סביבה. ער איז געווען זייער א טעטיקער קולטור־טרעגער צווישן דער יידישער אָרטאָדאָקס־פרומער יוגנט — דערהויפּט די ישיבה־בחורים. זיין אַרבעט אויף אָט דעם פעלד איז באַשטאַנען ניט אַזוי פון סיסטעמאַטישער בילדונגס־אַרבעט, ווי דורך חברשע געשפּרעכן. דער הויפּט־ציל דערביי איז געווען — ליכטיקער מאַכן אין די מוחות פון די יונגע לייט, אַרויסרייסן זיי פון דער יידישער גייסטיקער וועלט און געבן זיי די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין גימנאַזיע. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס שטודירן פון יענע לייט האָט געדאַרפט זיין ניט לשום פּערזענלעכער קאַריערע, נאָר כדי צו פאַרשטאַרקן די רייען פון

יענער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וואָס קעמפּט פאַר אַ בעסערער מענטש־לעכער צוקונפט אויף דער גאַנצער וועלט.

אויסגעהאָלפן אים אין זיין אַרבעט האָבן זיינע רייכערע חברים און פריינט, וואָס זיינען שוין געגאַנגען אין גימנאַזיע, אָדער פאַר וועלכע די עלטערן זייערע האָבן געהאַלטן „רעפּעטיטאָרס" אין דער היים. אָט די פריינט זיינע פלעגן אים באַזאָרגן מיט די נויטיקע „עקזאַמענס" פאַר די נייע תלמידים און אויך אַביסל מיט פינאַנציעלע מיטלען. די פינאַנציעלע זייט פון דער אונטערנעמונג איז געווען זייער אַ האַרבער ענין. קיין ספּעציעלע „קאַסעס" דערויף זיינען ניט געווען. די הכנסות זיינען באַשטאַנען פון די אָרעמע פּאָר גראָשנס, וואָס די „תלמידים" פלעגן אַליין ווי עס איז פון וואַנען עס איז באַקומען, פון אַנסקים אייגענע זייער קאַרגע פאַרדינסטן און פון אַ צופעליקן קערבל, וואָס פלעגט אַריינפאַלן פון דער זייט.

ניט קוקנדיק אויף די ווינציקע באַדערפענישן און דער פענאָמענאַלער הונגער־פייאיקייט פון די יונגע לייט, האָבן אָבער אָט די אַלע הכנסות ווייט ניט געקלעקט אויף אויפצוהאַלטן דאָס לעבן. מען פלעגט דעריבער דאַרפן אָנקומען צו אַלערליי המצאות און איבער־שפּיצלעך. די געוויינלעכסטע זאַך איז געווען — פאַרשאַפן טעג פאַר די „תלמידים" אין די פרומע באַלע־באַטישע הייזער פון זיינע פריינט. דערביי האָבן די באַלעבאַטים געדאַרפט געהאַלטן ווערן אין דעם גלויבן, אַז די „תלמידים" זיינען פּשוטע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן קיין ברעקל מגע־ומשא ניט מיט די מעשים תעתועים" פון זייערע (די באַלעבאַטימס) זין.

צווישן די ישיבה בחורים, זיינען געווען אַ פּאָר אמתע גרויסע לומדים, פּילפּוליסטישע קעפּ. זיי פלעגן האַלטן פּאַראַדיסטישע דרשות און פּילפּולים, אין וועלכע זיי פלעגן, אויף דעם סמך פון דעם תלמוד און דעם זוהר, באַ־ווייזן, אַן ערך, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט אָדער אַז עס איז אַ מצוה אום יום־כפּור צו שלאָפן מיט אַן אשת איש.

יענע פּאַראָדיסטישע דרשות און פּילפּולים האָבן שטאַרק נושא חן געווען סאַי אין מיינע, סאַי אין אַנסקים אויגן. איצטער עקלט מיך, ווען איך דערמאָן זיך אָן זיי. אָבער איך רעכן, אַז אָט די נעגאַטיווע שטעלונג צו די גלויבונגען פון אונדזער פאָלק איז געווען אַ נויטווענדיקער דורכגאַנגס־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער אינטעליגענציע. דאָס איז געווען אונדזער „יום־כפּור־באָל" פּעריאָד, אָדער ניט אין אַזעלכע אָפענע דראַס־טישע פאָרמען, ווי ער האָט שפּעטער אָפּגעשפּילט ביי דער ראַדיקאַלער יידי־שער אַרבעטערשאַפט אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ.

די ראַדיקאַלע אַגיטאַציע צווישן דער וויטעבסקער פרומער יוגנט, וואָס

אין יענע יאָרן איז אַנסקי געווען איר אמתער צענטער, פלעגט ניט אַלע מאָל אראָפּגיין גלאַט. עלטערן פלעגן זיך דערוויסן, וואָס עס ווערט געטאָן מיט זייערע קינדער, פלעגן זיי אויפהויבן א געוואלד מיט א סקאנדאַל. אָפּטמאָל פלעגן דעמאָלט די קינדער מוזן אין גאנצן פארלאָזן זייערע היימען און אַנטלויפן צו „קוהאידען".

קוהאידע איז געווען דער נאָמען פון א „כאַזיאַאין" (א הויז־באַזיצער) אין א גוויאישן פערטל פון שטאָט. אין זיינעם א הויז האָט זיך באַזעצט איינער פון די ערשטע אַנטלאָפענע און באלד האָט זיך זיין וואוינונג פאר־וואנדלט אין א קאָמונע, אין א מקום־מקלט פאר אַלע אזעלכע „פּאָליטישע עמיגראנטן".

די עלטערן פלעגן ניט וויסן, וואוהין די קינדער קומען אהין. אין זייער אַנגעשראָקענער פאַנטאַזיע פלעגט זיך אויסמאָלן דאָס ערגסטע; און דע־מאָלט פלעגן זיי אָנהויבן א „ויצעקו" אנטקעגן די „מעשים תעתועים".

זייערע פּיילן פלעגן אָבער ניט זיין געצילט אין אנסקין, נאָר אין זיינע, דער שטאָט מער באקאַנטערע, פריינט, וואָס האָבן יענעם כבוד בשום אופן ניט פארדינט.

איינמאָל אין א זומערדיקן שבת, ווען די פאמיליע פון אזא פריינט איז געזעסן ביי א שלש־סעודות, האָט זיך געעפנט די טיר, און א יידענע מיט אַ יידן זיינען גליייך, אָן אַ „גוט־שבת" צוגעגאַנגען צום טיש. דער ייד, מיט א צעשויבערטער באָרד, האָט אויפגעהויבן זיינע הענט, ווי צום הימל, און זשעסטיקולירנדיק מיט זיי, האָט ער אָנגעהויבן מיט א פאר־ביטערטן, אָבער התראהדיקן טאָן:

— ביי אָט דער יידענע האָט זיך אָפּגעשמדט דער זון. זאָג איך צו איר: „יאַשע זאַטולאָווסקים זון" (אזוי האָט ער אויסגערעדט מיין פאָטערס פאַמיליען־נאָמען) „און לייבע הורעוויטשעס זון האָבן אריינגעפירט אין שמד דיין זון; איז ניט קראַנק יאַשע זאַטולאָווסקי און לייבע הורעוויטש צו לאָזן זיך קאָסטן טשטשיזנוט רובל" (דעם „טויזנט" האָט ער ארויסגעשאָסן ווי פון א הארמאַט) „און ארויסנעמען דיין זון פון שמד".

מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם עפעקט פון אָט דער סצענע. נאָך א נענויערער חקירה ודרישה האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די ביידע באַלעבאָ־טישע זין זיינען באמת געווען גאָט די נשמה שולדיק אין דער גאַנצער זאַך און אז עס האָט זיך געהאנדלט וועגן אנסקים א פּראָטעזשע, וואָס איז אנט־לאָפן ניט אין שמד, נאָר צו „קוהאַידען".

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אז די אגיטאַציע, פון וועלכער אנסקי איז געווען דער אמתער אָנפירער, איז אָנגעגאַנגען לויט א וואָסער עס איז אויס־

געארבעטן פּלאַן, מיט אַ קאָמיטעט און קאָמיסיעס, מיט זיצונגען און רעזאָלוציעס, מיט פייערדיקע אַגיטאַציע־רעדן. קיין סימן ניט פון אַלץ אָט דעם. די באַוועגונג, — און דאָס איז געווען אַ שטאַרקע און אַ טיפע באַוועגונג, — האָט געטראָגן זיך אַליין; די פּאַסירונגען האָבן זיך אָפּגעשפּילט, צוגעפּאַסט צו ספּאָנטאַנער אַרגאַנישקייט — אַ נאַטירלעכן, אָרגאַנישן אופן, ווי אַרויסגעבראָכן פון דעם לעבן גופא, און רעדעס און הויך־קלינגענדיקע ווערטער.

ווייל מער פאַר אַלץ האָט אנסקי געהאַסט די פראַזע און דאָס הויך־קלינגענדיקע וואָרט. און טאָמער פלעגט זיך ביי איינעם פון זיין קרייז אַרויסרייסן אַמאָל אַזאַ וואָרט, אפשר ערנסט געמיינט, ווי צ. ב. „אונדזער הייליקע זאַך”, פלעגט דאָס אנסקי תיכף אונטערכאַפּן אויף זיין וויציקן שטייגער און פאַרוואַנדלען דעם שטייפן ערנסט אין אַ פרייליכן שפּאַס. די „זאַך” אַליין איז געווען ערנסט גענוג. אָפטמאָל אויך צו ערנסט, און האָט זיך באמת געגוויטיקט אין אַ פרייליכן שפּאַס, כדי ניט צו פאַרלירן דעם פּסיכאָלאָגישן באַלאַנס. אגב אורחא, קאָן דער לעזער באַקאַנט ווערן מיט דער גאַנצער באַוועגונג, מיט דעם גייסט, וואָס האָט אין איר געהערשט, ווי אויך מיט דעם „קוהאידער הקדש”, — אַזוי האָב איך אַ נאָמען געגעבן די קאָמונע אין דעם גוייִשן פערטל, — מיט דעם אַלץ, זאָג איך, קאָן דער לעזער באַקאַנט ווערן אויס אנסקיס ברייט־פּאַרטראַכטער און מייסטערהאַפטע דורכגעפירטער קולטור־היסטאָרישער נאָוועלע: „די פּיאָנערן”, וואָס איז דערשינען אין „וואָסכאָד” אין דעם אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט.

אַנסקיס וואַנדער־יאָרן

1.

אין 1882 הויבט זיך אָן פאר אנסקין א פעריאָד פון וואנדערונגען. ער פארלאָזט וויטעבסק, וואָגלט פון אָרט צו אָרט און קאָן זיך ערגעץ ניט איינהאלטן לאנג.

פארוואָס ער האָט פארלאָזן וויטעבסק, איז מיר ניט באקאנט. אפשר— פארגעסן. איך בין אָבער שוין ניט געווען דעמאָלט אין וויטעבסק און נאָר פון זיינע בריוו האָב איך מיך דערוואוסט, אז ער האָט זיך אריבערגעקליבן קיין ליאָזנע, — א קליין שטעטל אין אונדזער געגנט — און אז ער באַשעפטיקט זיך דאָרטן מיט לערעריי.

איך גלויב, אז אויך דערביי איז ניט געווען קיין אויסגעארבעטער פּלאַן. ניט קיין פעסטער, קלאָר פאָרמולירטער ציל פון א וועלכער עס איז סאָציאַליסטישער אָדער אויפקלערערישער טעטיקייט. איך רעכן, אז אנסקי האָט, — ביוּדעים אָדער בלא יודעים, — זיך אַלעמאָל געקאָנט פארלאָזן אויף זיך, אויף זיין אייגענער נאטור און אויף די צופאַלן פון דעם לעבן. וואו דער גורל זאָל אים ניט פארוואַרפן, וועלכע אומשטענדן עס זאָלן ניט ארומרינגלען אים,—קיין זאַך וואָלט קיינמאָל ניט געווען אימשטאנד, אראָפּצוּציען אים פון דרך־הישר. אנסקי איז ניט געווען קיין פאוסט־נאטור, מיט צוויי נשמות, וואָס לעבן און קעמפן אין דער ברוסט. אויסגעוועבט פון איין איינציקן שטאָף, — פון א מילדער, קלאָר און גלייך ברענעדיקער, זיך זעלבסט־טרייער פלאַם, — האָט זיין נשמה אַלע מאָל באַלויכטן און געוואַרעמט די אַרומיקע וועלט, מיט וועלכער ער פלעגט קומען אין בארירונג.

אויך אין ליאָזנע האָבן זיך גענומען ציען צו זיין פלאַם יונגע נשמות, וואָס זוכן זון־שיין און ווארעמקייט אין לעבן.

אין איינער פון זיינע שפּעטערדיקע בעלעטריסטישע ווערק, וואָס באַהאנדלען קולטור־היסטאָריש יענעם פעריאָד, איז ארויסגעפירט געוואָרן א טיפּ פון א „נשמה־פאנגער“, — אַן אויפקלערער, וואָס פארוואַרפט נעצן אין

דעם ברודנעם יידישן וואסער, כדי ארויסצופירן די באַגאַבטערע יונגנט און אַריינפירן זי אין די עולמות פון די העכערע אידייען און אידעאַלן.

מען דאַרף אָבער אַנסקין ניט פאַרוועקסלען מיט יענעם טיפּ. געוויס איז ער אויך געווען אַ „נשמה־פאַנגער" און אפשר דער דערפאָלגרייכסטער. אָבער ער פלעגט ניט פאַרוואַרפן קיין נעצן. די מאַגנעטישע קראַפט פון זיין ליבע־פולער נאַטור האָט אַליין געצויגן צו זיך.

איך האָב פריער כאַראַקטעריזירט זיין נשמה, ווי אַ מילדער, קלאָר ברע־נענדיקער זיך זעלבסט־טרייער פלאַם. דאָס איז אמת בדרך כלל פאַר דעם גרויסן סך־הכל פון זיין גאַנצן גייסטיקן מהות. פאַר איינצלנע פּעריאָדן פון זיין לעבן נויטיקט זיך דער פאַרגלייך אין קליינע פאַסנדיקע ענדערונגען.

גראָד אין זיין ליאָזנער צייט, — און כמעט דורך דעם גאַנצן פּעריאָד פון זיינע וואַנדער־יאָרן, — האָט זיין פלאַם געברענט ניט אַזוי מילד, ניט אַזוי קלאָר און גלייך. אינעווייניקסטע אויפשטורעמונגען פלעגן זי צייטנווייז מאַכן אויפפלאַקערן העכער און הייסער מיט אַ טונקל־רויטלעכן שיין.

דאָס איז געווען זיין ראָמאַנטישער פּעריאָד, ניט אומזיסט איז זיין ליבלינג־שריפטשטעלער אין יענער צייט געוואָרן וויקטאָר הוגאָ.

אַנסקי פלעגט זיך מיט מיר דורכשרייבן גאַנץ אָפט און פלעגט מיט התמדה פירן אַ טאָג־בוך (אין רוסיש), וועלכן ער פלעגט מיר צושיקן כמעט רעגלמעסיק אַלע חודש. פון יענע בריוו און טאָג־ביכער האָט גע־קלונגען אַ רייסן־זיך אין אומבאַקאַנטע וועלטן, און הגם זיין וועלט־און־לעבנס־באַנער איז געבליבן אין די גרונט־שטריכן אומבאַרירט, האָבן זיך דאָך פון די גרונט־טיפן ארויס געצינגלט פייערלעך אָרום דעם אָדער יענעם פון אירע זיילן. ספיקות פון כל המיני'אַרטן האָבן אים געפּלאָגט וועגן די אָדער יענע פרטים פון זיין לעבן און שטרעבן. אָבער אָט די „פּאַקעלעך און מאַזעלעך" פון יעדן יונגן, נאָך אמת דאַרשטנדיקן גייסט האָבן ניט אָנגעטאָן קיין ברעקל שאָדן דעם אינעווייניקסטן תוך פון זיין סאָציאַליסטיש־קאָסמאָ־פּאָליטישן גלויבן און האָפן.

זיין אויפהאַלט אין ליאָזנע האָט ניט געדויערט לאַנג. ער האָט זיך געענדיקט מיט וואָס עס איז געווען צו דערוואַרטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אומפאַרמיידלעכע פאַמיליען־טראַגעדיעס, וואָס האָבן גענומען פאַנאַנ־דערשפּאַלטן די דעמאָלט נאָך איינהייטלעכע וועלט פון דעם יידישן שטעטל אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן: די „עלטערן" און די „קינדער".

ווי פאַרזיכטיק אַנסקי איז ניט געווען אין זיין אויפקלערערישער „אפיקורסישער" טעטיקייט, ווי „אונטערערדיש" עס זיינען ניט געפירט גע־וואָרן די צינדערנדיקע געשפּרעכן, ווי באַהאַלטן עס זיינען ניט געלייענט גע־

וואָרן די געפּערלעכע „טריף־פסולס" אויף די בוידימער און אויסן שטאָט אין דעם וועלדל, — האָט זיך דער אמת פּאָרט ארויסגעריסן אויף דער ליב־טיקער שיין.

מען האָט א בחור „געכאַפּט" אין וועלדל מיט . . . ליליענבלומס „חטאת נעורים". עס איז באַלד קלאָר געוואָרן, וואו דער „מקור הטומאה" געפינט זיך אין זייער אָרט. דער רב א פאַרצערטער און א פאַרצאָרנטער האָט גוזר תענית געווען אויפן גאנצן שטעטל, און ליליענבלומס — אין אונדזערע איצטיקע אויגן — אומשולדיק ספרל איז קבל־עם פאַרברענט געוואָרן אויף אַן „אויטאָ־דע־פע". אזוי געשען אין דעם יאָר אַכצן הונדערט צוויי און אַכציק אָדער דריי און אַכציק לפ"ק.

אַנסקי האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

פון ליאָזנע איז אַנסקי אוועק איבער וויטעבסק קיין דענענבורג (שפּע־טערער דווינסק), וואו ער האָט קודם כל געזוכט ארבעט אין זיין איינבינ־דערישן פאַך. האָט אים דער גורל צענויפגעפירט מיט אַן אינטערעסאַנטער אידישער פאַמיליע: אָסטראָם אָדער אָסטראָאום.

דער אַלטער אָסטראָם איז געווען איינער פון דריי ברידער, וואָס האָבן געהאַט א שם אין דער אידישער וועלט — אין א גרעסערן אָדער קלענערן גראַד — און וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געטראָגן א פאַרשיידענעם פאַמיליען־נאָמען. „מיר זיינען", האָט אמאָל איינער פון די ברידער דער־קלערט, „אַלע פון איין טאַטן און איין מאַמען, נאָר ניט פון איין „סקאזקע". צוליב באַפרייען זיי פון מיליטער־דינסט, האָט מען צוויי ברידער צוגעשריבן צו צוויי פאַרשיידענע פאַמיליען־לייסטערס (סקאזקעס) און אויף אזאַ אופן אַלע דריי געמאַכט פאַר בנים־יחידים.

דער באַרימטסטער פון די דריי איז געווען דער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען ראַבינאָוויטש. ער איז געווען דער מחבר פון א סך וויסנשאַפט־לעכע ווערק, צווישן זיי די באַקאַנטע העברייאישע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ביכער: „תולדות הטבע" און „החרכבה וההפרדה" (כעמיע), האָט גע־גרינדעט דעם „רוסקי יעווריי" און איז פאַרבליבן ביז צום טויט זיין רע־דאַקטאָר, וויינקסטנס, אָפיציעל.

דער אָריגינעלסטער און אינטערעסאַנטעסטער פון די „גימל אחים" איז אָבער געווען דער דענענבורגער מיט דעם נאָמען אָסטראָם. א לאַנגע צייט איז ער געווען א רב אין א באַדייטנדיקן שטעטל און האָט געשמט אין דער סביבה מיט זיין לומדות און זיין פרומקייט. אָבער דערנאָך איז ער ניס־פאַקער (נתפקר) געוואָרן, ארויס „לתרבות־רעה" און האָט עפנטלעך „גענו־מען זאַמלען גליענדיקע קוילן אויף דעם קאָפּ פון דעם יידנטום". דערהויפּט

איז ער אַנגעפאַלן אויף דעם שולחן־ערוך. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול הרבנות און דעם יאָך פון דעם יידישן גלויבן בכלל, זיך חלילה ניט געשמדט, נאָר געפירט בפרהסיה א פריי־געזאָגנענעם לעבן אין „גוטער יידישקייט", ד. ה. אין די אויסערע קולטורעלע פאָרמען פון דעם יידישן לעבן.

ווען אַנסקי איז באַקאַנט געוואָרן מיט דער פאַמיליע, איז דער אַפּיקור־סישער מי שהיה רב געווען שוין אַן עלטערער ייד מיט א שיינער גראָער ראַבאָנישער באָרד. געקליידט ווי א רב און מיט אַלע מאַניערן פון א רב, פלעגט ער גאַנצענע טעג זיצן (אָן א היטל) ביי דער גמרא און לערנען: דעם תלמוד האָט ער געהאַלטן פאַר דאָס גרעסטע ווערק, וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט, און פלעגט תמיד אַנטדעקן אין אים אַלץ נייע און נייע וואונדער פון דעם מענטשלעכן גייסט. אַנסקין האָט אַזאַ בליק אויף דעם תלמוד ניט אימפּאָנירט; ער האָט אָסטראָמען באַטראַכט, ווי א מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין מיטן וועג און איז געבליבן שטיין אין אים, אָבער ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט דעם אַלטן.

אָסטראָמס אַלטיטשקע, די אַמאָליקע „רבצין", האָט אויך אויסגעזען ווי א אשה־צנועה, און איז אין דער אמתן געווען א כשרע מענטשן־ליבנדיקע יידישע נשמה. אין אירע אָנשויאונגען איז זי געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט איר מאַן און איז אים געווען א שטיצע אין די שטורעמס פון זיין לעבן. אויסערלעך האָט אויך זי אָפּגעהיט אַלע קולטורעלע פאָרמען פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן זיין, אַרויסוואַרפנדיק פון זיי יעדן רעליגיעזן אינהאַלט און צוואַנג.

אַנסקי האָט זיך מיט איר געשובט, ביי וועמען פון די אויסגעפונענע אייניקלעך זאָל ער זיך איינשטעלן, ווי א פועל: ביי דעם יידן אָדער דעם דייטש? פרוי אָסטראָם האָט אים געראָטן, ער זאָל אויסקלייבן דעם גוי.

— „פון דעם יידישן עסן", האָט זי געזאָגט, „וואָס וועט איר האָבן? צו דער אַרבעט דאַרף מען האָבן כוח. גייט בעסער צום דייטש".

פאַר אַנסקים לעבן איז אָבער דער באַדייטנדסטער געווען דער דריטער מיטגליד פון דער פאַמיליע: דער יונגער זון. דאָס האָט ער איבערגעזעצט אין רוסיש פון דעם יידישן כתב־יד די „געשיכטע פון א יידישער פאַמי־ליע" און האָט זי אָפּגעדרוקט אין „וואָסכאָד".

אין דענענבורג איז אַנסקי פאַרבליבן נאָר א קורצע צייט. ווי באַמערקט, האָט ער אין יענעם פעריאָד זיך אַלץ ניט געקאָנט געפינען קיין דרויסנלעכע רו. ווי וויניק אַנסקי האָט ניט געטראַכט וועגן זיך גופא, האָט אים דאָך — אפשר אומבאַוואוסט — געטריבן אויסצוגעפינען זיין אייגענעם לעבנס־

ווערק, און יענע יאָרן זיינען גראָד פאַר אים געווען די צייט פון א נערוועזן, אומרואיקן זוכן און טאַפּן. ער וואַרפט זיך פון פיזישער אַרבעט צו לערעריי, פון לערעריי ווידער צו פיזישער אַרבעט, און קאָן ערגעץ ניט איינזיצן אויף אַן אָרט.

פון דענעבורג איז ער אוועק, — אויב איך מאַך ניט קיין טעות, — קיין מאָסקווע, צו זיין פאָטער, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן אין יענער שטאָט.

אַנסקים פאָטער, וואָס איז כמעט קיינמאָל ניט געווען אין דער היים און וועמען דער איינציקער זון האָט כמעט ווי ניט געקענט, איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש, — א געמיש פון „מענדיל פון יעהופּעץ", מיט כמעט דעמזעלביקן גלענצענדן הומאָר, ווי ביי זיין שלמה זאַנוולען, אָבער אָן שלמה זאַנוולס מאָראַלישן יסוד אין דער נשמה. עס קאָן זיין: געווען ביי אים אמאָל אַזאַ יסוד; האָט דאָס מעקלער־לעבן אויסגעפּרעסן.

2.

אויף אַנסקים זען־זיך מיטן פאָטער אין מאָסקווע לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף א ווייַלע.

אין די ייִנגערע יאָרן אונדזערע האָבן כמעט אַלע פון אונדזער קרייז און פון אונדזער גייסטיקער אַטמאָספערע נאָך געליטן פון יענעם גרויסן קאָנפליקט, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד זינט די זעכציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט, — דעם קאָנפליקט צווישן די „פאָטערס" און די „קינדער".

כמעט יעדער איינער פון אונדז האָט געמוזט דורכמאַכן א פּעריאָד פון אַ מער אָדער ווייניקער העפטיקן צונויפשטויס מיט די פרומע עלטערן, ספּעציעל מיט די פאַנאַטישע פאָטערס, — א קאַמף פאַר דעם רעכט אויף פרייע מענטשלעכע וועלטלעכע בילדונג. עס פלעגן ניט זעלטן פאָרקומען טראַגי־קאָמישע פאַלן, וואו יונגע קינדער פלעגן העלדנהאַפט און מיט מסירת נפש זיך ראַנגלען פאַר דעם גרויסן גליק צו מעגן לערנען אַנטאָנאָווס רוסישע גראַמאַטיק, אָדער טאַלינינס אַלגעבראַ.

אַנסקי איז אין דעם פּרט געווען גליקלעכער איידער א סך אַנדערע. ניט דערפאַר, וואָס זיין פאָטער זאָל האָבן געווען א ליבעראַלערער מענטש, וואָס האָט אים לכתחילה פאַרשפּאָרט דעם קאַמף: דער אַלטער ראַפּאָפּאָרט איז אין דעם פּרט געווען א ייִד פון א גאַנץ יאָר. ער וואָלט אפשר ניט גע־

קעמפט אנטקעגן דעם זונס שטרעבן צו וועלטלעכער בילדונג, אָדער וואָלט באַלד נאָכגעגעבן אין דעם קאַמף (ווי דאָס האָבן געמוזט טאָן א סך פון די פאַנאַטישע עלטערן). ער וואָלט אָבער בשום אופן ניט געקליבן קיין נחת פון שלמה זאַנוולס גייסטעס־ריכטונג, פון זיינע לעבנס־צילן, פון זיין אויפֿפירן זיך און זיין טעטיקייט. אָט אויף דעם פעלד וואָלטן געמוזט פאָרקומען ערנסטע צונויפשטויסן צווישן פאָטער און זון, און זיי וואָלטן זיך מסתמא אָפּגעשפּילט ניט גאָר פרידלעך, ווייל דער אלטער ראַפּאָפּאָרט, א כהן און א יחסן, איז דערצו אין די יינגערע יאָרן נאָך געווען א היפּשער דעספּאָט און א „סאַמאָדור" (א ווילד־ווילעקער מענטש).

אנסקים גליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיין פאָטער האָט ניט געוואוינט אין דער היים, און וואָס מיט דער מוטער האָט ער, דער בן־יחיד, געקאָנט טאָן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט: איז ער געוואקסן „אויפן וואלד", פריי און ניט געבראָכן אין קיין פּרט, ביז ער איז אויסגעוואקסן א גרויסער, אויף וועלכן א פאָטער קאָן שוין אפילו ניט פּרעטענדירן צו האָבן א וועלכע עס איז שליטה.

אויב אבער אנסקי איז פּערזענלעך געווען געשוינט פון דעם „פאָטערס־קינדער"־קאָנפליקט, איז ער, — איך מיין דאָ דעם קאָנפליקט, — אָבער גוט געזעסן אים אין די ביינער סיי מחמת די איינדרוקן פון זיין סביבה, סיי מחמת די דערינערונגען וועגן זיין פאָטערס פאַנאַטיזם און דעספּאָטיזם, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין זיין זכרון פון דער גאָר פריער קינדהייט.

דאָס זעען־זיך אין מאָסקווע האָט דעריבער פאָרט געמוזט זיין — ווייניקסטנס על־פּי טעאָריע — א צונויפטרעפן זיך פון צוויי פיינטלעכע לאַגערן.

וואָס עס האָט אים געשטופּט צו פאָרן צו זיין פאָטער, ווייס איך ניט. קינדער־ליבע? בענקשאַפט נאָך א טאַטן און נאָך א איינגענער נשמה, צו וועלכער מען זאָל זיך קאָנען צוטוליען? דאָס גלויבט זיך מיר ניט. דאָס הייסט; אזא בענקשאַפט נאָך אן איינגענער נאָענטער הארץ האָט אין זיין פאַראיינזאַמטן לעבן — אין דער צייט פון די וואַנדער־יאָרן — גאַנץ געוויס געלעבט אין אנסקים ברוסט. אָבער עס איז שווער אָנצונעמען, אז אָט די נאָענטע ווארעמע הארץ זאָל ער האָבן געזוכט ביי זיין נאָענטסטן „בלוט".

די קאָנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער האָבן אין אונדזערע קרייזן געפירט דערצו, אז די געפילן פון בלוט־קרובהשאַפט, וואָס שפּילן ביי אונדזער פאָלק אזא אומגעהויערע ראָליע, האָבן כמעט אין גאנצן פאַרלאָרן זייער מאַכט איבער די הערצער. אונדזערע „קרובים" זיינען געווען די, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו אונדז אין זייער גייסט און אין זייערע לעבנס־אידעאַלן.

אונדזערע ברידער און שוועסטער זיינען ניט נאָר אין געדאַנק, נאָר אויך אין דעם טיפסטן געפיל, געווען די, מיט וועמען מיר האָבן אינאיינעם געקעמפט, אינאיינעם געליטן, אינאיינעם געריסן זיך צו א ליכטיקן לעבן, אינאיינעם געטיילט זיך מיט פרייד און לייד. אַט די קרובהשע געפילן האָבן פארנומען דעם אויבן־אָן אין דער נשמה, אויב ניט אויסגעפילט זי אין גאנצן, און עס איז קוים געבליבן דאָרטן א פלאַץ פאַר די צופעליקע קרובים פון פיזישער געבורט.

עס קאָן זיין, אז אַנסקין האָט זיך פארוואָלט זען־זיך מיטן פאָטער, כדי אָפּצוזעגענען זיך מיט אים, און כדי אונטערצופירן די לעצטע שורה צו זיינע יינגל־יאָרן, וואָס זיינען דאָך פאַרט ווי עס איז געווען פארבונדן מיט דער יידישער סביבה און מיט זיין יידישער היים.

גאַנץ זיכער אָבער האָט ער ניט געטראַכט צו לעבן אינאיינעם מיט דעם פאָטער אָדער צו פארלאַנגען פון אים וועלכע עס איז הילף און שטיצע אין זיין לעבנס־וועג.

מיט וואָס דער אַלטער ראַפּאָפּאָרט האָט זיך באשעפטיקט און פון וואָס ער האָט דעמאָלט געלעבט, האָט אַנסקי געקאָנט האָבן נאָר זייער א בלאַסע אַנונג, ווייל דורכשרייבן זיך פלעגן פאָטער און זון ניט. אַמאָל איז זיין פאָטער געווען — אויב איך מאַך ניט קיין טעות — דעם מאָסקווער פּאָליאַ־קאָווס א משולח, „געזעסן" אין איינע פון יענעמס אימעניעס ערגעץ־וואו אין דרום־רוסלאַנד און האָט דאָרטן געלעבט ניט קיין שלעכטן טאָג. וואָס ער האָט געטאָן אין מאָסקווע, איז אַנסקין געווען אומבאַקאַנט.

אויב אָבער שלמה־זאַנוול איז געווען ווייניק פאַראינטערעסירט אין זיין טאַטנס עקאָנאָמישע פארהעלטענישן, האָט אָבער דער פאָטער געמאָגט אָננע־מען, אז זיין זון פאָרט צו אים צוליב זיי, און אז ער — דער זון — מוז נעווים האָבן א וועלכן עס איז אויסקוק אויף שטיצע און הילף.

זיין לאַנגע אין מאָסקווע איז אָבער דעמאָלט געווען גאָר ניט קיין פויגלדיקע. די שטעל זיינע ביי פּאָליאַקאָוון האָט ער שוין לאַנג פארלאָרן, און אין מאָסקווע האָט ער זיך „ארומגעדרייט", געגנישטערט די לופט, גע־פילפּולט פּראָיעקטן און מעקלערייען, פון וועלכע יעדער פרימאָרגן פלעגט מאַכן א „נעכטיקן טאָג".

פון וואָס ער האָט געלעבט וויים איין גאָט. אָבער אפילו קיין קוואַרטיר, קיין אייגענע, האָט ער דעמאָלט ניט געהאַט. די נייע עקאָנאָמישע אומ־שטענדן האָבן אויך אין גאַנצן איבערגעביטן זיין כאַראַקטער. עס איז פאַר־שוואונדן דער שטאָלצער „טשאַשניקער" יחסן מיט זיין דעספּאָטיזם און ווילד־ווילן. אַנשטאָט דעם איז אויסגעוואַקסן, — ווי איך האָב דאָס כאַראַק־

טעריזירט אין דעם פאַריקן קאַפּיטל, — אַ געמיש פון „טביה דער מילכיקער״, מיט זיינע גיין מאָס וויציקע ווערטלעך, און „מנחם מענדל פון יעהופּעץ״, מיט זיינע טויזנטער ניט־געשטויגענע פּראָיעקטן... אַ פריילעכער קבצן, וואָס האָט אָבער מער געלאַכט מיט „קרעמעניעס״...

דאָס אַלץ האָט אַנסקי אויסגעפונען, ווען ער איז געקומען קיין מאָסקווע. שוין אין דעם ערשטן געשפּרעך זיינעם מיט דעם זון, האָט דער פאָטער אויף זיין אופן באַקאַנט געמאַכט אים מיט דער לאַגע.

איך וועל פּרואוון איבערגעבן דעם געשפּרעך אַזוי ווי אַנסקי האָט דאָס מיר אַמאָל דערציילט.

— דערווייַלע איז ניט גוט, מיין זון! אָבער וואַרט, איך האַלט ביי חתונה־האָבן מיט זייער אַ רייכער אַלמנה, און דעמאָלט וועלן מיר ביידע פאַרגעסן אונדזערע צרות. וועסט קאָנען זיצן און שרייבן גאַנצע טעג, וויפל דיין האַרץ געלוסט.

— חתונה האָבן? — פרעגט פאַרוואונדערט דער זון.

— יאָ, חתונה האָבן. אַ גלענצענדיקער שידוך. זי איז נאָך ניט קיין אַלטע, אין די מיטעלע יאָרן, אַ שיינע און אַ קלוגע, און אָנגעשטאָפּט מיט געלט. נאָר איין קליינעם חסרון האָט זי: איין טאָג אין יאָר כאַפּט איר אָן, און זי ווערט — ניט פאַר קיין יידן געדאַכט — משוגע. אָבער גאָר אויף אַ געפערלעכן אופן . . .

— נו, — מאַכט דער זון: — איין טאָג...

— יאָ. איך רעכן אויך, ס'איז ניט קיין בייז. איז — וואַרט איך איצטער, ביז עס וועט קומען אויף איר דער משוגענער טאָג, איך זאָל איר פאַרשלאָגן דעם שידוך. ווייל, פאַרשטייסט דאָך אַליין: אַ קלאָרע וועט זי מיך דאָך ניט וועלן...

ביידע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און דער געלעכטער האָט צעבראָכן דאָס אייז, וואָס האָט געהערשט ביי דער ערשטער באַגעגענונג. דערנאָך האָט דער פאָטער אים דערציילט, אַז — אָן שפּאַס — ער האָט די בעסטע האָפענונגען אויף דער גאָר נאָענטסטער צוקונפט. די בעסטע זאַך פאַר שלמה־זאַנוולען איז צו בלייבן מיט אים דאָ אין מאָסקווע, וואו ער וועט קאָנען מיט זיין רוסישער פען היפש אים אַרויסהעלפן פון ביידנס טובה וועגן. און ליתר טעם האָט ער אים פאַרגעשלאָגן, דורכצוגיין זיך מיט אים צו זיינע באַקאַנטע רוסישע קופּצעס, וועט ער אַליין זען, אַז דער פאָטער גייט אויף אַ האָפענונגסרייכן דרך.

אַנסקי האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער וויץ מיט דעם שידוך איז אַזוי צו זאָגן אַן אומבאַוואוסטזיניקער סימבאָל פאַר אַלע פּראָיעקטן און

האָפּגעזונגען, מיט וועלכע זיין פּאָטער באַשעפֿטיקט זיך אין מאָסקווע. ער האָט געפילט, אַז ס'איז אויף דעם אַלטן אַ גרויסער, ביטערער רחמנות, און אַז דער זון וואָלט אים געוויס אַרויסגעהאָלפן, ווען ער וואָלט געקאָנט בלייבן מיט אים און גיין אין זיינע דרכים.

דאָס איז אָבער פּאַר אַנסקין געווען אַן אוממעגלעכקייט, און ער האָט אים גלייך דערקלערט, אַז זייערע וועגן זיינען צעשיידט, און בלייבן מיט אים קאָן ער בשום אופן נישט. אַרומגיין אָבער מיט אים צו די „קופּצעס" האָט ער, אויפן שטאַרקן בעטן־זיך פון דעם פּאָטער, מסכים געווען.

אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אים איבער פאַרשיידענע „קופּצעס" פּאַר וועלכע דער פּאָטער האָט זיך געריימט מיט זיין זון, דעם „רוסישן פּיסאַטעל", און ערשט דעמאָלט האָט אַנסקי אין פולער מאָס דער־שפּירט, צו וואָס פּאַר אַ ירידה זיין פּאָטער איז געקומען, — נישט נאָר עקאָ־נאָמיש, נאָר אויך אין דעם פּרט פון מענטשלעכער חשיבות און שטאָלץ.

אין אָוונט זיינען זיי אַריין אין אַ שענק, געשטילט דעם הונגער און אוועקגעזעצט זיך ביי אַ פלעשל בראָנפן רעדן איינער צו דעם אַנדערן פון האַרץ צו האַרץ, ווי מענטש צו מענטש, אויסרעדן זייערע געמיטער וועגן דער ביטערער דאָליע פון דעם אָרימאַן אין אונדזער לעבן...

ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי נישט אָן מי זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, און האָבן, שטאַרק באַפריינדעטע אָבער מיט גאַנץ שוואַכע פיס, זיך געלאָזט, שאָקלענדיק, גיין צום אַרויסגאַנג און זוכן ערגעץ־וואו אַ נאַכט־נעלעגער.

דער זון האָט אַרומגענומען דעם פּאָטער און טרייסטנדיק אים, האָט ער צערטלעך געזאָגט:

— קום טאַטע! מאָסקווע איז גרויס...

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער „גייסטיקער קאָנפליקט" צווישן „פּאָטערס און קינדער" אין אַ סאָלידאַרישער אויס־אייניקונג, אַ דאַנק ריין עקאָנאָמישע אומשטענדן...

און איר זאָגט נאָך, אַז קאַרל מאַרקס איז מגזם!...

3

אין אָט־דעם פּעריאָד פון אַנסקים לעבן זיינען מיר שוין ניט געווען אינאיינעם. דורכשרייבן זיך וועגן אונדזערע פּלענער פון סאָציאַליסטישער טעטיקייט האָבן מיר ניט געקאָנט, און שפּעטער איז מיר אויך ניט אויסגעקומען צו רעדן מיט אים וועגן זיין וועלט־באַנעם אין יענער צייט, און ווי אַזוי ביי אים האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט זיין סאָציאַל־פּאָליטישער „אַני־מאמין”.

איך ווייס נאָר, אַז אים האָט געצויגן צו דער ריכטונג פונם „טשאָרני פּערעדיעל” און אַז די אַרבעט אין דאָרף צווישן די פּויערים, — פאַרשטייט זיך, אין די אינטערעסן פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, — איז געווען אַ הויפּט־ציל, וואָס איז תמיד געשטאַנען פאַר זיין גייסטיק אויג. און אויך דאָס ווייס איך, אַז ער האָט אין יענער צייט ניט געקאָנט געפינען קיין גלויבנס־חברים אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט, מחמת דעם פּשוטן טעם, ווייל פון דעם „טשאָרני פּערעדיעל” איז שוין דאָרטן קיין זכר ניט געבליבן: באַלד נאָך דעם, ווי פּליעכאַנאָוו, אַקסעלראָד און זאַסוליטש זיינען אַוועק קיין אויסלאַנד, איז די אָרגאַניזאַציע פון דעם „טשאָרני פּערעדיעל” איינגאַנצן פאַנאַנדערגעפאַלן...

דורך דעם, רעכן איך, דערקלערט עס זיך, פאַרוואָס אַנסקי איז אין רוסלאַנד ניט צוגעשטאַנען צו קיין רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע און פאַרוואָס די גרויסע שטעט האָבן ניט געהאַט קיין שום אָנציאונגס־קראַפט פאַר אים.

ער האָט פאַרלאָזן מאָסקווע און איז אַוועק קיין דרום־צו, צוערשט קיין טולע.

איך ווייס ניט, צי ער האָט געהאַט וועלכע עס איז באַשטימטע פּלענער מיט זיין פאָרן אַהין. אָט־די גאַנצע צייט פון זיינע וואַנדער־יאָרן מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק, אַקוראַט ווי אַנסקי וואָלט זיך איבערגעבן אין דער מאַכט פון די לעבנס־וואַלן, וואָס האָבן אים געטראָגן פון איין אָרט צו אַן אַנדערן. עס קאָן זיין, ער האָט געהאָפט, אַז זיי וועלן אים ווען עס איז צושלאָגן צו אַ געווינטשטן ברעג.

אין טולע איז ער געפאָרן מסתמא נאָר דערפאַר, ווייל דאָרטן האָבן געוואוינט זיינע קרובים (אַ פעטער קאַהאַן) און נאָך מער דערפאַר, ווייל דאָרטן האָט געלעבט מיינע אַ גוטע פריינדין, יעליזאַוועטאַ שטיקין, מיט וועלכער ער איז באַקאַנט געוואָרן פון מיינע דערציילונגען און דורך בריוו. דאָרטן האָט ער זיך אויך צונויפגעטראָפן מיט מיינעם און שטיקינס

א גוטן באקאנטן, מ—ן. אַט־דער מ—ן האָט אים פאַרגעשלאָגן א לערער־שטעל פאר רוסיש און וועלטלעכע ענינים אין דער פאמיליע פון זיינע עלטערן, וואָס האָבן געוואוינט אין א דאָרף ניט ווייט פון יעפרעמאָוו, טולער גובערניע. עס קאָן זיין, אַז גראָד דער פאקט, וואָס די שטעל איז געווען „אין אַ דאָרף" האָט צוגעגעבן א באזונדערן חן דעם געמאכטן אָנבאָט, און אנסקי האָט אים אָנגענומען.

אין דעם דאָרף ביי יעפרעמאָוו איז אים אָבער ניט באַשערט געווען צו פארבליבן לאנג. א טראגעדיע אין דעם פאמיליען־לעבן פון די מ—נס האָט געמאכט א סוף צו זיין לערעריי אין יענעם אָרט.

די פאמיליע איז באַשטאַנען פון די עלטערן, א פּאָר קלענערע קינדער, מיט וועלכע אנסקי האָט געדארפט „קנעלן", און א דערוואַקסענע טאָכטער. אין דער טאָכטער האָט זיך ביז צו משוגעת פארליבט א יונגער שייגעץ פון דאָרף. ווי אַנסקי האָט שפּעטער פארזיכערט, — האָט דער ליידנשאפט־לעכער, ניש־שיינער, נאָר אָפּגרונט־טיף ליבנדיקער יונגערמאַן כמעט ווי היפּ־נאָטיש אוועקגערויבט דאָס הארץ פון דער פרומער יידישער טאָכטער. זי האָט זיך געטויפט און האָט חתונה געהאַט מיט איר געליבטן.

מערקווירדיק, די פּערזענלעכע באַציאונגען צו דער געשמדטער טאָכטער זיינען ניט איבערגעריסן געוואָרן אין דער פאמיליע. צי ווייל די עלטערן האָבן זי צו שטארק געליבט, צי ווייל דער פאָטער איז נאָך דעמאָלט געווען מער אָדער ווייניקער ליבעראַל געשטימט, אָבער פון הויז איז זי ניט פאר־שטויסן געוואָרן: זי פלעגט אָפט קומען זען זיך מיט די איריקע.

אין דערינען איז אָבער געלעגן די הויפּט־אורזאַך פון דער טראַגעדיע. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די טאָכטער האָט ניט געהאַט קיין ערנסטע, רעלי־גיעז־יידישע דערציאונג, האָט אין איר נשמה געלעבט א הייסע איבערגעגעבנ־קייט צו דעם יידישן גלויבן. על־כל־פּנים האָט דער שמד ניט נאָר ניט אָפּגע־קילט איר „פּינטעלע ייד", נאָר דוקא פאנאנדערגעברענט אים אין א שמערצ־לעכער ליבע.

ביי דעם פאָטער אין הויז איז געשטאַנען אַן ארון קודש מיט א ספר־תורה. פלעגט די געשמדטע טאָכטער פלוצלונג קומען אמאָל ביינאַכט, צו־פאלן צום פּרוכת, שלאָגן זיך מיטן קאָפּ אָן דעם ארון קודש און פארגיין אין א היסטערישן געוויין. איר יונגער מאַן, וואָס פלעגט נאָכלויפן נאָך איר, פלעגט זיך דעמאָלט ניט דערוועגן צוצוגיין צו איר און פלעגט שטיין מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי א פארמשפּטער.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן די יסורים, וואָס אַלע אנטיילנעמער אין דער טראַגעדיע פלעגן אין אַזעלכע צייטן דורכלעבן. און קיין אויסוועג איז

ניט געווען. וואָלט דאָס פּאַסירט אין אַ פרייער מדינה, וואו עס איז ניטאָ קיין רעליגיעזער צוואַנג, וואו די יידישע רעליגיע איז גלייכבאַרעכטיקט און וואו בירגערלעכע הייראַטן זיינען דערלויבט, וואָלט דאָ, נאָך מיין מיינונג נאָך, ניט געווען קיין ברעקל גרונט פאַר וועלכע עס איז טראַגישע ליידן. געמישטע חתונות זיינען יענע אויסנאַמען, וואָס קומען פאַר ביי אַלע פעלקער און קומען פאַר אָן אַ ברעקל אינעווייניקסטן קאָנפליקט. פאַרוואָס זאָלן זיי, ווי אויסנאַמען, ניט פאַרקומען צווישן יידן און ניט־יידן ? און פאַרוואָס זאָלן זיי זיך ניט אָפּשפּילן אַקוראַט אַזוי וואָכעדיק־יום־טובדיק ווי אַלע חתונות ביי אַלע נאָרמאַלע מענטשן און פעלקער ?

איז דאָס אָבער געווען רוסלאַנד מיט אירע פאַרפאָלגונגען פון דעם יידישן גלויבן און מיט דעם שמד־צוואַנג, אויב עס האַנדלט זיך וועגן אַ געמישטן זיווג. און דאָס האָט גראָד געדאַרפט טרעפן אַ צאַרט־פילנדיקער נשמה, וואָס האָט זיך געוואָרגן און געשליידערט אין דעם אַרויפגעצוואונגענעם פרעמדן גלויבן, און האָט זיך געשלאָגן מיט דעם קאָפּ אָן דעם שוועל פון דער פאַרלאָזענער אמונה, אָן אַ ברעקל האָפנונג זי זאָל קאָנען ווען ווידער אַריינטרעטן אין דעם פאַר איר הייליקן טעמפּל.

די אומענדלעכע גייסטיקע יסורים פון אַלע באַטייליקטע האָבן געמוזט פירן צו אַ וועלכן עס איז קאַטאַקליזם. עס איז מיר פאַרשוואונדן פון זכרון, אין וואָס ער איז באַשטאַנען. אָבער ער איז אויסגעבראָכן און באַלד נאָך דעם האָט פּאַסירט אָט־וואָס:

אָן אינדערפרי. אַנסקי זיצט מיט זיינע תלמידים און לערנט מיט זיי די רוסישע ענינים. דער פאָטער שטייט אין שטוב אַ פאַרגליווערטער. פּלוצלינג לויפט ער צו ווי אַ באַזעסענער צום טיש, כאַפּט די רוסישע ביכלעך, הויבט זיי אָן רייסן, שליידערן אויף דער ערד און טרעטן מיט די פיס, און נעמט שרייען מיט באַנומענע קולות:

— גענוג גויאיש! גענוג גויאיש! איך דאַרף שוין ניט מער! ... איך דאַרף ניט!...

אַנסקי האָט תיכף פאַרלאָזן די שטעל.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט מיר דערציילט דעם עפּיזאָד, — פון וועלכן איך האָב איבערגעגעבן נאָר די וויכטיקסטע שטריכן, — האָב איך געשפּירט, ווי טיף ער האָט דעמאָלט דורכגעלעבט און דורכגעליטן די טראַגעדיע אין דער פאַמיליע מ—ן. ווי איצטער זע איך פאַר מיר זיין בלייך געזיכט מיט די גרויס־געוואָרענע אויגן, פון וועלכע עס האָט געקוקט דער אימהדיקער אָפּגרונט פון די פון אים דורכגעלעבטע און געשילדערטע ליידן.

איך טראַכט איצטער: פאַרוואָס האָט אַנסקין ניט געצויגן צו באַאַר־

בעטן דעם עפּיזאָד קינסטלעריש? און ביי מיר קומט אויס, אַז דאָס וואָלט פאַר אים אין יענער צייט געווען אַ פּסיכאָלאָגישע אוממעגלעכקייט. ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געווען צו ענג צוזונויפגעוואַקסן מיט דער פּאָסי־רונג. אַן אַנדער טעם, אַ וויכטיקערער, איז דאָ געשטאַנען אין וועג. אָט־דער צונויפשטויס צווישן דער יידישער וועלט און דער גויאישער האָט געלעבט, ווי אַ פאַראיינצלטע אין זיך אָפּגעשלאָסענע מעשה אין זיין נשמה, אָן אַ ברעקל שייכות צו אַלע אַנדערע איבערלעבונגען אין איר.

אַנסקי איז דעמאָלט געווען ווייט פון דעם יידישן לעבן און פון יענע פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אים. אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יידן און יידישקייט, איז כמעט ווי איבער גוואַלד פאַרטריבן געוואָרן פון קלאָרן אויבער־באַוואוסטזיין. אין דעם אונטער־באַ־וואוסטזיין אָבער האָט, — ווי דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, — גע־לעבט די גאַנצע יידישקייט אַנסקיס, אַ צוגעדעקטע, צוגעדריקטע מיט דער פויערשער „סערמיאַגע".

אויפנעמען דעם טראַגישן עפּיזאָד אין דער פאַמיליע מ—ן וואָלט פאַר אים געהייסן זיך פאַרטיפן אין די באַציאונגען צווישן „ייד" און „ניט־ייד". דאָס וואָלט געהייסן אויפהויבן די „סערמיאַגע" און אַרויסלאָזן אויף דער ליכטיקער שיין די גאַנצע יידישע וועלט, וועלכע ער האָט פּסיכיש אונטער־דריקט אין זיך. און אָט פאַר דעם האָט ער אפשר אינסטינקטיוו מורא גע־האַט: מורא געהאַט פאַר די אינטערעסן פון דער אַזוי ליב און אַזוי הייליק געוואָרענער „סערמיאַגע".

אַנסקי איז אין יענער צייט געווען פּרינציפּיעל פיינטלעך צו יעדן נאַ־ציאָנאַל־יידישן אינטערעס. דערויף האָב איך אַ סך באַווייזן, — דער עיקר זיין שטעלונג צו יענער איבערקערעניש, וואָס איך האָב דורכגעלעבט אין מיינע אָנשויאונגען, צו מיין וואַך־געוואָרענעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

ער האָט דאָס בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין. דעם נאַציאָנאַליזם בכלל האָט ער באַטראַכט פאַר אַ דורכאויס שעדלעכער רעאַקציאָנערער גייסט־ריכטונג. און אין מיין נאַציאָנאַליזם האָט ער דעמאָלט ניט געקאָנט זען קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ פּראָדוקט פון שוואַכקייט, קליינקייט און איבערגעשראָקנקייט פאַר פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטיזם, וועמעס טעג אויף דער וועלט זיינען סיי־ווי געווען געציילטע.

1

אַנסקי, דער רוסישער „נאַראָדניק"

אין דעם רוסישן „פּאָלקסטימלערטום" פון דעם סוף אכציקער יאָרן האָבן געהערשט צוויי פאַרשיידענע בליקן אויף דעם מהות און דעם פּראָגרע־סיוון ווערט פון דער רוסישער פּויערימשאַפט.

דאָס איז, ערשטנס, געווען זלאַטאָוראַטסקיס בליק, אַז די פּויערשע וועלט איז אַ בוקעט פון אַלערליי מעלות: אַז זי האָט אין זיך גופא אַלע קרעפטן, וואָס זיינען נויטיק פאַר דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, און אַז די אינטעליגענציע קאָן איר העלפן נאָר דורכדעם, וואָס זי וועט אָראָפּשפּרינגען פון דעם פּאָלקס קאַרק, אויף וועלכן זי זיצט, און וועט אָנהויבן דינען דעם פּאָלק, ווי אַ משולח אין דעם דינסט פון זיין באַלעבאָס, וואָס דאַרף נאָר אויספירן באַפעלן און פּלענער. צווייטנס, איז דאָס געווען דער סקעפּטיש־קריטישער בליק אוספּענסקיס, וואָס האָט געוואָרפן אַ חשד אויף דער זעלבסטשטענדיקייט און דער אָריגינאַליטעט פון דעם פּאָלקס מעלות. נאָך זיין מיינונג נאָך, זיינען זיי געווען אפשר מער אַ פּראָדוקט פון די הערשנ־דיקע עקאָנאָמישע אומשטענדן און די סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען אין דעם רוסישן דאָרף, איידער פון די אינעווייניקסטע מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון דעם פּויער. ניט די שיינקייט און מאָראַלישע געזונטקייט פון דעם פּויערשן כאַראַקטער האָבן אַרויסגעבראַכט די שיינע און מאָראַליש־געזונטע זייטן פון זיין סאָציאַלן לעבן, נאָר אפשר גאָר פאַרקערט: די סאָציאַליסטישע עלע־מענטן אין דער דאָרפישער קהילה („אָבשטשינאַ") ברענגען פון זיך אַליין אַרויס שיינע און מאָראַליש־געזונטע שטריכן אין דעם פּויערס האַנדלונגען און אין זיין כאַראַקטער. אַזוי אָבער ווי יענע סאָציאַליסטישע עלעמענטן ווירקן אומבאַוואוסטזיניק און סטיכיש, זיינען זיי ניט קיין גענוגיקע שמירה אַנטקעגן די עגאָאיסטישע עלעמענטן, וואָס ווערן אויך געבוירן פון דער זעלביקער דאָרפישער קהילה, און וואָס ווערן דאָרטן פאַרשטאַרקט דורך דעם איינפלוס פון דער מאָדערנער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

פון אזא גרונט־בליק אויספּענסקים איז געווען ניט שווער צו דרינגען, אז פאַרלאָזן זיך, די פּויערים זאָלן פון זיך אַליין אַרויסברענגען העכערע פאָרמען פון קולטורעלן און סאָציאַלן לעבן איז ניטאָ וואָס. דאָס רוסישע דאָרף נויטיקט זיך אין דער הילף פון דער געבילדעטער אינטעליגענציע, אָבער ניט ווי פון אַ גוטן און פאַרשטענדיקן משולח, וואָס דאַרף נאָר גלויבנ־טריי טאָן דעם ווילן פון זיין באַלעבאָס. דאָס דאָרף נויטיקט זיך אין אויפ־קלערונג, אין איניציאַטיווע און פירערשאַפט, אין פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס זאָלן אַוועקשטעלן איר לעבן אין גאַנץ אַנדערע באַדינ־גונגען.

אַ דריטן גרונט־בליק אויף דעם ענין פון פאָלק און אינטעליגענציע האָט אין יענער צייט אַרויסגעבראַכט געאָרג פּלעכאַנאָוו, דער געוועזענער פירער פון דעם „פאָלקסטימלערישן" „טשאָרני פּערעדיעל". פּלעכאַנאָוו איז שוין צו יענער צייט געווען אַ פּאָליטישער עמיגראַנט אין אויסלאַנד און האָט דאָרטן אויסגעאַרבעט די טעאָרעטישע יסודות פאַר דער צוקונפטיקער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

שטיצנדיק זיך אויף דער געשיכט־פילאָסאָפיע פון קאַרל מאַרקס, אויף אויספּיענסקים באַליכטונגען פון דעם רוסישן דאָרף־לעבן און אויף די סטאַ־טיסטישע אונטערזוכונגען פון יענער צייט, האָט ער, מיט דער גאַנצער שאַרפ־קייט און איינזייטיקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערן פּאָלעמיסט געזוכט צו מאַכן אַ תל פון אַלע האָפענונגען, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע האָט נאָך געלייגט אויף דעם רוסישן דאָרף.

לויט זיין מיינונג, קאָן גאָר קיין שום ספק ניט זיין, אז אַלע מעלות און חסרונות פון דעם רוסישן דאָרפס־לעבן און פון דעם פּויערשן כאַראַקטער שטאַמען נאָר פון איין קוואַל: פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די רוסישע „אָבשטשינאַ". אָבער יענע סאָציאַל־עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען זיינען פאַרמשפט געוואָרן צום טויט, אַ דאַנק דער קאַ־פּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט געמוזט אַריינכאַפּן און האָט אויך אַריינגעכאַפּט דאָס דאָרף אין איר נעץ. די „אָבשטשינאַ" פאַלט פאַנאַנדער, ווייל זי ברענגט אַרויס פון זיך פאַרשיידענע קלאַסן מיט פאַרשיידענע אינ־טערעסן. דער פּויער, וואָס בלייבט ביי דער ערד, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן איינפאַכן קליינבירגער, אַן אייגנטומס־פאַנאַטיקער, אַן אַ וועלכן עס איז פּראָגרעסיוון סאָציאַלן חוש. נאָר יענע עלעמענטן פון דעם פּויערטום, וואָס ווערן עקאָנאָמיש אַרויסגעשטופּט פון דעם דאָרף און ווערן פּראָלעטאַריער אין דער אינדוסטריע, וועלן על פּי היסטאָרישער נויטווענדיקייט אַרויס־ברענגען פון זיך אַליין די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע אידעאַלן און

באוועגונגען, ווי דאָס איז געשען מיט יעדן פּראָלעטאַריאַט אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט.

די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע קאָן דאָ גאָרנישט ניט איבערבייטן אין דעם פּראָצעס. זי דאַרף אים נעמען, ווי אַ וויסנשאַפטלעכן פאַקט און אויסאַרבעטן איר סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פּראָגראַם אַזוי, אַז ער זאָל שטיין אין פולן הסכם מיט אָט־דעם סטיכישן אומפאַרמיידלעכן פּראָצעס. זי דאַרף ווערן די דינערין און וואָרטפירערין פון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט.

אין אָט דעם בליק האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזן פּלעכאַנאָווס לאַנגאָניקער בטול, מיט וועלכן ער פלעגט מבטל זיין די זעלבסטשטענדיקע, שאַפנדיקע רעוואָלוציאָנערע ראָליע פון דער אינטעליגענציע. געשיכטלעכע רעוואָלוציעס ווערן געמאַכט פון די מאַסן און נאָר פון זיי. נאָר פריער האָט דאָס ביי פּלעכאַנאָוון געהייסן: „פון די דאָרפישע מאַסן" און איצטער זיינען אנשטאָט דעם ארויסגערוקט געוואָרן: „די מאַסן פון דעם „אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט".

אַנסקי איז געווען זייער גוט באַקאַנט מיט אַלע שטרעמונגען פון דעם רוסישן „פאָלקסטימלערטום". צי ער איז דעמאָלט שוין אויך באַקאַנט געווען מיט פּלעכאַנאָווס באַהאַנדלונג פון דער פּראַגע, קאָן איך מיך איצטער ניט דערמאָנען. על כל פנים, איז ער, אויף דעם סמך פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען אין דעם רוסישן דאָרף, דעם אייגענעם שטודיום פון דעם פאָלקס־שאַפן און דעם אַנאַליז פון דער פאָלקסמיטלערישער ליטעראַטור, געקומען צו אַן אייגענעם בליק אויף דעם פּראָבלעם.

אַנסקי האָט, נאָך מיין מיינונג נאָך, געהאַט אַ גאַנץ באַדייטענדיקן טעאָרעטישן קאָפּ, אָבער בשום אופן ניט אין דעם זין פון אַן אָבסטראַקטן דענקער, וואָס ארבעט מיט אבסטראַקטע באַגריפן. זיין מאַטעריאַל פאַרן דענקען איז תמיד געווען דער לעבעדיקער מענטש. מיט דער אינטואיציע פון אַ קינסטלער האָט ער זיך געקאָנט אריינלעבן אין דעם אנדערנס נשמה, אין די באַדינגונגען פון זיין לעבן און פארשטיין, ווי דער אנדערער דאַרף, — לויט זיין טבע און לויט די אומשטאַנדן, — דענקען, פילן און האַנדלען.

אָט־דעם פּסיכאָלאָגיש־קינסטלערישן מעטאָד האָט ער אויך אָנגעווענדט אויף דעם שטודיום פון דעם רוסישן פּויערטום. זיין אַנאַליז ווערט דערביי נאָך מער ווערטפול דערפאַר, וואָס ער ציט אריין אין חשבון ניט נאָר די איצטיקע פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּויער, ניט נאָר די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע ער לעבט, נאָר אויך דאָס ליטעראַרישע שאַפן פון דעם פאָלק: זיינע ווערטלעך, לידער, דערציילונגען און לעגענדעס. אַנסקי איז דאָ, אויב ניט דער ערשטער, איז ער, לפחות, איינער פון די ערשטע און וויניקע,

וואָס נוצן אויס דעם „פּאָלק־לאָר" (די פּראָדוקטן פון דעם פאָלקס־שאַפן און די ווויסנשאפטן וועגן זיי) צוליב ריין סאָציאַלע און פּאָליטישע אונטערזוכונגען.

אין דער אים אינטערעסירנדיקער גרונט־פראַגע קומט אַנסקי צום שלוס, אז „פּויערים־פּאָלק" און „אינטעליגענציע" שטעלן מיט זיך פאָר צוויי דורכאויס פאַרשיידענע „סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע טיפּן", ווי ער רופט דאָס אָן. און ווען ער טראַכט זיך טיפער אַריין אין די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דיביידע טיפּן, געפינט ער אויס, אז די פּויערימשאַפט געהערט צו א העכערן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן טיפּ, איידער די אינטעליגענציע.

אין וואָס שיידן זיי זיך פאַנאַנדער? איינער פון די וויכטיקסטע פאַרשיידנקייטן זייערע באשטייט אין דעם, וואָס דער פּויער איז א קאָלעקטיוו־מענטש, ד. ה., א מענטש מיט א קלאָרן באַוואוסטזיין, אז ער אליין, גענומען פאַר זיך, איז ניט קיין גאנצער יש. ער איז נאָר א טייל פון א גרעסערן גאַנצן, פון דעם „קהל" (דעם רוסישן „מיר"). ער קאָן האָבןביידע אייגענע געדאַנקען וועגן אמת, גוט און שיינקייט, זיינע אייגענע געפילן און שטרעבונגען, אָבער ער באַטראַכט זיי פאַר צייטווייליקע, צייטווערטיקע מיינונגען, ביז זיי וועלן ניט דורכגיין דורך דעם לייטערונגס־פייער פון דער קהלשער באַטראַכטונג און דעם קהלשן באַשלוס. וואָס קהל באַשליסט, — אָט דאָס איז אמת, אָט דאָס איז גוט, אָט דאָס איז שיין. כל זמן דער באַשלוס איז נאָך ניט ארויסגעטראָגן, קעמפט דער איינצלנער פאַר זיינע אינדיווידועלע אָנשויאונגען און פאַרטיידיקט זיי אין דער קהלשער באַראַטונג. אָבער ווי נאָר די באַראַטונג האָט געפירט צו א וועלכער עס איז מאַסקאָנע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער מאַיאָריטעט, דעמאָלט זעט תיכף דער איינצלנער איין, אַז זיינע פריערדיקע געדאַנקען זיינען געווען א טעות, און ער זאָגט זיך פון זיי אָפּ מיטן גאַנצן האַרצן. אמתן קאָנען ארויסגעבראַכט ווערן נאָר פון א קאָלעקטיוו, — גלויבט דער קאָלעקטיוו־מענטש. אינדיווידועלע אמתן זיינען ניט קיין אמתן, נאָר פאָרלויפיקע אילוזיאָרישע מיינונגען, — אָט דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער פילאָזאָפישער יסוד פון אזא סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן טיפּ. נאָר אין א געמיינשאפטלעכער אויסארבעטונג ווערט ארויסגעבראכט דער אמת פאר דעם גאנצן קאָלעקטיוו, ד. ה., אויך פאַר מיר, דעם יחיד, ווייל איך האָב מיך אויך דירעקט באטייליקט אין זיין אויסארבעטן.

דער אינטעליגענט צוריק, איז א מענטש פון אן אייגענעם אינדיווידועלן דענקען. ס'איז אמת, אז אויך ער וואַרפט זיך אָפּט־אונטער אונטער דעם באַשלוס פון א מאַיאָריטעט. אָבער ער טוט דאָס אויס נויט און איז ניט

מחויב איבערצובייטן זיינע אייגענע געדאנקען צוליב דעם באַשלוס פון דער מאַיאָריטעט. ער קאָן דאָס אויך פּסיכאָלאָגיש ניט דורכפירן. אויב די מאַיאָריטעט באַשליסט, אַז איין מאָל איינס איז דריי, מוז איך האַנדלען לויט דעם דאָזיקן באַשלוס (אויב איך בלייב אין דעם קאָלעקטיוו), אָבער קיינער קאָן ביי מיר ניט אוועקנעמען מיין איבערצייגונג, אַז איין מאָל איינס איז איינס. דער קאָלעקטיוו־מענטש קאָן אָבער דורכפירן אַזאַ פּסיכאָלאָגישע אָפּעראַציע. פאַר אים עקזיסטירט ניט די פראַגע: וויפיל איז איין מאָל איינס פאַר אַלע מענטשן, אונטער אַלע אומשטענדן? פאַר אים שטייט די פראַגע: וויפיל איז איין מאָל איינס פאַר מיין קאָלעקטיוו, פון וועלכן איך בין אַ מיטטעטיקער, מיטשאַפנדיקער טייל? וויפיל איז דאָס אָט איצטער, אונטער די איצטיקע אומשטענדן, וועלכע מיר באַהאַנדלען? אָט די פראַגע דאַרף פאַרענטפערט ווערן ניט פון מיר אַליין, נאָר פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. און אויב ער געפינט, אַז איצטער איז דאָס פאַר אים דריי און ניט איינס, איז דאָס דריי. פאַר אַלעמען, אויך פאַר מיר.

דעריבער באַהויפּטעט אַנסקי, אַז דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער טיפּ פון דער פּויערימשאַפט האָט זיין אייגענע לאָגיק, וואָס קאָן זיך אָפּט פאַנאַנדערגיין — אין אירע רעזולטאַטן — מיט דער אַזוי אָנגערופענער אַלגעמיין־מענטשלעכער לאָגיק. על כל פּנים, גייט זי זיך פאַנאַנדער אַלע מאָל מיט דער אינטעליגענטישער לאָגיק אין דער פראַגע ווער באַשאַפט דעם אמת: דער יחיד, אָדער דער קאָלעקטיוו?

2.

אויף דעם סמך פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם לעבן און דעם שאַפן פון דער רוסישער פּויערימשאַפט איז אַנסקי געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז דער פּויער באַטראַכט זיין קהל און די גאַנצע פּויערישע „וועלט" (דעם „מיר") ניט ווי אַ סכום פון איינצלנע מענטשן, נאָר ווי איין־איינציקע איינהייטלעכע גאַנצקייט, פון וועלכער יעדער איינער איז נאָר אַ קליינינקער טייל.

דאָס איז זייער אַ וויכטיקער און טיפער אונטערשייד. אויב די קהילה, די געזעלשאַפט, איז נאָר אַ מעכאַנישער חיבור פון איינצלנע אינדיווידועז, קאָן יעדער יחיד ארויסברענגען אין זיין געדאַנק אמתן, וואָס קאָנען ניט זיין קיין לאָגישער „מוז" פאַר אַלע אַנדערע. לכל הפּחות קאָן יעדער איינער האָבן זיין אייגענעם געדאַנק און זיין אייגענעם ווילן. אין אַזאַ געזעלשאַפט קאָנען

די איינצלנע לעבן אין איינעם נאָר דעמאָלט, ווען איין טייל צווינגט ארויף זיין געדאנק און זיין ווילן אויף אן אנדער טייל, אָדער ווען זיי געפינען אויס א וועלכע עס איז פשרה, אויף וועלכער אלע זיינען מסכים, אדער אויך, ווען זיי אלע באשליסן, אז יעדער איינער זאָל זיך גיין אין זיינע אייגענע אינ־דיווידועלע דרכים.

גאנץ אנדערש איז דאָס, ווען מען באטראכט די געזעלשאפט ווי אן אָרגאנישע איינהייט. דעמאָלט איז דער יחיד ניט קיין זעלבסטשטענדיקער יש, נאָר איז ווי א טייל, אן אָרגאן פון אן אָרגאניזם, ווי א פינגער אָדער אן אויג אין א לעבעדיקן גוף. דעמאָלט קען דער איינצלנער ניט ארויסברענגען קיין אמתן, נאָר דער גאנצער גוף. לויט דער הארמאָניזירטער טעטיקייט פון אלע זיינע טיילן, איז דער קאָלעקטיוו דער אמתער באשאפער פון אלץ, מיט וואָס עס לעבט די נשמה פון דעם יחיד. דעמאָלט קאָן דער יחיד סוף כל סוף ניט האָבן קיין אנדער ווילן און קיין אנדער געדאנק, ווי נאָר דעם, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן פון דעם כלל. דעמאָלט קאָן איין טייל ניט פאַר־גוואלטיקן דעם אנדערן. מען בויט דעמאָלט ניט אויף קיין פשרות, וואָס קאָנען קיינעם ניט באפרידיקן גאנץ, און מען איז אויך ניט געצוואונגען צו לאָזן יעדן איינעם גיין „קודי קאטאָרי” און לאָזן טאָן „איש כישר בעיניו”.

אין דעם פּראָצעס פון דעם געמיינשאפטלעכן לעבן און ארבעטן ווערט באשאפן א געמיינשאפטלעכע נשמה, א סיסטעם פון „אמתן”, פון געדאנ־קען און ווילנס־שטרעבונגען, אין וועלכן יעדער איינער האָט אריינגעטאָן זיין חלק שאפונגס־קראפט, און וועלכער נעמט אלעמען ארום מיט איין גלויבן, איין האָפן, איין שטרעבן און איין בליק אויף גאָט, וועלט און מענטש.

אָט דאָס איז — לויט אנסקי — איינער פון די גרונט־שטריכן, וואָס שיידט אָפּ דעם פּויערשן „סאָציאַל פּסיכאָלאָגישן טיפּ” פון דער אינטעלי־גענץ. דער אינטעליגענט קאָן ניט באטראכטן זיינע איבערצייגונגען, ווי נאָר צייטווייליקע, צייט־ווערטיקע אדער גאָר ניט־ווערטיקע השערות ביז דער גאנצער קאָלעקטיוו וועט זיי ניט דערהויבן צו דער מדרגה פון א קהלשן אמת. ער האָט זיין לאָגיק און זיין וויסנשאפט און זיין פילאָזאָפיע, און אים מוז אויסדוכטן, אז די רעזולטאטן פון זיין דענקען קאָנען זיין אמת „אין זיך גופא”, אָן א ברעקל שייכות צו דעם, ווי אנדערע מיטמענטשן וויפיל זיי זאָלן ניט זיין, דענקען וועגן דיזעלביקע ענינים.

א צווייטער אונטערשייד צווישן דעם אינטעליגענטן טיפּ און דעם פאָלקס־טיפּ ליגט אין זיין פארשידענער שטעלונג צו דער פיזישער ארבעט,

דער וויכטיקסטער מענטשלעכער באַשעפטיקונג אין אַרויסברענגען די אַלע זאַכן און חפצים, וואָס זיינען נויטיק כדי צו דערהאַלטן דאָס לעבן פון דעם מענטשן און פון יענע באַשעפענישן, וועלכע וואוינען אינאיינעם מיט אים.

פאַר די אינטעליגענטע קלאַסן איז פיזיש אַרבעטן לאו דוקא. מען קאָן זיין א מענטש — און א גאַנץ וואוילער און פיינער מענטש דערצו — און אַן אַנדערער זאָל אויסאַרבעטן די זאַכן, אין וועלכע ער — דער אינטעליגענט — נויטיקט זיך. אַנדערש קוקט דאַרויף דער פויער. אויב מאַרקס האָט געזאָגט, אַז „נאָר דער מענטש אַרבעט". קאָן מען פאָרמולירן דעם פויערס בליק אַזוי: „נאָר דער וואָס אַרבעט איז א מענטש". אַרבעטן געהערט צו די נויטוועגדיקסטע אַטריבוטן פון „זיין א מענטש", ווי ריידן, דענקען, גיין אויף צוויי פיס און קאָנען געברויכן די הענט. דער וואָס אַרבעט ניט פאַלט אַרויס פון דעם גדר מענטש.

דער „באַרין" (דער פריץ) דער „ביעלאָרוטשקאַ" (א ווייס־הענטל) איז א באַזונדער בריאה, א פרעמדער באַשאַף, און בנוגע אים זיינען מותר א סך זאַכן, וואָס קיין מענטש טאָר זיך ניט דערלויבן בנוגע אַן אַנדער מענטשן. דעם פריצ'ס רייד ווי קלוג זיי זאָלן ניט זיין, נעמט מען ניט ערנסט. א סך מער הערט זיך צו צו דעם, וואָס דער חזיר וויל זאָגן מיט זיין „ברויקען", אָדער דער פערד מיט זיין „הירזשען", איידער צו דעם וואָס דער פריץ זאָגט, ווען ער גיט עצות אָדער שפּינט מאָראַלישע פּרויי־דיקן פאַרן פאָלק.

א פריץ מעג מען חנפענען אָן א ברעקל באַליידיקונג פאַר דעם אייגענעם ערן־געפיל. א פריץ מעג מען אָפּנאַרן. „טעות פריץ מותר", — אַזוי וואָלט מען געקענט פאָרמולירן דעם פויערס דין.

שוין אוספּענסקי האָט באַמערקט אָט דעם גרונט־שטריך פון דעם פויערס פּסיכאָלאָגיע. אין איינע פון זיינע דערציילונגען שילדערט ער, ווי א פויערל בארימט זיך אין א פויערישער סביבה, ווי אַזוי ער האָט געפירט פאַרן נאָז דעם פריץ, חנפענענדיק אים אָן א שיר און אָן א מאָס. דו ביסט אונדזער פאָטער און מיר זיינען דיינע קינדער, האָב איך אים געזאָגט", און די צוהערערשאַפט קוועלט אָן פון דעם איינפאַל. „דו ביסט גאָט, האָב איך אים געזאָגט", דער עולם קייכט פון געלעכטער. „נו, דאָס האָסטו עס שוין איבערן דאַך איבערגעוואָרפן", באַמערקט איינער אין העכסטן תענוג.

אויסשטודירנדיק דעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן טיפּ פון דעם פויער, איז אַנסקי בשום אופן ניט בלינד פאַר די איינזייטיקייטן און חסרונות, וואָס געפינען זיך אין אים, אָבער פאַרגלייכנדיק אים מיט דעם אינטעליגענטן

טיפ, קומט ער צו דעם שלוס, אַז ביי אַלע זיינע גרויסע מעלות פון אינדי־ווידועלן וויסן און קריטישן געדאַנק, האָט דער אינטעליגענטער טיפ אַ סך מער חסרונות און איינזייטיקייטן, איידער דער פֿויערישער, און די בעסטע זאַך פֿאַר דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער קולטור וואָלט געווען, ווען די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע טיפּן וואָלטן זיך געקאָנט צונויפגיסן אין אַ העכערן טיפּ, וואָס איז כולל אין זיך אַלע זייערע מעלות און פֿאַרלירט דורך דעם גופא אַלע זייערע חסרונות.

אויף אַזאַ'ן אופן קומט אַנסקי צו גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטן וועגן דעם פּראָבלעם „פֿאָלק און אינטעליגענץ" איידער די, וואָס האָבן געהערשט אין זיין צייט.

ער גייט זיך פֿאַנאַנדער מיט די „נאַראָדניקעס" פון זלאַטאָראַווסקים און וו. וו.'ס חדר, אַז דאָס פֿאָלק האָט אין זיך אַלץ און נויטיקט זיך אין דער אינטעליגענץ, נאָר ווי אין אַ מחנה פֿאַרשטענדיקע משרתים. ער איז אויך ווייט פון דעם בליק, וואָס האָט געהערשט ביי דער „נאַראָדנאַיאַ וואָ־ליאַ" (צו וועלכער אוספּענסקי איז געשטאַנען אַזוי נאָענט), אַז די אינטע־ליגענץ קאָן באַהאַנדלען דאָס „פֿאָלק" כחומר ביד היוצר. און גאַנץ זיכער וואָלט ער ניט מסכים געווען מיט פּלעכאַנאָוון, וואָס דערטרינקט די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון דעם פֿויערשן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן טיפּ אין די פּראָצעסן פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

כל זמן די אינטעליגענץ וואָס שטייט דרויסן פון דעם פֿאָלק, כל זמן זי וועט ניט אַרבעטן און שאַפֿן איניינעם מיט אים; כל זמן זי וועט נאָר קומען צו אים פון דרויסן, ווי אַ פּריידיקער פון נייע אמתן און אידעאַלן, וועט דאָס פֿאָלק זיך גאָר ניט וועלן אַריינהערן אין דער פּלאַפּלעריי פון די „פּריצישע ווייס־הענטלעך", און ווען אַפילו עס וועט זיך שוין אַריינהערן און אָנהויבן צו פֿאַרשטייט דעם אינטעליגענטס. געדאַנקען, וועט דאָס פֿאָלק ניט לייגן קיין פיל געוויכט אויף זיי, ווי עס לייגט בכלל ניט קיין פיל וואָג אויף אינדיווידועלע מיינונגען, וואָס זיינען פון דעם פֿאָלק גופא ניט דער־הויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון קהלשע אמתן.

איך וויל דאָ גלייך באַמערקן, אַז די שפּעטערדיקע סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אין דאָרף האָט ניט באַשטעטיקט אין גאַנצן אַנסקים טעאָרעטישע הנחות, ווי טיף און אָריגינעל זיי זאָלן ניט האָבן געווען, און וויפיל אמת עס זאָל אין זיי ניט האָבן געשטעקט. שפּע־טער האָט אַנסקי אַליין צוגעגעבן די איינזייטיקייט פון זיינע שלוסן און די גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פֿויערימשאַפט.

אָבער אין יענער צייט — די צייט פון זיין אַרבעט אין דאָרף — איז ער געווען אינגאַנצן דורכגענומען מיט דעם אמת, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט, און ער האָט זיך גענומען ערנסט אויסצואַרבעטן זיין ניי, געוואוינענעם בליק און זיין שליחות צו דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ. לויט אַנסקים פּראָגראַם מוז די אינטעליגענץ בכלל טאָן דאָס, וואָס ער אַליין האָט געטאָן ווי אַ פּרט: אַוועקגיין אין דאָרף און זיך צונויפגיסן אין לעבן און שאַפן מיט דער פויערימשאַפט. צונויפגיסן זיך ניט צוליב דעם, כדי צו דערטרינקען אין דעם פויערשן ים דעם אייגענעם אינטעליגענטן יש, נאָר צוליב דעם, כדי צוצונויפוואַקסן מיט דעם פויער־טום, כדי צונויפגיסן איר אייגענעם אינטעליגענטן שטראָם מיט דעם סאָ־ציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטראָם פון דער פויערימשאַפט און אויף אַזאַ'ן אופן אַרויסברענגען דעם העכערן סינטעטישן טיפּ, וואָס וועט שוין אַליין איבער־נעמען אויף זיך אַלע פּראָבלעמען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס.

אמת, אים, אַנסקין אַליין, האָט זיך דער פּראָצעס פון פולער צונויפ־גיסונג מיטן פאָלק ניט אינגאַנצן איינגעגעבן. ער איז אין די אויגן פון דעם פאָלק פאָרט געבליבן, אויב ניט קיין ווילד־פרעמדער, איז אַ משונה'־דיקער, אַ וואונדערלעכער. די פויערים און אַרבעטער האָבן ניט געוואוסט „מיט וואָס מען עסט אים". אַ לערער — און וואַרפט אַוועק זיין לערעריי, כדי צו ווערן אַ פּשוטער אַרבעטער. אַ ייד — און פאַרלאָזט זיינע אייגענע און גיט זיך אינגאַנצן אַוועק צו פרעמדע, פלעגן אים טאַקע די פויערים רופן אונטער די אויגן ניט אַנדערש ווי „וואָנאַ" („דאָס יענדז"), „וואָנאַ אידזיעצו", „וואָנאַ סקאַזאַלאַ" („דאָס יענדז גייט", „דאָס יענדז האָט געזאָגט").

אָבער דער פאַקט פון דעם אייגענעם לעבן האָט ניט געשטערט דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ פולער צונויפגיסונג פון פאָלק און אינטעליגענץ. מיט דער צייט פאַרשווינדן מחיצות. ספּעציעל זיין אייגע־נער פאַל איז נאָך פאַרוויקלטער געוואָרן, מחמת דאָס „יענדז" איז אַ ייד — ניט אַ נאַציאָנאַלער ייד — וועגן דעם טראַכט אַנסקי ניט, נאָר ווייל אַ רעליגיעזער. אמת, ער היט ניט אָפּ זיין יידישן גלויבן, אָבער ער באַטיי־ליקט זיך אויך ניט אין דעם רעליגיעזן לעבן פון דעם פאָלק. דאָס שטייט ווי אַ מחיצה, אין זיין אייגענעם פאַל. ביי דער רוסישער אינטעליגענציע וועט אַזאַ מחיצה ניט זיין.

.3

פארטיק געוואָרן — אין אַלגעמיינע שטריכן — מיט אַט די גרונט־ליניעס פון זיין סאָציאַל־פּאָליטישן וועלט־באַנעם און מיט דער אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע, האָט אַנסקי גענומען טראַכטן וועגן אַרויסטרעטן מיט זיינע געדאַנקען פאַר דער רוסישער עפנטלעכקייט.

צוליב דעם האָט ער באַדאַרפט קומען אין פּערזענלעכע באַציאונגען מיט אַ וועלכן עס איז עפנטלעכן טוער, וואָס זאָל שטיין אַמנאָענטסטן צו זיין — אַנסקיס — אייגענער ריכטונג. אַזאַ מאַן איז געווען גליעב אוס־פּיענסקי. אַנסקי האָט געהאָפּט, אַז אויספּיענסקי וועט פאַרשטיין זיין גע־דאַנקען־גאַנג און די רעזולטאַטן, צו וועלכע ער איז געקומען, בעסער, ווי ווער עס איז אַן אַנדערער. און ער האָט דעריבער באַשלאָסן, זיך דורכצו־שרייבן מיט אים.

דערוויילע האָט אָבער פּאַסירט עפּעס אַזוינס, אויף וואָס ער האָט זיך לכתחילה געמאָגט ריכטן און וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין טעטי־קייט צווישן פאָלק. לפּחות, אין יענעם ראַיאָן.

די שטענדיקע פאַרזאַמלונגען פון די פּויערים און די אַרבעטער אין איינעם מיט אַנסקין האָבן סוף־כּל־סוף צוגעצויגן צו זיך די אויפמערק־זאַמקייט פון דער פּאָליציי: אַנסקין האָט מען אַרעסטירט, ווי אַ פּאָלי־טישן אַגיטאַטאָר, און נאָך אַ קורצער צייט תּפיסה, האָט מען אים גענומען אויפן פאַרהער.

„פאַרהערט" האָט אים דער אָרטיקער איספּראַווניק. די הויפּט־פראַגן זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען וועגן דעם כאַראַקטער פון זיין אויפ־קלערערישער טעטיקייט אין דאָרף און צווישן די שאַכטיאָרן. אַנסקי האָט מיט אַ ריינעם געוויסן געקאָנט אָפּן ענטפערן אויף אַלע געשטעלטע פראַגן, ווייל אין זיין טעטיקייט האָט — ווי מיר האָבן געזען — זיך ניט געפונען קיין איין עלעמענט, וואָס זאָל זיך פיינטלעך צונויפשטויסן מיט דעם הערשנ־דיקן געזעץ: ער האָט פאַרגעלעזן לעגאַלע ביכלעך, דערקלערט דעם עולם זייער אינהאַלט, געענטפערט אויף פראַגן און געשמועסט וועגן די באַרימ־טע ענינים. דאָס איז פון קיין געזעץ ניט פאַרווערט געוואָרן. און אַזעלכע אַרטן אַרבעט אין דאָרף פּלעגן אין יענע צייטן געטאָן ווערן אין פולער עפנטלעכ־קייט, ווי צ. ב. די אויפקלערערישע טעטיקייט פון אַ העכסט לעגאַלער קאָ־מיסיע, וואָס אויף איר שפּיץ איז געשטאַנען די זייער באַקאַנטע פרוי אַלטשעווסקאַיאַ. (די אינטערעסאַנטע אַרבעטן פון יענער קאָמיסיע זיינען גראָד מיט אַ קליינער צייט פריער אַרויס פון דרוק אונטער דעם נאָמען

„טשטאַ טשיטאַט נאַראַדו ?”, „וואָס זאָל מען לייענען דעם פאָלק ?” אָבער אויך: „וואָס זאָל דאָס פאָלק לייענען”.)

דער איספּראַווניק, אָבער, וואָס האָט געפירט דעם פאַרהער, — אַן אָנשטענדיקער און גוטמוטיקער מענטש, — האָט תחילת פאָרט ניט געוואָלט שענקען קיין גלויבן אַנסקיס דערקלערונגען.

אויסהערנדיק אים אַמאָל אַ גאַנצן אָוונט, האָט ער זיך צום סוף געווענדט צו אים אַזוי:

— איר ווייסט, הער ראַפּאָפּאָרט, אַן וואָס איר דערמאָנט מיך ? — אַמאָל איז אַן אָרעמער מוזיקאַנט געגאַנגען איינער אַליין אין וועג ביינאַכט אין וואַלד. האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ ווילדער חיה, — אַ בער, אָדער אַ וואָלף. אין פאַרצווייפלונג האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין פידל און גענומען שפּילן. זעצט זיך די חיה אַוועק אויף אירע הינטערשטע פיס, קוקט אים אַריין אין די אויגן און רירט זיך ניט פון אָרט. פילט דער אָרימער מוזיקאַנט, אַז כל זמן ער וועט שפּילן, וועט ער זיין זיכער מיטן לעבן”.

„שפּילט ער אַ שעה, שפּילט ער צוויי. קאַלטער שווייס רינט פון אים אין שטראָמען, און ער שפּילט. און פּלוצלונג — געפּלאַצט אַ סטרונע אַ קאַלטע אימה נעמט אים אַרום און ער שפּילט אויף דער צווייטער. און פּלוצלונג די צווייטע — באַץ!”

איר דערמאָנט מיך אָן יענעם מוזיקאַנט, וואָס שפּילט שוין אויף דער לעצטער סטרונע — און אויך די האַלט ביים פּלאַצן” . . .

„און ווער איז דאָ די חיה־רעה ?” — פרעגט תמימותדיק אַנסקי.

— „איך” — ענטפערט דער איספּראַווניק מיט אַ גוטמוטיקן געלעכטער.

קיין „חיה־רעה” איז ער פאָרט ניט געווען. ער האָט גאַנץ געוויס געקאָנט פאַנאַנדערבלאָזן עפּעס פון דעם גאַנצן ענין און אַוועקשיקן אַנסקין אין גובערניע אַריין, וואו עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע „דיעלאָ” מיט „סליעדסטוויעם” וועגן דער „פּאַרברעכערישער פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף”, און דער סוף וואָלט — מן הסתם — געווען אַזאַ: מען וואָלט אַנסקין אָפּגעהאַלטן אַ לענגערע צייט אין תפיסה און דערנאָך פאַרשיקט אים ערגעץ־וואו „אונטער אויפזיכט פון פּאָליציי”.

דער איספּראַווניק איז „בדורו” טאַקע געווען אַן אָנשטענדיקער מענטש, און ניט געפינענדיק קיין איין געזעצלעכן גרונט, פאַרוואָס צו האַלטן אַנסקין, האָט ער אים אַרויסגעלאָזט פריי, מיט דעם באַדינג, ער זאָל תיכף פאַרלאָזן יענע מקומות.

אַנסקי האָט זיך ווידער געמוזט נעמען פאַרן וואַנדער־שטאָק. עס איז

מיר ניט באקאנט פון אנסקים אייגענע דערציילונגען, וואוהין ער איז אוועק פון דאָרטן און וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז ער איז אין דעמזעל־ביקן ווינטער, 1891—1892 געקומען קיין פעטערבורג צו גליעב אוס־פּיענסקין.

אַסיף מינאָר דערציילט אין זיין נעקראָלאָג אויף אנסקין „וואָליא ראָ־סיאי" פונם 17טן נאָוועמבער, 1920) אייניקע עפּיזאָדן פון יענער צייט. דער גרעסטער טייל אָבער פון מינאָרס מיטטיילונג זיינען באַשיינפערלעך אַ פּראָדוקט פון עפּעס אַ מאָדנעם צענויפמיש און פאַנטער, — פאַרשטייט זיך, אַן אומוויליקן.

וועגן זיין פאַרלאָזן דעם ראַיאָן און דער ערשטער באַגעגעניש מיט אוספּיענסקין דערציילט מינאָר אַזוי:

אין דעם יאָר 1883 (?!) איז אין זיינע הענט אריינגעפאַלן אַ נומער פון דער צייטונג „דניעפּר", וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין יעקאַטע־רינאָסלאַוו אונטער דער רעדאַקציע פון ג. אי. שרעידער (דער זעלביקער, וואָס איז אין 1917 געוועזן דער פאָרזיצער פון דער פעטערבורגער שטאָ־טישער דומע. ח. זש.). לויט דער ריכטונג פון דער צייטונג, האָט זי צונויפגעשטימט מיט זיינע, אַנסקיס, געדאַנקען און געפילן. ניט קיין סך געטראַכט, איז ער אוועק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו צו שרעידערן, באַוויזן אים אייניקע פון זיינע באַמערקונגען וועגן דעם, און ווי אַזוי עס לעבן און וואָס עס לייענען די אַרבעטער.

דער מזל זייערער איז אָבער געווען ניט גאָר קיין גינסטיקער. פון יעקאַטערינאָסלאַוו האָט ער געמוזט אוועקפאָרן צוריק אויף דער אַרבעט אין די קוילן גרובן פון דעם דאָנער באַסיין און פון דאָרטן אויף דעם אוראַל (?).

אויפן אוראַל זאָל ער האָבן געאַרבעט אין די שאַכטעס און האָט ניט אויפגעהערט צו פירן אין דער זעלביקער צייט זיין גרויס־גרויסע, אָבער פאַר דער דרויסנדיקער וועלט אַזאַ אומבאַמערקבאַרע אויפקלערערישע טע־טיקייט. ער פלעגט לערנען מיט זיינע חברים אין דער אַרבעט, זיך צור־קוקן און פאַרשרייבן.

דאָ, אויף דעם אוראַל, האָט אים דער מזל צום ערשטן מאָל צונויפ־געפירט מיט מאַמין־סיביריאַק און גליעב איוואַנאָוויטש אוספּיענסקי, וואָס האָבן דאָרטן פאַרבראַכט דעם זומער פון 1884 (?!) אַרומקוקנדיק די שאַכטעס, האָט גליעב איוואַנאָוויטש באַמערקט אַ דאַרן, הויכן, שוואַרצן ידישן יונגן מאַן מיט פינקלדיקע אויגן, וואָס האָט פריילעך געענגבערט דעם שטיין און עפּעס געזונגען דערביי. ער האָט זיך מיט אים פאַנאַנ־

דערגערעדט און האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון זיין לעבעדיקן שכל און דעם הומאָר זיינעם. ער איז מיט אים נעענטער באַקאַנט געוואָרן און, אָפּשעצנדיק הויך זיין דורכאויס ניט געוויינלעכן טאַלאַנט, האָט ער באַשלאָסן צו העלפן אים, ער זאָל זיך קאָנען דערשלאָגן צו בילדונג (?!).

צו ווינטער צייט איז סעמיאָן אַקימאָוויטש (אַנסקים רוסישער נאָמען, וועלכן די אַרבעטער האָבן איבערגעמאַכט פון סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש. ח. זש.) אוועק קיין פּעטערבורג צו גליעב אוספּענסקין, כדי דורכצופירן, אַז עס זאָלן געדרוקט ווערן זיינע אַרבעטן וועגן דער פראַגע, וואָס עס לייענט דאָס רוסישע פאָלק.

אַזוי דערציילט מינאָר. ניט נאָר איז דאָ די כראָנאָלאָגיע אַן אוממעגלעכע, נאָר אויך דער גאַנצער עפּיזאָד, וואָס שילדערט אַנסקין, ווי אַן אומוויסנדיקן אַרבעטער, וועמען אוספּיענסקי „אַנטדעקט" און גיט אים די מעגלעכקייט צו ווערן אַ געבילדעטער מענטש, איז ביי זיין גאַנצער ראָמאַנטישער שיינקייט, אַ פּראָדוקט פון אַ וועלכן עס איז פלאַנטער. מינאָר האָט דאָ גאַנץ זיכער צענויפגעמישט אַנסקין מיט עמיצן אַנאַנדערן, אין וועמעס לעבן דער דאָזיקער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען.

קודם די כראָנאָלאָגיע. אַנסקי פאָרט קיין פּעטערבורג כדי צו דרוקן זיינע אונטערזוכונגען וועגן דער פאָלקס־ליטעראַטור. זיין אַרבעט הויבט אָן צו דערשיינען אין אַ ווײַלע אַרום אין דער „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", אָבער דאָס איז געווען גאָר אין 1892, הייסט עס, אַז דער עפּיזאָד „אויפן אוראַל" האָט זיך געמוזט האָבן אָפּגעשפּילט ניט אין 1884 (אַנסקי האָט נאָך דעמאָלט ניט פאַרלאָזן דעם צפון), נאָר אין 1891. אָבער דעמאָלט איז אַנסקי שוין ניט געווען קיין יונגער בחור'ל, נאָר אַ דערוואַקסענער ייִד פון אַכט און צוואַנציק יאָר, וואָס האָט שוין זיינע לערן־יאָרן געהאַט ווייט הינטער זיך. מינאָר אַליין גיט איבער אין זיין נעקראָלאָג, אַז „צו 16 יאָר האָט ער שוין באַהערשט די רוסישע שפּראַך מיט דער גאַנצער גימנאַזיאַלער חכמה און איז געווען אויסגעצייכנט באַקאַנט מיט די רוסישע פּאָעטן".

און ווען מינאָר וואָלט, שרייבנדיק זיין נעקראָלאָג, זיך דערמאָנט אָן דעם אינהאַלט פון אַנסקיס ווערק וועגן דער פאָלקס־ליטעראַטור, וואָלט ער גלייך באַמערקט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ העכסט געבילדעטן, און נאָך מער: טיף געלערנטן מחבר, וועגן וועלכן עס איז לעכערלעך אַ טראַכט צו טאָן, אַז ווער עס איז דאַרף אים העלפן „דערגרייכן בילדונג". די אַרבעט, וואָס איז שפּעטער (אין 1894) אַרויס אין אַ באַזונדער בוך, איז אַ שטודיע פון אַ געלערנטן ספּעציאַליסט, וואָס סקיצירט די גאַנצע

געשיכטע פון א געוויסן צווייג פון דער רוסישער פֿאָלקס־אופקלערונג, אָנהויבנדיק פון יעקאַטערינאַס צייטן אָן, און שאַצט קריטיש אָפּ די אָנ־שויאונג וועגן דעם ענין פון אַזעלכע מענטשן, ווי טשערנישעווסקי, דאָבראָ־ליובאָוו און פּיסאַריעוו.

איך האָב אָבער פּאָרט געבראַכט מינאָרס דערציילונג כמעט וואָרט פאַר וואָרט, ווייל עס קאָן זיין, אַז אין איר געפינען זיך אייניקע קערנדלעך ביאָגראַפישער אמת, וואָס וועלן שפּעטער קאָנען אַרויסגעזיפּט ווערן (אַזוי צ. ב. די באַגעגעניש מיט שרעידערן אין יעקאַטערינאָסלאָוו און וואָס דערפון איז געוואָרן). איך האָב וועגן דעם גאָר נישט ניט געהערט פון אַנסקין און אפשר האָב איך עס פאַרגעסן.

גאַנץ אַנדערש מוז איך מיך שטעלן צו אַ צווייטן, זייער אַ כאַראַק־טעריסטישן עפּיזאָד, וועלכן מינאָר טיילט מיט וועגן אַנסקים באַזוך ביי אויספּיענסקין אין פּעטערבורג. איך דערמאָן מיך, אַז אַנסקי האָט מיר דערציילט וועגן אים.

1

אין דעם מיכאַילאָווסקי-קרייז

מיט גליעב אוספּיענסקין איז אַנסקי זיך צונויפגעקומען אין ווינטער 1892.

דער עפּיזאָד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ביידע באַטייליקטע, און ווי מיר דוכט, האָט אים מינאָר געהערט ניט פון אַנסקין, נאָר פון איינעם פון אוספּיענסקיס פריינט.

גלייך פון וואָקזאַל, דערציילט מינאָר, איז אַנסקי אַוועק מיט זיינע מאַנוסקריפּטן צו גליעב איוואַנאָוויטשן. דער קלוגער גליעב איוואַנאָוויטש, דער מענטש מיט דעם גרויסן האַרצן, האָט אַ לאַנגע צייט אויסגעהערט סעמיאָנס (אַנסקיס) התלהבותדיקע דערציילונגען. ס'איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט.

סעמיאָן איז אַוועק . . . און נאָך אויפן גאַס האָט ער זיך דערמאָנט, אַז קיין קוואַרטיר האָט ער ניט: ניטאָ קיין „פּראַוואָ זשיטעלסטוואָ".

פאַרפאַלן! באַשליסט ער אַרומצוואַוואַנדערן ביז אין דער פרי. די פיס בויגן זיך אונטער פון מידקייט, נאָר אָפּשטעלן טאָר מען זיך ניט — באַלד קאָן אונטערקומען אַ „גאָראָדאָוואָי".

האָט פּאַסירט עפּעס אַן אומגעווײנלעכער צופאַל, וואָס האָט אים געבראַכט די ישועה.

אפשר אַ זייגער דריי אין דער נאַכט טוט אים אימיצער אַ רוף:

— וואָס־זשע גייט איר דאָ אַרום?

דאָס איז געווען די שטים פון גליעב איוואַנאָוויטשן, וואָס האָט אונטער דעם איינדרוק פון סעמיאָנס לעבעדיקע דערציילונגען, ניט געקאָנט איינשלאָפן און איז אַרויסגעגאַנגען זיך דורכשפּאַצירן.

— איך דריי מיך אַרום . . .

— פאַר וואָס? פאַר וואָס זייט איר ניט אַוועק אַהיים?

— איך האָב ניט קיין היים.

— און אין א האָטעל?

— איך האָב ניט קיין „פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ".

גליעב איוואַנאָוויטש איז פאַרפּלעפט געוואָרן. ער האָט, נאָטיר־לעך, געוואוסט, אַז יידן האָבן ניט קיין „וואוין־רעכט" דרויסן פון „תחום", אָבער ער האָט זיך אין לעבן קיינמאָל ניט צונויפגעשטויסן מיט דעם. ער האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרשטיין. אָן אויפגערודערטער ביז גאָר, האָט ער אַוועקגעפירט סעמיאָנען צו זיך אַהיים, און האָט אים אַוועקגע־לייגט אין בעט אריין. ערשט אַרום פרימאָרגן האָט זיך סעמיאָן אויפגע־כאַפּט, געעפנט די אויגן און האָט דערזען, אַז גליעב איוואַנאָוויטש מיט מיט זיין איינגעהויקערטער פיגור זיצט לעבן אים, א באַנאַסענער מיט טרערן . . .

פון יענעם טאָג אָן איז סעמיאָן ארומגערינגלט געוואָרן מיט אַלע מעגלעכע פאַרזאָרגונגען. מען האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט די בעסטע מענטשן, און מען האָט זיך געמיט פאַר אים.

צו אָט דער דערציילונג מינאָרס וויל איך נאָך צוגעבן דעם טעם, פאַרוואָס אַנסקי האָט זיך אין יענער נאַכט אַרומגעדרייט אַרום אוספּיענ־סקים הויז: זיי האָבן אָפּגעמאַכט, ער זאָל ווידער קומען צו אים אויף מאָרגן אין דער פרי.

מינאָר פאַרענדיקט דעם עפּיזאָד מיט דער באַמערקונג, אַז „לסוף האָט מען אים אויסגעריכט מיט א בריוו צו א פּיאָטר לאַווראָוויטש לאַוו־ראָוון, קיין פּאַריז שטודירן".

די לעצטע באַמערקונג איז אַבסאָלוט פאַלש. מיר האָבן שוין געזען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, אַז אַנסקי האָט זיך שוין אין יענער צייט ניט גענויטיקט אין געלעגנהייטן צו „שטודירן". מיר וועלן שפּעטער זען, אַז קיין אויסלאַנד איז ער אַוועק מחמת גאַנץ אַנדערע מאָטיוון און אין דער ערשטער צייט איז אים גאָר אין זינען ניט געלעגן צו פאָרן קיין פּאַריז צו לאַווראָוון.

אָבער יענע נאַכט ביי אויספּיענסקין איז געווים געווען א באַדייטנדיקע פּאַסירונג אין אַנסקיס לעבן. מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן א שורה פון ליכטיקע טעג, אָן א וואָלקנדל אויף זיין הימל, — גליקלעכע טעג, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין דעם קרייז פון אוספּיענסקיס פריינט און חברים, — אפשר די גליקלעכסטע טעג אין זיין גאַנצן, פיל געפּלאָגטן לעבן.

אוספּיענסקי האָט אים צונויפגעפירט מיט מיכאַילאָווסקין און קריי־וויענקאָ.ביידע האָבן דעמאָלט פאַרוואַלטעט די רעדאַקציע פון דעם זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ". ער האָט פאַר זיי פאָרגעלעזן דעם

מאנוסקריפט פון זיינע „סקיצן וועגן דער פאָלקס ליטעראַטור", און ער איז תיכף איינגעלאַדן געוואָרן צו ווערן אַ מיטאַרבעטער אין יענעם בעסטן רוסישן זשורנאַל. דאָס האָט פאַרשאַפט אַן עקאָנאָמישן באַזיס פאַר זיין עקזיסטענץ. אין אַ ווייַלע אַרום איז ער אויפגענומען געוואָרן אין דעם מיכאַילאָווסקי קרייז, ווי אַן אייגענער מענטש.

און דאָס האָט אין יענער צייט געהאַט זייער פיל צו זאָגן. צווישן אַלע ליטעראַרישע און קינסטלערישע קרייזן אין פעטערבורג, איז דער מי־כאַילאָווסקי־קרייז, צו וועלכן עס האָבן געהערט אויספּיענסקי, קריווענקאָ, קאָראָלענקאָ (ווען ער פלעגט קומען קיין פעטערבורג) און — שפּעטער — יאַקובאָוויטש־מעלשין, איוואַנטשין־פּיסאַריעוו און נאָך אַ סך אַנדערע גע־וועזענע „קאַטאָרזשניקעס" אָדער „פאַרשיקטע", — אָט דער קרייז, זאָג איך, איז געווען דער אָפּגעשלאָסנסטער און דער גייסטיק אַריסטאָקראַ־טישסטער.

עס איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו הערן פון אייניקע רוסישע שריפטשטעלער פון דעם דעמאָקראַטישן און אפילו ראַדיקאַלן לאַגער ניט גאָר קיין פריינטלעכע אָפּרופן וועגן יענעם קרייז. מען האָט אים באַשול־דיקט אין גדלנות, אין קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף געוויינלעכע בשר־ודמ'ס, אין וועלן שטיין אויף אַ צו הויכן פּיעדעסטאַל. און ניט ווייניק רכילות פלעגט אַרומגעטראָגן ווערן אין פעטערבורג וועגן די שרייבער, וואָס האָבן זיך געגרופּירט אַרום מיכאַילאָווסקין.

איך האָב אָבער אויסגעפונען, אַז הינטער אָט די אַלע רכילותן האָט ס'רוב זיך באַהאַלטן די פּשוטע קנאה, וואָס מען געהערט ניט צו יענעם קרייז, דער פאַרבאַהאַלטענער כעס, פאַרוואָס מען איז אין אים ניט אויפגענו־מען געוואָרן.

און אויפגענומען ווערן אין אים, באַטראַכט ווערן אין אים, ווי אַן אייגענער מענטש, איז טאַקע געווען ניט גאָר קיין לייכטע זאַך.

די „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" האָט מיט רעכט געקוקט אויף זיך, ווי אויף דעם יורש פון „אָטשעטשעסטווענייא זאַפּיסקי", וואָס איז ווידער געווען דער יורש פון טשערנישעווסקיס און דאָבראָליובאָווס „סאָווריעמיעניק" (די צוויי לעצטע זשורנאַלן זיינען אונטערדריקט געוואָרן פון דער רעגירונג). דאָס איז געווען די „גילדערנע קייט" פון דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערער טראַדיציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שמידן אין אויסלאַנד מיט הערצענס „קאָלאָקאָל" פון דעם סוף פופציקער יאָרן, וואָס איז אָבער באַ־פעסטיקט געוואָרן פון דאָבראָליובאָוון און טשערנישעווסקין.

דורות און דורות פון דעם רעוואָלוציאָנערן רוסישן קאַמף זיינען גע־

ווען פאַרבונדן מיט אָט דער „גילדענער קייט". אין די דריי לעגאַלע זשורנאַלן זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די טעאָרעטישע יסודות פון דעם רוסישן סאָציאַליזם, און, אויף וויפיל דאָס איז נאָר געווען מעגלעך לויט די צענזור אומשטענדן, האָבן זיי געטראָגן הויך די פאָן ניט נאָר פון דעם פּראָגרעסיווסטן געדאַנק אויף אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור, ניט נאָר פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, ניט נאָר פון דעם קאַמף אַנטקעגן דער ביוראָקראַטישער וועלט, דער אַלטער פּריצימשער וועלט, און דער ניי־אויפגעקומענער בורזשואַזער וועלט, מיט דער נייער קאַפּיטאַליסטישער „ציוויליזאַציע", וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, נאָר אויך פון דעם דירעקטן סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די זעכציקער יאָרן מיט קאַראַקאַזאָווס שאָס אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אין דעם טעראָריסטישן קאַמף פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

אַ גרויסער טייל מיטאַרבעטער פון יענע זשורנאַלן זיינען אַליין גע־שטאַנען אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. און אַ סך מאַ־נוסקריפּטן אין זייערע רעדאַקציעס פלעגן אָנקומען פון וויטן מזרח — פון די פאַרשיקטע אין סיביר — פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן אין אויס־לאַנד. און נאָך אַ גרעסערער טייל מיטאַרבעטער איז אין לעבן געווען זייער נאָענט צו די העלדן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די רעגירונג האָט גאַנץ גוט געוואוסט די נאָענטע קרובהשאפט פון יענע זשורנאַלן צו דער „אונטערערדישער" רעוואָלוציאָנערער וועלט, און יענער ליטעראַטן־קרייז האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די רעגירונג ווייס. ער איז אָבער געווען צו שטאַרק און איינפלוסרייך, די רעגירונג זאָל זיך דערלויבן צו אונטערדריקן אים אין גאַנצן. זי האָט זיך אָבער אויך באַנוצט מיט אים, ווען זי האָט געדאַרפט פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעוואָלוציאָ־נערער פּאַרטיי.

אַזוי איז נאָך מיכאַילאָווסקים טויט באַקאַנט געוואָרן דער פאַקט, אַז צו אים האָט זיך די רעגירונג געווענדט מיט דעם פאָרשלאַג, ער זאָל פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", די פּאַרטיי זאָל ניט מאַכן קיין אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן אין דער צייט פון זיין קאָראָנאַציע. פאַר דער שליחות אַליין האָט מיכאַילאָווסקי זיך אויסגעבעטן טשערנישעווסקים באַפרייאונג פון סיביר, און די רעגירונג האָט געהאַלטן וואָרט.

דאָס איז געווען אַן אייגנטימלעכער קרייז פון אָפּענע, כמעט ווי „לעגאַ־ליזירטע" רעוואָלוציאָנערן, וואָס פילע פון זיי האָבן געהאַט הינטער זיך

אזויפיל, און אזויפיל יאָר תפיסה, סיביר אָדער אפילו קאַטאָרגע, און וואָס האָבן געדאַרפט זיין תמיד מוכן ומזומן פאַר נייע יאָרן תפיסה, סיביר אָדער אפילו קאַטאָרגע.

ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס אַזאַ קרייז האָט געמוזט זיין אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, האָט געמוזט זיין טאָפּלט פאָרזיכטיק אין אַריינגעמען נייע מענטשן. וועלכע שמירה האָבן זיי געקאָנט אָנטקעגן אַ ניט־געוואונטשענעם עלעמענט? — נאָר די איינציקע: די פאָדערונג, אַז יענער נייער מענטש זאָל שטיין אויף דערזעלביקער הויך פון זיין מאָראַלישן כאַראַקטער, ווי זיי אַליין: אַז דער געדאַנק פון מסירת נפש פאַרן אידעאַל זאָל ביי אים זיין ניט קיין ראַדיקאַלע פראַגע, נאָר אַ טיפער לעבנס־אמת, וואָס דאַרף, ווען נייטיק, באַוויזן ווערן מיט פּראַקטישע מעשים.

דאָס איז געווען אַ בית־שמאי קרייז, אַ קרייז פון קנאים. אַרום אים האָבן געשוועבט די נשמות פון אַ זשעליאַבאָוו, מיכאַילאָוו און פּעראָווסקאַיאַ. אָט די נשמות האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים ווי אַ כישוף־ראָד, וועלכן קיין אומריינער האָט ניט געקאָנט אַריבערטרעטן. און אומריין איז געווען יעדערער, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער אַלטער וועלט, און נאָך מער יענער, וואָס איז געוואָרן אומטריי צו זיינע רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן, וואָס איז צוליב קאַריערע אַריינגעטראָטן אין אַ וועלכן עס איז קאָמפּראָמיס מיט דער הערשנדיקער פּאָליטישער אָדער בורזשואַזער וועלט, פאַר וועמען די פעדער איז געווען ניט דער שווערד אין דער מלחמה פאַרן אמת, נאָר דער „אַרשין", אויף וועלכן ער פלעגט פאַרקויפן זיין סחורה אויפן מאַרק.

האָט דאָס אַ סך „געשטרויכלטע" ראַדיקאַלן געבערענט, און זיי האָבן געקוקט קרום און פיינטלעך אויף אים.

2.

אַ חוץ די טעמים, וואָס איך האָב אָנגעמערקט אין דעם פאָריקן קאַפּיטל און וואָס האָבן געמאַכט, אַז דער מיכאַלאָווסקי־קרייז איז געווען אַן אין זיך פאַרשלאָסענער און אַ גייסטיק אַריסטאָקראַטישער, זיינען געווען נאָך אַנדערע אומשטענדן, וואָס האָבן אים געצוואונגען צו זיין נאָך מער אויסקלייבעריש און פאָרזיכטיק אין צולאָזן צו זיך נייע מענטשן גראָד אין יענער צייט, ווען ער האָט זיך ברידערלעך פאַרנאַנדערגעעפנט פאַר אַנסקין.

דער סוף פון די אכציקער און דער אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן איז

געוועזן די צייט פון דער שווערסטער רעאקציע אין דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון רוסלאַנד. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז צעקלאַפּט געוואָרן אין 1884־1885, און איר ווידעראויפבוי איז געוואָרן אַן אַלץ שווערערע און כמעט ווי אויסזיכטלאָזע אונטערנעמונג. די הויפּט מניעה איז געלעגן ניט אַזוי אין דעם וואונדערבארן פּאָליציי — און שפּיאָנאַזש— אַפּאַראַט, וועלכן די רעגירונג האָט אויפגעבויט, ווי אין דער דערשלאָגענער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין דער גאַנצער געזעלשאַפט, אין דער אבסאָליוטער איינגעמאַטערטקייט פון דער יוגנט ווייטער צו פירן דעם רע־וואָלוציאָנערן קאַמף מיט די טעראָריסטישע מיטלען פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

א כוואַליע נאָך א כוואַליע פון אַנטי־רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען־שטראָמען האָט זיך אַ גאַס געטאָן אויף דער פירנדיקער פּראָגרעסיווער אינ־טעליגענציע.

פריער איז דאָס געוועזן דער שאָפּענהויער ־ האַרטמאַנישער פּעסימיזם, וואָס האָט פּלוצלונג געפונען אַזויפיל אָנהענגער, דער עיקר, צווישן די קינסטלער און בעלעטריסטן. שאָפּענהויערס „הבל הבלים", וואָס האָט אָפּגע־לייקנט יעדן בר־דעת'דיקן זין אין יעדן אַרט לעבן, האָט אויך מבטל געוועזן דעם זין פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און לעכערלעך געמאַכט דעם חוב פון מסירת נפש צוליב פרייהייט און גערעכטיקייט, וואָס זיינען אקוראט אזא „הבל־הבלים", ווי אַלץ אין דער וועלט.

דערנאָך איז דאָס געוועזן יענע גייסטיקע ריכטונג, וואָס האָט ניט גע־טראָגן קיין באַזונדער נאָמען, נאָר וואָס איז געוועזן באַקאַנט, ווי די ריכטונג פון די „וואָסמידיעסאַטניקי" ד. ה. „די מענטשן פון די אכציקער יאָרן". די „אכציקערערס" האָבן אין זייער ליטעראַטור געפּריידיקט, אַז עס איז ניטאָ קיין אנדער זין אין לעבן, ווי נאָר דער וואויל־לעבן פון יעדן איינצלנעם, און האָבן דעריבער העפטיק געפּראָטעסטירט אַנטקעגן יעדע אַרט מסירת נפש און קרבנות צוליב דעם כלל. „לעבן און לעב וואָס שטאַרקער!" — אָט דאָס איז געוועזן דער לאָזונג, וועלכן א גרויסער טייל פון דער יוגנט האָט ארויסגעלייענט פון זייערע ווערק.

דער אויפבלי פון „קונסט צוליב קונסט", פון עסטעטישער הנאה צוליב הנאה איז געבאָרן געוואָרן אין יענעם קרייז. דאָרטן האָבן זיך אויך געגומען באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון „פרייע־ליבעניזם" און מיס־טישער גאָט־זוכעניש, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אין דער פּסיכאָלאָגיע פון א גרויסן טייל רוסישער אינטעליגענציע, אפילו יענער, וואָס איז שפּעטער ווידער געוואָרן רעוואָלוציאָנער. אין אָנהויב אבער

איז אָט די ריכטונג געווען באַוואוסטזיניק פיינטלעך צו די טראַדיציעס פון דעם העלדנהאפטן נאַראָדאָוואָלישן קאַמף.

אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה, — דורך זיין עטישער גרויס, — איז געשטאַנען דער דריטער געדאַנקען־שטראָם, וואָס האָט זיך געטראָגן פון „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ", אַ פּריצישן הויז אין טולער גובערניע, וואָס האָט באַלאַנגט צו דעם גראַף ל. נ. טאָלסטאָי.

דער „טאָלסטאָיאַניזם", — די לערע פון דעם גראַף טאָלסטאָי, — האָט גראָד געפאָדערט מאָראַלישן העלדנמוט, קרבנות און מסירת־נפש און אינערלעכע ליבע צו יעדן לעבעדיקן וועזן, אָבער מיט איין זייט פון זיין לערע איז ער אויך אריינגעפאַלן אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פון דער רעאַקציאָנערער צייט און נאָר אַ דאַנק אָט דער זייט אירער, האָט די טאָלסטאָיאישע פּראָפּאַגאַנדע געפונען אַזויפיל צוגעגוויגטע אויערן, וויליק זיך איינצוהערן.

דער מאָראַלישער העלדנטום, די קרבנות און מסירת נפש האָט טאָלסטאָי געפאָדערט נאָר אין פּריוואַטן לעבן. אָבער בשום אופן ניט, און חלילה ניט, און חס ושלום ניט — אין דעם געזעלשאפטלעכן קאַמף אנטקעגן דאָס הערשנדיקע שלעכטס. אין דער קריטיק פון דעם פּאָליטישן קאַמף בכלל און דעם טעראָריסטישן קאַמף בפרט איז דער טאָלסטאָיאיזם געווען אקוראַט אזוי אומבארמהארציק, ווי די פּעסימיסטן און די „אכציקערער".

אין אַ רוסישער פּאַבל, וואָס אַנסקי האָט אָנגעשריבן אין יענער צייט, — און וואָס געפינט זיך נאָך, ווי איך האָף, ערגעץ וואו צווישן זיינע כתבים, — האָט ער קלאָר און שאַרף ארויסגעבראַכט אָט די רעאַקציאָנערע זייט פון דעם טאָלסטאָיאיזם.

אויף אזא אופן האָבן אַלע דריי נייע געדאַנקען שטראָמען זיך געטראָגן אין איין־איינציקער ריכטונג: וואָס ווייטער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און פון אירע טראַדיציעס. — שפּעטער, ווען די נעפּלען פון דעם פּעסימיזם, דעם „אכציגערטום" און דעם מיסטישן טאָלסטאָיאיזם האָבן זיך נענומען פאַנאַנדערגיין און די אויפגאַבן פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָבן זיך ווידער שאַרף ארויסגערוקט אויף דעם האָריזאָנט פון דעם רוסישן לעבן, האָט דער רוסישער מאַרקסיזם, וואָס איז אויך ארויס מיט אַ פּראָטעסט אנטקעגן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און דעם טעראָריסטישן קאַמף, געפונען אַ גוט צוגעגרייטן באָדן פאַר זיינע אידייען.

אין דעם סוף פון די אכציקער יאָרן האָט דער פירער פון דער „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ", לעוו טיכאָמיראָוו, זיך עפנטלעך אָפּגעזאָגט פון זיין פּאַרטיי און פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף בכלל. אויך ער, דער העלדיש־סטער פון דעם „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט", איז געפאַלן אַ קרבן פון מיסטישער גאָט־זוכעניש. — ריכטיקער: פון דעם רעאַקציאָנערן חושך, וואָס האָט געהערשט ארום, — און איז אויפגענומען געוואָרן אין די ברייטע אָרעמס פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך און פון דעם צאַריסטישן סיסטעם. באַלד נאָך זיין קומען פון פּאַריז קיין פּעטערבורג איז ער אַוועק צו דעם קבר פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און האָט ביי אים געבעטן מחילה פאַר זיינע זינד אַנטקעגן אים.

דער „על חטא", וועלכן טיכאָמיראָוו, דער בוזים־פריינט פון זשעליאַ־באָוו און פּעראָווסקאַיאַ, האָט זיך געשלאָגן אין הארצן ביי דעם קבר פון דעם דערמאָרדעטן טיראַן, איז ביז צו אַ געוויסן גראַד, געווען דער סימבאָל פון דער גאַנצער רעאַקציאָנערער שטימונג, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס לאַנד, און באַזונדערס שווער און טרויעריק האָט ער זיך אָפּגעהילכט אין דעם מיכאַילאָווסקי קרייז, וואָס האָט געציילט צווישן זיך אַ סך פון זיינע פריינט און פריערדיקע מיטקעמפּער.

אָט די אַלע אומשטענדן האָבן געפירט דערצו, וואָס די „אַלטע גוואַר־דיע", — אָט די „וואָס שטאַרבט און גיט זיך ניט אונטער," — האָט זיך געפילט אַזוי פאַראיינזאַמט, אַזוי אַוועקגעשטופּט אָן אַ זייט פון דעם גאַנצן לעבן. זי האָט ניט פאַרלאָרן איר מוט. זי האָט ניט פאַרלאָרן איר גלויבן. זי האָט געוואוסט, אַז איר צייט וועט נאָך קומען. און שוין האָבן געקומען ווייען צו זיי פרישערע ווינטלעך פון אויסלאַנד, וואָס האָבן זיי איינגערוימט דעם סוד, אַז דאָרטן — אין די עמיגראַנטישע קאָלאָניעס — האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן נייע פייגל, וואָס בויען נייע נעסטן און נעמען זינגען אויף זייער נייעם יונגן שטייגער דאָס אַלטע ליד פון קאַמף און טויט צוליב דעם לעבן.

אין ווינטער 1892, ווען אַנסקי איז געקומען צו זיי, האָבן אָט די נייע לידער — די אָנשויאונגען פון די יונגע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן — זיך נאָך ניט דערטראָגן קיין פּעטערבורג, און אין יענער צייט איז דער קרייז פון דעם רעוואָלוציאָנערן פאָלקסטימלערטום, — דער מיכאַלאָווסקי־קרייז, — נאָך געווען אין אַ גאָר ניט קיין געהויבענער שטימונג.

עס איז דעריבער לייכט צו פאַרשטיין, ווי אָפּפרישנדיק אויף זיי האָט געמוזט ווירקן אַנסקיס דערשיינונג. אַ יונגערמאַן, מיט אַ פרישן לעבעדיקן טאַלאַנט, פאַרגינט זיך, נאָך דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער „נאַראָדנאַיאַ

וואָליא" און דעם פאַרשווינדן פון דעם „טשאַרני פּערעדיעל", אוועקצוגיין אין דאָרף, לעבן און אַרבעטן צווישן די פּויערים, אָנזאַמלען מאַטעריאַל און קומען אויף זייער סמך צו שלוסן, וואָס שטימען אין די הויפּט פּונקטן צונויף מיט די גרונט־פּרינציפּן פון יענער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע, וועמעס היטער עס איז געווען דער מיכאַלאָווסקי־קרייז.

מיט די איינצלנע פּראַקטישע פאָרשלאָגן און אויספירן איז מען ניט מסכים מיט אים, אָבער זייער גרונט־ריכטונג איז זיין גרונט־ריכטונג, — אַ פרישע, אַן איינהייטלעכע, אַ יוגנטלעכע, אַן אומבאַרירטע אין קיין פּרט פון די ווילדע צייט־פאַרפירענישן. און דער מין מענטש אַנסקים! די מאַראַליש־ריינע קדושים־נאַטור! ס'איז פּונקט, ווי זייער אייגענע יוגנט וואָלט ווידער געשטאַנען פאַר זיי!

אָט דורך דעם רעכן איך, דערקלערט זיך, דער גרויסער אינטערעס, וואָס יענער קרייז האָט תיכף אַרויסגעוויזן צו אַנסקין און וואָס ער האָט אים אַזוי ליבפול אויפגענומען.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז די צייט, וואָס אַנסקי האָט פאַרבראַכט אין פּעטערבורג, אין יענעם קרייז, געווען די גליקלעכסטע אין זיין לעבן. אויב עס וואָלט געגאַנגען אין אַמביציע, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ער האָט דאָ מיט אַמאָל דערגרייכט, צו וואָס די כבוד־דאַרשטיקסטע אַמביציע פון אַ יונגן שרייבער וואָלט געקענט שטרעבן.

איז דער ליטעראַרישער קרייז פון דער „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" ניט דער בעסט־אָנגעזעענסטער אין גאַנץ רוסלאַנד? געהערן די פירער זיינע ניט צו יענעם אָלימפּ, וועגן וועלכן עס טרוימט יעדער אַנהויבער? און ער, אַנסקי, וואָס האָט אויף זיין ליטעראַרישן חשבון ניט מער ווי איין קליינע נאָוועלע, געשריבן יינגלוויז, וועלכע ער גיט גאָר ניט אַריין אין נדן, ווייל מסתמא האָט ער אָן איר שוין לאַנג פאַרגעסן, — ער ווערט גלייך אויפגענומען אין דעם טעמפּל און באַקומט אין אים אַ בכבוד'ן חבר'שן אָרט.

אָבער געוויס ניט אָט די אָדער ענלעכע אַמביציעזע געדאַנקען האָבן אַזוי ליכטיק געמאַכט זיין נשמה. די שטראַלן פון גליק האָבן געשטאַמט אין איר פונם באַוואוסטזיין, אַז ער האָט געפונען זיין באַשטימונג אין לעבן, אַז ער ווייס זיין פּלאַץ, וועלכן ער פאַרנעמט אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער רוסישער אינטעליגענציע, און אַז ער האָט כוחות גענוג, צו נעמען אויף זיך אַלע יענע התחייבותן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַזאַ באַשטימונג אין אַזאַ פּלאַץ.

פול מיט ענערגיע און האָפנונג האָט ער זיך באַזעצט ניט ווייט פון פּע־

טערבורג אין נאָענטער שכינות צו קריוויענקאָ, מיט וועלכן ער האָט זיך באַלד באַפריינדעט, און האָט זיך גענומען פאַר דער אויסאַרבעטונג פון זיינע מאַנוסקריפּטן.

3.

אַנסקים ליטעראַרישער באַגאַזש, מיט וועלכן ער איז געקומען קיין פּעטערבורג, איז באַשטאַנען ניט נאָר פון פּובליציסטישע און פאָלקלאָריס־טישע אַרבעטן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געטראָגן אַ ריין בעלעט־ריסטישן כאַראַקטער. דאָס זיינען געווען קלענערע סקיצן און גרעסערע נאָוועלן אויס דעם לעבן פון דעם רוסישן פּויערטום און דער רוסישער אַרבע־טערשאַפט. דאָס רוב פון זיי האָט זיך אָבער נאָך געפונען אין דעם ערשטן רויען אָנוואַרף. אין דערזועלביקער צייט, אין וועלכער ער האָט פּאַרטיק געמאַכט זיין טעאָרעטיש ווערק פאַר דער „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ”, האָט ער אויך זיך גענומען פאַר דער באַאַרבעטונג פון אַ גרעסערן לעבנס־בילד אויס דעם רוסישן דאָרף.

שוין אין אַנסקים בעלעטריסטישן שאַפן פון די איינגערע יאָרן איז געווען ניט שווער צו באַמערקן, אַז זיין טאַלאַנט שלאָגט ניט פון איין־איינציקן קוואַל, נאָר פון צוויי און, אַז אָט די צוויי קוואַלן גיסן זיך זייער זעלטן צונויף אין איינעם. אין דער ערשטער צייט זיינען די פּראָדוקטן פון די צוויי קוואַלן געווען אַזוי פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע, אַז מען וואָלט געקאָנט מיינען, זיי שטאַמען פון צוויי פאַרשיידענע קינסטלער.

לויט דעם ערשטן קוואַל איז אַנסקים טאַלאַנט געווען אַ הומאָריסטיש־שטיפערישער, איך וואָלט געזאָגט, אַ היינעשער. אַ לעבעדיקע, רייכע, פאַר־ביקע פאַנטאַזיע שפּרייט אין אים פאַנאַנדער זיינע גרינגע פליגלען און טראָגט זיך אַרום, אָן אַ וועלכן עס איז ציל, אין אַ זוניקן בלויען הימל; קוקנדיק אויף דער ערד און דעם מענטשלעכן לעבן פון דער ברייטער הויך אַראָפּ; אויפכאַפּנדיק די שפּאַסיקע זייטן פון לעבן און וואַרפנדיק אין זיי שפּילעריש פולע הויפנס פון פּאָעטישן וויץ.

לויט דעם צווייטן קוואַל איז זיין טאַלאַנט געווען אַ שטרענג און ערנסט רעאַליסטישער. ניטאָ אין אים קיין פאַרבן־שפּיל אוז קיין זון. שווער און לאַנגזאַם קייקלט זיך אין אים אַ וואַל נאָך אַ וואַל, ווי אונטער אַ בלייערנעם הימל.

אין די שאַפונגען פון דעם ערשטן קוואַל איז אַנסקי געווען ער אַליין. דאָרטן האָט ער געגעבן נאָר זיך. אין די שאַפונגען פון דעם צווייטן קוואַל איז געווען נאָר דאָס פרעמדע לעבן, אַזוי ווי ער האָט עס געזען, און ער

פלעגט אַנווענדן די גרעסטע אָנשטרענגונג, אַז אין דער שילדערונג פון דעם לעבן זאָל זיך ניט ארײַנכאַפּן קיין שום צופּאַרב פון זײַן אייגענער נשמה.

גראָ אדער חושך־פינצטער איז געווען דאָס לעבן, וואָס אַנסקי האָט געזען ארום זיך: נויט און אומבאַהאָלפנקייט, ווילדקייט און אכזריות, און אַלץ אַזוי ווי ארומגעכאַפּט פון אַלע זײַטן מיט א שטאָלענער נעץ, כדי דאָס, וואָס צאַפּלט זיך אין איר, זאָל זיך ניט קענען ארויסרייסן אויף דער פריי. און דאָס האָט ער געזוכט איבערצוגעבן אין די ריין רעאַליסטישע ווערק.

אין מײַנע אויגן איז אַנסקי מיט דער שפּילערישער פאַנטאַזיע געווען א גרעסערער קינסטלער, איידער אַנסקי מיט די ביטער צונויפגעפּרעסטע ליפּן און דעם פינצטערן בליק. ניט אַזוי אָבער האָט געקוקט אויף זײַן שאַפן ער אַליין. אים האָט דערמאָלט לגמרי געפעלט די קינסטלערישע אמביציע. די קונסט איז פאַר אים ניט געווען קיין זעלבסטצוועק. קונסט לשם קונסט איז פאַר אים ניט געווען א שפּיל און אַן אָפּרו פאַר זיך אַליין און פאַר גע־צײַלטע פרײַנט. די קונסט פאַר דער עפנטלעכקייט, פאַר דעם לײַענענדיקן עולם, האָט געהאַט אַן אַנדער צוועק: די אַרויסברענגונג פון דעם אמת וועגן דעם לעבן, ווי גראָ אדער חושך־פינצטער ער זאָל ניט זײַן. ער האָט געפילט אויף זיך די שווערע אחריות צו געבן א טרײַען באריכט פון דעם לעבן, אַזוי ווי ער האָט אים אויפגענומען און פאַרשטאַנען: פאַרשטייט זיך, ניט א מאָמענט־פאָטאָגראַפיע פון אים, נאָר א פּאַרטיפּט־קינסטלעריש בילד.

ניט איינמאָל פלעגט מיר אויסקומען צו דיסקוטירן מיט אים וועגן די צוויי קוואַלן פון זײַן טאַלאַנט. ניט איינמאָל האָב איך אים אויפגעוויזן, אויף וויפיל דער ערשטער קוואַל שטייט קינסטלעריש העכער פאַר דעם צווייטן. ניט איינמאָל האָב איך אים געוואָרנט, אַז אונטער דעם דרוק פון דער שווערער רעאַליסטישער אחריות, וואָס ער נעמט פרײַוויליק אויף זיך, ווערט זײַן טאַלאַנט אָפּגעפליקט פון יעדער פאַרביקער בלום, צענויפגעפּרעסט און אַזוי צו זאָגן הערבאַריזירט. געהאָלפן האָט דאָס ווייניק, ווײַל א קינסט־לער גייט אַלע מאָל זײַנע אייגענע וועגן, געפירט פון א קראַפט, וואָס שטייט אָפּט דרויסן פון זײַן באַוואוסטזיניקן קאָנטראָל. די עטיק אין אַנסקיס נשמה האָט ביז צו א געוויסן טייל אויפגעגעסן איר עסטעטיק. און נאָך ריכטיקער איז צו זאָגן: דער מאָנאָטעאיסטישער „יודעער" אין אים האָט תמיד געהאַלטן אין צוים דעם געצנדינערישן „העלען".

צווישן די בעלעטריסטישע זאַכן און אָנוואַרפן, וואָס ער האָט געבראַכט קיין פּעטערבורג, זײַנען געווען אייניקע פון דעם שטיפערישן מין, — ווי זײַן געגראַמטע סאַטירע אויף טאָלסטאָיס שיטה און אויף דער פּראָפּאַגאַנדע פון דעם „טאָלסטאָיזם". אָבער זיי האָט ער ניט געשענקט קיין ברעקל

אויפמערק. פאַר זיין ערשטן דעביוט אויף דעם בעלעטריסטישן פעלד, — ווייל, איינגנטלעך, האָט זיך ערשט איצטער אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון אַן עפנטלעכן ליטעראַרישן שאַפן, — קלייבט ער אויס, א בילד פון דעם רוסישן לעבן אין דאָרף, אונטער דעם נאָמען „אווצי" („שעפסן").

די טעמע פון דער נאָוועלע איז זייער אַן איינפאַכע. די פּויערים פון עטלעכע דערפער אין דער סטעפּ קאָנען ניט באַצאָלן זייערע „פּאָדאַטקעס", און דער סטאַנאָוואָי" באַשטימט אַן עפנטלעכע ליציטאַציע, אויף וועלכער עס זאָלן פאַרקויפט ווערן זייערע שעפסן. די פּי־הענדלער פון דער סביבה, — יידן און קריסטן, — קלייבן זיך שוין אָפּצולעקן א פעט ביינדל. אָבער דאָ דערוויסט מען זיך, אז די פּויערים האָבן זיך צענויפגערעדט אוועקצוטרייבן זייערע „אָטאַרעס" טיף אין דער סטעפּ אריין, און עס הויבט זיך אָן א ציג־און־וואָלף שפּיל צווישן די ביידע צדדים: דעם „סטאַנאָוואָי" און די „קופּצעס" פון איין זייט, די פּויערים פון דער אנדערער. דעם וואָלפס צד דאַרף זיך פעדערן, צו פאַרצאַמען דעם וועג די שעפסן. „די ציג" דאַרף זיך דורכרייסן דורך די פאַרצאַמונגען. סוף כל סוף גיט זיך איין דעם וואָלפס צד צו פאַרכאַפּן די „אטאַרעס", און די ליציטאַציע הויבט זיך אָן. איין שעפּס נאָך דער אנדערער ווערט פאַר א פּיסל ארויסגעשלעפּט פון דער „אטאַרע", ארומגעטאַפּט פון די סוחרים, אָפּגעשאַצט, פאַרקויפט און אריבערגעוואָרפן איבער א פּאַרקאַן: דאָס בלוטיקע האָב און גוטס פון די פּויערים גייט אריבער צו די סוחרים, און די דערפער פאַלן אריין נאָך אין א טיפערן עלנט.

דאָס בילד איז פאַרטראַכט און אויסגעפירט געוואָרן אין א ברייטער ראַם. אין הינטערגרונט שטייען די פּויערים מיט זייערע שעפסן, ביידע צונויפגעגאָסן אינאיינעם אין איין לעבעדיקער גראָער מאַסע, און דער נאָמען פון דער נאָוועלע: „שעפסן" גייט פּיל מער אויף די פּויערים, איידער אויף די פי. פון אָט דער אלגעמיינער לעבעדיקער מאַסע טרעטן זעלטן ארויס איינצלנע אינדיווידואליזירטע פיגורן.

אין דעם פאָדערגרונט שטייען מחותנים פון דעם וואָלפס צד: דער „סטאַנאָוואָי" און די „סוחרים", — דאָס רוב יידן, — יעדערער מיט זיין אינדיווידועלער פיזיאָגנאָמיע און זיין כאַראַקטער.

די נאָוועלע איז פול פון איינצלנע האַרץ־פאַרקלעמענדיקע עפּיזאָדן. נאָר דער קינסטלערישער באַדייט פון דעם ווערק ליגט ניט אזוי אין די איינצלנע פּאַסירונגען און שטריכן, וואָס זיינען אזוי טריי געשילדערט נאָך דעם לעבן, און וואָס ריידן אזעלכע קלאָרע און אָפענע רייד, ווי אין דעם

קאָלעקטיוון איינדרוק, וועלכן דאָס בילד מאַכט, ווי א גאַנצעס. מיט דער־זעלביקער פעסטקייט און דורכזיכטיקייט, ווי אין הויפּטמאַנס „די וועבער", זיינען אויך דאָ געצויגן געוואָרן די הויפּט ליניעס פון דעם סאָציאַלן קלאַסן־קאַמף, וואָס איז געווען די טרייב־קראַפט פון דער גאַנצער אינוויינינקסטער פּאָליטיק רוסלאַנדס, ביז צו דער גרויסער רעוואָלוציע.

קלאָר שטייט אין דעם בילד פאר די אויגן די ראָליע פון דעם קאַפּי־טאַליזם אין דאָרף. בולט קומט ארויס דער כאַראַקטער פון זיין הויפּט־פאַרבינדעטן. זיין ברודער אין רויב, דער רעגירונג: ניט אומזיסט האָט די צענזור, וואָס האָט זיך שוין לאַנג צוגעוואוינט צו קוקן דורך די פינגער אויף בעלעטריסטישע ווערק, געמאַכט אַן אויסנאַם צוליב אנסקיס „אָוצי", און האָט געהייסן ארויסרייסן די נאָוועלע פון דעם זשורנאַל־ביכל, אין וועלכן זי איז שוין געווען געדרוקט.

און נאָך אנדערע ארבעטן פון א טיפּן סאָציאַל־פּאָליטישן באַדייט און אַן ערנסטן רעאַליסטיש־קינסטלערישן ווערט האָבן געזאָלט דורכגיין די לעצטע פאַזן פון זייער פאַרפאַרטיקונג צום דרוק. אין יענע גליקלעכע טעג פון רו, עקאָנאָמישן קאָמפאָרט און דעם באַלעבנדיקן איינפלוס פון א גייסט־רייכער סביבה, האָט געשמאַק און מיט התמדה געאַרבעט אנסקי.

באַמערקט דאַרף נאָך ווערן, אַז צווישן זיינע ארבעטן איז ניט געווען קיין איינע, וואָס זאָל האָבן א וועלכע ניט איז נאָענטערע שייכות צו דעם יידישן פאָלק און דעם יידישן לעבן. נאָר אין די „אָווצי" ווערן ארויסגעפירט יידישע פי־הענדלער, אָבער זיי שטייען אין איין גרופּע מיט די רוסישע קופּצעס און מיט די פאַרטרעטער פון דער רעגירונג, און די באַלייכטונג וואָס פאַלט אויף זיי, אויף אלעמען, איז פון איין און דעמזעלביקן קאָליר.

נאָר אין איין איינציקן קליינעם עפּיזאָד רוקט זיך שאַרף ארויס א יידישער פּראָפיל. דעם „סטאַנאָוואָי" און די סוחרים קומט אויס איבער־צונעכטיקן אין א דאָרף אין א היי־שייער. מען ליגט אויפן היי און מען פירט שמועסן „מעניניאַ דיומאַ", וועגן די פּויערים, און די שעפּסן, און דער ליציטאַציע. הארט לעבן „סטאַנאָוואָי" ליגט א יידישער סוחר, און ער פאָרט פלוצלונג ארויס מיט אזעלכע רייד:

— איין זאַך פארשטיי איך ניט, פּלאַטאָן פּעטראָוויטש! (אָדער ווי מען האָט אים גערופן), פאַרוואָס כאַפּן זיי אונדז ניט און קוילן אונדז ניט אויס?

— ווער? — פרעגט דער „סטאַנאָוואָי" מיט שרעק.

— די פּויערים! זיי זיינען דאָך א סך און מיר זיינען א הייפעלע...

איך געדענק שוין ניט וואָס דער סטאַנאָוואָי האָט דערויף געענט־פערט. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָט ער זיך גוט אָנגעבייזערט פאַר אזא „נאַרישער" און אין דערזעלביקער צייט, אזא — ניט צו דער נאַכט גערעדט — שרעקלעכער פראַגע.

האָט אַנסקים קינסטלערישער אינסטינקט געשפּירט, אז אין דער טיף פון דעם יידנס נשמה האָט געלעבט דאָס באַוואוסטזיין פון דער מערדער־לעבער עולה, וואָס זיי טוען מיט די פּויערים? על־כל־פּנים איז עס כאַראַק־טעריסטיש, וואָס א יידן האָט געקאָנט ארויף אויפן זין אזא שאלה.

1.

אין שווייצאַריע

געדאַרפט האָט מען על־פּי־יושר דערוואַרטן, אַז אַנסקי זאָל אַ לענגערע צייט פאַרבלייבן אין פעטערבורג, לאָזן וואָרצלען אין דער נייער סביבה און זיך פאַרנאַנדערבליען אונטער די זון־שטראַלן פון דעם לעבנס־גליק, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אַ שיין געטאָן אויף אים.

האָט אָבער אויף זיין גאַנצן לעבן גערוט אַ גורל ־שווערע האַנט, וואָס האָט אים געטריבן פון אָרט צו אָרט, — באַלד אויס נויט, באַלד אויס פריי־וויליק אויף זיך גענומענער פליכט און באַלד (זייער זעלטן) אויך אַזוי צו זאָגן, אויס וואַוילטאָג.

אין די גליקלעכע טעג האָט זיך אַנסקי פאַרבענקט נאָך פערזענלעכן גליק. עס האָט אים גענומען ציען קיין שווייצאַריע, וואו ער האָט געהאַט זיין בעסטן יוגנט־פריינט (מיך) און אַ יינגערן פריינט, — מיינע אַ שוועס־טער־קינד, — וואָס צו איר האָט ער געפילט אַן אינטימערן און באַדייטנדערן צובונד, איידער די געוויינלעכע פריינטשאַפט: ער איז געווען אין איר פאַר־ליבט נאָך פון די יינגלשע יאָרן אָן.

דער פאַרלאַנג צו זען זיך מיט די צוויי אים נאָנטסטע מענטשן אין דער וועלט און די האָפנונג אויף אַ טיפערן און העכערן פערזענלעכן גליק האָבן באַוואויגן אים, — זומער 1892, — צו פאַרלאָזן זיינע פעטערבורגער פריינט און אוועקפאָרן קיין אויסלאַנד: ס'קאָן זיין, ער האָט גערעכנט, אַז זיין אָפּשייד פון פעטערבורג און פון זיין אַזוי פיל פאַרשפּרעכנדיקער ליטע־ראַרישער טעטיקייט וועט זיין ניט אויף לאַנג און אַז ער וועט זיך באַלד אומ־קערן צוריק זאַלבענאַנד.

אויפן וועג קיין שווייצאַריע האָט ער זיך אַ שטיקל צייט אויפגעהאַלטן אין בערלין, וואו ער האָט פאַרקערט אין דער געזעלשאַפט פון דער רוסיש־יידישער שטודירנדיקער יוגנט. דאָס לעבן האָט אים דאָ אונטערגערוקט אַ

שטיק יידישן זיין וואָס וואָלט אונטער אַנדערע אומשטענדן, אפשר געקאָנט ווערן א מאַגנעט, וואָס זאָל אים א צי טאָן צוריק צו דעם יידישן פאָלק.

יענער שטיק יידישן זיין האָט אָבער, משמעות, געהאַט צו ווייניק מאַגנעטישע עלעמענטן אין זיך. ווי אומעטום אין דעם לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט, איז אויך די רוסיש־יידישע קאָלאָניע אין בערלין געווען שאַרף געשפּאָלטן אין זיך אין צוויי לאַגערן: אין אַן אַסימילאַטאָרישן, וואָס איז געווען כמעט אַנטי־סעמיטיש פיינטלעך צו אַלץ וואָס איז יידיש, און א נאַציאָנאַלן, ריכטיקער א פּאַלעסטינאָפילישן, וואָס איז אַקוראַט אַזוי פיינטלעך געווען יעדן אייראָפּייאישן פּראָגרעס און יעדן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. און פון ביידע לאַגערן האָט געשלאָגן א מאַוּים־דיקע קעלט. וויניקסטנס, אַזאַן איינדרוק האָט זי געמאַכט אויף אַנסקין.

דערהויפּט האָט געווירקט אויף אים אָפּשטויסנדיק די אומגעהויערע קליינלעכע גדלות, מיט וועלכער יעדער איינער איז — ווי אים האָט זיך געדאַכט — געווען פול. „קליינינקע מענטשעלעך מיט קאָלאָסאַל אויפגע־בלאָזענע פּרעטענזיעס" — אַזוי האָט ער שפּעטער אין א געשפּרעך כאַ־ראַקטעריזירט אייניקע פון זיי „יעדער איינער האַלט זיך פאַר א נאַפּאָלעאָן אָדער לכל הפחות פאַר א פערדינאַנד לאַסאַל".

סוף זומער האָב איך פון אים באַקומען א דעפּעש, צו באַגעגענען אים אין בערלינער אויפן וואָקזאַל. און אין א פּאָר שעה אַרום האָב איך שוין גע־האַלטן אים אין מיינע אָרעמס און האָב געהערט זיין שטים: „נאַרעלע, וואָס וויינסטו?"

געוויינט האָב איך ניט נאָר מיט טרערן פון פרייד. תיכף ווי דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך אים דערזען אַרויסגיין פון וואַגאָן. גאָט, ווי ער האָט זיך פאַרענדערט! ער האָט אויסגעזען, ווי א ייד פון א יאָר פער־ציק. איינגעפאַלענע באַקן, אַן ערדענער קאָליר אין געזיכט, מיט צוויי גרויסע שוואַרצע פאַרטרויערטע אויגן, און אביסל אַן איינגעבויגענע האַל־טונג.

ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, האָט ער, דער גוואַר, אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, וואָס פלעגט קאָנען בויגן אייזערנע פערד־שיך, וואָס פלעגט קאָנען ייִנגלווייז אָננעמען מיט די ציין דעם אָנלען פון א פּאָטער־שטול, און אַזוי אַרומטראָגן אין דער שטול מיך און נאָך א פּאָר ברידערלעך איבערן שטוב, — אָט דער גוואַר האָט פאַרלאָרן כמעט זיין גאַנצע קראַפט, א דאַנק דער שווערער אַרבעט אין די שאַכטעס און א דאַנק א כראָנישער מאָגן־קראַנקהייט.

אין א ווײַלע נאָך דעם באַגעגעניש זיינען מיר ביידע געקומען צו זיך.

איך האָב אָפּגעשיקט זיינע זאַכן צו מיר אַהיים און אַליין זיינען מיר אַוועק צו פוס, פּלוידערנדיק און לאַכנדיק און ריידנדיק אַלערליי נאַרישקייטן דעם גאַנצן וועג, ווי פאַרשיכורטע. ס'איז אונדז געווען גוט.

אין דער היים האָט מיין פרוי, מיט וועלכער ער איז נאָך פריער באַ־פריינדעט געווען דורך בריוו, אויפגענומען אים ברידערלעך און ליבלעך און האָט גלייך גענומען ריידן אויף „דו". איך האָב געזען, ווי וואויל־טוענד אָט די וואַרימקייט האָט געווירקט אויף אים, און האָב שטאַרק הנאה געהאַט דערפון.

די שטוב איז געוואָרן פול מיט אַ יום־טובדיקן שיין. פון זיין יעדן קער, זיין יעדן שמייכל, זיין יעדן וויץ, זיין ראַנגלען זיך מיט מיר, זיין שטיפן מיט מיין עלטסטן יינגל, האָט געשלאָגן אַ פאָנטאַן פון אומענדלעכער גוטס־קייט און לעבנס־פרייד.

אָט דער אַרויסגעלאָזענער פריידן־טומל האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָכן אָוונט־ברויט. ווען מען האָט די קינדער איינגעלייגט שלאָפן און מיר האָבן זיך זאַלבעדריט אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענצטער, האָט אונדזער גע־שפּרעך ביסלעכווייז אָנגענומען אַן אַלץ מער און מער ערנסטערן כאַראַק־טער. פון דעם אויספרעגן וועגן געמיינשאַפטלעכע באַקאַנטע און פריינט איז דער שמועס אַרויף אויף זיין אייגענעם לעבן, אויף דער לאַגע אין רוסלאַנד, אויף דעם מצב פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אויף דער לאַגע פון דעם פאָלק בכלל. און אין אַלע פּרטים האָבן זיך גענומען אַרויס־וויקלען בילד נאָך בילד, — דאָס רוב, איין בילד טרויעריקער פאַרן אַנדערן.

ס'איז געוואָרן פינצטער. דעם לאָמפּ האָבן מיר ניט אָנגעצונדן, און פון דעם ווינקל, וואו אַנסקי איז געזעסן, האָבן זיך שטיל געגאָסן שילדע־רונגען, פול מיט פּיין און צער.

אויך אונדזער עמיגראַנטיש לעבן אין דער פרעמד האָט זיך ניט געקאָנט באַרימען מיט אַ סך איבעריקס פריילעכע טעג און פּאַסירונגען, אָבער אונדזער חושך פלעגט פאַרטריבן ווערן פון די שטראַלן פון האָפנונג און גלויבן, און דער אומעט פלעגט צעגיין אין דער שטימונג פון קאַמף, פון דער באַפרייאונגס־אַרבעט, מיט וועלכער מיר זיינען געווען פאַרנומען. דאָס לעבן אָבער אין דעם צאַריסטישן רוסלאַנד איז געווען דער אמתער גהינום, וואָס איז אויסגעוואַקסן פאַר אונדז אין זיין גאַנצן שרעק אויס די איינצלנע עפּיזאָדן, וועלכע אַנסקי האָט געמאָלן. וויפיל ווילדקייט! וויפיל גרויזאַמע, אומנויטיקע, קיינעם ניט נוצנדיקע ליידן!

ס'איז געווען נאָך ניט גאָר שפּעט, ווען איך האָב אים אַוועקגעפירט אין מיין צימער. ווען ער האָט זיך אויסגעטאָן און איז אַריין אין בעט,

האָב איך מיך צוגעזעצט צו אים „אויף א וויילינקע". די „ווייליגקע" האָט געדויערט ביז טיף אין דעם זומערדיקן פרימאָרגן.

ס'איז מערקווירדיק, אז אויך דאָ האָבן מיר וועגן דעם אייגענעם לעבן, וועגן די דאגות און צרות און די קאַרגע ליכטיקע מאָמענטן פון דער איי־גענער עקזיסטענץ, גערעדט זייער ווייניק. אין יענע צייטן, — און אין אונדזערע קרייזן, — וואָלט דאָס אויך געווען, אזוי צו זאָגן, ניט גאָר ליטיש, מען זאָל זיך צופיל באשעפטיקן מיט אזא זאַך, ווי די אייגענע פערזאָן. נאָר אגב אורחא פלעגט דער ענין אָפגעפּאַטערט ווערן מיט א פּאָר ווערטער.

און אזוי, אגב אורחא, האָט ער מיר דעמאָלט דערציילט וועגן דעם ציל פון זיין רייזע אהער.

— ווייסט, צוליב וועמען איך בין געקומען? דעם אמת גערעדט, וואָלט איך צוליב דיר אליין, אפשר גאָר ניט געפאָרן.

און דאָ האָט ער מיר דערציילט, וועגן זיין באציאונג צו מיין קוזינע, מ. ר., וועגן די בריוו אירע צו אים, וואָס גיבן אים א רעכט אויף די בעסטע האָפענונגען, הגם קיין קלאָרע דיבורים וועגן זייער ביידנס צוקונפט זיינען נאָך ניט ארויסגעזאָגט געוואָרן.

מיך האָט די נייס ניט שטאַרק איבערראשט, אָבער זייער געפרייט, און דאָס האָט צוגעגעבן נאָך מער יום טובדיקייט אין מיין לעבן, וואָס איז, ווי דער מענטשלעכער לעבן בכלל, אלע מאָל אזוי אָרעם אין יום טובים.

אויף איבערמאָרגן איז ער אוועקגעפאָרן אויף דעם גענפער (אָדער לוצערנער?) זעע, וואו מיין קוזינע האָט דעמאָלט פארבראַכט איר זומער־וואקאציע. מיטגענומען מיט זיך האָט ער אויך מיין ביכל „יעווּרעי ק'יעווּ־ריעיאַם", וואָס איז גראָד יענעם זומער ארויס פון דרוק. איך האָב געבעטן, ער זאָל אים איבערלייענען „מיט קאָפּ", ווייל מיר וועלן זיך דארפן דורכ־ריידן באריכות וועגן דעם ענין.

אין א פּאָר טעג ארום איז ער ווידער — אומדערוואַרטעטערהייט — געקומען צו אונדז קיין בערן, א פריילעכער, אָפגעפרישטער, יינגער געוואָ־רענער. ער האָט זיך פלוצלונג פארבענקט נאָך מיר, און אים האָט זיך פארוואָלט אויך דורכריידן זיך מיט מיר וועגן דעם ביכל און וועגן מיין שטעלונג צו דער יידישער פראַגע בכלל.

— גוט דורכגעלייענט? — האָב איך אים געפרעגט. (די געשפּרעכן אונדזערע פלעגן מיר דעמאָלט פירן אין רוסיש, נאָר ווען ניט ווען אריינ־בראָקן יידישע פראַזן).

— גוט און עטלעכע מאָל. איך מוז דיר זאָגן, עס האָט געמאכט אויף

מיר א גרויסן איינדרוק. דאָס טוט איר גוט, וואָס איר פאַרלאָזט ניט אייער פאָלק. („ווי עטאָ כאָראָשאָ דיעלאַיעטע, טשטאָ ניע אָסטאַוולאַיעטע וואַש נאַראָד").

די לעצטע פראַזע האָט מיך אַ ביס געטאָן ווי אַ שלאַנג. דער „ווי" און „וואַש" („איר" און „אייער") האָט פּלוצלונג אויפגעדעקט פאַר מיר דעם אָפּגרונט, וואָס האָט געהערשט צווישן מיר און אים אין אַן ענין, וואָס איז מיר געווען טייער ווי מיין לעבן.

אין דעם משך פון מיין אגיטאַציע פאַר אַ יידיש־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, פלעגט מיר אויסקומען צו דיסקוטירן ניט מיט איין יידישן סאָציאַליסט, און מיין יעדער דיסקוטאַנט איז געווען אַ קעגנער: אָדער אַ קעגנער פון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק בכלל — און אזעלכע זיינען געווען די מאַיאָריטעט — אָדער אַזאַ, וואָס פלעגט זיין נוטה צו מאַכן הנחות דעם נאַציאָנאַליזם פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, דערפאַר אָבער פלעגט ער לחלוטין לייקע־נען, אַז יידן זיינען אַ פאָלק, אַז זיי קענען ווידער ווערן אַ פאָלק, אָדער אַז עס זיינען דאָ וועלכע עס איז בר־דעתדיקע טעמים, פאַר וואָס מען זאָל דאָס וועלן. קיינער אָבער פון יענע קעגנער פלעגט זיך ניט אוועקשטעלן „מחוץ למחנה".

דאָ איז פאַר מיר געשטאַנען „מיין" שלמה זאַנוול. אַ מענטש, וואָס וועגן אים האָב איך אַלעמאָל געטרוימט, אַז איך וועל ווען עס איז גיין מיט אים האַנט אין האַנט און אַרבעטן אינאיינעם. און ער איז ניט קיין „קעג־נער". אדרבה: אַ הייסער „פריינט" אַן אויפמונטערער. „איר טוט דאָס גוט" אָבער אַ — פרעמדער! „איר" און „אייער"! צום אים האָט דאָס קיין ברעקל שייכות ניט. ער איז שוין ניט קיין ייד און האָט ניט קיין ברעקל התחייבות בנוגע דעם יידישן פאָלק. ער איז פון די „חסידי אומות העולם", אַ „יידנפריינט", ווי אַ סך פון מיינע רעוואָלוציאָנערע חברים צווישן די גוים.

דאָס האָט ווי געטאָן.

2.

א לענגערער געשפּרעך האָט זיך אַנטוויקלט צווישן מיר און אַנסקין וועגן מיין „יעוורעי ק׳יעווּרעיאַם״—און וועגן מיינע יידיש־סאָציאַליסטישע באַשטרעבונגען.

דער ענין וועגן א סאָציאַליסטישן נאַציאָנאַליזם איז אין יענער צייט (1892) איבערהויפּט געווען עפּעס גאָר א נייעס פאַר דער רעוואָלוציאָנערער וועלט, — בפרט פאַר דער רוסיש־רעוואָלוציאָנערער. ס׳איז אמת, אַז אין דעם משך פון די אַכציקער יאָרן האָבן סאַי פּוילישע, סאַי אוקראַינישע סאָציאַליסטן געזוכט צו פאַראייניקן זייערע סאָציאַליסטישע אידעאַלן מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זייערע פעלקער. אָבער יענע סאָציאַליסטן זיינען געשטאַנען אין דרויסן פון דער אָפיציעלער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אין אָפּאָזיציע צו איר. פון דער אנדער זייט האָט אויך דער אָפיציעלער סאָציאַליזם גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן פון זייערע טעאָריעס און באַשטרעבונגען. זייערע שריפטן זיינען אין אונדזערע קרייזן געווען אומבאַקאַנט. אגב זיינען זיי כמעט אלע געווען געשריבן אין פּויליש אדער אוקראַאיניש, — שפּראַכן, וועלכע קיינער פון אונדז האָט ניט פאַרשטאַנען.

צו מיין נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם בין איך געקומען נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד, אין א צייט, ווען איך האָב נאָך קיין ברעקל אנונג ניט געהאַט וועגן ענלעכע פּראַוון ביי די פּוילן און אוקראַאינער. אויך איז מיר ביז שפּעט אין די נייַנציקער יאָרן געבליבן אומבאַקאַנט די טעאָרעטישע פּראַוון פון משה העס, וואָס האָט נאָך אין די זעכציקער יאָרן געזוכט צו פאַרבינדן זיין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם מיט א ריין יידישן נאַציאָנאַלן אידעאַל.

די טעאָרעטישע יסודות פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם האָב איך געמוזט אויסאַרבעטן אליין, אָן א וועלכער עס איז הילף פון דרויסן. אין אַן אַטמאָספערע, וואָס איז געווען אַבסאָלוט פיינטלעך צו דעם גאַנצן ענין. געשען איז דאָס אין א צייט, ווען מיר ביידע, אַנסקי און איך, האָבן געלעבט ווייט איינער פון דעם אנדערן און האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט דורכ־צורעדן זיך באַריכות וועגן אים.

איך גיב דאָ איבער דעם גאַנג פון אונדזער דיסקוסיע, פאַרשטייט זיך, שטאַרק פאַרקירצט און סיסטעמאַטיזירט, און מער דעם תוך פון אונדזערע ארגומענטן איידער זייער דרויסנלעכע פאָרם.

די ארגומענטן, וועלכע איך האָב אָנגעווענדט אין דער פאַרטיידיקונג פון מיין יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, — די נויטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער

ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט און דער יידישער שפּראַך, — זיינען פאַר אים געווען אבסאָלוט ניי.

די טעאָרעטישע זייט פון דער זאַך, — דעם ענין פון נאַציאָנאַליטעט בכלל, איר שייכות צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס און איר ראָליע אין דער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, — האָט ער אויפ־געפאַסט גאַנץ שנעל, ניט קוקנדיק אויף די פאָר גאַנץ האַרבע פּראָבלעמען, וואָס די טעאָריע פון נאַציאָנאַליטעט האָט אין זיך און וואָס זיינען נאָך מער פאַרטונקלט און פאַרפּלאָנטערט געוואָרן סאַי פון דעם שאָוויניסטיש־מיס־טישן נאַציאָנאַליזם פון איין זייט, סאַי פון דעם ראַדיקאַלן קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער אַנדערער.

שווער אָבער איז אים געווען צו באַנעמען מיטן געפיל אָט דעם פּשוטן קאָנקרעטן, אים מער פאַר אַלץ אינטערעסירנדיקן פאַקט, וואָס גראָד איך זאָל ווערן אריינגעכאַפּט אין אזא געדאַנקען־נעץ, וואָס קאָן מיך אוועקציען אָן א זייט פון די גרעסערע און ברייטערע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען איצטער פאַר דער גאַנצער פּראָגרעסיווע מענטשהייט בכלל און רוסלאַנד בפרט.

ער פאַרשטייט גאַנץ גוט די נויטיקייט צוזוציען די יידישע מאַסן צו יענע גרעסערע און ברייטערע פּראָבלעמען ,און די אומגעהויערע ניצלעכ־קייט פון א סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן דעם יידישן פאָלק. אין אָט דעם זין באַגריסט ער פון פולן האַרצן די אַרבעט, וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו טאָן. אָבער דער באַדייט פון דער אַרבעט טאָר ניט פאַנאַנדערגעבלאָזן ווערן, און ער איז שטאַרק מסופּק, צי די קליינקייט און ענגקייט, וואָס מוזן זיין פאַרבונדן מיט אזא'ן אַרבעט און מיט די ספּעציפישע צילן, וואָס זי שטעלט זיך, וועלן מיך קאָנען באַפרידיקן אויף לאַנג.

דער שטח פון דעם יידישן לעבן איז אָן ענגער, א דלד־אַמותדיקער, האָט ער אַרגומענטירט. קיין איין גייסט, וואָס שטרעבט צו גרויס און ברייט, קאָן זיך ניט איינהאַלטן אין אים. עס איז אפשר גראָד די נאַציאָנאַלע כאַ־ראַקטעריסטיק פון דעם יידישן שאַפנדיקן זשעני, וואָס ער קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט די איינגענע פיר ווענט פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן, אפשר פּשוט דערפאַר, וואָס זיין גרונט־לאַגע, — די פאָר מיליאָנען יידן, — איז א צו ענגע און שמאָלע. האָט ניט קריסטוס געמוזט פאַרלאָזן זיין פאָלק? האָט דאָס ניט געמוזט טאָן שפּינאָזא? קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן א לאַסאַל און א מאַרקס אין די גרעניצן פון א יידישער טעטיקייט?

און נאָך מער חידושט ער זיך אויף מיין שטעלונג צו דעם „זשאַרגאָן”. (אזוי האָבן מיר דעמאָלט נאָך ביידע גערופן די יידישע שפּראַך, ניט אריינ־

לייגנדיק אין דעם אויסדרוק קיין שמץ פון א באַליידיקנדיקן זין.) געווים וועט מען מוזן אויסנוצן דעם זשארגאָן צוליב די צוועקן פון פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, און אויף דערויף וועט ער טויגן. אבער — שאַפן אין אים ? אַרויסברענגען נייס ? באַדעקן מיט אים אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור, מיט אַלע אירע דינסטע פארצווייגונגען ? — ווי איז דאָס מעגלעך ?

ער גלויבט דעריבער, אז מיין גאַנצע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אגי־טאַציע וואָס איך האָב אויפגעהויבן, וועט זיך ענדיקן מיט אַט וואָס:

א פּאָר יאָר וועל איך ארבעטן אויף אַט דעם פעלד. עס וועט זיך מיר איינגעבן צוצוציען צו איר נאָך א פּאָר מענטשן, ניט קיין סך. עס וועט באַשאַפן ווערן א ברייטבארע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאגאנדע־ליטע־ראַטור אין יידיש. און דאָס איז געווים זייער א גוטע זאַך. אבער דאָס איז ניט מער, ווי „געקאָכטע באָב און ארבעס". מיינע גייסטיקע אפעטיטן וועט דאָס בשום אופן ניט שטילן. איך וועל געווים דערנאָך אַוועקגיין פון איר, אָדער שענקען איר דעם קלענסטן טייל פון מיין ענערגיע. ביי דער אַרבעט וועלן בלייבן נאָר יענע, — און ווייטער געפירט וועט זי ווערן נאָר פון יענע, וואָס קאָנען לעבן אויף געקאָכטע באָב און ארבעס.

מיין ענטפער אויף זיין אויפפאַסונג. — אַן ענטפער, וואָס ווי דער לעזער פארשטייט, האָט געהאַט אין זיך דעם הינטער־געדאַנק, אויך אַנסקין צוצוציען צו דערזעלביקער ארבעט מיט אַלע אירע „ענגע", „ספּעציפיש־יידישע" צילן. האָט געמוזט אריבערגעטראָגן ווערן פון די הויכע הימלען פון געשיכטס־פילאָזאָפישע און קולטור־פילאָזאָפישע טעאָריעס, אויף די דלד אמות פון דעם יידישן לעבן און אויך מיינע אייגענע צילן אין דעם דאָזיקן לעבן.

קודם בין איך געווען פאראינטערעסירט, קלאָר צו מאכן אים מיין בליק אויף דעם ווערט און די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון דעם זשארגאָן". ס'איז אייגנטלעך גאָר ניט קיין זשארגאָן, האָב איך געזאָגט. ס'איז א שפּראַך מיט זייער א רייכן רוי־מאַטעריאַל, וואָס דאַרף אַרויסגעשלעפט ווערן פון דער שאַכט און איבערגעשמאָלצן ווערן אין דעם שמעלץ־אויוון פון די קינפטיקע שפּראַך־זשעניען. איך באַטראַכט מיך ניט פאַר אַזא שפּראַך־זשעני. אָבער אפילו מיר האָט זיך שוין איינגעגעבן צו מאַכן זי בוויגיקער און שמידעוודיקער. אַט איז דער באַווייז: לאָמיר דורכלייענען א פּאָר פון מיינע זאַכן אין יידיש!

איך האָב אים פאָרגעלייענט א פּאָר איבערזעצונגען פון היינע, נאַדסאָן און הערוועג, אויך אַ פּאָר פון מיינע אייגענע שירים. (איך פלעג נאָך דעמאָלט אונטערזינדיקן פון צייט צו צייט מיט אַזעלכע זאַכן.)

דער עפעקט פון מיין פאַרלייענען איז אין איין פונקט געווען גראַד דער, וועלכן איך האָב דערוואַרט. איצטער, ביי דעם איצטיקן מעמד פון אונדזער ליטעראַטור־שפּראַך, איז שוין קיין קונץ ניט איבערצוגיסן דעם פּרעמדשפּראַכיקן מאַטעריאַל אין א ריין־יידישער פאָרם און אויפצוהויבן אן איבערזעצונג אויף דער הויך פון דעם אָריגינאַל, — אויף וויפיל אן איבערזעצונג קאָן בכלל דערהויבן ווערן צו אזא הויך. אין יענע צייטן איז דאָס אָבער געווען כמעט ווי א מין וואונדער. ביי אנסקין האָבן מיינע איבערזעצונגען זייער און זייער אויסגענומען. ער האָט ווי א מבין זיך איינגעהערט אין דעם פּלוס פון די קלאַנגען און האָט שטאַרק הנאה געהאט פון זיי. זיין טעאָרעטישע פּאָזיציע האָט דאָס אָבער ניט איבערגעביטן א ברעקל. ער האָט געזען דערינען א שיינע קונצן־מאכעריי. ווי, לאָמיר זאָגן, קונציק־אויסגעפירטע אַריעס אויף א „שטרויענעם צימבל", וואָס איז אויפגעבויט פון א פּאָר צענדליק פלעקלעך מיט פארשיידענע קלאַנגען: אן אינטערעסאַנטע קוריאָזיטעט, וואָס קאָן ניט שפּילן קיין ערנסטע ראָליע אין דעם מוזיקאַלישן שאַפן און אין דער אנטוויקלונג פון מוזיק.

(אזא שטעלונג צו מיין יידישער שפּראַך, וואָס איר גלאַנץ האָט זיך אָפּט געוואָרפן אין די אויגן אין די ערשטע פּעריאָדן פון אונדזער שפּראַך־אנטוויקלונג, — האָב איך שפּעטער באַגעגנט אויך ביי מיין פריינט, מ. ראָזענבאַום, וואָס איז אויך אין די ערשטע צייטן געווען א קעגנער פון יידיש. מיין פאַרטיידיקונג פון יידיש מיט דעם אָנווייז אויף מיינע אייגענע לעקציעס — שוין דאָ אין אמעריקע — פלעגט ער אוועקשטופּן אָן א זייט מיט דעם באַמערק: „דו ביזט אן אויסנאַם. דו קאָנסט טאַנצן אויף א שטריק. מען טאָר אָבער פון קיינעם ניט פאַרלאַנגען, ער זאָל קאָנען טאַנצן אויף א שטריק". איצטער האָט אויך ראָזענבאַום שוין אויסגעפונען פון דער אייגענער דערפאַרונג, אז יידיש איז ניט קיין שטריק איבער אן אָפּגרונט, נאָר א פעסטער באָדן, אויף וועלכן יעדער איינער קאָן גיין און דערגרייכן די העכסטע שפּיצן פון די העכסטע בערג. נאָר דער באָדן איז געווען א שטאַרק פאַרלאָזענער, מיט זאַמדן און זומפּן און ווילדן געוויקס. די ארבעט פון קולטיווירן דעם באָדן ווערט איצטער אנגעפירט מיט דער גרעסטער התמדה פון מערערע הונדערטער געבענטשטע קרעפטן, און עס וועט שוין ניט נעמען לאַנג, ביז יעדער איינער וועט איינזען, אז דאָס איז א דורכאויס פּרוכפּערער און גוט געבענטשטער באָדן פאַר א מענטשלעכער פּראָגרעסיווער קולטור).

פון דער שפּראַכן־פּראַגע זיינען מיר מיט אנסקין ווידער אריבער אויף

דער פראַגע פון דער „ענגקייט", וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם יידישן נאַציאָנאַלן זיין.

איך האָב לחלוטין געלייקנט, אַז די גרויסע צאָל מענטשן שפּילט, אָדער מעג שפּילן א ראָליע, אין דער באַשאַפונג פון די העכסטע קולטורעלע רייכטימער אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

לאָמיר נעמען דאָס פּאַרציייטיקע גריכענלאַנד, און ספּעציעל די רעפּובליק אַטין. וויפיל אַפינער זיינען געווען אין גאַנצן אין דער צייט פון זייער העכסטער גלאָריע? קוים א פּאָר הונדערט טויזנט. פאַר וועמען האָבן די אַפינער געוואָלט שאַפן? פאַר דער מענטשהייט? זיי האָבן גאר געלייקנט, אַז די ניט־גריכן, די „באַרבאַרן", געהערן צו דעם מין מענטש. זיי האָבן געשאַפן פאַר זיך אליין. און וואָס פאַר געוואַלדיקע זשעניען זיי האָבן ארויסגעבראַכט! עד היום באַוואונדערט די מענטשהייט זייער גרויס. אויב די סאָקראַטן, די פּלאַטאָנען און אריסטאָטעלן איז ניט געווען „ענג" אין די ידלך אמות" פון א הונדערט טויזנט, פאַר וואָס דאַרף א לאַסאַלן אָדער א מאַרקסן ווערן „ענג" אין די גרעניצן פון א פּאָר מיליאָנען?

3

א גרויסן טייל פון מיינע ויכוחים מיט אַנסקין וועגן דער יידיש־נאַציאָנאַלער פראַגע האָט פאַרנומען די ריין פּערזענלעכע שאלה, פאַרוואָס גראַד בין איך געוואָרן א נאַציאָנאַליסט?

— מיט וואָס בין איך א ייד? און אין וועלכן זין בין איך א ייד? — אָט דאָס איז, אין וואָס אַנסקי האָט געוואָלט ווערן קלאָר.

אויך דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן די שווערקייט פאַר אַ יידישן אינטעליגענט אויפצופאַסן דעם ריין נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. סיי דער פרומער ייד, סיי דער אַפּיקורסישער אַסימיליאַטאָר פאַרבינדן מיט דעם באַגריף „יידישקייט" אַ געוויסן רעליגיעזן, סאָציאַל־עטישן אָדער, לפחות, פילאָזאָפישן גלויבן, וואָס דאַרף מאַכן איינעם פאַר אַ יידן און צוליב וועלכן עס זאָל זיך לוינען צו זיין אַ ייד. דער פרומער ייד האָט אַזאַ גלויבן, איז ער דעריבער אַ ייד. דער „אַפּיקורס" לייקנט, אַז איצטער קאָן געמאָלט זיין אַ ריין ספּעציפיש־יידישע ריכטונג אין דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיט די רעזולטאַטן פון דעם פרייען מענטשלעכן געדאַנק און וואָס זאָל אין דער זעלביקער צייט באַרעכטיקן איינעם, זיך ארויסצושיידן פון דעם אַלמענטשלעכן געדאַנקען־שטראָם אין אַ באַזונדער יידישער ריכ־

טונג. און ווייל דער אפיקורס לייקנט דאָס, הערט ער אויף, מיט פולן רעכט, צו זיין, אַ ייד.

קורץ: סיי פאַר דעם פרומען יידן, סיי פאַר דעם פרייגעזאָנענעם איז יידישקייט — אַ געוויסע גערדאַנקען־ריכטונג: דאָס יידישע פאָלק איז אַ פאַראייניקונג פון גלייך געזינטע מענטשן, פונקט ווי אַ רעליגיעזע סעקטע, אַ סאָציאַל־פּאָליטישע פּאַרטיי אָדער אַ פילאָזאָפישע „שולע". עס איז אַ געוויסע פרייוויליקע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער מען קאָן אַריינטרעטן, אויב מען שטימט איין מיט אירע גרונט־פּרינציפּן, און פון וועלכער מען קאָן אַרויסטרעטן, אויב מען שטימט מיט זיי ניט איין.

אין וואָס באַשטייט מיין ספּעציפיש־יידישע געזינונג? וואָס „לערנט" מיין „יידישקייט", צוליב וועלכער איך בין געוואָרן אַ ייד.

אין מיינע ענטפערס האָב איך מיך געמיט אַרויסצוברענגען די גאַנצע פאַלשקייט פון אַזאַ פראַגע־שטעלונג. אַ פאָלק איז ניט קיין פאַראייניקונג פון גלייך־געזינטע. אַ פאָלק איז אַ קולטור־שאַפנדיקער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם, וואָס ברענגט אַרויס פון זיך די טויזנטער פאַרשיידנסטע געזינונגען, וואָס לויפן זיך פאַנאַנדער אין די טויזנטער זיך ווידערשפּרעכנדיקסטע ריכטונגען. דעריבער קאָן קיין גערדאַנקען־אינהאַלט ניט זיין „נאַציאָנאַל". ווייל אויב אַ וועלכער עס איז גייסטיקער אינהאַלט זאָל דערקלערט ווערן פאַר אַ ספּעציפישן סימן פון אַ געוויסער נאַציאָנאַליטעט, מוז אַן אַנדער גייסטיקער אינהאַלט, וואָס גייט להיפוך צו אים, דערקלערט ווערן פאַר „אַנטי־נאַציאָנאַל". אָט דער „אַנטי־נאַציאָנאַלער" אינהאַלט איז דאָך אָבער אויך באַשאַפן געוואָרן פון דעם זעלביקן פאָלק, ווייל ער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון זיינע אייגענע קינדער.

דאָס „נאַציאָנאַלע", וואָס פאַרבינדט אַלע ריכטונגען אין איין אייני־ציקן קולטורעלן אָרגאַניזם, קאָן בשום אופן ניט ליגן אין אַ באַשטימטן אינהאַלט. (אַ וועלכער עס איז „תורה", אַ וועלכן עס איז גלויבן אָדער אומגלויבן), נאָר אין אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער פאָרם.

דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליסט־אַטעאיסט איז פונקט אַזאַ פראַנ־צויז, ווי דער גאָט־גלויביקער פרומער פראַנצויזישער קאַטאָליק. דער קאָס־מאָפּאָליט איז פונקט אויף אַזאַ פראַנצויזישן אופן אַ קאָסמאָפּאָליט, ווי זיין פראַנצויזישער שאָוויניסטישער קעגנער איז אויף אַ פראַנצויזישן אופן אַ שאָוויניסט. און אַזוי איז דאָס אויך ביי דעם יידישן פאָלק. דער פרו־מער ייד איז אויף אַ יידישן אופן פרום, ווי דער יידישער אפיקורס איז אויף דעם זעלביקן יידישן אופן אַן אפיקורס.

דער ספּעציפיש־נאַציאָנאַלער אופן, ווי אַזוי עס ווערן אַרויסגעבראַכט די זיך ווידערשפּרעכנדיקסטע גייסטיקע ריכטונגען פון דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער קולטור, — אָט אין דעם באַשטייט דער נאַציאָנאַלער זין פון אַ פאָלק. דער ספּעציפיש־נאַציאָנאַלער אופן (און ניט אַ וועלכער עס איז אינהאַלט) וואַקסט אַרויס פון די ספּעציפיש נאַציאָנאַלע שאַפונגס־כוחות פון אַ פאָלק. יענע כוחות אַנטוויקלען זיך, פאַרענדערן זיך, אָדער ווערן אָפּגעטעמפּט פון דור צו דור, אין דעם פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער קולטור, וועלכע דאָס פאָלק ברענגט אַרויס, און דערנאָך — גייען זיי איבער בירושה פון דור צו דור אויף דעם וועג פון ביאָלאָגישער פאַר־ערבונג.

דאָס פאָלק — אַ נאַציע — איז דער ביאָלאָגישער טרעגער פון אָט־די באַשטימטע קולטור־שאַפנדיקע כוחות. דעריבער קאָן מען ניט פרייוויליק אַריינטרעטן אין אַ וועלכן עס איז פאָלק, מען קאָן נאָר אַריינגעבאָרן ווערן אין אים. און מען קאָן אויך ניט פרייוויליק אַרויסטרעטן פון אַ פאָלק, סיידן אַרויסשטאַרבן פון אים.

רעדט מען וועגן ריין נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, קאָן ניט זיין קיין רייד וועגן די אָדער יענע „אמתן", אין וועלכע דאָס פאָלק זאָל גלויבן אָדער ניט גלויבן. דאָס זיינען ריין מענטשלעכע פראַגן, וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט „נאַציאָנאַליטעט". רעדט מען וועגן נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, קאָן זיין די רייד נאָר וועגן איין זאַך: וועגן דער דערהאַלטונג און דער ווייטערדי־קער אַנטוויקלונג פון יענעם קולטור־שאַפנדיקן קאָלעקטיווען אָרגאַניזם, וואָס איז דער ביאָלאָגישער טרעגער פון די באַשטימטע קולטור־שאַפנדיקע כוחות, און וועגן די באַציאונגען, וואָס דאַרפן הערשן צווישן אָט־דעם באַשטימטן קולטור־שאַפנדיקן אָרגאַניזם און די אַנדערע קולטור־שאַפנדיקע אָרגאַניזמען (פעלקער) פון דער מענטשהייט. אַ ייד איז דעריבער יעדער איינער, וואָס קומט פון געבורט אויף דער וועלט מיט יידישע שאַפונגס־כוחות, און אַ נאַציאָנאַלער ייד איז דער, וואָס וויל, אַז זיין פאָלק זאָל בלייבן לעבן אויף דער וועלט, ווי אַ זעלבסטשטענדיקער קולטור־שאַפנדיקער אָרגאַ־ניזם: אַלץ איינס אין וואָס אַזאַ ייד זאָל גלויבן אָדער ניט גלויבן.

אָט־די געדאַנקען מיינע וועגן דעם עצם פון „נאַציאָנאַליטעט" און דעם עצם פון „יידישקייט" האָב איך שפּעטער טעאָרעטיש באַגרינדעט אין אַ סך איינצלנע מאָנאָגראַפיעס. אָבער שוין צו דער צייט פון מיין ויכוח מיט אַנסקין זיינען זיי געווען אויסגעאַרבעט ביי מיר, אויב ניט אין די פּרטים, איז אין די וויכטיקסטע גרונט־שטריכן.

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, האָט אַנסקי גאַנץ גוט תופס גע־

ווען דעם אביסל הארבן טעאָרעטישן ענין. אָבער זיך אײנגאַנצן באַפרייען פון דעם אַלטן בליק אויף דער זאַך איז אויך אים געווען שווער. און דערצו האָט מײן טעאָריע פון נאַציאָנאַליטעט ניט געגעבן קײן ענטפער אויף דער הויפּט־שאלה, פאַרוואָס בין איך געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ייד, און פאַר־וואָס זאָל ער — אַנסקי — אויך ווערן אַזאַ נאַציאָנאַלער ייד.

די שוועריקייט פון דעם פּראָבלעם באַשטײט אין אָט־וואָס: אָנגענו־מען, אַז אַ ייד קאָן קײנמאָל ניט אַרויס פון דעם גדר „ייד", כל זמן ער בלײבט בײם לעבן. ער וועט אַלעמאָל האָבן אין זיך אַ ניצוץ פון יענע קול־טור־שאַפנדיקע כוחות, וואָס כאַראַקטעריזירן דאָס יידישע פאָלק. אָבער אויב קײן יחיד קאָן ניט אַרויסגײן פון זײן פאָלק, קאָן ער אָבער אַרויס־גײן פון זײן פאָלקס־לעבן, פון יענער קולטורעלער סביבה, וועלכע זײן פאָלק האָט באַשאַפן. ער קאָן ניט אַרײנגײן אין אַן אַנדער פאָלק, אָבער ער קאָן צושטײן צו אַן אַנדער פאָלק. ד. ה. אַרײנלעבן זיך אין אַ קולטור־רעלער אַטמאָספערע, וואָס ווערט באַשאַפן פון אַן אַנדער פאָלק, און באַ־וואוסטזיניק מאַכן יענעמס לעבנס־צילן און אויפגאַבן פאַר זײנע אײגענע.

וואו ליגט דער מאָראַלישער חוב, אַז דער יחיד זאָל מוזן בלײבן טריי צו דער קולטור־ספערע פון זײן פאָלק, אפילו דעמאָלט, ווען ער האַלט זי פאַר אַ נידעריקערער, אײדער די קולטור־ספערע פון די אַנדערע פעלקער? וואו איז דער מאָראַלישער חוב, ער זאָל קעמפן פאַר דער דערהאַלטונג און די ווײטערע אַנטוויקלונגען פון יענעם קולטור־שאַפנדיקן אָרגאַניזם, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ קולטור, וואָס איז אים לגמרי אומסימפּאַטיש? און ווי קאָנען אינטעליגענטע מענטשן פאַרלאָזן די העכערע קולטור־ספערע, אין וועלכער זײ האָבן זיך אַרײנגעלעבט, צוליב אַ נידעריקערער קולטור־ספערע, בלויז דערפאַר, וואָס זי איז באַשאַפן געוואָרן פון ברידער און קרובים?

אויף די אַלע פראַגן איז מײן ענטפער געווען אַזאַ: ס'איז געווים ניטאָ קײן מאָראַלישער חוב פאַרן יחיד צו בלײבן אין דער קולטור־ספערע, וועלכע זײן פאָלק ברענגט אַרויס. אויב ער סימפּאַטיזירט ניט מיט זײן פאָלק און מיט דער קולטור פון זײן פאָלק, אויב אים אַרט ניט, אַז אָט־דער קול־טור־שאַפנדיקער אָרגאַניזם זאָל פאַרשווינדן, ווי אַ באַשעפער פון אַ באַ־שטימטער נאַציאָנאַלער קולטור, האָט ער אַ רעכט צו פאַרלאָזן זײן פאָלק און צוצושטײן צו וועלכער קולטור־ספערע ער וויל. נאָך מער: ער האָט אַ רעכט צו אַרבעטן אין אַ רײן אַסימילאַטאָרישן זין: ער האָט אַ רעכט צו רופן זײנע ברידער, זײ זאָלן ,אינאײנעם מיט אים, זיך אָנשליסן אָן דער פרעמדער קולטור־ספערע און צעגײן אין איר, ווי קערנדלעך זאַלץ אין אַ ים וואַסער. די טרײקײט אָדער אומטרײקײט צו דער היסטאָרישער

צוקונפט פון א פאָלק קאָן ניט זיין קיין זאַך פון לאָגישע חשבונות און מאָראַלישער פליכט. דאָס איז א זאַך פון געפיל פון א ספּעציפישן נאַציאָ־נאַלן געפיל. ביי איינעם איז ניטאָ אַזאַ געפיל, איז ער פּטור פון אַלע התחייבותן צו זיין פאָלק.

אָבער — ווי אַזוי קאָן ביי אַן אינטעליגענטן מענטשן נאָך לעבן אַזאַ נאַציאָנאַלער געפיל, ווען ער זעט, אויף וואָס פאַר א נידעריקער מדרגה די קולטור פון זיין פאָלק שטייט? ווי אַזוי קאָן ער זיך אָפּזאָגן פון א העכערן קולטורעלן לעבן צוליב א נידעריקערן?

דער ענטפער דערויף איז ניט אַזוי גרינג צו געפינען. אָבער — לאָמיר פּרואוון באַטראַכטן די זאַך פון אַביסל אַן אַנדער שטאַנדפּונקט.

מיר ביידע גלויבן אין דער אומגעהויער גרויסער ראָלע, וואָס די אינטע־ליגענציע שפּילט אין דעם לעבן פון א פאָלק. ער, אַנסקי, וועט דעריבער ניט קאָנען לייקענען, אַז פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ און אַנטוויק־לונג פון דעם יידישן פאָלק און דער יידישער קולטור איז זייער וויכטיק, אַז די אינטעליגענציע זאָל פון אים ניט אַנטלויפן: אַז זי זאָל בעסער צעגיין ווי קערנדלעך זאַלץ אין זיין ים, איידער אין א פרעמדנס ים; אַז זי זאָל אים בלייבן פּונקט אַזוי טריי, ווי דאָס איז דער פאַל מיט יעדער אינטעלי־גענציע ביי יעדן אַנדער פאָלק.

לאָמיר זיך איצטער פאָרשטעלן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געקומען צום באַוואוסטזיין, וואָס פאַר א גרויסן שאָדן ער ליידט פון דעם פאַקט, וואָס זיינע בעסטע קינדער פאַרלאָזן אים. לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן, אַז, אָנשטאָט זידלען זיך און פאַרשילטן זיינע אייגענע בעסטע קינדער, האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן די פּשוטע פראַגן: ווי אַזוי קומט דאָס, וואָס מיינע קינדער ווערן אומטריי צו מיר? ווי מאַכט מען, אַז זיי זאָלן זיך ניט וועלן אָוועקגיין פון מיר, אַז זיי זאָלן ניט אַרויפקומען אויפן זין צו פאַרלאָזן מיך? און לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס פאָלק האָט אויסגעפונען, וועלכע ענ־דערונגען ער דאַרף דורכפירן אין זיין אייגענעם לעבן, כדי זיינע בעסטע קינדער זאָלן ממילא, פון זיך אַליין, אָן א ברעקל געדאַנק וועגן וועלכע עס איז „קרבנות", זיין צוגעבונדן צו אים.

דורך וועמען וואָלט דאָס יידישע פאָלק געקאָנט קומען צום באַוואוסט־זיין און פרעגן די דאָזיקע פראַגע? דורך וועמען אויספאָרשן די אורזאַכן פון זיינע ליידן און די מיטלען ווי צו היילן זיי? דורך וועמען שטרעבן דורכצופירן יענע מיטלען אין לעבן?

ס'איז קלאָר: אונדזער פאָלק וואָלט דאָס געקאָנט טאָן נאָר דורך יע־

נער אינטעליגענציע, וואָס האָט זיך מחמת דעם אָדער יענעם טעם אומגע־קערט צו אים.

אָט־דאָס איז דער זין און די דערקלערונג פון מיין אייגענער טעטי־קייט: דורך מיר, און דורך אַזוינע ווי איך, וויל אונדזער פאָלק מאַכן אַ סוף צו דעם אַנטלויפן פון דער אינטעליגענציע.

4

אויף מיין טעאָרעטישער דיסקוסיע מיט אַנסקין וועגן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אַביסל לענגער מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, וואָלט אויך אַנסקי ניט געלייקנט, אַז אויף זיין שפּע־טערדיקן צוריקקער צום פאָלק האָט אויך מיין פערזענלעכע פּראָפּאַגאַנדע געמוזט האָבן אַ געוויסע ווירקונג. צווייטנס אָבער, האָט זיך אין אונדזער אונטעררעדונג אַרויסגעוויזן אַ געוויסער שטריך אין אַנסקיס אָנשויאונגען, וואָס האָט געשטאַמט פון זיין גאַנצן וועזן און וואָס קאָן אונדז אַ סך דער־קלערן אין זיין שפּעטערדיקער שטעלונג צו דעם יידישן פאָלק.

עס איז דאָ פאַר מיר ניט נויטיק איבערצוגעבן באריכות אַלע פּרטים פון מיין דעמאָלטדיקן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם און אַלע יענע אַרגומענטן, מיט וועלכע איך האָב זיי פאַרטיידיקט. די לעזער קאָנען זיי געפינען (אויב דאָס אינטערעסירט זיי) אין מיינע ווערק, וואו איך האָב זיי אַנטוויקלט און פאַרטיידיקט אין אַ פולערער מאָס און אויף אַ סיסטעמאַ־טישן אופן.

דאָ וויל איך נאָר באַמערקן, אַז די גרונט־לאַגן פון מיין פּראָגראַם זיינען שוין געווען אָנגעמערקט אין דעם ביכל „יעוורעי ק׳ יעווריעיאַם" („אַ ייד צו יידן"), וואָס איז געווען דער באַזיס פאַר אונדזער דיסקוסיע אין זומער 1892. די גרונט־לאַגן קאָנען פאָרמולירט ווערן בקיצור אַזוי:

„די נאַציאָנאַלע ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט, אייראָפּייאישער קולטור און יידישער שפּראַך! די יידי־שע אינטעליגענציע דעם יידישן פאָלק!"

פאַר אַנסקין האָב איך ניט געדאַרפט פאַרטיידיקן ניט די יסודות פון ערד־אַרבעט, ניט די יסודות פון דער אייראָפּייאישער קולטור. די דיסקו־סיע האָט זיך געדרייט אַרום דער פראַגע וועגן דער יידישער שפּראַך און דער יידישער אינטעליגענציע, וואָס מוז, נאָך מיין מיינונג נאָך, אין גאַנצן, אין אַלע צווייגן פון אירע שאַפונגען, געהערן קודם כל דעם יידישן פאָלק.

ערשט דורך דעם יידישן פאָלק זאָל זי קאָנען אויסווירקן איר השפּעה אויף דער מענטשהייט, אויב איר שאַפן וועט אַרויסווייזן אַזאַ ווייט־טראָגנדיקן אימפּעט.

כדי די אינטעליגענציע זאָל אינגאַנצן געהערן קודם כל דעם יידישן פאָלק, דאַרפן אירע שאַפונגען געשען אין דער יידישער שפּראַך: ווייל אין וועמעס שפּראַך דו שאַפסט, פאַר יענעמס פאָלק אַרבעטסטו!

נאָכאַמאָל: דער תוך פון נאַציאָנאַליטעט זיינען דעם פאָלקס שאַפּנ־דיקע כוחות, זיינע באַשטימטע השלמות און פעאיקייטן; די דרויסנדיקע פאָרם פון נאַציאָנאַליטעט איז די שפּראַך, אין וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ זיין גאַנצער קולטורעלער לעבן.

לויט אונדזערע שאַפנדיקע כוחות, זיינען מיר ביידע — יידן. אָבער לויט אונדזער שפּראַך, זיינען מיר ביידע — רוסן. און דעריבער וועט אַלץ, וואָס מיר שאַפן און וועלן שאַפן אין רוסיש, געהערן קודם כל דעם רוסישן פאָלק.

און — ווי אַזוי זיינען מיר געוואָרן „רוסן"? האָבן מיר דען אין אונדזער יוגנט געלעבט אַ רוסישן לעבן? ניין, אונדזער לעבן איז געווען אַ יידיש לעבן. נאָר די רוסישע שפּראַך און דאָס רוסישע בוך האָט אונדז אָוועקגעריסן פון דער יידישער היים. אין וואָס איז אָבער געלעגן די מאַג־נעטישע קראַפט פון דעם רוסישן בוך? זיין כישוף איז געלעגן אין דעם, וואָס דורך אים, און דורך דער רוסישער שפּראַך, האָבן מיר אָנגעזאַפּט אין זיך די אידעאַלן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס און די יסודות פון דער אייראָפּייאישער קולטור.

וואָלטן מיר די זעלביקע ביכער געלייענט ניט אין רוסיש, נאָר אין יידיש (די וויכטיקסטע פון זיי זיינען דאָך סיי־ווי־סיי געווען איבערזעצונ־גען פון אייראָפּייאישע שפּראַכן), וואָלט אונדז גאָר אויף דעם זין ניט אַרויפגעקומען, אַז מיר זיינען ניט קיין יידן, און נאָך וויניקער וואָלט זיך אונדז געקאָנט אויסדוכטן, אַז מיר זיינען רוסן. די יידישע שפּראַך וואָלט אונדז צוגעבונדן צו דעם יידישן פאָלק און צו אַלע לעבנס־פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן אין אים אָן, און אונדזער פּראָגרעסיווע טעטיקייט וואָלט גע־האַט פאַר זיך נאָר איין וועג: די רעוואָלוציאָניזירונג פון דעם יידישן לעבן, דאָס שטרעבן איבערצובויען דאָס גאַנצע יידישע לעבן, לויט די פאָדע־רונגען פון דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס.

אָט פאַרוואָס די צענטראַל־אויפגאַבע פון מיין גאַנצער יידישער טע־טיקייט באַשטייט איצטער אין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אין דער באַ־שאַפונג פון אַ גייסטיקער אַטמאָספערע אין דער יידישער שפּראַך, וואָס

זאָל האָבן אַזאַ אינווייניקסטע קראַפט אין זיך, אַז די וואָס ווערן דערצויגן אין איר, זאָלן אויף אייביק אין איר פאַרבלייבן.

צי די אינטעליגענציע, וואָס איז אַוועק פון אונדז, וועט זיך צוריק־אומקערן, צי ניט, איז, — אין עצם, — ניט אַזוי וויכטיק. אונדזערע מאַסן האָבן גענוג כּוחות אין זיך, אַרויסצורוקן אַ נייע אינטעליגענציע, וואָס זאָל לויט איר שפּראַך זיין לכתחילה צוגעבונדן צו איר פאָלק, אַט יענע קומענדיקע אינטעליגענציע וועט איבערנעמען און דורכפירן אַלע אויפגאַבן פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס ביי דעם יידישן פאָלק. אָבער פאַר דעם פּראָצעס פון באַשאַפן אַט־די נייע גייסטיקע אַטמאָספערע אין יידיש איז יעדע אינטעליגענטע יידישע קראַפט פון ווערט און באַטייט. און יעדער, וואָס וואָלט געקומען צוריק אַהיים, וואָלט געפונען פאַר זיך אַ חשובע באַפרידיקענדיקע אַרבעט.

אַנסקי האָט מיך אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם. ער האָט ניט געפּאָלעמיזירט, נאָר געפרעגט שאלות, כּדי נאָך קלאָרער צו ווערן אין דעם ענין. ער האָט זיך פאַרטראַכט און אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגערעדט:

— ווען איך וואָלט באַשלאָסן, מיך אומצוקערן צו דעם יידישן פאָלק, וואָלט איך מיך מיט דעם ניט באַנוגנט, איך וואָלט מיך אומגעקערט אינגאַנצן.

— ווי שאַשקאָוו? — האָב איך אים געפרעגט.

— ווי שאַשקאָוו...

איך מוז דאָ דערקלערן דעם לעזער, וואָס אַזוינס עס באַטייט „ווי שאַשקאָוו".

נאָך אין דעם ערשטן אָוונט, ווען מיר האָבן זיך „אויף אַ וואָלינקע" פאַררעדט ביז אין ליכטיקן מאָרגן אַריין, איז געקומען צו רייד דער לעבנס־פינאַל פון אַ רוסישן שרייבער, וואָס האָט געשריבן אונטער דעם נאָמען שאַשקאָוו. לויט אָפּשטאַם זיינעם איז ער געווען אַ יאַקוט, אָדער אַ בוריאַט, אָדער פון אַ וועלכן עס איז אַנדער האַלב־ווילדן שבט פון דעם וויטן סיביר. דורך דער רוסישער דערציאונג און בילדונג האָט ער זיך דערהויבן צו די העכסטע שטופן פון דעם מאָדערנעם פרייען גענדאַנק. ער האָט באַלאַנגט צו דעם ראַדיקאַלן לאַגער, געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל „דיעלאָ", און אַלע זיינע ביכער און אַרטיקלען, וואָס האָבן גע־האַט אַן אומגעהויערן דערציערישן ווערט, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ וואַרימער הומאַנער טענדענץ.

פּלוצלונג אָבער האָט אַט־דער שאַשקאָוו אויפגעגעבן זיין שריפט־שטעלערישע טעטיקייט. ער האָט פאַרלאָזן די הויכן פון אַ ציוויליזירטן

לעבן, האָט זיך אומגעקערט צו זיינע יאַקוטן אָדער בוריאַטן אין סיביר און איז ווידער „פאַרווילדעוועט״ געוואָרן מיט זיי. אינאיינעם מיט זיי פלעגט ער זיך אָנטרינקען אַ שיכורער און פלעגט אין די „יורטעס״ — אינאיינעם מיט זיי — אַרויסשרייען מיט באַנומענע קולות זייערע פאָלקס־לידער.

אפילו די אייראָפּייאישע קליידער זיינע האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך און איז אומגעגאַנגען, ווי זיינע ברידער, אַ פאַרוואָקסענער, אַ פאַרשמוציקטער. „אָקאָנטשאַטעל׳נאָ אָבוריאַטילסיאַ״ (אָדער : „אָביאַקוטילסיאַ״) : האָבן — ווי אַנסקי האָט מיר דערציילט, — געזאָגט די, וואָס האָבן אים געזען אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען מיט שאַשקאָוון ?

האָבן מיר דאָ אַ פאַל פון „זרוק חוטרא לאוירא ועל עיקרית קאָי״ „ווי דו זאָלסט ניט וואַרפן דעם שטעקן, וועט ער אויף זיין וואָרצל פאַלן ?״ אָדער ווי דער רוס זאָגט : „וואָלקאַ סקאָלקאָ ניע קאָרמי, ווסיאָ אָן וו׳ליעס גליאַדיט״ : אַ וואָלף וויפיל דו זאָלסט אים ניט פיטערן, קוקט ער אַלץ אין וואַלד אריין ? באַטייט דאָס, אַז די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע איז ביי שאַשקאָוון געווען נאָר אַ דרויסנדלעכע לאַקירונג ,און אַז אין תוך אַריין איז ער געבליבן דערזעלביקער ווילדער בוריאַט, וואָס האָט צום סוף לעבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פרעמדע באַפּוצונג ?

אָדער האָבן מיר דאָ פאַר אונדז אַ דערשיינונג פון גאָר אַ הויכן, כמעט ווי אַ מיסטישן מין ? האָט אפשר שאַשקאָוו דערשפּירט, אַז די פאָרמען פון ציוויליזירטן לעבן זיינען גאָר אומוויכטיקע דרויסנדלעכקייטן, אַז דער תוך פון מענטשלעכקייט קאָן בעסער דערגרייכט ווערן, ווען מען לאָזט זיך אַראָפּ אין די געהיימניספולע טיפן פון דער אייגענער נשמה און מען גיסט זיך דאָרטן מיסטיש צונויף מיט דעם וועלט־גייסט, וואָס ווירקט אין איר, און אַז עס איז דערביי קיין נפקא מינא ניט, אויף וועלכן וועג מען דערגרייכט יענע געהיימניספולע טיפן : דורך הויך אַנטוויקלטע רעליגיעזע פּראָצעסיעס און צערעמאָניעס, אָדער דורך אַ פשוטן, ווילדן רייסן זיך פון די כלים ?

אָדער איז ביי שאַשקאָוון לעבעדיק געוואָרן דאָס געפיל פון רחמנות און ליבע צו זיין אייגענעם פאָלק, און ער האָט ניט געקאָנט מער פאַרטראָגן, וואָס ער, שאַשקאָוו, לעבט זיך אין די פרייע הויכן, בעת זיינע אייגענע שטיקן זיך אין דעם ווילדן נידער ? אפשר האָט די ליבע צו זיין פאָלק זיך דערהויבן ביי אים צו יענער מדרגה, וואָס ווערט באַזונגען אין דעם פרעכטיקן יידישן פאָלקס־ליד : „זאָג מיר, דו שיין מיידעלע״, וואו

די פאַרליבטע איז גרייט צו נעמען אויף זיך די שווערסטע האַרטקייטן פון לעבן, „אבי מיט דיר אינאיינעם זיין״?

לאָז זיין — ווילד, לאָז זיין — שמוציק, לאָז זיין — שטינקינק:

„אבי מיט דיר אינאיינעם זיין״...

ווען אַנסקי האָט מיר אין יענעם ביינאַכט דערציילט וועגן שאַשקאָוון, האָט מיך דורכגענומען אַ גרויל. צו הויך שעץ איך די מענטשלעכע קול־טור און די ציוויליזאַציע, — דערהויפּט די גייסטיקע קולטור, איך זאָל מיך קאָנען אָפּזאָגן פון איר צוליב וואָס עס איז אין דער וועלט.

— איך וואָלט דאָס ניט געקאָנט, — האָב איך באַמערקט אַנסקין נאָך זיין דערציילונג, — וואָלסטו דאָס געקאָנט?

אַנסקי טראַכט אַביסל: — מיר דוכט, אַז יאָ.

זיין באַמערקונג, אויף מיין פּראָגראַם־דערקלערונג, אַז אויב ער וואָלט זיך אומגעקערט צום יידישן פאָלק, וואָלט ער זיך אומגעקרט „ווי שאַש־קאָוו״, האָט דעריבער באַטייט, אַז ער וואָלט זיך אינגאַנצן צונויפגעגאָסן מיט דעם פאָלקס לעבן, מיט זיינע מנהגים און גלויבונגען, — אין וואָס זיי זאָלן ניט באַשטיין, ווי וויט זיי זאָלן ניט זיין פון אונדזערע אידייען וועגן אַ פּראָגרעסיוון מענטשלעכן לעבן:

„אבי מיט אים אינאיינעם זיין״.

5

אין יענער צייט האָב איך געהאַט אַ רעכט צו האָפן, אַז מיין דיסקוסיע מיט אַנסקין וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און וועגן דער יידיש־נאַציאָ־נאַליסטישער אַרבעט, וועט אפשר האָבן אַ שטיקל ווירקונג אויף זיינע אייגענע לעבנס־פּלענער.

זיינע ענינים מיט מיין קוזינע האָבן אויסגעזען זייער פיל פאַרשפּרעכנ־דיק, הגם קיין קלאָרע רייד זיינען נאָך אַלץ ניט געווען גערעדט צווישן זיי. אָבער ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געלאָזט וויסן, איך זאָל ניט פאַר־געסן, אַז באַלד דאַרף איך זיין ביי אים זיין „אונטערפירער״.

די זייער פריידיקע בשורה איז געווען אויך פאַרבונדן מיט דער אויס־זיכט, ער זאָל פאַרבלייבן אַביסל אַ לענגערע צייט אין שווייצאַריע. אונדזערע אונטעררעדונגען וואָלטן געקאָנט ווייטער געפירט ווערן, און — ווער ווייס? — אפשר וואָלט ער איינגעזען די ריכטיקייט פון מיין וועג און וואָלט צוגע־שטאַנען צו מיין פּראָגראַם.

פון אַט־די אַלע אויסזיכטן און האָפענונגען, — סיי זיינע, סיי מיינע, — האָט זיך אָבער גאָרנישט ניט אויסגעלאָזן. עס איז ניט באַשערט געווען אַנסקין צו האָבן פּערזענלעכן גליק אין זיין לעבן.

אַ פּאָר טעג נאָך זיין אוועקפאָר קריג איך פּלוצלונג אַ דעפּעש, איך זאָל קומען אויפן וואָקזאַל צו דעם צוג, מיט וועלכן ער פאָרט קיין בערלין, און זאָל אים, אויב מעגלעך, באַגלייטן ביז באַזעל.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ בין איך אַרויף אויפן פּעראָן, וואַרטן אויפן צוג. די פּאָר מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און איך האָב אין אַ פענצטער פון אַ וואַגאָן דערזען אַנסקים פּנים — אַ טונקל־רויטן, אויפגערעגטן, מיט אַ שווערן בליק אין די גרויסע שוואַרצע אויגן, — בין איך אַריין צו אים אין דעם אָנגערויכערטן וואַגאָן פון דריטן קלאַס.

אין קורצע ווערטער האָט ער מיר איבערגעגעבן דאָס, וואָס האָט פּאַסירט. מיין קוזינע האָט איינגעזען, אַז זי האָט געהאַט אַ פאַטאַלן טעות אין אירע געפילן צו אים... זי ליבט אים ניט אַזוי, ווי ער האָט זיך גערעכנט און האָט געהאַט אַ רעכט צו דערוואַרטן אויף דעם גרונט פון אירע בריוו. איצטער פליט ער צוריק קיין רוסלאַנד.

— דו געדענקסט? — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ ביטער אויסגעקרימטן שמייכל: דו האָסט מיר אַמאָל דערציילט וועגן אַ געקוילעטן האָן, וואָס איז נאָך דער שחיטה אַרומגעלאָפן, ווייל „דער אימפּעט האָט אים געטראָגן", ביז ער איז אַנידערגעפאַלן. אַט־דאָס בין איך איצטער. איך פלי ביז צו אַן אָרט, וואו איך זאָל קאָנען אַנידערפאַלן.

איך געדענק ניט איצטער גענוי, וואָס איך האָב צו אים גערעדט. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב העפטיק געפּראָטעסטירט, ער זאָל איצטער, אין אַזאַ צושטאַנד, פאָרן איינער אַליין קיין רוסלאַנד. איך האָב אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל פאַרבלייבן מיט מיר אַ געוויסע צייט, ביז ער וועט קומען צו זיך.

— האָסט מורא? — האָט ער געפרעגט, — איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן? זיי זיכער: איך האָב שוין דאָס דורכגעטראַכט און פאַרוואָרפן. איך פאָר טרינקען זיך, יאָ! אָבער נאָר פסיכיש דערטרונקען ווערן אין דעם ים... אין דעם גרויסן ים פון רוסישן פאָלק... ווי אַ טראָפּן צונויפגיסן זיך מיט אים און פאַרשווינדן אין אים... — און — זיי זיכער, — האָט ער צוגעגעבן, קוקנדיק מיר פעסט אין די אויגן, — איך וועל מיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך ... איך וועל באַזייטיקן אַלע מניעות, וואָס שטייען מיר דערביי אין וועג...

קלאָר און שאַרף און אָנרופנדיק די זאַך מיט איר אייגענעם נאָמען, האָט ער מיר איבערגעגעבן זיין באַשלוס, איבערצורייסן דעם לעצטן פֿאַר־מאָלן פאָדים, וואָס בינדט אים נאָך צו צו דעם יידישן פאָלק און וואָס דינט נאָך ווי אַ מחיצה צווישן אים און דעם רוסישן פֿויערטום...

... „איז פּעסני סלאַוואַ ניע וויקיניעש!" ... איך האָב איצטער, שרייבנדיק מיינע זכרונות וועגן אַנסקין, לאַנג געטראַכט, צי איך האָב אַ רעכט מיטצוטיילן אָט־דעם עפּיזאָד פֿון זיין לעבן, — אַן עפּיזאָד, וואָס וועט קלינגען אַזוי ווילד — אוממעגלעך יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר גע־קענט אַנסקין אין דער לעצטער צייט. בפרט אין דער צייט פֿון דער שמד־מגפה אין רוסלאַנד, ווען ער האָט איבערגעריסן אַלע באַציאונגען מיט אַלע „שוואַך־געוואָרענע" באַקאַנטע זיינע און איז געוואָרן אַן אויפגערודערטער פֿון אַ פּאָר ווערטער אין מיין „נייעם לעבן", וועגן דער נויטווענדיקייט צו „רעווידירן דעם יידישן דרייפוס־פּראָצעס", (דעם פּראָצעס פֿון ישו דעם קריסט) — ווערטער, וואָס האָבן אַרויסגערופן פֿון זיין זייט אַ פּאָר בלוט־טיק געשריבענע, פּראָטעסטירנדיקע אַרטיקלען אַנטקעגן קריסטוס, קריסטנ־טום און מיין שטעלונג צו זיי.

איך האָב מיך איצטער געפרעגט: צי קאָן מען און צי מעג מען נעמען ערנסט אַ געדאַנק, וואָס איז ביי אים געבאָרן געוואָרן אין אַ מאָמענט, ווען ער איז געווען אויסער זיך פֿון צער, אין אַ מאָמענט, ווען ער איז אפשר אין דעם בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט ניט געווען ביים קלאָרן זינען?

געווים קאָן איך ניט לייקענען, אַז אָט־דער באַשלוס איז פֿון אים אָנגענומען געוואָרן אפשר אין אַ מאָמענט פֿון גייסטיקער פֿאַרווירונג. איך מוז אויך צוגעבן, אַז עס איז אַ גרויסע שאלה, צי ער וואָלט יענעם באַשלוס געקאָנט דורכפירן בפועל, שוין פּשוט מחמת דעם, וואָס ער וואָלט דערביי געדאַרפט עפנטלעך לייגן און זאָגן, אַז ער גלויבט אין עפּעס אַזוינס, אין וואָס ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט גלויבן.

איך גיב צו: דער גאַנצער עפּיזאָד איז אפשר געווען ניט מער, ווי אַן איבערפליענדיקער שאָטן, וואָס האָט נאָר אויף אַ רגע פֿאַרטונקלט זיין נשמה, ניט אָנרירנדיק אפילו איר אויבערפלאַך.

און פונדעסטוועגן: „איז פּיעסני סלאַוואַ ניע וויקיניעש". מען קאָן ניט אַרויסוואַרפן קיין וואָרט פֿון אַ ליד. אַנסקים יוגנט איז געשטאַנען אונטער דער שליטה פֿון יענע פּראָצעסן, וואָס האָבן אַ גרויסן טייל פֿון אונדזער אינטעליגענציע פֿאַרפֿרעמדט פֿון דעם יידישן פֿאָלק, און זיין באַ־שלוס, זיך איינגאַנצן צונויפצוגיסן מיט דעם רוסישן פֿויערטום, מיט וועמעס ליידן ער האָט געליטן, פֿאַר וועמעס פֿרייהייט ער האָט געקעמפֿט, האָט נאָר

אָנגעצייגט יענעם העכסטן שטריך, ביז צו וועלכן די פאַרפרעמדונג האָט געקאָנט גיין אין די הערצער פון די איידלסטע און די בעסטע יידישע קינ־דער, אַפילו ווען אַזאַ געדאַנק איז ביי אַנסקין געווען ניט מער, ווי אַ פאַר־בייפליענדיקער שאָטן אין אַ רגע פון איבערמענטשלעכער נשמה־פיין . . .

פאַר מיר איז דער פאַקט, וואָס אַזאַ טונקעלער שאָטן האָט געקאָנט פאַרבייפליען איבער דער נשמה אויך פון אַן אַנסקי, גראָד כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסטיקן צושטאַנד פון אַ גאַנצן יידישן דור, כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם טיפן אָפּגרונט, פאַר וועלכן ער איז געשטאַנען, און אויך פאַר דער וואונדערבאַרער גייסטיקער און מאָראַלישער ענערגיע, מיט וועלכער יענער בעל־תשובה־דור האָט זיך אַרויסגעריסן פונם אָפּגרונט און האָט זיך דערהויבן צו די העכסטע הויכן פון יידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

ניין, אַזאַ „וואָרט” טאָר ניט אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דעם באַרוישנ־דיק שיינעם ליד וועגן דעם יידישן בעל־תשובה.

איך געדענק, איך האָב דעמאָלט העפטיק געקעמפט קעגן זיין פּלאַן, זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד, ניט נאָר ווייל דאָס וואָלט איגנאַנצן אָפּשניידן אַנסקין פון אַ וועלכער עס איז יידישער אַרבעט; ניט נאָר, ווייל ער וואָלט ווידער פאַרשוואונדן פון מיר אַזוי ווייט, נאָר — דער עיקר — אין זיינע אייגענע אינטערעסן: זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע געדאַנקען, צו וועלכע ער איז געקומען, אַרבעטנדיק אין דעם רוסישן דאָרף און מיט וועלכע ער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט, זיינען, נאָך מיין מיינונג נאָך, געווען איינ־זייטיק, האָבן צו קלאָר געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון ספּעציפיש רוסישע צושטאַנדן. זאָל ער אַ פּאָר יאָר פאַרברענגען אין מעריב־אייראָפּע, באַקאַנט ווערן מיט אַנדערע צושטאַנדן און אַנדערע מעטאָדן, ווי צו פאַר־ענטפערן דעם פּראָבלעם פון „אינטעליגענציע און פאָלק”. פון דעם מעריב־אייראָפּייאישן קאַלך־אויוון קאָנען זיינע געדאַנקען אַרויסגיין נאָר געלייַ־טערטע.

אויף דערווייל האָב איך ביי אים געקאָנט פועלן נאָר אויף אַזויפיל, ער זאָל צושטימען צו פאַרבלייבן מיט מיר אַ פּאָר טעג אין באַזעל.

עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען מיר זיינען פאַרפאָרן אין אַ האָטעל און, נאָך אַ לייכטן צוביס, זיך געלייגט רוען.

אויף מאָרגן פרי האָב איך אַנסקין כמעט ווי ניט דערקענט: אַזוי בלייך און אָנגעכמאַרעט איז ער געווען, מיט אַזאַ פאַרגליווערטן צער אין זיין בליק. ער האָט זיך באַוועגט ווי נאָך אַ קרענק, אַ צונויפגעפאַלענער און אַ קאַלט־גילטיקער צו אַלץ, וואָס אַרום. אַ לעבעדיקער מת.

דעם ערשטן טאָג האָבן מיר אַרומגעוואַנדערט איבער באַזעל. אַנסקי

איז נאָכגעגאַנגען נאָך מיר, וואוהין איך האָב אים געפירט, געקוקט אויף אַלץ, וואָס איך האָב אים באַוויזן, אויסגעהערט אַלע מיינע דערקלערונגען. זעלטן ווען אַ וואָרט פון זיין זייט.

ווען וועלכער עס איז פּאָזע אָדער געמאַכטקייט האָט דערביי קיין רייד ניט געקאָנט זיין: זיין זין איז פּשוט געווען פאַרזונקען אין אַ פינצ־טערן תהום פון צער, און ער האָט ניט געהאַט קיין כוחות אַרויסצורייסן זיך פון אים. דער נעכטיקער „אימפּעט" האָט זיך אויסגעוועפּט. נאָר צייטנווייז פלעגט ער זיך דערמאָנען אויף דעם אָדער יענעם עפּיזאָד פון דער טראַ־גישער פּאַסירונג, אין וועלכער עס איז פאַרטונקלט געוואָרן פאַר אים די זון, וואָס האָט אים אַזויפיל יאָר נאָכאַנאַנד געלויכטן אין זיינע פינצטערע טעג.

— „ווייסט, וואָס זי האָט מיר געזאָגט?" — פלעגט ער זיך פּלוצלונג ווענדן צו מיר אין מיטן פון מיינע רייד און איבערגעבן דעם אָדער יענעם פּרט פון זיין לעצטן געשפּרעך.

דעם אַנדערן אין דער פרי זיינען מיר אַוועק אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט כמעט דעם גאַנצן טאָג. די זעלביקע שטומע פאַרגליווערטקייט. דער טאָג איז געווען שוין אַן אָנהויב־האַרבסטיקער. דער הימל — אַ פאַרוואָלקנטער. אַ לייכטער ווינטל פלעגט אַ שאַר טאָן אַ פּאָר טרוקענע בלעטער אין די אַלייען. ווען ניט ווען פלעגן פאַלן אַ פּאָר טראָפּן רעגן און אויפהערן.

מיר פלעגן גיין פון שטייג צו שטייג, פון בנין צו בנין. זיך לענגער אויפהאַלטן ביי דער זעלטענער קאָלעקציע פון פלעדער־חיות, וועלכע דער באַזעלער גאָרטן פאַרמאָגט. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָט איך דאָרטן געזען די בילד־שיינע פלעדער־הינטלעך, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די האָקנס פון זייערע פליגלען, און משונהדיק האָט אויסגעזען דער אויבערשטער האַלבער קערפּער זייערער, אַ באַדעקטער ווי מיט אַ סויבל־פּעל און ווי אַ צוגענייטער צו די צוינפּעגעלייגטע פליגלען, ווי פון ברוינער גומי־לאַסטיק. ביי אַנסקין — די זעלביקע שטומע פאַרגליווערטקייט.

זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם לייבן־הויז. געדיכט לעבן די אייזערנע גראַ־טעס, מיטן פּנים צום צושויער, איז אומבאַוועגלעך געלעגן אַן איינזאַמער לייב. זיינע אויגן, מיט כמעט דעם זעלביקן פאַרגליווערטן אויסדרוק, וואָס אין אַנסקיס, האָבן געקוקט אין דער ווייט, אַזוי ווי דורך דעם צושויער. ביי די ברעגן פון זיינע אויגן, צו די באַקן צו, זיינען געווען נאַסע שפּורן. האָט דער לייב געוויינט?

מיר זיינען אַוועק פון די חיות טיפער אין פּאַרק אַריין. פּלוצלונג האָט זיך אַנסקי אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן דעמב, אַרום וועמען אַ גרינער

פליושטש האָט זיך ארומגעוויקלט ווי א שלאַנג. מיט אַן אומענדלעכן טרוי־ער האָט זיך אַנסקי פאַרקוקט אויף דעם פליושטש. איך בין פלינק צוגע־שפּרונגען צו דעם בוים, א נעם געטאָן דעם שפּיץ פון דער קלעטער־פלאַנץ, און האָב אַן א שום אָנשטרענגונג אָפּגעריסן זי פון בוים. אירע בלייכע וואָרצלען, מיט וועלכע זי האָט זיך אָנגעהעקלט אַן דער רינד, זיינען געווען אזוי קליין און אזוי שוואך.

מיט א קינדערשער פריידיקער פאַרוואונדערונג האָט אַנסקי א קוק געטאָן אויף מיר און א ליבער שמייכל האָט זיך צוגאָסן אויף זיינע ליפּן.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט, וואָס איך טראַכט? — האָט ער א פרעג געטאָן מיט א מונטערער שטים.

— אָבער דו זעסט דאָך, ווי גרינג דאָס נעמט זיך אראָפּ, אפילו דורך דער רינד דרינגט עס ניט דורך!

אָט־דער קליינער עפּיזאָד איז געשען אזוי פלינק, די ענדערונג אין אַנסקים געמיט איז פאַרגעקומען אזוי אומגעריכט, אז איך האָב מיך שפּע־טער אליין געוואונדערט, ווי אזוי איך בין געפאַלן אויף דער המצאה.

דעם אמת גערעדט, האָב איך ניט געוואוסט אויף קלאָר, פאַרוואָס איך טו דאָס. איך האָב אינסטינקטיוו געפילט, וואָס אזוינס אַנסקי לעבט דורך, בעת זיין בליק האָט זיך מיט אזא טרויער איינגעגעסן אין דעם יונגן קלעטערער, וואָס וויל, ווי עס האָט זיך געדוכט, דערשטיקן אין זיין ארומ־אָרעמונג דעם גרויסן בוים, ארויסזויגן פון אים זיין גאַנצע לעבנס־זאַפט.

מיין „סימבאָלישע" האַנדלונג האָט געדאַרפט באַווייזן, וואָס מען דאַרף אין אזא פאַל טאָן: אראָפּרייסן מיט געוואַלט די קלעטער־פלאַנץ! און דער עפעקט איז געווען, אז מען דאַרף דערצו אפילו ניט האָבן קיין געוואַלט: דאָס גייט גרינג „ווי א האָר פון מילך"...

דעם אָוונט האָבן מיר שוין ערנסט ארומגערעדט די לאַגע. געבליבן איז, אז ער זאָל אויף א פּאָר יאָר פאָרן קיין פּאַריז. איך האָב אים גע־געבן בריוו צו מיינע באַקאַנטע, און אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן מיר זיך צעשיידט.

1

אין פּאַריז

אין פּאַריז האָט אַנסקי פאַרבראַכט העכער זיבן יאָר. אַט־דער גאַנ־צער פּעריאָד איז אָבער געווען פאַר אים זייער אָרעם סיי אין דרויסנדיקע לעבנס־פּאַסירונגען, סיי אין ליטעראַרישן שאַפן. עס איז דעריבער מעגלעך צו געבן אַ קורצן איבערבליק איבער אים, ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין דעטאַלן און ניט זייענדיק מקפּיד אויף דער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג.

די הויפּט־אורזאַך פון אַט־דער דרויסנדיקער אָרעמקייט איז געלעגן אין דער נויט צו קעמפן פאַרן לעבן. דער לעבנס־קאַמף האָט אויפגעצערט כמעט דעם גרעסטן טייל פון אַנסקיס ענערגיע. און ווען איך רעד דאָ וועגן דעם קאַמף פאַרן לעבן, מיין איך ניט דווקא דעם עקאָנאָמישן קאַמף פאַר די מיטלען צום לעבן, הגם אויך אַט־די שווערסטע זייט פון אונדזער איצטיקער מענטשלעכער עקזיסטענץ טאָר בשום אופן ניט אַרויסגעלאָזט ווערן פון אויג. אונטערן „קאַמף פאַרן לעבן" מיין איך דאָ אַ סך מער דעם אינווייניקסטן קאַמף פון דער נשמה אַנטקעגן דעם טויט, אָדער אָפּטויטונג, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין איר.

אין דעם עקאָנאָמישן פּרט איז אַנסקין אויסגעקומען פיל אויסצו־שטיין און זיך גאָר היפּש אָנצולײַדן, אָבער סוף כל סוף האָט זיך דאָס אַלץ „אויסגעפּרעסט" מער אָדער ווייניקער „מיט חסד".

קיין פּאַרוואוינטער מענטש אין דעם ענין פון אַ לייכטן „קאָמפאָרטאַ־בעלן" לעבן איז אַנסקי קיינמאָל ניט געווען, און זיינע עקאָנאָמישע באַדער־פענישן זיינען ניט געווען קיין גרויסע.

דאָס הייסט: איך וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגן, אַז אַנסקי האָט געהערט צו דעם טיפּ פון ריגאָריסטישע „גלות־אַפּריכטער", — אַ טיפּ, וואָס קומט פאָר ביי די יידישע צדיקים פון אַלע דורות, ווי ביי אַלע רעלי־גיעזע טוערס אין אונדזערע צייטן און וואָס איז פּרינציפּיעל מבטל אַלע הנאות פון דעם גוף אין דעם אייגענעם לעבן.

סאַ'איז אמת, אַז אויך אין אַנסקיס יוגנט האָט זיך צייטנווייז געלאָזט דורכבליקן שטריכן און שטימונגען פון אַזאַ פּרינציפּיעלער „גלות־אַפּריכ־טעריי". אָבער אין תוך זיינען דאָס געווען נאָר פאַרבייגייענדיקע שטי־מונגען. ער איז געווען אַ צו לעבנס־פרײדיקע נאַטור, ער זאָל קאָנען פאַר־וואַרפן יענע הנאות, וואָס ברענגען פרייד דער מענטשלעכער נשמה, און אַ צו נאַטירלעכער מענטש איז ער געווען, ער זאָל קאָנען אָנציען עפּעס אויף זיך אוים אַ ווײלכן עס איז פּרינציפּ, ווי מאָראַליש הויך יענער פּרינציפּ זאָל ניט זיין. ער האָט געאַכט און געשעצט דאָס מענטשלעכע לעבן אין אַלע זיינע אַרויסווייזן, און פלעגט זיך בשום אופן ניט אָפּזאָגן פון יענע תענוגים, וואָס פלעגן צושווימען צו זיין ברעג.

אָבער ער האָט מיט זיין גאַנצן האַרצן פאַראַכט דאָס שטרעבן צו זיי, דאָס מאַכן זיי פאַר אַ לעבנס־ציל, אפילו פאַר אַן ערנסטן־טייל פון אַ לעבנס־ציל, דערהויפּט איז אים געווען לחלוטין פרעמד די באַדערפעניש פון גע־וועגלעכן קאָמפאָרט, וואָס שפּילט ליידער אַזאַ גרויסע ראָליע אין דעם לעבן פון א סך — א סך געבילדעטע מענטשן, אפילו פון די איידלסטע און רעוואָלוציאָנער געשטימטע: אַ שיינע דירה, שיין מעבל, שיינע קליידער און אַ „לייטישער" טיש.

איך ווייס ניט, צי ער האָט זיך אין אָט־דעם פּרט געביטן אויף דער על־טער, אָבער די גאַנצע צייט, אין וועלכער מיר זיינען געווען באַקאַנט די פּרטים פון זיין פּריוואַט לעבן (ביז 1908), איז ער אַלע מאָל געווען אַ באַ־העמע, אָן אַ ברעקל פּיליסטערישער צוגעבונדנקייט צו דעם, וואָס ער פלעגט מיט ביטול אָנרופן: „אָבסטאַנאָוואָטשקאַ" („דאָס אַרומשטעלעכצל")

פאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ גרונט־שטריך אין כאַראַקטער, ביי וועמען די דרויסנלעכע זייט פון לעבן שפּילט ניט קיין ראָליע, קאָן דער עקאָנאָמי־שער פּראָבלעם קיינמאָל ניט האָבן קיין שאַרפע זייט. „אָדנאַ גאָלאָוואַ ניע ביעדנאַ; אַ אי ביעדנאַ — טאַק אָדנאַ" (איינער אַליין איז מען ניט קיין אביון: און אויב אַן אביון איז מען נאָר איינער אַליין).

אין פּאַריז האָט אַנסקי, ביי זיין אָנקומען, געהאַט ניט נאָר די נייע באַקאַנטע, צו וועלכע ער האָט געפירט רעקאָמענדאַציעס, נאָר אויך אונדזער ביידנס אַן אַלטן חבר און פריינט (נאָך פון די וויטעבסקער יאָרן), ראַדינ־סאָן, וואָס האָט זיך איינגעאָרדנט אין פּאַריז, ווי אַן אַרבעטער ביי גומענע רענגן־מאַנטלען. אַ דאַנק זיי, האָט זיך אַנסקי ניט געפילט אַזוי פאַראיינ־זאַמט און פאַרפרעמדט אין דער גרויסער וועלט שטאָט. ער האָט באַלד געפונען אַרבעט ביי אַ בוכבינדער. (ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דער ערשטער צייט האָט ער, מחמת דעם דעמאָלטדיקן פסיכישן צושטאַנד זיינעם,

גאָר ניט געקאָנט ערנסט טראַכטן וועגן פּאָרזעצן יענע ליטעראַרישע קאַר־יערע, וועלכע ער האָט מיט אַזויפיל גלאַנץ און אַזויפיל צוקונפטס־אויס־זיכטן אָנגעהויבן אין פּעטערבורג!)

שפּעטער האָט ער אויפגעגעבן זיין בוכבינדעריי און איז געוואָרן אַ פּריוואַט־סעקרעטאַר ביי דעם באַרימטן רוסישן געלערנטן און סאָציאַליסט, פּיאָטר לאַווראָוו, וועמען ער האָט אַרויסגעהאָלפן אין זיין פיל פּאַרצווייגטער קאָרעספּאָנדענץ און אין די צוגרייטונגס־אַרבעטן צו די וויסנשאַפטלעכע ווערק. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך אָנשרייבן אַ זשורנאַליסטישן אַרטיקל פאַר דער רוסישער ראַדיקאַלער פּרעסע, זעלטן ווען אויך אַ נאָוועלע. אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך עקאָנאָמיש דורכגעשלאָגן אין אַלגעמיין „מיט חסד".

אַ סך שווערער און מיט אַ סך גרעסערע ליידן האָט אַנסקי דורכגע־קעמפט די צווייטע זייט פון זיין לעבנס־קאַמף, דעם קאַמף אַנטקעגן די שאָטנס פון טויט, וואָס האָבן זיך הרחבהדיק באַזעצט אין זיין נשמה.

זיין פּערזענלעכע לעבנס־טראַגעדיע אין ציוריך, די גלוטיקע בענק־שאַפט נאָך דעם אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אומדערוואַרט פאַרשוואונדענעם גליק, איז באמת געווען, ווי אַ וואַמפּיר, וואָס האָט זיך איינגעזויגן אין אים און האָט שיר ניט אויסגעזויגן אַלע זיינע לעבנס־קרעפטן. „עס איזט איינע אַלטע געשיכטע, דאָך בלייבט זי אימער ניי און ווען זי יוסט פּאַסירעט, דעם בריכט דאָס הערץ ענטצוויי", און עס נעמט אַ לאַנגע אַ לאַנגע צייט, ביז די וואונד פאַרהיילט און דאָס האַרץ ווערט ווידער גאַנץ.

ביי אַנסקין האָט דאָס גענומען אפשר אַביסל לענגער איידער דער געוויינטלעכער דרך הטבע, ווייל אין אָט־דער טראַגעדיע איז ניט נאָר צונויפ־געבראָכן געוואָרן זיין האָפענונג אויף פּערזענלעכן גליק, נאָר אויך אַלע זיינע אַנדערע לעבנס־צילן און פּלענער האָבן פאַרלאָרן זייער באַטייט מיט דעם באַשלוס זיך דערוויי׳ל ניט אומצוקערן קיין רוסלאַנד. דאָס לעבן אין פּאַריז האָט אים אין אָנהויב גאָרנישט ניט געקאָנט געבן אַזוינס, וואָס זאָל תיכף איינשלינגען זיין אויפמערק, וואָס זאָל באַלויכטן דעם חושך פון זיין געמיט מיט אַ נייעם ערנסטן לעבנס־ציל.

די ערשטע זאַך וואָס מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן אין אָט־דעם פּרט איז, אַז אַנסקי זאָל זיך אַריינוואַרפן בלב ונפש אין דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אירע פּאַרטרעטער אין פּאַריז. גראָד די נאָענטקייט צו די רוסישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן וואָלט געמאַכט נאָך וואַרשיינלעכער אָט־דעם שריט. ער איז אָבער ניט געשען.

אין אויסלאַנד איז ער געקומען אויב ניט מיט אַן אויסגעאַרבעטן פּראָ־

גראם פון סאָציאַל־פּאָליטישער טעטיקייט, איז לפּחות מיט זייער אַ באַשטימ־טער ריכטונג, וואָס אירע אַלגעמיינע שטריכן זיינען געווען: די אַרבעט אין דעם רוסישן דאָרף און — ביז אַ געוויסן גראַד — די אָפּשטעלונג פון אַלע אינטעליגענטישע פּראָגראַמען, ביז זיי וועלן ניט אויפגענומען ווערן פון דער פּויערימשאַפט. אין יענער צייט האָט זיך אָבער ניט געפונען קיין איין איינציקע גרופּע, אפשר אפילו ניט קיין איינציקער מענטש, וואָס וואָלט זיך געוואָלט שטעלן אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט.

אָנהויבן — ווידער — אַ קאַמף פּאַר זיינע אינדיווידועלע גלויבונגען אין דער פאָרמע פון אַ פּראָפּאַגאַנדע, — דערצו האָבן אַנסקין געפעלט די איינגנשאַפטן (די מעלות און די חסרונות) פון אַ פּאָליטישן פירער: קודם כל די איינגעגלויבטקייט אין דער אַבסאָלוטער ריכטיקייט און איין־איינ־ציקייט פון זיין וועג. די אין רוסלאַנד געפונענע רעזולטאַטן האָט ער גע־דאַרפט נאָך אַמאָל דורכטראַכטן אין דעם ליכט פון דער מעריב־אייראָפּיי־אישער סאָציאַליסטישער דערפאַרונג...

מען דאַרף אויך האָבן אין זינען, אַז דאָס לעבן פון דער רעוואָלו־ציאָנערער קאָלאָניע אין פּאַריז איז דעמאָלט בשום אופן ניט געווען אַזאַ מאַגנעטישער, ער זאָל האָבן געקאָנט צוציען אַנסקין צו זיך. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: עס איז אין יענער צייט גאָר קיין רעוואָלוציאָנערער לעבן ניט געווען. דער רעוואָלוציאָנערער עולם האָט זיך, באמת, שוין גענומען רודערן מיט נייע גדאַנקען און פּראָבלעמען, וואָס האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון די צוויי נייע פּאַרטייען: די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן איבערגענומען די ירושה פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

דאָס אַלץ איז אָבער פאָרגעקומען אין שווייצאַריע, און דער הויכער וואַלן־גאַנג פון דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן צופלוס איז נאָך ניט דערגאַנגען קיין פּאַריז, קוים אַריבערשפּריצנדיק אַהין אַ פּאָר טראָפּנס.

אין פּאַריז, דעם אַמאָליקן צענטער פון דער אויסלענדישער נאַראָ־דאָוואָלישער טעטיקייט, האָט געשמעקט מיט בית־עלמין, די גרופּע „אַלטע נאַראָדנאָוואָלצעס" איז געווען ווי פאַרשטיינערט אין איר וואַרטן אויף דעם אויפלעבן פון דעם טעראָריסטישן קאַמף אין רוסלאַנד. צו די פּאַר־שריטן, וואָס יענע גרופּע האָט געמאַכט אין אָט־דער צייט, האָט זי געדאַרפט גאַלוואַניזירט ווערן פון שווייצאַריע. די יונגע נאַראָדאָוואָלציעס זיינען געווען צו שוואַך, גייסטיק זייער אָרים, און אייניקע פון זיי האָבן קאָנספּי־ראַטיוו זיך באַשעפטיקט מיט „באָמביסטישע" פאַרגרייטונגען פון זייער אַ צווייפלהאַפטן כאַראַקטער. פּליעכאַנאָווּשע קרייזלעך זיינען אין פּאַריז נאָך

ניט געווען. פון וועלכער עס איז יידיש־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע איז געווען אינגאַנצן אָפּגערעדט.

אָבער אויך דער אַלגעמיינער טיפּ פון דעם דעמאָלטדיקן געוויינטלעכן רעוואָלוציאָנער אין פּאַריז האָט ניט געהאַט אין זיך קיין באַזונדערס צו־ציענדיקע קראַפט. די גייסטיקע אינטערעסן זיינען געווען ענג סאָציאַל־פּאָליטישע, מען האָט זיך אינטערעסירט דאָס רוב מיט די פּאַרקומענישן פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם און מיט די אָפּטמאָל קלייזלדיקע קאַמפן צווישן די פילפאַכע פראַנצויזישע ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס.

פאַר אַנסקין איז דאָס געווען צו ענג. אים האָט ביסלעכוויז פאַראינ־טערעסירט ניט די אָדער יענע ריכטונג אָדער פּאַרטיי אין דעם פראַנצוי־זישן לעבן, נאָר אויך אירע ראַדיקאַלן, ליבעראַלן, קאָנסערוואַטאָרן און אפילו ראָיאַליסטן; ניט נאָר איר סאָציאַליזם, נאָר אויך איר מאָדערנע קונסט און מאָדערנע ליטעראַטור, מיט דער גאַנצער דעקאַדענטישער און „פען־דע־סיעקל׳דיקער" („סוף יאָרהונדערטער") „מטורפעריי" אין דער פּאָעזיע.

נאָר מער פון אַלץ האָט אים געצויגן צו זיך דאָס פאָלק, די פראַנצוי־זישע פּויערימשע מאַסן און די פאָלקס־שאַפונג, דער פראַנצויזישער פאָלק־לאָר.

אין אַן אַנדער אָרט (אין „צוקונפט" פאַר יאַנואַר און מערץ 1921) פּרוּאוו איך געבן אַ באַגריף, וואָס אַזוינס אַנסקי האָט געזוכט אין דעם פראַנצויזישן פאָלק־לאָר. דאָס זיינען געווען קודם כל סאָציאַל־פּאָליטישע מאָטיוון און קולטור פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, ווי די, וועלכע האָבן אים אינטערעסירט ביי דעם שטודיום פון דעם רוסישן פאָלקס־שאַפן.

דאָ וויל איך אָנמערקן נאָר איין פּונקט, וואָס אין יענע אַרטיקלען איז געבליבן אינגאַנצן אומבאַרירט. אין רוסלאַנד איז אַנסקי, לויט זיין באַנעם, געווען אַ קאָסמאָפּאָליט. דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון די רוסישע פאָלקס־שאַפונגען האָט זיך אים ניט געוואָרפן אין די אויגן. אויף דעם ערשטן פּלאַן איז פאַר אים געשטאַנען זייער מאָראַלישער, סאָציאַל־פּאָלי־טישער און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אינהאַלט. ערשט אין דעם פראַנצוי־זישן פאָלק־לאָר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנץ נייער איינגאַר־טיקער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע. עס איז אויפגעשוואומען דאָס פּראָבלעם פון דעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישן טיפּ, אָדער — ווי איך האָב עס פריער פאָרמולירט אין מיין ויכוח מיט אים — פון אַ באַשטימטן נאַ־ציאָנאַלן, „שאַפנדיקן כוח", אַ כוח, וואָס ווייזט אַרויס זיין אייגנאַרטיקייט סיי אין דעם שאַפן פון דעם פאָלק סיי אין דעם שאַפן פון דער אינטע־

ליגענציע, סיי אויף דעם פעלד פון דער פּאָעזיע, סיי אויף אַלע אַנדערע פעלדער פון דעם קולטורעלן לעבן.

אַ קאָסמאָפּאָליט איז פונדעסטוועגן אַנסקי פאַרבליבן נאָך אַ לאַנגע צייט, אפילו נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אין דעם פראַנצויזישן פאָלק־לאַנד צונויפגעטראָפן מיט דעם אַזוי בולט אַרויסגעמאַרקירטן פאַקט פון „נאַציאָנאַלע שאַפנדיקע כוחות". ביי קינסטלערישע נאַטורן טרעפט אָפט אַזוי, אַז די נייע פּסיכאָלאָגישע לעבנס־דערפאַרונגען גייען להיפוך צו זייערע איינגעגלויבטע אָדער איינגעשמועסטע דאָקטרינעס און אַ לאַנגע צייט (אָפטמאָל אייביק) מערקן זיי ניט אָט־דעם ווידערשפּרוך. אויך אַנסקי האָט אים אַ לאַנגע צייט ניט געמערקט.

2

די אַכט יאָר פון אַנסקיס לעבן אין פּאַריז (1892—1900) זיינען פאַר אים געווען, ווי געזאָגט, די אָרעמסטע אין דעם פּרט פון ליטעראַרישן שאַפן און קהלשער אַרבעט. עס זיינען אָבער אין זיי אַוועקגעלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן פאַר זייער שפּעטערן צוריקקער צו דעם יידישן פאָלק.

פיל ווירקונגען האָבן דאָ געאַרבעט אין איין און דער זעלביקער ריכטונג. איך וועל דאָ אַרויסהייבן נאָר אייניקע פון זיי.

קודם מוז מען דאָ האָבן אין אויג די שוין אויבן אָנגעמערקטע ווירקונג פון דעם פראַנצויזישן פאָלק־לאַנד. מיט דער ליידנשאַפט פון אַ קינסטלער און אַ פאָרשער פון פאָלקסטימלעכן שאַפן האָט זיך אַנסקי אַריינגעוואָרפן אין דעם ים פון דער פראַנצויזישער פאָלק־לאָריסטיק. אינטערעסירט האָבן אים אין דער ערשטער ליניע אירע פּאָליטישע און סאָציאַלע מאָטיוון. אויספאָרשן, ווי דאָס פאָלק האָט אין זיינע לידער, ווערטלעך, לעגענדעס און מעשות רעאַגירט אויף די סאָציאַלע צושטאַנדן, אין וועלכע ער האָט געלעבט, אויף די פּאָליטישע פּאַסירונגען פון זיין געשיכטע; געפינען אין דעם פאָלקס־שאַפן דעם קלאָרן אָפּקלאַנג פון די פראַנצויזישע פויערים אויפשטאַנדן, און פאַרגלייכן דעם פראַנצויזישן סאָציאַל־פּאָליטישן פאָלק־לאָר מיט דעם רוסישן, — דאָס איז געווען אַן אַרבעט, וואָס האָט געמוזט פאַרשלינגען אַ מאַסע צייט און ענערגיע. (וועגן זיינע וויסנשאַפטלעכע פּלענער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אָט־די שטודיען, האָב איך געשריבן אין אַן אַנדער אָרט).

אָבער וואָס מער אַנסקי האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער פראַנצוי־

זישער פאָלקס־פסיכיק, אַלץ בולטער איז פאַר אים אַרויסגעטראָטן דער פאַקט, אַז אין אַ פאָלקס־שאַפן שפּילט אַ ראָליע ניט נאָר דער סאָציאַל־פּאָליטישער עלעמענט, ניט נאָר דער היסטאָרישער און דער אַלגעמיין־קול־טורעלער עלעמענט, נאָר נאָך באַשטימענדיקער — דער נאַציאָנאַלער עלע־מענט: דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער. דער באַשטימטער בוי און די אייגנ־אַרטיקייט פון דער פאָלקס נשמה. אָט פון דעם אייגנאַרטיקן נשמה־בוי פליסט דאָס די אָריגינאַליטעט פון דעם פאָלקס־שאַפן, זיין באַשטימטע פאַרב, טעם און ריח, וואָס בייטן זיך ניט אַזוי גיך פון דור צו דור.

אַנסקים אויפמערק האָט צוגעצויגן צו זיך אַלפרעד פוליעס אונטער־זוכונג וועגן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דעם פראַנצויזישן פאָלק. דער באַרימטער פראַנצויזישער דענקער ווייזט דאָרטן אויף, ווי ווייניק יענער כאַראַקטער האָט זיך איבערגעביטן פון יוליוס צעזאַרס צייטן אָן, ווען די רוימישע וועלט איז צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן מיט די גאַלן, דעם גרונט־שטאָך, פון וועלכן עס קומען אַרויס די איצטיקע פראַנצויזן.

ניט קוקנדיק אויף די אומגעהויערע איבערקערענישן, וואָס די גאַלן האָבן דורכגעמאַכט אין זייער לעבן, אויף דער שפּראַך־רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַרביטן זייער גאַלישן לשון אויף אַ לאַטיינישן „זשאַרגאָן”; אויף דער רעליגיעזער רעוואָלוציע, אין וועלכער דאָס קריסטנטום האָט אַרויסגע־שטופּט די אַלטע געצנדינעריי; אויף די קולטורעלע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן אויפגעהויבן די גאַלן פון אַ באַרבאַרישן שטאַנד ביז צו די העכסטע שטאַפּלען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע; ניט קוקנדיק .אויף דעם צו־שטראָם פון פרעמדן בלוט, וואָס די גערמאַנישע פראַנקן האָבן אַריינגעגאָסן אין זייערע אָדערן, — ניט קוקנדיק אויף דעם אַלץ, איז דער כאַראַקטער געבליבן אין די וויכטיקסטע שטריכן דער זעלביקער ביי דעם איצטיקן פראַנצויז, און די באַשרייבונג וואָס צעזאַר מאַכט וועגן די נשמה אייגנ־שאַפטן פון די גאַלן, קאָן כמעט וואָרט פאַר וואָרט אָנגעווענדט ווערן אויף די נשמה־אייגנשאַפטן פון דעם איצטיקן פראַנצויזישן פאָלק.

אָט־די אַרבעט פוליע'ס, ווי אויך ענלעכע באַטראַכטונגען, ליגן אויף דער זעלביקער געדאַנקען־ליניע, וועלכע איך האָב פאַרטיידיקט פאַר אַנסקין אין אונדזערע דיסקוסיעס וועגן דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם בכלל און דער יידישער נאַציאָנאַליטעט בפרט. אויך אין מיין נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע (איך האָב זי ערשט פאַרעפנטלעכט אין דייטש אין 1896) זעט אין אַ נאַ־ציאָנאַליטעט ניט נאָר אַ „קולטור־געמיינשאַפט”, ווי דאָס טוט אָטאָ באַוער, נאָר — דער עיקר — אַ קולטור־שאַפנדיקן פסיכאָ פיזיאָלאָגישן אָרגאַניזם, וואָס האָט גאַנץ אייגנאַרטיקע באַשאַפונגס־כוחות, אָדער באַשאַפונגס־פאָר־

מען, וואָס קאָנען איבערדויערן אַלערליי איבערבייטן אין דעם פאָלקס־לעבן און אין דער פאָלקס קולטור.

פאַר אַזאַ בליק אויף דעם מהות פון נאַציאָנאַליטעט זיינען גאָר ניט אַזוי טייער די „היסטאָרישע טראַדיציעס" פון אַ פאָלק און אפילו ניט די רייכסטע אוצרות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין זיין קולטורעלן שאַפן. דאָס זיינען אַלע קלייניקייטן לגבי דער שאַפנדיקער קראַפט, וואָס שטעקט אין זיינע נערוון און אין זיין מאַרך. מען ווערט אויך ניט נתפּעל פאַר דער קולטורעלער אָרעמקייט, אין וועלכער אַ פאָלק געפינט זיך אין אַ געוויסער צייט: אויב דאָס איז נאָר אַ פאָלק מיט רייכע שאַפנדיקע כוחות. זאָל נאָר אים געגעבן ווערן די מעגלעכקייט פון פרייען שאַפן, און — ווי פון אַ פאָנטאַן וועט שלאָגן פון אים רייכע פאַרביקע קולטור.

דאָס שטודיום פון דער פראַנצויזישער פאָלק־לאָריסטיק האָט געמוזט — נאָך מער, איידער אונדזערע שמועסן און ויכוחים — אָפּשוואַכן אין אַנסקין זיין יוגנטלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם.

אַביסל אַן אַנדער ווירקונג האָט אויף אים געהאַט אַ היסטאָרישע פּאַסירונג, וואָס איז געשטאַנען אין אַ סך אַ נעענטערער שייכות צו דעם יידישן פאָלק, איידער דער פראַנצויזישער פאָלק־לאָר: שוין גאָר אין אַ נאָענטער שייכות... איך האָב דאָ אין זין די יאָרן פון דעם דרייפוס־פּראָצעס אין פראַנקרייך.

ווי יעדער אינטעליגענטער לעזער, איז אויך אַנסקי נאַטירלעך פאַרכאַפּט געוואָרן מיט יענעם דרייפוס־פיבער, וואָס האָט געשליידערט אין קדחת דאָס גאַנצע פּאָליטישע לעבן פון דעם פראַנצויזישן פאָלק. אָבער בעת דער געוויינטלעכער לעזער פלעגט דאָרשטיק שלינגען די פּראָ־דרייפוס־פרעסע, זיך נאָר איינהערן אין דעם, וואָס אַ שערערקעסטנער, וואָס אַ זשאָרעס, וואָס אַ זאָליאַ האָבן צו זאָגן, פלעגט אַנסקי אַ חוץ דעם אויפמערקזאַם שטודירן די אַנטי־דרייפוסאַרישע ציַיטונגען, פּאַמפלעטן און ביכער און זיך זוכן אַריינצוגריבלען אין די טיפסטע פינצטערנישן פון זייערע יידן־פיינטלעכע און מענטשן־פיינטלעכע נשמות און שטימונגען.

אין איינער פון אַזעלכע אויפגערודערטע צייטן — עס זיינען געווען אַ סך אַזעלכע אויפגערודערטע צייטן אין דער דרייפוס־עפּאָכע — בין איך געווען צו גאַסט אין פּאַריז. שלאָפן פלעגן מיר געוויינטלעך גיין אַזייגער פיר ביינאַכט און אָפטמאָל אויך שפּעטער. אָבער שוין אַכט אַזייגער אין דער פרי פלעגט אַנסקי אַראָפּשפּרינגען פון בעט, שנעל אָנטאָן די תחתונים, אַרויפכאַפּן אויף זיך אַ מאַנטל און אַן אַ היטל אַראָפּלויפן אין גאַס צום קיאָסק מיט די ציַיטונגען. אומקערן פלעגט ער זיך מיט אַ

גאנצן פאק מאָרגן־בלעטער אונטערן אָרעם און זיך גלייך אוועקזעצן שלינ־גען זיי, בעת איך פלעג ווידער פאַרזונקען ווערן אין טיפסטן שלאָף.

— זע, זע, גענוג שוין דיר צו שלאָפן! — הער איך אַמאָל, ווי ער רופט מיך, — הער, וואָס אַ ראָשפאָר פאַרגינט זיך צו שרייבן!

און ער לייענט מיר דורך אַזאַ שטעל, וועלכע ראָשפאָרד האָט געוויד־מעט דרייפוסן: —„איך וואָלט גענומען די צוויי האַלבע שאָלעכצן פון אַ וועל־שענעם נוס, וואָלט אַרייַנגעזעצט אין זיי אַ גיפטיקן שפּין, איך וואָלט זיי צוגעדריקט, צוגעבונדן צו זיינע אויגן! זאָלן זיך די שפּינען דורכפּרעסן דורך זיי אין זיין מאַרך אַריין! . . .״

די שטעל, און אַנסקיס טאָן, מיט וועלכן ער האָט געלייענט האָבן אויך מיך, דורכגעשוידערט... אַ ראָשפאָר!... וויפיל גיפטיקע שפינען מוזן דאָס פרעסן זיין נשמה, כדי צו קאָנען תאוה־לוסטיק זיך קוויקן מיט אַזאַ שוידערלעך אכזרישן בילד!

ווי באַקאַנט, האָט דער דרייפוס־פּראָצעס דערלאַנגט אַ פונקען־שפריצנ־דיקן פּלעם אין דעם פּנים פון דער יידישער אַסימילאַציע און אירע האָפע־נונגען. אָט האָט איר די ציוויליזאַציע, מיט דעם פּראָגרעס, מיט דער אַסימיליאַציע! האָבן זיי באַטש אויף אַ קווינט פאַרמינערט דעם אייביקן יידנהאַס? זיינען געבילדעטסטע און ראַדיקאַלסטע געבליבן פאַרשווינט פון אים? ווי באַקאַנט, האָט דער דרייפוס־פּראָצעס געמאַכט פון דר. הערצלען, דעם אַסימיליאַטאָר, אַ הייסן חוזר בתשובה און איינעם פון די לדיינשאַפט־לעכסטע העלדן פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

מערקווירדיק, וואָס אויף אַנסקין האָט דער דרייפוס־פּראָצעס און דער קוואַל פון יידנהאַס, וועלכן ער האָט אַרויסגערופן, געהאַט אַביסל אַן אַנ־דער ווירקונג. ער איז געוואָרן, — אויף אַ צייט ווייניקסטנס, — נאָך מער אַסימילאַטאָר, איידער ער איז געווען. לפּחות, אַזאַ איינדרוק האָב איך אַרויסגעטראָגן פון די דעמאָלטדיקע געשפּרעכן: צו וואָס שלעפּן אויף דער וועלט אַזאַ ביטערע עקזיסטענץ, אַזוי פיל גרויזאַמע אומפאַרדינטע ליידן!

אַנסקי איז פריער געווען, — ווי איך האָב דאָס שוין אַמאָל אַרויס־געבראַכט, — איינער פון די יידנפריינטלעכסטע „חסידי אומות העולם״. — אַ „גוי״ וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל סימפּאַטיע פאַר אַלע אונטערדריקטע פעלקער און אויך פאַר אונדז בתוכם. דאָס האָט מיך אַ היפּש ביסל גע־שמאַרצט. אָבער ער האָט לפּחות מיך פאַרשטאַנען און האָט מיטגעפילט מיט מיינע נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען. און — פּלוצלונג — הויבט ער אויך אָן צו רעדן, ווי אַן איינגעפּרעסנער אַסימילאַטאָר!... דאָס האָט מיך נאָך מער געשמאַרצט.

ווען איך קוק אָבער פון דעם איצטער אויף דעם דעמאָלט, זע איך, אז אנסקים „אסימילאַטאָרישקייט" איז געווען ניט קיין שריט אויף צוריק, נאָר שוין אַ שריט פאָרויס אין דער ריכטונג צו דעם יידישן פאָלק. פריער האָט ער זיך בכלל ניט געפילט ווי אַ ייד. די נאַציאָנאַל־יידישע עקזיסטענץ איז פאַר אים געווען „זייער" דאגה, ניט זיינע. דער דרייפוס־פּראָצעס אָבער האָט דערוועקט אין אים דעם יידישן באוואוסטזיין, געטייט אויף אים, דעם יידן אנסקי, מיטן פינגער און גערעדט קלאָרע רייד: דאָס מיינט מען אויך דיך! איז די יידישע פראגע שוין געוואָרן זיין פראגע. ער איז באַרופן געוואָרן צו נעמען אַן אנטייל אין דער, אזוי צו זאָגן, "יידישער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג". און זיין ערשטער געדאַנק פאַר אָט־דער „נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג" איז ביי אים געווען דער פאַרביטערטער געדאַנק פון דעם „נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד", פון דער אסימיליאַציע...

צו דער צייט פון דרייפוס־פּראָצעס געהערן די צוויי גרעסרע בעלעטריסטישע ווערק, וועלכע אנסקי האָט אָנגעשריבן (אין רוסיש) אין פאַריז, ביידע זיינען ,מערקווירדיק, פון דעם יידישן לעבן. אויסערלעך האָבן זיי קיין ברעקל שייכות ניט צו דעם דרייפוס־פּראָצעס. דאָס זיינען רעאַליסטישע לעבנס־בילדער, געצייכנט אויף דעם סמך פון זיינע יוגנט־דערינערונגען: „אין אַ יידישער פאַמיליע" (אָפּגעדרוקט אין „רוסקאַיע באָגאַטסטוואָ") און „מענדל דער טערק" (שפּעטער אָפּגעדרוקט אין „וואָסכאָד").

ביידע ווערק טראָגן אויף זיך אַלע סימנים פון אנסקים שטאַרקן, ערלעכן, פון יעדער „טענדענץ" פרייען, נאָך אמת דאַרשטיקן רעאַליסטישן טאַלאַנט. אָבער אין אַ גאַנץ נייער באַלייכטונג ווערן זיי גערוקט, ווען מען באַטראַכט זיי, ווי עטאַפּן אין אנסקים יידישער אַנטוויקלונג, ווי רעאַגירונגען פון זיין טיפסטער נשמה־טיף אויף דעם דרייפוס־פּראָצעס.

„אין אַ יידישער פאַמיליע" ווערט געשילדערט דאָס פשוטע יידישע לעבן פון אַן אָרימען יידישן „משולח" ביי אַ יידישן וואַלד־סוחר? זיין אָרימער שבת, זיינע וואָכעדיקע ליידן, זיין צאַפּלען זיך אין די הענט פון דעם בלוט־זויגער, דעם „וואָכערניק". אָבער — ניטאָ שוין אין אָט־דעם ווערק יענע סילועטן פון די יידישע עקספּלואַטאַטאָרן, וועלכע מיר האָבן געזען אין אנסקים „שעפּסן" פון דעם רוסישן דאָרף־לעבן. דעם גאַנצן פּאָן פון דעם בילד פאַרנעמען דאָס פאַרבלאָזע פאָר פאָלק, די פאַנאַטישע אַלט־פרענקישע שוויגער, דער קליינער אינגל מיט זיינע חדר־צרות און זיין קליינע רירנדיקע אידיליע מיט דער קאַץ, דער שטאָלצער, שטאַרקער, אין זיך איבערצייגטער אכזר, דער מלמד, און — ווי אַ שטראַלנדיקע פיגור — די קעכין, די ווילד־פרעמדע יידענע, וואָס איז מער איידער אַ „בן־בית"

אין שטוב, וואָס איז איר מיניסטערשער קאָפּ, וואָס זאָרט פּאַר אַלעמען, און וועגדט אויך אָפּ פון זיי דעם שיקזאַל־שלאַג, וואָס האָט איר געדראָעט מצד דעם וואָכערניק. דער וואָכערניק, דער בלוט־זויגער אַליין, בלייבט אָבער אין גאַנצן אין הינטער־גרונט.

עס איז, ווי אַנסקי וואָלט זיך אַליין געפרעגט: זיינען מיר אין דער אמתן יענע אוממענטשלעכע בלוט־זויגער, ווי „זיי" מאָלן אונדז אויס אין דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור? און ער האָט אַרויסגענומען אַ טראָפּן יידישן פאָלק פון דער געדיכטעסטער געדיכט, האָט דאָס אונטערגערוקט אונטער זיין קינסטלערישן מיקראָסקאָפּ און האָט אויסגעפונען דעם באַרו־איקענדיקן ענטפער.

3

אויב שיינע ליטעראַטור, ווי אפשר די גאַנצע קונסט בכלל, איז, ווי איך גלויב, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די אָפּשפּיגלונג און אָפּשעצונג פון דעם לעבן אין דעם געפיל פון דעם קינסטלער און די אַרויסברענגונג פון יענער אָפּשעצונג אין בילדער, וואָס רופן אַרויס די זעלביקע געפילן ביי דעם לייענער, קאָנען מיר אין יענע נאָוועלן גאַנץ לייכט באַמערקן די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַנסקיס שטעלונג צו דעם יידישן לעבן.

אין די פריערדיקע בעלעטריסטישע שריפטן זיינע, וואָס האָבן באַרירט דאָס יידישע לעבן, איז דער סאָציאַלער מאָמענט געווען דער פאַרהערשנ־דיקער. דאָס לעבן איז אויפגענומען געוואָרן אין די רעמלעך פון דער קלאַסן־איינטיילונג אַן אונטערנעמער און אַרבעטער, רייכע און אָרעמע, אויס־זויגער און אויסגעזויגטע. אַ קליינער אויסנאַם פון אָט־דעם כלל וואָלט גע־קאָנט זיין דאָס מיניאַטור־בילד „די כתבים". — אַ סקיצע, וואָס ער האָט אין דער פריער יוגנט געשריבן אין יידיש, דערנאָך אַליין איבערגעזעצט אין רוסיש, פון וואַנען זי איז ווידער איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש (דורך מ. ריינום) און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פרצעס „יום־טוב־בלעטלעך". אין יענעם מיניאַטור־בילד ווערט געשילדערט די טראַגעדיע פון אַ יידישן תלמיד־חכם, וואָס איז געצוואונגען צו האַלטן אַ קרעטשמע און צו זיין פאַרשקלאַפט ביי זיין „עקרת הבית, דעם אייגנטלעכן „בעל־מפרנס" פון דעם הויז. ספאַראַדיש רייסט זיך דער אַלטער למדן אַרויס פון שענק־הויז צו זיך אויבן, כדי פיבערהאַפט אָנצושרייבן נאָך אַ פּאָר שורות

אין זיינע „כתבים“, וואָס ווערן סוף־כל־סוף פאַרווענדעט פון זיין פרוי אויף איינצוואוויקלען הערינג פאַרן גוי. אָבער אויך אָט־די טעמע איז אין תוך אַריין אַ סאָציאַלע טעמע: דאָס איז זיגרייכער קאַמף פון דעם הענדלערישן מאַטעריאַליזם און דער עקאָנאָמישער לעבנס־נויט איבער דעם אידעאַליזם פון דעם וועלט־פרעמדן דענקער און פאָרשער.

געוויס, איז אַנסקי אין אַלע יענע שריפטן ניט געווען קיין „טענדענץ־ריכטער“. ער האָט ניט איבערגעאַנדערשט דאָס לעבן, ניט אויסגעזויגן פון פינגער קיין לעבנס־סיטואַציעס און מענטשלעכע כאַראַקטערן, כדי אַרויס־צוברענגען אַ סאָציאַליסטישן מוסר־השכל. ער האָט געמאָלן די סאָציאַלע זייט פון דעם יידישן לעבן אַזוי ווי ער, דער ערלעכסטער פון אַלע אונדזערע רעאַליסטישע שרייבער, האָט זי געזען און ווי זי האָט זיך געמוזט אָפּשפּיגלען אין זיין געפיל. עס איז געווען ניט זיין שולד, וואָס די אָפּשאַצונג האָט געמוזט אַרויסקומען אַ פּעסימיסטישע, אַן אַנגעמאָסטענע צו דער ווירק־לעכער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער ראַלע, וועלכע דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ גאַנצעס, האָט געשפּילט אין דעם לעבן פון רוסלאַנד.

אין זיינע פאַריזער נאָוועלן, געשריבן אין אַ צייט פון דעם העכסטן אַנטיסעמיטישן אויפברויז, וואו אין דעם צענטער פון דער באַטראַכטונג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע ניט נאָר וועגן דער סאָציאַל־עקאָנאָ־מישער ראָלע פון דעם יידן, נאָר — דער עיקר — וועגן דעם פּסיכאָלאָגישן און מאָראַלן מהות מענטש דעם יידישן. האָט אויך ביי אַנסקין די הויפּט־וואָג געמוזט אַריבערגעטראָגן ווערן פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן מאָמענט אויף דעם אינדיווידועלן, פּסיכאָלאָגישן און מאָראַלישן.

אויך דאָ, אין דער ערשטער נאָוועלע, אין דער שילדערונג פון דער יידישער אָרעם־קליין־בירגערלעכער היים, בלייבט ער דער ניכטערער רעאַ־ליסט, וואָס לאָזט זיך דורך קיין זאַך ניט פאַרפירן און ניט פאַרבלענדן; אויך דאָ קומען די זון און שאָטן־פלעקן אַרויס אַקוראַט ווי דאָס לעבן וואָלט זיי אַליין אַרויסגעוואָרפן אויף דעם לייוונט. און די אָפּשאַצונג אין געפיל קומט אויך אַרויס אוממיטלבאַר, אַזוי אומגעקינסטלט: אַ סימפּאַ־טישע אָפּשאַצונג, פול מיט באַהאַלטענעם אינעווייניקסטן טרויער אויף דעם גורל פון דער אָרעם־מענטשלעכער, קליינבירגערלעך־יידישער עקזיסטענץ.

און האָט מען אין אויג, אַז דאָס לעבן פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק איז אַזאַ אָרעם־מענטשלעכער קליינבירגערלעכער, געווינט די נאָוועלע דעם באַטייט פון אַ טראָפּן פון דעם יידישן ים, און דער רעזולטאַט פון איר קוואַנטאַטיוון און קוואַליטאַטיוון „כעמישן אַנאַליז“ מוז אַריבערגעטראָגן ווערן אויף דעם גאַנצן יידישן ים. איך וואָלט יענעם

רעזולטאַט פאַרמולירט אזוי: ס'איז שקר וכזב, וואָס די אַנטיסעמיטן זאָגן אויף אונדז. די באַקאַנטשאַפט מיט אונדזער לעבן באַווייזט אַז, ווי מאָראַלישע כאַראַקטערן, האָבן מיר קיין רעכט ניט צו ווערן אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. מיר זיינען אין קיין זאַך ניט ערגער פאַר די אַנדערע, ווען אפילו אין קיין זאַך ניט בעסער.

אַן אָרעמער רעזולטאַט! אָבער דאָס איז, וואָס אַנסקי האָט געפונען, אַריינטראַכטנדיק זיך אין דעם לעבן פון דעם יידישן מאַסן־מענטש. און שוין אָט־דער רעזולטאַט איז געווען פאַר אַנסקין גופא אי א טרייסט, וואָס האָט געגעבן זיין שטעלונג צו דעם יידישן פאָלק אַ פעסטערן באַלאַנס, אי אַ שריט פאָראויס אין זיין דערנעענטערונג צו דעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

נאָך אַ וויטערן שריט מאַכט אַנסקי, — אין דער ריכטונג פון אומבאַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַליזם, — אין זיין צווייטער נאָוועלע: „מענדל דער טערק".

אָט־די נאָוועלע שטייט אין אַ נאָך ענגערן שייכות צו דעם „דרייפוס־פּראָצעס" איידער די ערשטע. אויב איר ווילט, איז די טעמע אַ ריינע „דרייפוס"־טעמע. „מענדל דער טערק" איז אינווייניק אין זיין הארצן און אין דער ווירקונג אויף זיין סביבה אַ „פאַררעטער" צו זיין רוסישן פאָטערלאַנד.

איך האָב ליידער ניט דאָס ווערק אונטער מיינע הענט, בעת איך שרייב, און וועל מיך דעריבער מוזן אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן צו ציטירן אַ פּאָר פון יענע שיינע כאַראַקטעריסטישע שטעלן, מיט וועלכע די נאָוועלע איז רייך, דער אָנבליק פון זיינע העלדן און דער רעזולטאַט, ד. ה. די אָפּשאַצונג אין אַנסקים געפיל פון יענעם שטיק יידישן לעבן, וועלכן ער האָט אויסגעמאָלט.

די סביבה איז דאָ ניט פון דעם יידישן מאַסן־מענטש, נאָר פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענציע: די סביבה פון די יידישע מלמדים.

אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה איז די שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַ געטיילטע: טערקאָפּיליש און רוסאָפּיליש. מענדל, אַ יונגער מלמד, איז געווען אַן ענטוזיאַסטיש־איבערגעציינטער „טערק", ביי וועמען די מפּלה פון דעם „רום" איז געווען פאַרבונדן מיט דער האָפענונג אויף דער יידישער גאולה. זיינע „פאַנדן" און האָפענונגען האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן די גאַנצע צייט, וואָס „אָסמאַן־פּאַשאַ" האָט העלדיש פאַרטיידיקט פּליעוונע.

די גאַנצע דערציילונג האָט צו טאָן מיט די איבערלעבונגען פון דעם העלד און די ויכוחים זיינע מיט די חברים מלמדים, וואָס זיינען כמעט

אַלע געשטאַנען אויף „פּאַניעס" צד. די היציקע דעבאַטן האָבן זיך גע־דרייט ניט נאָר ארום דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק. די פּראָבלעמען פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן יושר זיינען דערביי געשטאַנען אין קאָן. און אויב פון אַ נאַציאָנאַל־יידישן שטאַנדפּונקט האָט מענדל געהאַט שטאַרקע אַרגומענטן לטובת דעם „פעטער ישמעאל", האָבן אָבער זיינע קעגנער גע־האַט אַ היפּשע בייטש אויף אים אין די רציחות, וואָס דער „פעטער" ישמעאל האָט אַרויסגעוויזן צו די פון אים אונטערגעדריקטע פעלקער. וואָס איז פאַראַן וואָס צו רעדן — ישמעאל איז געווען אַ בלוט־דאָרשטיקע חיה, אַ „ידו בכל ויד כל בו" און איז דאָס עד היום פאַרבליבן!

אין דער היץ פון דער דעבאַטע פלעגט אמאָל אויסקומען אַז מענדל מיט זיין „גזלניש הארץ", איז שיר אַליין ניט שולדיק אין די אַלע בלוט־פאַרגיסונגען, וואָס דער טערק איז באַגאַנגען, לויט די באַשרייבונגען פון „בלאַט".

די אַלע באַשולדיקונגען האָט מענדל ניט געקאָנט אָפּלייקענען; ער האָט זיך אָבער בשום אופן ניט אונטערגעגעבן, האָט לחלוטין ניט געקאָנט באַנעמען מיט זיין נשמה אַז „רוס" זאָל שפּילן די ראָליע פון אַ מלאך הגואל פאַר די אונטערגעדריקטע פעלקער.

ערשט ווען פּליעוונע איז געפאַלן און מענדלס האָפענונגען זיינען צע־פלויגן, ווי שטויב, איז זיין מוט געבראָכן געוואָרן. אָבער דאָס האָט ניט געפירט צו אַ נצחון־שטימונג מצד זיינע קעגנער. זיי האָבן אים פאַרשטאַנען און ביז צו אַ געוויסן גראַד אויך מיטגעפילט מיט אים. ערשט איצטער איז די אַלגעמיין־מענטשלעכע פראַגע פאַרשוואונדן פון האָריזאָנט, און אין זיין גאַנצער גרויס האָט זיך אַרויסגערוקט דער גורל פון דעם יידישן פאָלק. אויף דעם סמך פון קאַבאַליסטיש־חסידישע אויסטייטשונגען איז געפונען געוואָרן אַ מעגלעכקייט, אויך דעם טערקס מפּלה און רוסלאַנדס נצחון אריינ־צואַרבעטן אין יענעם אַלגעמיינעם בליק אויף דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס איר הויפּט־ציל איז פאַרט דער צולעצטיקער טריאומף פון די אייביקע יידישע אידעאַלן. אויף דעם באָדן פון אָט־דער מיסטישער מעגלעכקייט זיינען די פאַרעקשנטע שונאים ווידער געוואָרן גוטע פריינט.

ווי מען זעט, האָט די טעמע אין זיך אַ היפּש ביסל קאָמיזם, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער סיטואַציע גופא: אַ פּאָר יידישע מלמדים נעמען־אויף, לויט זייערע השגות, די וועלט־פּאַסירונגען און באַהאַנדלען זיי, אַקוראַט ווי יענע פּאַסירונגען וואָלטן זיי נוגע געווען אין לעבן און אַקוראַט ווי דער גאַנג זייערער וואָלט געווען אָפּהענגיק פון מענדלס נצחון אָדער מפּלה אין דעם ויכוח מיט זיינע פריינט.

אנסקי האָט אָבער אויך די טעמע באַהאַנדלט ניט הומאָריסטיש: מען זעט בחוש, אַז ער האַלט אין אַן אָנגעצויגענער צוים די לוסטיקע איינפאַלן, מיט וועלכע עס איז אַלע מאָל געווען רייך זיין שטיפערישער וויץ און וואָס האָבן אין דעם משך פון דער דערציילונג זיך פשוט געבעטן אונטערן פען. אויך דאָ איז ער ערנסט רעאַליסטיש. דער קאָמיזם פאַרנעמט ניט מער פּלאַץ, אין דער דערציילונג, איידער עס קומט אים לפי זיין פאַרנעם אין דעם ווירק־לעכן לעבן. אַנסקיס ערנסט ווערט צוגעצויגן און געהאַלטן אין איין אָנגע־שפּאַנטן זיך חידושן, אַ דאַנק דעם טיפן ריינעם אידעאַליזם, וואָס ער אַנט־פּלעקט ביי זיינע אַביסל נאַאיווע העלדן. אַנסקי פאַרשטייט, אַז אָט־די נאַאיוויטעט שטאַמט ניט פון די העלדן גופא, וואָס דאַרפן פּסיכאָלאָגיש גענומען ווערן זייער ערנסט, נאָר פון דער גייסטיקער אַטמאָספערע, אין וועלכער זיי לעבן.

זייער אָפּשאַצונג אין אַנסקיס געפיל קומט דעריבער אַרויס אַביסל אַ צעשפּאַלטענע. מען זעט אַז דער מחבר שטייט נאָך דרויסן פון יענער נשמה, וואָס לעבט אין זיינע העלדן. ער פאַרשטייט זי, ער קלייבט נחת פון איר, אָבער ער קאָן זיך ניט צונויפגיסן מיט איר. דאָס איז ביי אים געשען ערשט אַ סך שפּעטער, ווען די יידישע נשמה האָט ער גענומען באַטראַכטן ניט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק. דעמאָלט ערשט איז אָבער אויך איר זין געוואָרן קלאָרער פאַר אים, און טיפער האָט ער געקאָנט אַריינבליקן אין איר טיף.

4

לאָמיר ציען אַ קליינינקן סך הכל.

ביז צו דער דרייפוס־אַפּערע איז אַנסקי געווען טעאָרעטיש אַ קאָס־מאָפּאָליט, פּסיכאָלאָגיש אַ רוס, אַ נאַראָדניק, וואָס האָט געטרוימט וועגן זיין פולן און גאַנצן צונויפגיסן זיך מיט דעם רוסישן פויערשן פאָלק. ער האָט ניט געלייקנט די עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק, מיט אייגענע יידישע דאגות און צרות, און ווי איינער פון די „חסידי אומות העולם”, האָט ער אים געוואונטשן כל הגוטס שבעולם.

אָט־די שטעלונג זיינע צו דעם יידישן פאָלק האָט זיך איבערגעביטן פאַר די אַכט יאָר פון זיין לעבן אין פּאַריז. און דעם גרעסטן חלק אין דעם איבערבייט דאַרף מען צושרייבן דער אַפּערע דרייפוס.

אנסקי הויבט אָן פּילן, אַז ער איז אויך אַ ייד און אַז „דאָס מיינט מען אויך אים". ער קאָן נאָך ניט אויסאַרבעטן קיין באַשטימטע פאָרמולע פאַר זיין יידישקייט. ער פילט נאָך ניט קיין באַשטימטע התחייבותן צו זיין פאָלק. ער קאָן נאָך ניט טראַכטן וועגן אַ געוויסן פּראָגראַם פון טעטיקייט, אין וועלכער יענע התחייבותן זאָלן געפינען זייער ממשותדיקן אויסדרוק. מער פאַר אַלץ באַשעפטיקט אים די פראַגע פון דער אַסימילאַציע, ווי אַ מעגלעכער ענטפער אויף דעם יידישן פּראָבלעם. דער אַסימיליאַטאָרישער געדאַנק שטויסט אים ניט אָפּ: גיכער סימפּאַטיזירט ער מיט אים אין הארצן. ניט דערפאַר, וואָס דער ייד איז ניט ווערט צו פירן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, — דער ווערט פון דעם יידן, ווי פון אַ מענטשן, ווערט דוקא געהויבן אין זיינע אויגן. אָבער דאָס יידישע לעבן און די יידישע אייגנשאַפטן, וועלכע ער האָט דעמאָלט געקאָנט איבערבליקן, זיינען ניט ווערט די קרבנות און לײדן, וואָס ווערן געצאָלט פאַר זייער דערהאַלטונג.

אסימיליאַציע איז אָבער אַ שידוך, אויף וועלכן ביידע צדדים דאַרפן וועלן איינגיין, איז — וואָס טוט זיך מיט דער כלהס צד, פאַר וועלכן מען דאַרף פאַר קנסן דעם יידישן בן־מלך?

די דרייפוס־אַפערע האָט אין דעם פּרט ניט געפירט אנסקין צו אַזאַ פעסימיזם, ווי יענעם, אין וועלכן זי האָט אַריינגעוואָרפן אַ הערצלען. דער סאָציאַליסטישער גלויבן אין דער צוקונפטיקער פאַרברידערונג פון אַלע מענטשן, — אַ גלויבן, וואָס האָט געפעלט הערצלען — איז דאָ געווען אַ שמירה, אנסקי זאָל נישט אַריינפאַלן אין אַ נאַציאָנאַליזם מחמת יאוש און אַפּלייקענען דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט די ערשטע חובבי־ציון פון די אַכציקער יאָרן.

אָבער די דרייפוס־אַפערע האָט פּאָרט געשאַרפט זיין בליק אויף דער שטעלונג פון דער ניט־יידישער וועלט צו דער יידישער. דער עיקר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער פאַקט, וואָס די פּראָגרעסיווע מענטשן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, ראַדיקאַלן און אפילו רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, האָבן געקאָנט פאַרגיפטעט ווערן מיט דעם אַנטיסעמיטישן באַציל.

אנסקי הויבט זיך אָן נעענטער צוצוקוקן צו דער דאָזיקער דערשיינונג, און סימנים אירע געפינט ער אוים אפילו אין אַזעלכע קרייזן, וואָס זיינען, דוכט זיך, אויף אייביק געווען „פאַרסטראַכירט" פון אַזאַ חולאת: אין די קרייזן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע.

איך מוז דאָ מודה זיין, אַז איננאַנצן זיך פאַרלאָזן אויף אנסקיס איינ־דרוקן און אָפּשאַצונגען פון יענער צייט קאָן מען ניט. איך האָב באַמערקט, אַז דער יידישער אַסימיליאַטאָר איז אין דעם פּרט אַביסל היסטעריש, צופיל

פול מיט חשד. ער קאָן ווערן אומאָנגענעם באַרירט, ווען ער באַמערקט, אַז דער געבילדעטער ניט־ייִד פילט די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט אין דעם ייִדן, און זאָגט זיך אַרויס גאַנץ אָפן, — אָן אַ ברעקל שלעכטן מיין, — וועגן דער אָדער יענער ייִדישער אייגנשאַפט, וואָס איז אים, דעם ניט־ייִדן, אומ־סימפּאַטיש.

ביישפּילן פון אַזאַ היסטעריש־אויפגעשראָקענער פּסיכאָלאָגיע ביי דעם ייִדישן אַסימילאַטאָר האָט אונדז געגעבן אַרטור שניצלער אין זיין מערק־ווירדיקן ראָמאַן: „דער וועג איז פריי”. העכסט כאַראַקטעריסטיש אין יענעם ראָמאַן איז דער פאַקט, וואָס דער ציוניסט איז אַבסאָלוט פריי פון אָט־דעם היסטערישן שטריך. דאָס אייגענע איז ריכטיק פאַר יעדן קאָנסעק־ווענטן ייִדישן נאַציאָנאַליסט, וואָס פילט זיך ווי אַ ייִד, ווייל ער פילט אין זיך דעם פאַנאַנדערגעשפּאָלטענעם „ייִד־מענטש”, און וואונדערט זיך דע־ריבער ניט, וואָס דער אַנדערער פילט אין אים דעם ייִדן.

ווי די מעשה איז, אָבער אַנסקים בליק האָט אין אַ סך פון זיינע רוסישע חברים און נאָענטע מענטשן געגומען באַמערקן „קלייניקייטן”, וועלכע ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט דערקלערן, ווי נאָר דורך דער טיף־איינגעוואָרצל־טער, מיט דער מוטער־מילך איינגעזויגענער ייִדן־פיינטשאַפט. און אויף אָט־דעם באָדן פלעגן אויך פאָרקומען באַדויערלעכע רייבונגען.

איינמאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ באַשולדיקונג אין אַנטי־סעמיטיזם אַנטקעגן אַ מאַן, מיט וועמען ער איז געווען זייער נאָענט אין לעבן, אַ אַ באַוואוסטן רעוואָלוציאָנער, ראָסאַנאָוו, וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער נאַראָדאָוואָלישער באַוועגונג און האָט דערנאָך פאַרנומען אַ גאָר חשובן פּלאַץ אין דער לעגאַלער און אומלעגאַלער פּוב־ליציסטיק. דער מאַן איז געוואָרן אַן אָנגעצונדענער. ער האָט דאָס גע־פילט ווי די ערגסטע באַליידיקונג, וואָס האָט אים דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ.

— איך — איך — אַן אַנטיסעמיט? — האָט ראָסאַנאָוו אויסגעשריען אין דער העכסטער אויפרעגונג. ער האָט גענומען דערמאָנען אַנסקין אַלע זיינע אַרטיקלען וועגן דער „אַפּערע”, וואָס ער האָט געשריבן פאַר דער רוסישער פּרעסע, וואו ער האָט אַזוי פייערדיק־היים באַקעמפט דעם אַנטיסע־מיטיזם און אַזוי האַרציק־ערנסט זיך אָנגענומען פאַר דעם ייִדישן פאָלק.

— זייט ניט אַזוי אויפגעבראַכט, — האָט אים קאַלטבלוטיק געענט־פערט אַנסקי — איר ווייסט, וועלכן איינדרוק עס האָבן אויף מיר געמאַכט אייערע אַרטיקלען? — אין אַ פאַרוואָרפענעם געסל זיינען אַמאָל גויאישע יונגען אָנגעלאָפן אויף אַ ייִדן און האָבן אים גענומען צופּן די פּיאות און די

באַרד. אויף דעם יידנס „קאַראַול"־געשרייען איז אַנגעלאָפֿן דער גאַראַ־דאַוואַי", וואָס האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פֿון זייערע הענט. אַרויספֿירנדיק אים פֿאַרן קאָלנער פֿון דעם פֿאַרוואָרפֿענעם געסל, מאַכט צו אים דער גאַראַ־דאַוואַי: „לויף, זשיד, כל זמן דו ביסט נאָך אַ גאַנצער! ווען ניט מיין „סלוזשבע", די פֿאַרשאָלטענע, וואָלט איך דיר שוין, זשידישער פּרצוף איינער, באַוויזן קוזקעס מאַמען!" — ווען ניט אייער ראַדיקאַלע „סלוזשבע", די פֿאַרשאָלטענע...

אַ לאַנגע צייט האָט רוסאַנאַוו, — אַ זייער ערלעכער און גאָר גע־הויבענער מענטש, — ניט געקאָנט אַנסקין פֿאַרגעסן דעם עפּיזאָד.

אַנסקי האָט דאָ גאַנץ זיכער געטראָפֿן „מיט אַ פֿינגער אין הימל". בלי ספק איז ער דאָ געשטאַנען אונטער דער שליטה פֿון יענער היסטאָריש־קייט פֿון אַ צאַרט־פֿילנדיקן אַסימילאַטאָר, אין אַ צייט פֿון אַן אַנטיסע־מיטישן אויפֿרודער. אָבער אויך אָט־דער פּסיכאָלאָגיש־קרענקלעכער צו־שטאַנד איז געווען איינער פֿון יענע מאָמענטן, וואָס האָבן געהאָלפֿן אַנס־קין איבערקאָכן זיין קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימיליאַציאָניזם אין אַ נאַר־מאַלן יידישן נאַציאָנאַל־געפֿיל. אמת, דער איבערקאָך האָט גענומען אַ היפּשע צייט. די אַנטוויקלונג פֿון זיין נאַציאָנאַל־יידישן באַוואוסטזיין איז געגאַנגען פּאַמעלעך בהדרגה, ווי דער אָרגאַנישער וואַקסן פֿון אַ בוים. זיין נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין האָט פֿריער געמוזט לאָזן שטאַרקע און טיפֿע וואָרצלען אין געפֿיל, איידער ער האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן צו יענעם בוים, וועמענס שיינקייט עס האָט באַצויבערט יעדן איינעם אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן, — אַ בוים, וואָס דער טויט האָט אים אַזוי אומברחמנות־דיק איבערגעבראָכן אין דעם רעכטן מיטן פֿון זיין שיינעם וואַקסן, בליען און ברענגען פּרוכט.

דער פּאַריזער פּעריאָד פֿון זיין לעבן האָט נאָר פֿאָרגעגרייט דעם באָדן, אין וועלכן יענער בוים האָט זיך געקאָנט איינוואָרצלען.

פֿון אָט־דעם שטאַנדפּונקט קאָן מען ניט פֿאַרבייגיין נאָך צוויי אַנ־דערע ווירקונגען, וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן יידישן רושם אין אַנסקיס נשמה: דער באַזוך אין אַנטאָקאָלסקים סטודיאָ און די נאָענטע באַקאַנטשאַפֿט, מיט דעם יידישן סקולפּטאָר, באָריס שאַץ, דעם שפּעטער־דיקן פּראָפֿעסאָר אין גרינדער פֿון דעם „בצלאל"־אינסטיטוט אין ירושלים.

זיין באַזוך אין אַנטאָקאָלסקים סטודיאָ האָט אַנסקי באַשריבן אין אַ לענגערן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, אין דעם זשורנאַל „נאָוואָיע סלאָוואָ". ליידער האָב איך דעם אַרטיקל ניט ביי זיך. אָבער איך געדענק גאַנץ גוט זיין אַלגעמיינעם אינהאַלט.

באשרייבנדיק די וויכטיקסטע פיגורן פון אנטאָקאָלסקיס שאַפן: די „איוואַן גראָזני", „ניעסטאָר", „ספינאָזאַ" און „מעפיסטאָפעל", ווי אויך א פּאָר קלענערע פיגורן באַשטעלטע פאַר מצבות, באַוואונדערט אנסקי אַנ־טאָקאָלסקיס מאַכט צו פאַרוואַנדלען מאַטעריע אין גייסט, צו דערטרינקען די גשמיות פון דער פיגור אין רוחניות.

סומירנדיק דעם איינדרוק, וועלכן אנטאָקאָלסקיס ווערק האָבן געמאַכט אויף אנסקין, וואָלט איך געזאָגט, אַז אונטער אנטאָקאָלסקיס הענט ווערט דער געדיכטער שטיק מירמלשטיין פאַרוואַנדלט אין א דין דורכזיכטיק הייטל, דורך וועלכער מען זעט קלאָר דאָס ברענען פון א מענטשלעכער נשמה. אין אַנדערע פיגורן, — ווי אין דעם „מלאך", וואָס האָט געדאַרפט אַוועק־געשטעלט ווערן אויף א מצבה, — פאַרלירט דער שווערער שטיין אינגאַנצן זיין וואָג. ער ווערט לופטיק־אַרטיק און ציט זיך ווי א דינער רויך צום הימל צו. די פאַרוואַנדלונג פון דער שווערער קאַלטער מאַטעריע אין א ברענענדיקן ליכטנדיקן גייסט, — אַזוי וואָלט איך פאָרמולירט דעם מהות פון אנטאָקאָלסקיס שאַפן, לויט אנסקיס באַשרייבונג.

אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, ווערט אין יענעם אַרטיקל א וואָרט ניט דערמאָנט וועגן אנטאָקאָלסקיס שייכות צו דעם יידישן פאָלק און צו דעם יידישן שאַפן. אָבער אין א שפּעטערער אַרבעט וועגן דעם יידישן פאָלקס־שאַפן אין לעגענדן און דערציילונגען, — דאָס ערשטע גרעסערע ווערק זיינס וועגן דעם יידישן פאָלקלאָר, — קומט אנסקי צו דעם זעלביקן רעזולטאַט: דער גרונט־שטריך פון דער יידישער פאָלקס־לעגענדע איז, נאָך זיין מיינונג נאָך, דער העראָאיזם פון דער גייסטיקייט, וואָס איז גובר די מאַטעריע.

א מער דירעקט־יידישן רושם האָט אויף אנסקין געמאַכט זיין באַ־קאַנטשאַפט מיט פּראָפעסאָר באָרים שאַץ, וועלכן ער האָט הויך געשעצט און וועגן וועלכן ער האָט זייער וואַרעם גערעדט. באָרים שאַץ איז שוין דעמאָלט געווען א ציוניסט, און מען קאָן ניט לייקענען, אַז דאָ האָט זיך אנסקי באַגעגנט מיט דעם ציוניזם אין א זייער סימפּאַטיש־מענטשלעכער פאַרקערפּערונג.

מען האָט מיר דערציילט, אַז פּראָפ. שאַץ האָט אויף זיין ציוניסטישן געוויסן ניט איין „גוי", אין וועמען זיין נאָענטקייט האָט אויפגעבלאָזן דאָס פאַרחלשטע „פּינטעלע ייד". מען מעג צו יענער צאָל צורעכענען אויך אנסקין. ער האָט אים געוויס ניט געמאַכט פאַר קיין ציוניסט. דאָס איז

ער געוואָרן אַ סך — אַ סך שפּעטער. אָבער די באַקאַנטשאַפט מיט שאַצן האָט געמאַכט לכתחילה אוממעגלעך, אַז אין אַנסקים ברוסט זאָל קאָנען אויפקומען יענער בייז־ביטערער געפּיל אַנטקעגן דעם ציוניזם, וואָס האָט געהערשט — און איז לײדער נאָך אינגאַנצן ניט פאַרשוואונדן — אין דער יידישער ראַדיקאַלער וועלט.

אין אַ יידישער מדינה

(און ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ יידישיסט)

.1

וואָס איך גיב דאָ דעם לעזער, איז ניט מער ווי איין בלעטל זכרונות, און אויך דאָס — דורכאויס ניט אין דער פולקומער געשטאַלט. אפילע פון איינצלנע פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם ענין, שלאָפן נאָך דער־ווײַלע אין דעם אומבאַוואוסטן זכרון און וועלן אפשר אויפוואַכן שפּע־טער, ווען דער אינטערעס צו דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט וועט — מיט די עלטערע יאָרן — ווערן שוואַכער, און עס וועלן פּלוצלונג אָנהויבן אַרויפשווימען אין באַוואוסטזיין קלאָרע בילדער פון די פאַר־גאַנגענע, לאַנג־לאַנג שוין דורכגעלעבטע צייטן, ווי דער שטייגער איז מיט דעם מענטשן אויף דער עלטער.

דערווײַלע האַלט איך נאָך ניט אַזוי ווייט; עס ציט מיך נאָך ניט צו דערינערונגען.

איך ווייס, אמת, אַז די געשיכטע פון יענעם יידישן דור, צו וועלכן איך געהער, פון יענעם דור, וואָס האָט אין זיין געמיט און געדאַנק אויס־געוויייטיקט דעם סינטעז פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס מיט אַ באַוואוסט נאַציאָנאַל יידיש לעבן, מוז זיין זייער רייך אין אינטע־רעסאַנטע גייסטיקע איבערלעבונגען, און אויב יעדער איינער פון אונדז וואָלט געקאָנט אויף אַ לאַנגער צייט אַראָפּלאָזן זיך אין דעם ים פון זיינע זכרונות, וואָלט ער געקומען צוריק מיט אַ שלל פון פּערל און קאָראַלן, וואָס וואָלטן געמוזט האָבן אַן אומגעהייערן קולטור־היסטאָרישן און אפשר אויך עסטעטישן ווערט: ווייל אונדזער צייט, דער פּעריאָד, אין וועלכן מיר זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן געלעבט, איז געווען דער רעוואָלוצ־יאָנערסטער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק פאַר די לעצ־טע פאַר הונדערט יאָר, סיי אין דעם לעבן, סיי אין דעם געדאַנק.

אויך די פריערדיקע עפּאָכע, — די השכלה־צייט פון די פופציקער

און זעכציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, — איז געווען געגנוג רעוואָלוציאָנער, — אין געדאַנק נאָך אפשר ראַדיקאַלער (בנוגע צו איר פאַרגאַנגענהייט, פאַרשטייט זיך), איידער די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן, אין וועלכע מיר, די ערשטע פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַליסטן, זיינען אויסגעוואַקסן. אָבער די השכלה־צייט איז געווען מער אַ קריטישער פּעריאָד אין געדאַנק, איידער אין לעבן: די אַלטע רעליגיעזע און עקאָנאָמישע יסודות פון דעם יידישן קיום זיינען געשטאַנען זיכער, ווי אַ פעסטונג, און נאָר אַ קליינע מחנה פון רעוואָלוציאָנערע משכילים האָבן זי מיט מוט און זעלבסט־אָפּפערונג באַלעגערט און העלדנהאַפּט אויסגעשטאַנען די אָנפאַלן פון די באַלעגערטע. אין אונדזער צייט איז שוין די פעסטונג געווען איינגענומען, די מויער־וואַנט אין אַ סך שטעלן דורכגעבראָכן און אין די דורכגעבראָכענע שטעלן האָבן ווינט און רעגן און שקצימשע הענט אַלץ ברייטער און טיפער געטריבן דעם חורבן.

די חסידישע יסודות פון דעם יידישן לעבן האָבן — ווייניקסטנס ביי אונדז אין ליטע — זיך גענומען איבערבויען לויט די גרונט־פּרינציפּן פון די משכילים. פון דער שטורמישער רעוואָלוציע פון געדאַנק איז געוואָרן די שטילע רעוואָלוציע פון דער ווירקלעכקייט: „השכלה", וועלטלעכקייט, מענטשלעכקייט זיינען געוואָרן וואָכעדיקע זאַכן, אָנצוטרעפן כמעט אין יעדער יידישער, אַפילו זייער פרומער הויז; „הלבנון", „הצפירה" און אַפילו דער „המליץ", — „בלעטער", וואָס מען לייענט אין דער חסידישסטער קלויז. אַ געפּלעטע העמד מיט אַ שניפּס און קירצער געשאָרענע פּאות — שוין גאָר ניט קיין סתירה צו דעם ברייטן זיידענעם גאַרטל אום שבת און יום־טוב; אַ קערטל און אַפילו אַן אָוונט אין טעאַטער שוין אויס עבירה און אַ ברעקל ניט קיין שטער צו דעם תענית, ערנסט און פרום אָפּגעפאַסט.

וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע צונויפפּאָרונג פון קולטורעלע דערשיינונגען, וואָס מיר, אַ דור פריער, וואָלטן זיי בשום אופן ניט געקאָנט הויזן איינע מיט דער אַנדערער! וואָס פאַר אַ זיס־זויערע אידיליע פון „אמונה" און „השכלה", וואָס גייען „שלובי זרוע", ווי ווען דעם האָבן פאַנטאַזירט די מיטלמעסיקסטע פון אונדזערע משכילים!

און אַז די אידיליע האָט זיך שוין גענומען פאַרווירקלעכן כמעט אין יעדן יידישן הויז אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, — ערשט אין די טיפענישן פון דעם יידישן געמיט זיינען אָנגעוואַקסן נייע גייסטיקע שטורעמס: די ראַדיקאַלע אַסימילאַציע, די חבת־ציון און, צום סוף, דער פּראָגרעסיווער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַליזם, וואָס לייקנט זיי אַלעמען

אָפּ און נעמט זיי אַלעמען אַריין אין זיך: די אַלטע יידישקייט, און די השכלה, און דעם ראַדיקאַליזם און די חבת־ציון.

אַ קעסל־גרוב פון געדאַנקען־שטראָמען, פאַרבונדן מיט וואולקאַנישע ספּאַזמעס אין דעם גרונט־און־באָדן, וואָס פירן צו ערד־ציטערנישן פון קאַטאַסטראָפאַלער באַדייטונג, — אָט דאָס זיינען די דרייסיק־פערציק יאָר פון אונדזער לעבן אין רוסלאַנד — פון אַן ערך 1870 ביז 1910. און פּאַראַלעל — אַ ווירבל־טאַנץ פון איינצלנע לעבנס־בילדער און לעבנס־פאָרמען, וואָס האָבן נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך איינצולעבן, אַרויס־צואוויקלען אַלע זייערע אייגנשאַפטן, ערשט דעם אימפּעט פון דעם יידישן לעבן, — אָדער פון זיין האַסטיקן פאַנאַנדערפאַל, — האָט זיי אַלעמען צעריסן, ווי עס ווערט צעריסן און ווידער געבוירן און ווידער צעריסן דער שוים אין אַ שנעל זיך טראָגנדיקן שטראָם.

קיין קינסטלערס האַנט קאָן ניט אויסמאָלן און פאַראייביקן דעם שנעל־לויף פון יענע לעבנס־בילדער, ווייל אויף צו מאָלן זיי דאַרף מען, דעם קינסטלערס אויג זאָל אויף זיי, לפּחות, אויף אַ ווייַלע קאָנען רוען: זיי איז אָבער ניט באַשערט געווען קיין רו. נאָר איינצל־דערינערונגען פון יעדן איינעם פון אונדז, — ווי ניט קינסטלעריש זיי זאָלן זיין, — קאָנען אַרויסרייסן פון דער פאַרגעסנהייט ווייניגסטנס איינצלנע שטריכן און מאָמענטן פון דעם, וואָס אונדזער פאָלק האָט דורכגעלעבט. דאָס איז מיר גראָד איצטער קלאָר געוואָרן, בעת איך האָב מיך געמוזט אַראָפּלאָזן אין דעם ים פון דער פאַרגאַנגענהייט, כדי דאָרטן אויף זיכער אויסצוגעפינען, ווען און ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ יידישיסט. אַ ים, אַן אמתער ים! און ווען איך וואָלט מיך ניט דערשראָקן פאַר דעם כישוף, וואָס שטעקט אין אים, ווען איך וואָלט קיין מורא ניט געהאַט, אַז ער וועט מיך אינגאַנצן אַוועקציען פון דעם „היינט” אין דעם „מאָרגן”, וואָלט איך נאָך אַ לענגערע צייט פאַרבליבן אין אים. עס האָט מיך אָבער געטריבן, וואָס גיכער אַרויף צוריק צו דעם איצטיקן לעבן און שטרעבן; מחמת דעם האָב איך אַ סך, אַ סך דעראינערונגען געמוזט לאָזן ליגן אין דער טיף.

יע, מיינע איצטיקע דערינערונגען זיינען ניט מער, ווי אַ בלעטל. דאָס וואָרט דאַרף אָבער ניט פאַרשטאַנען ווערן אין דעם ריין כראָנאָלאָגישן זין. דער „ווען” איך בין געוואָרן אַ יידישיסט קאָן נאָך באַשטימט ווערן כראָנאָלאָגיש מיט אַ געוויסער פּינקטלעכקייט: סוף 1884 און אָנהויב 1885. אָבער דער „ווי אַזוי” איז אַ לאַנגער און לאַנגער פּראָצעס, וואָס פאַרלירט זיך אין דעם גרויען נעפּל פון דעם יידישן היסטאָרישן עבר.

כדי אינגאַנצן קלאָר צו ווערן אין דעם „ווי אַזוי”, וואָלט איך באַ

דאַרפֿט מיך אַראָפּלאָזן אין מיינע „פּערזענלעכע״ דערינערונגען, אויב ניט ביז צו דער צייט פֿון „הריסת ביתר״, — אַזוי אַן ערך אַ יאָר 2000 צוריק, — דער צייט, ווען עס איז באַזיגלט געוואָרן דער גורל פֿון אונדזער גלות־לעבן און ווען איך האָב אונטער דער פּירערשאַפֿט פֿון בר־כוכבא געקעמפֿט אַנטקעגן דער רוימישער מאַכט, — איז לכל־הפּחות ביז צו יענער צייט, אין דעם 14טן אָדער 15טן יאָרהונדערט, ווען איך האָב מיך, מיט די גירושים פֿון דייטשלאַנד, אַריבערגעפּעקלט קיין פּוילן, געבראַכט אַהין דעם „יודיש־דייטשען״ דיאַלעקט, וואָס איז זיך דאָרטן פֿאַנאַנדער־געוואַקסן צו אַן אייגענעם לשון.

ליידער אָבער גייען מיינע פּערזענלעכע דערינערונגען ניט אַזוי ווייט. דאָס לעבן פֿון מיינע פֿריערדיקע גלגולים, — די גאַנצע געשיכטע פֿון דעם יידישן פֿאָלק, וועלכע איך האָב גאַנץ געוויס געשטודירט מיט מיין מלאך, בעת איך בין געלעגן און געוואַקסן אונטער מיין מוטערס האַרץ, — איז, אַדאַנק דעם באַקאַנטן „שנעל אין ליפּ״, וואָס דער מלאך האָט מיר געגעבן פֿאַר מיין לעצטער געבורט, לגמרי פֿאַרשוואונדן פֿון מיין פּערזענלעכן זכרון. וועגן דער געשיכטע פֿון מיין „יידישיזם״ (ווי אויך מיין יידישן נאַציאָנאַליזם בכלל) מוז איך דעריבער רעדן נאָר אויף דעם סמך פֿון מיינע לעבנס־דערפֿאַרונגען אין מיין איצטיקן גלגול. און דאָ מוז איך זיי ביידן אַריבערפֿירן צו אַ פֿאַקט, וואָס האָט אויף זיי, אויף ביידן, געהאַט די גרעסטע ווירקונג, גרעסער, איידער אַלע אַנדערע ווירקונגען פֿון מיין לעבן. דאָס איז דער פֿאַקט, וואָס איך בין אום אסרו־חג פּסח פֿון דעם יאָר 1865 געבאָרן געוואָרן אין אַ יידישער שטוב פֿון אַ יידישער שטעטעלע ביי יידישע עלטערן, וועלכע האָבן גערעדט די יידישע שפּראַך.

אויף דעם אומשטאַנד לייג איך די גרעסטע וואָג, און איך וואָלט שוין איצטער געבעטן דעם קינפֿטיקן היסטאָריקער פֿון אונדזער דור, אַז ווען ער וועט זוכן די דערקלערונג פֿאַר אונדזער נאַציאָנאַליזם, זאָל ער זיך קודם אָפּשטעלן אויף דעם פֿאַקט פֿון אונדזער יידישער אָפּשטאַמונג און זיך גוט אַריינטראַכטן אין זיין זין. מיר דוכט, אַז ער וועט זיך מער ניט דאַרפֿן יאָגן נאָך אַנדערע דערקלערונגען: אונדזער יידישער געבוירן־זיין איז דער איינציקער, דער נאַטירלעכער, אמתער „טעם מספּיק״ פֿאַר אונדזער יידישן באַוואוסטזיין. אַ דערקלערונג וועט ער דאַרפֿן זוכן, פֿאַרוואָס אָט דער יידישער באַוואוסטזיין איז אַזוי אָפֿט פֿאַרטונקלט און פֿאַרהויקערט געוואָרן, אַזוי אָפֿט שיר ניט דערשטיקט געוואָרן אין אַ פּיינטלעכער פֿרעמ־דער לופֿט . . .

.2

איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ ריין יידישן הויז; האָב אָפּגעלעבט מיינע קינדער־יאָרן און די ערשטע יינגל־יאָרן אין אַ ריין יידישער סביבה, און אויב איך וואָלט נישט געוואוסט טעאָרעטיש, אַז מיר, יידן, לעבן אין גלות, און אויב איך וואָלט געדאַרפט פאָרמולירן מיינע לעבנס־דערפאַרונגען, אַזוי ווי זיי גיבן זיך איינעם אויף דעם ערשטן בליק, וואָלט איך דעמאָלט געהאַט אַ רעכט צו זאָגן, אַז איך וואוין און לעב אין אַ יידישן לאַנד; אַזוי ווייניק האָט זיך אין לעבן געשפּירט דער גלות אין אונדזער געגנט, אין „רייסן" („בילאָ־רוס") אין די 15 יאָר פון 1865 ביז צום סוף פון די זיבעציקער.

דער יונגער יידישער האַנדלס־שטאַנד, וואָס האָט זיך גראָד אין יענער צייט גענומען פונאַנדערבליען, האָט גענומען איינפונדעווען אַן אייגענעם אינטערעסאַנטן יידישן לעבן, פול מיט אינעווייניקסטער גייסטיקער מאַכט, פול מיט אייגנאַרטיקער ענערגיע: די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע האָט שוין גענומען אַריינשיקן אַהין אירע שטראַלן, וואָס האָבן זיך אויף אַן אייגענעם שטייגער איבערגעבראָכן אין דער יידישער אַטמאָספערע און גענומען זיך צונויפוועבן מיט די ריין־יידישע יסודות צו אַן איינאייניקן, איינהייטלעכן געוועב. אַזאַ ריין יידיש לעבן, אין וועלכן די רוסישע עלעמענטן, האָבן דירעקט ניט געשפּילט קיין ברעקל ראָלע, האָט בלי גוזמא געקענט — ווען מען זאָל דאָס לעבן באַטראַכטן נאָר פון אינעווייניק — אַרויסרופן די אילוזיע, אַז ניט מיר וואוינען אין גלות ביי די „רוסן", נאָר אפשר גאָר פאַרקערט: אַז די „רוסן", אויף וויפיל מיר האָבן אַ מגע־ומשא מיט זיי, וואוינען אין גלות ביי אונדז, אין אונדזער אייגענעם יידישן לאַנד.

על כל פנים וואָלט, — לויט דער אינעווייניקסטער דערפאַרונג פון די קינדער־ און די ערשטע יינגל־יאָרן, — קיין זאַך נישט געשטערט דער דאָזיקער אילוזיע, ווען מען וואָלט אָנגענומען, אַז דאָס לאַנד האָט אַמאָל, אַמאָל, געהערט צו דעם גוי, אָבער מיר, יידן, האָבן עס, ווי דאָס פּאַסירט אָפט אין דער געשיכטע, איינגענומען מיט אונדזער ביקס און שווערד און זיינען געוואָרן, ווי דאָס איז נאַטירלעך אין אַזוינע פאַלן, דאָס הערשנדיקע פאָלק, אויב ניט אין פּאָליטישן פּרט, איז לכל פחות אין דעם עקאָנאָמישן, נאַציאָנאַלן און קולטורעלן.

די גוים זיינען אין אונדזער שטאָט, אין וויטעבסק, — וואוהין מיינע עלטערן זיינען אַריבערגעפאָרן פון דעם שטעטל אושאַטשי, ווען איך בין

קוים אַלט געווען דריי יאָר, — די גוים זיינען געווען אַ מינאָריטעט און אין יענעם יידישן קוואַרטאַל, וואו מיר האָבן געוואוינט — אין „זאַרו־טשעוויע" — שוין גאָר אַ פאַרשווינדנדיק קליינער מיעוט. זעלטן ווען צווישן יידישע הייזער, ביי אַן עק גאַס, פלעגט זיך געפינען אַ פאַרשוויגן גויאיש הויז, מיט אַן אייביק פאַרמאַכטן פערטל און פאַרשלאָסענע טויערן, וואָס פון הינטער זיי פלעגט זיך הערן דאָס גרונצן פון חזירים און דער ביל פון אַ הונט.

אין שטוב ביי אונדז איז דאָס פאַרשקלאַפטע גויאישע פאָלק געווען פאַרטראָטן — אויך דאָס ניט אַלעמאָל — אין דער פערזאָן פון „ניעשצער" דעם דוואָרניק — אַן אַנדערש מאָל האָט ער געהייסן אַנדערש, — וואָס האָט געקערט אונדזער הויף און אַרומגעגאַנגען אַרום אונדזער פערד אין שטאַל, און פון צייט צו צייט פלעגן זיך באַווייזן ביי אונדז: יולקע, די וועשערין, וואָס פלעגט קומען איין מאָל אַ חודש נעמען וואַשן אונדזער וועש, — זי פלעגט זיצן אין אייגענע, פאַנאַנדערגעלאָזטע שיינע שוואַרצע האָר, פלאַפלען מיט דער מאַמען און דערביי רויכערן אַ פאַפּיראָס נאָך אַ פאַפּיראָס, בעת די „שרת" (אין אונדזער געגנט רופט מען אַזוי אַ קעכין, וואָס וואוינט מיט איר הויז־געזינד אין דעם הויז פון דעם באַלעבאָס) און נאָך אַן אַנדער יולקע, אַ שיקסע „פון גאַס", פלעגן איבערציילן די גרעט, אָנגעוואָרפן אין גרויסע קופּעס אויפן „בריק" (דיל); די וואַסער־טרעגערינס, וואָס פלעגן שטום אויסגיסן די וואַסער פון די עמערס, שטום אַריינשטופּן אין די בוזעמס די שטיקער חלה, וואָס מען פלעגט זיי געבן אום שבת; דער פאָטשטאַליאָן, וואָס פלעגט אונדז ברענגען אַ בריוו, אָפּ־נעמען זיינע פיר קאָפּיקעס, זיך אָפּטמאָל צוזעצן אַ ווײַלע צום טיש, ווען די מאַמע פלעגט אים מכבד זיין מיט אַ גלעזל בראָנפן און אַ צוקער־לעקעך אָדער אַ שטיקל „איינגעמאַכטס" צום פאַרבייסן; די שוין דער־מאָנטע אַנדער יולקע, די שיקסע פון גאַס, וואָס פלעגט זיין אַן אָפטע איינגייערין אין שטוב, אויסצוהעלפן דער שרת אין דעם ריין־מאַכן, אַרויסטראָגן די צעבערס, וואַשן די דילן, אויסמעלקן די „בהמה" וכדומה.

די דאָזיקע יולקע איז שוין געווען כמעט אינגאַנצן „אַסימילירט" מיט דעם „הערשנדיקן" פאָלק. זי האָט גערעדט די „הערשנדיקע שפּראַך פון דעם לאַנד" —יידיש — און דווקא אַ גאַנץ פיינעם יידיש, מיט רעכט יידישע געפעפערטע ווערטלעך. זי איז שטענדיק געווען — איך ווייס ניט פאַרוואָס — אין אָפענער אָפּאָזיציע צו ניעשצערן און פלעגט אים נישט פאַרגינען קיין איבעריקן ביסן. אַז מען פלעגט איר הייסן אָוועקטראָגן

ניעשצערן עפּעס פון טיש אָדער אַן אַלטן קאַפּטאַן, וואָס וואָלט אים נאָך נעטויגט, פלעגט זי אַלע מאָל פּראָטעסטירן:

— דאָס אים, דעם שיכור? אַ גרויסע מצוה, ווי אַ הונט צום שמד!

(ניעשצער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, אָבער קיין שיכור, מוז איך, למען האמת, באַמערקן, איז ער אייגנטלעך ניט געווען).

און אַז נישצער פלעגט אין אַרום־פּסח־צייט זיך צופיל אַרומדרייען מיט זיין פּיפּקע אין דער שרת'עס שטוב, וואו עס זיינען געשטאַנען, אַרומגעדעקט מיט שמאַטעס, די פּסחדיקע בוריקעס, פלעגט שוין יולקע, ליגנדיק אויף אַלע פיר און וואַשנדיק די דילן אין עס־צימער, אויפהויבן, אַן אויפגערודערטע, דעם קאָפּ און פלעגט מיט אַן איבערגעשראָקענעם קול מתרה זיין דער שרת:

— זע, זע, סאָסיע! דער ערל דרייט זיך שוין דאָרטן אַרום די בו־ריקעס! ער וועט דיר אָנמאַכן חמץ!

און ווען אַפילו ניעשצערס נאָמען איז דערביי נישט דערמאָנט גע־וואָרן, פלעגט ער אָבער פאָרט פאַרשטיין, וועמען מען מיינט, און פלעגט, אַ שטאַרק באַליידיקטער, ענטפערן:

— טשעווא: כאָמיעץ!! ראַזוויע יאַ ניע זנאַיו? *) — און פלעגט נאָך דערצו זיך אויסשעלטן דוקא מיט אַ יידישער קללה, וואָס האָט אין זיין מויל געקלונגען אַן ערך אַזוי: „אַ טראַסקע זאָל ד'איך כאַפּ!״ — אויף וואָס יולקע פלעגט ענטפערן מיט אַ הילכיקן געלעכטער . . .

געווים, זיינען אין אונדזער יידישן לאַנד געווען נאָך אַ סך אַנדערע גויים פון אַלערליי מינים, „אוודאי״ נאָך מער, איידער יידן; אָבער זיי זיינען באַשיימפּערלעך פאַרמשפּט געווען דורך אונדזער איבערמאַכט צו דעם, אַז זיי זאָלן אונדז דינען, מיר זאָלן ציען פון זיי די יניקה.

עס זיינען געווען אַ סך פּויערים, וואָס האָבן באַדאַרפט האַקן די וועלדער, וועלכע מיין פאָטער און די איבעריקע יידישע וואַלד־סוחרים האָבן געקויפט ביים פּריץ, און טרייבן די פליטן קיין ריגע. באַדאַרפט באַאַרבעטן די ערד, כדי מיין זיידע זאָל קויפן ביי זיי פלאַקס און ליין און זוימען און פאַרקויפן דאָס אין „קאָנטאָר״ אין ריגע. באַדאַרפט זייען קאָרן און ווייץ פאַר יידישע תבואה־הענדלער (אין אונדזער משפחה איז ניט געווען קיין איינער פון זיי) און פאַר מיין פעטער מיכלען פון אושאַצי, כדי ער זאָל אין זיין „ברויז״ טרייבן דערפון בראָנפן און „ספּי־רעט״; באַדאַרפט טרינקען דעם בראָנפן, כדי אַלע יידישע שענקער

*) וואָס: חמץ. וואָס איז — איך ווייס ניט?

זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן; און טאַקע פשוט באַארבעטן אונדזער ערד, די ערד אין דעם גרויסן הויף, וואָס מיין פעטער מיכל האָט אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אין אַרענדע ביי „דעם גראַף".

עס זיינען געווען פּריצים, גראַפן און פירשטן פון פּוילישן און רוסישן בלוט. אָבער זייער לעבן האָט געהאַט אַ קלאָרן תכלית און זין: אָפּשליסן קאָנטראַקטן מיט יידן. דאָס פלעגן מיר ביי זיי קויפן די וועלדער, נעמען די הויפן און די „מילכיגעסן" אין פּאַכט, איינהאַנדלען די פּראָדוקטן פון דער אַגראַר־ווירטשאַפט, און פון זיי ברענגען אינדיקעס אויף פּסח אַהיים.

עס זיינען אויך געווען אַלערליי מינים טשינאָווניקעס און שטאַטס־באַאַמטע. דער דאָרף־שרייבער, וואָס האָט געדאַרפט מאַכן אונדזערע „אוסלאָוויעס" מיט דעם פּויער און פּאַרקויפן אים אונדז מיט לייב און לעבן פּאַר אַ פינף־און־צוואַנציקער מיט אַ בוטל „ראָם"; די „פּריסוטסטוויע"־לייט אין שטאָט, וואָס האָבן געוואַכט, אַז אונדזערע קאָנטראַקטן מיט דעם פּריץ זאָלן אָפּגעהיט ווערן, — ער זאָל אונדז, חלילה, גאָרנישט ניט צעדרייען, און זאָלן נאָך אונדז העלפן, אויב מיר וועלן צעדרייען אים; וואָס האָבן געגעבן חיונה יידישע וואוכערערס, מעקלערס און סרסורים.

געווען אויך אָפיצירן און גענעראַלן, מיט סאָלדאַטן אין קאַזאַרמעס, און גובערנאַטאָרן און „סטאַנציע־נאַטשאַלניקעס" אויף די אייזנבאַנען, — אַלץ צוליב דעם, מיר זאָלן האָבן, ווען מען צוצושטעלן „פּאָדריאַדן", און ווער עס זאָל אַריבערפירן אונדזערע סחורות, וואָס מיר האָבן איינגעהאַנדלט ביי דעם פּויער און דעם פּריץ.

אַז די אַלערליי מינים שטאַטס־באַאַמטע האָבן אין די מיינסטע פאַלן געדינט אונדז, און ניט „זיי", קאָן מען זען פון דעם פּאַקט, וואָס גראָד אין די סוף זעכציקער און דעם אָנהויב זיבעציקער יאָרן האָבן אַ סך יידן זיך אַ לאָז געטאָן אין אונדזער געגנט רואינירן דעם פּריץ, — בפועל ממש רואינירן עד לחרמה, — און די כלומרשט „הערשענדיקע" מאַכט האָט אַלעמאָל באַשיצט „אונדז" און ניט „זיי".

איך קאָנסטאַטיר מיט גרויס באַפרידיקונג, אַז אין אונדזער משפּחה, — ד. ה. אונדזער הויז און אונדזערע נאָענטסטע קרובים, — האָט זיך נישט געפונען קיין איינער פון די דאָזיקע בלוט־זויגערס. אָבער אַ מחותן אַזאַ האָבן מיר געהאַט, — אליה האָט מען אים, דאַכט זיך, גערופן, — פון „מאָנאַסטירשצינע", אַ שטעטל נישט ווייט פון סמאָלענסק. איך געדענק אים נאָך, ווי היינט: אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט קורץ אָפּגעשאָרענע וואָנצעס, גרין־געלבלעך געוואָרענע פון טאַבאַק־רויך, מיט

א לאנגער־לאנגער „זשופּעצע״, אַן אַ שפּאַלט הינטן, מיט אַ לאַנגער־לאַנ־
גער „פּיפּקע״, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ ווייסן פּאָרצעלאַיענעם
קאָפּ און אַ מעשענעם דעקל, — און . . . מיט אַ גוט־מוטיקן, קינדערשן
פּנים, פון וועלכן עס האָבן ממש געלויכטן תמיד פרייליכע קינדערשע
אויגעלעך.

וועגן דעם אליה׳ן און זיינע בריהשקייטן אין אויסזויגן דעם פּריץ
פלעגט מען זיך אין אונדזער הויז אָנדערציילן מעשיות און מעשיות,
נישט חלילה קיין אויסגעטראַכטע, אין גרונט־גענומען שרעקלעכע מעשיות,
אָבער דערציילט מיט אַזאַ לוסטיקייט, אַז ס׳איז גאָר קיין ספק ניט געווען:
די סימפּאַטיעס פון דעם דערציילער (און פון צוהערער) זיינען געווען אויף
אליה׳ס צד (לאָמיר אים שוין אַזוי רופן).

דער סוף פון אַזאַ מעשה האָט זיך דערציילט אַזוי:

— . . . און אַז ער האָט שוין ביי אים אָוועקגענומען בכל מכל
כל, קומט ער, דער פּריץ, צו אים און בעט זיך רחמים: „עליאַ! דאַי
זשע ט׳אי מניע כאָט נאַ פּאַטשקו טאַבאַקו!!״ און ער קוועטשט מיט
די אַקסלען און ענטפערט: „אַלי פּאַני, אינדיעזש יאַ טעביע וואָזמו?
וואָט זשע ראַכונעק״ *).

— ניט געגעבן! — פאַרענדיקט דער דערציילער מיט טריאומף.

איך האָב שוין געזאָגט: אונדזער משפּחה איז געווען ווייט פון
אַזעלכע פּרנסות. אָבער אַלע שבת און יום־טוב פלעגן אויף אונדזער
לאַנגן טיש, באַדעקט מיט אַ ווייסן סערוועט, ווערן אויסגעלייגט שווערע
זילבערנע גאָפּל און מעסער, און לעפל, און קאָכלעפל, און דעסערט־לעפל,
און אַ ברייטער דורכאויס זילבערנער פיש־מעסער. און אויף די אַלע
שווערע שטיק זילבער איז געווען אויסגעקריצט אַ קרוין מיט רוסישע
איניציאַלן: „עס. דע.״ דאָס האָט געמאַכט: „קניאַז דרוצקי־סאָקאָל־
ניצקי״. — די זילבער האָבן מיר געהאַט פון אליה׳ן, צו וועמען יענער
קניאַז איז אַריינגעפאַלן אין נעץ . . .

אויף אַזאַ אופן האָבן יידן בהרחבה געצויגן חיונה פון דעם „גוי״
(דעם פּויער), דעם פּריץ און דעם „טשינאָווניק״, און דער עקאָנאָמישער
מצב פון דעם יידישן סוחר שטאַנד האָט גענומען אין אונדזער געגנט
וואַקסן, אמת, ניט איבעריקס שנעל, אָבער דערפאַר זיכער.

אונדזער הויז איז דעמאָלט נישט געווען קיין גבירישע הויז. מיין

---

*) אליה, גיב מיר לפּחות אויף אַ פּעקל טאַבאַק!״ — „אָבער,
פּריץ, פון וואַנען זאָל איך דיר נעמען? אָט איז דאָך דער חשבון״.

פּאַטער, אַ יונגער וואַלד־סוחר, וועמען עס איז געגאַנגען ניט שלעכט, — איז נאָך געווען ניט מער, ווי אַ פאַרמעגלעכער באַלעבאָס, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן אַרויפצואַרבעטן זיך אויף אַ נגיד. אָבער אויך מיר האָבן געלעבט אין יענער האַלב נאַטירלעכער שפע, אין וועלכער עס לעבט אַ מיטעלער פּריץ אין שטאָט, וועמען „זיין" הויף שטעלט צו מכל טוב. אויך ביי אונדז אין הויף איז געשטאַנען אַ גרויסער שפּייכלער, אָנגע־לאָדן מיט כל המיני עסנוואַרג. אַפילו אַ פערטל אַנקער פּאַרטוויין פון ריגע האָט נישט געפעלט, און אַ גערויכערטער לאַקס (אויך פון ריגע) איז געהאַנגען אין ברעטלעך פון באַלקן. אין ווינטער־צייט פלעגט אַמאָל אַרויספאָרן אַ שליטן אויפן הויף און ברענגען זעק מיט געפראָרענע פיש, פון די קלענסטע „סניעטקעס" ביז די קלאָפּטער־לאַנגע קאַרפּן און העכט: דאָס האָט דער זיידע, פאַרבייפאָרנדיק עפּעס אַן אָזיערע, אָפּגעקויפט אַ פאָר פּוד פיש און אַריינגעשיקט צו אונדז און געלאָזט אָנזאָגן, אַז די טעג וועט ער ביי אונדז זיין צו גאַסט, און אַז מען זאָל פאַר אים קאָכן מילכיקע קרויט מיט סניעטקעס, — אַ מאכל, וועלכן ער האָט שטאַרק ליב געהאַט.

און אַן אַנדערש מאָל — אין אַן אָנהויב ווינטער — פלעגט דער זאַל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וואַרשטאַט פון רויכוואַרג, וואו דער סקאָר־ניאַק פלעגט פון אַבלאַמען וועלף, די טכויר, די פוקס און סויבעל און פיי צושניידן אַ וועג־פוטער און אַ שטאָט־פוטער פאַרן טאַטן, און אַ „סאַלעפּ" מיט אַ סויבעלנעם קאָלנער פאַר דער מאַמען און פייגע פּו־טערלעך פאַר דעם קליינוואַרג.

געווייס ניט אַלע פון דעם „הערשענדיקן פאָלק" האָבן געלעבט אין אַזאַ רחבות. עס זיינען געווען אויך אָרעמע יידן, — „אפשר" מער, איידער רייכע. אין אונדזער משפחה אַליין איז געווען אַ היפּשע מחנה קבצנים, סיי פון דעם פאָטערס, סיי פון דער מוטערס צד. שטענדיק פלעגט ביי אונדז אין שטוב זיך אַרומבלאָנקען איינער פון די אָרעמסטע קרובים, און ניט זעלטן עטלעכע מיט אַמאָל, וואָס פלעגן שלאָפן אויף די „דיוואַנעס" און „טאַפּטשאַנעס" פון זאַל און פון עס־צימער, אָדער גאָר אויף צונויפגערוקטע שטולן. דער „פעטער שלמה" פון ארץ ישראל איז אַזוי ביי אונדז אָפּגעווען אַ גאַנצן ווינטער, געזעסן תמיד אויף קי־שעלעך אויפן דיוואַן אין זאַל, די פיס אונטער זיך, מעשה טערק. אין שטוב האָט מען תמיד גערעדט פון די נויטן און ווייטיקן פון דעם אָדער יענעם קרוב: דעם דאַרף מען חתונה מאכן, פאַר דעם — נדן צונויפ־קלייבן, יענעם — עפּעגען אַ קרעמל, צי עפּעס אַן אַנדער מחיה. און

איך בין זיכער, אַז אונדזער הויז איז אין דעם פּרט ניט געווען קיין אי־בעריק גרויסער אויסנאַם פון אַלע אַנדערע באַלעבאַטישע, נגידישע און גבירישע הייזער. כמעט אין יעדער משפּחה, וואָס האָט געהאַט אַ פּאָר גבירים אָדער פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, האָבן אַרום זיי געלעבט צענד־ליקע געזינדן פון אָרימע קרובים. און אַחוץ די אייגענע אביונים, אַחוץ דער „אָרעמענקער מומען", וואָס „ניט געבעטן, אַליין געקומען", און וואָס האָט אינעם לידל דערמאָנט דעם רייכן קרוב, אַז אָרעם איז ניט גוט, לאָמיר זיך ניט שעמען פאַר אייגענע בלוט", — אַחוץ זיי זיינען געווען מאַסן „פרעמדע" קבצנים, — בעלי־מלאכות און פּועלים, מלמדים און שמשים, לופט־מענטשן און קליינע קרעמערלעך. ניט צו פאַרגעסן די גלאַט שלעפּערס אין בוכשטעבלעכן זין פונם וואָרט , וואָס פלעגן אומ־גיין איבער די הייזער אַלע ערב־שבת, ערב יום־טוב און ערב ראש חודש. אין די טעג פלעגט זיך די פערטל פון אונדזער הויף־גאַניק ניט צומאַכן: איין מחנה אַרויס, די אַנדערע אַריין.

ווי ביי יעדן פאָלק, צו יעדער היסטאָרישער צייט, זיינען אויך ביי אונדז געווען אָרעמע און רייכע: אַ סך קבצנים און ווייניק גבירים. אָבער עס איז נאָך ניט געווען קיין קלאַסן־צעשיידונג, קיין קלאַסן־קעגנ־זאַץ און קיין קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט זיך ערשט באַוויזן אַ סך שפּעטער, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. מען האָט דער־מאָלט גאַנץ געוויס געקאָנט ריידן פון אַ נאַציאָנאַלער, עקאָנאָמישער סאָ־לידאַריטעט פון דעם גאַנצן פאָלק, ווייל די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, — ווייניקסטנס אין אונדזער געגנט, — איז באמת געווען איין איינהייט־לעכער לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס האָט ווי אַ ספּרויט געלעבט אויף דעם גוף פון דעם „אונטעריאָכטן" פאָלק. זיינע סוחרים פון די קליינע ביז די גרויסע — זיינען געווען די פאַנג־ און זויג־אָרעמס, מיט וועלכע דער יידישער אָרגאַניזם האָט אַרומגענומען און אויסגעזויגט די ניט־יידישע באַפעלקערונג, און אַלע אַנדערע שיכטן זיינען אויך עקאָנאָמיש געווען טיילן פון דעם יידישן אָרגאַניזם, וואָס האָבן זיך אין לעצטער ליניע גע־שפּייזט פון דעם אויסגעזויגטן זאַפט.

דאָס איז געווען דער „עקאָנאָמישער באַזיס", אויף וועלכן עס האָט זיך אויפגעהויבן דער אינטערעסאַנטער „אידעאָלאָגישער איבערבוי" פון דער דעמאָלטיקער יידישער קולטור.

זכרונות פון מיין לעבן

1.

אַן אורח

דעם ציל, וואָס איך שטעל מיר איצטער, ביי דעם שרייבן אַ טייל פון מיינע זכרונות, איז קודם כל אָפּגעבן זיך אַליין דין וחשבון וועגן מיין עפנטלעכער און רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך, דעם זין פון יענער טעטיקייט, ווי אויך פון יענע פּאַסירונגען און איבערלעבונגען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט איר. די שטרענגסטע אָביעקטיוויטעט צו זיך און צו אַנדערע, אויף וויפיל דאָס ליגט אין מיינע כוחות, איז דער תנאי מוחלט דערצו. צי דאָס וועט זיין אינטערעסאַנט אויך פאַר אַנדערע, איז ניט פאַר מיר אָפּצושאַצן.

איך הויב אָן מיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון מיינע גימנאַזיע־יאָרן, ווייל אין זיי בין איך צוגעצויגן געוואָרן צו דעם רוסישן ראַדיקאַלן גע־דאַנקען־קרייז און צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָ, אין דעם אַריינפיר, שטעל איך מיך אָבער אָפּ אויף אַ קליינעם עפּיזאָד פון מיינע פריערדיקע קינדער־יאָרן, ווייל מיר דאַכט, אַז ער האָט אַ שייכות צום ענין.

דאָס איז געווען אַ פרייטיק נאָכמיטאָג, אין אָן אָנהויב ווינטער. דעמאָלט בין איך אַלט געווען אַ יאָר אַכט צי ניין. צו אונדזער הויז איז צוגעפאָרן אַ „דראָזשקע" (אַ פורל), און פון איר זיינען אַרויס מיין זיי־דע, ר' זלמן, וואָס האָט געוואוינט אין דערזשעלביקער שטאָט, וויטעבסק, און אַן אורח, אַ הויכער, דאַרער, אָבער קרעפטיק־געבויטער יונגערמאַן, מיט אַ קליין, קייַלעכדיק שוואַרץ בערדעלע און גרויסע, שוואַרצע, ברענענ־דיקע אויגן.

דער אורח איז געווען דער „פּאָלאָנגער עילוי". דער זיידע האָט אים געבראַכט צו אונדז אויף שבת, כדי מיין פאָטער — דעמאָלט אויך נאָך אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכט־און־צוואַנציק, וואָס האָט געשעמט

פאר א גרויסן למדן — זאָל אים „פאַרהערן". צוליב וואָס מען האָט דאָס געדאַרפט, ווייס איך ניט.

דער אורח מיטן טאַטן, דעם זיידן און מיינעם א פעטער, וואָס האָט דעמאָלט געגאַסטירט ביי אונדז, זיינען אַריין אין זאַל, וואוהין מען האָט געבראַכט טיי מיט „וואַרעניע". דער זיידע איז אַוועקגעפאָרן אַהיים.

וואָס עס איז געווען נאָכדעם, ביז צו קבלת־שבת אין שול, געדענק איך ניט. מסתמא זיינען אין שטוב אָנגעגאַנגען, ווי אַלעמאָל, דיזעלביקע פאַרהאַוועטע הכנות צו שבת, אין וועלכע אויך איך פלעג דאַרפן נעמען אַן אַנטייל: פוצן די אייגענע שטיוול, אָפּבאַרשטן די שבת־מלבושים; צוגרייטן זענעפט; אָנצאַפּן ווייַן אויף קידוש, זוכן דעם „ליוועך" און ניט געפינען („דו האָסט דאָך אַנומעלטן געשפּילט זיך מיט אים" — קאָכט זיך אויף מיר די קעכין. „וואו האָסטו אים אהינגעטאָן?") : מאַכן א קינסטלעכן „ליוועך" פון געגנזענע פּענעם מיט טריוואַקס וכדומה. נאָר דאָס געדענקט איך, אז מען האָט דעם גרויסן בליץ־לאָמפּ פון זאַל אָנ־געגאָסן פול, צו ברענען א גאַנצע נאַכט.

דער „עילוי" שווימט ווידער ארויף אין מיין זכרון, ווי ער שטייט צו קבלת שבת אין שול לעבן טאַטן. א הויכער, א דאַרער, מיט פעסט־צוגעשלאָסענע אויגן, די הענט צונויפגעקלאַמערט, צונויפגעקראַמפּט און צוגעדריקט צו דער ברוסט. אַלץ האָט אין אים ביים דאַווענען געציטערט, ווי אין א פיבער. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך טיף איינ־בויגן און לאַנג שאָקלען זיך, איינגעבויגענערהייט, אַריינ'טענה'נדיק עמיצן זיין תפילה בכל אמצי כוחיו.

פון דעם אָוונט געדענק איך ווידער גאָרנישט ביז אויף מאָרגן אינדערפרי. אזייגער זיבן, ווען נאָך פינצטערלעך, בין איך שנעל ארויס פון בעט און, אין איין העמד, אַריינגעלאָפן אין זאַל. דאָרטן האָב איך אָנגעטראָפן אזא בילד, העל באַלויכטן פון דעם בליץ־לאָמפּ.

אויף דעם דיוואַן, וואָס לעבן טיש, אויפן טיש און אויף שטולן זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן א סך ספרים, אָפענע און צוגעמאַכטע, דאָס רוב די פאָליאַנטן פונם תלמוד. ביי איין זייט טיש, אין פאָטער־שטול, איז געזעסן מיין פאָטער, מיטן קאָפּ אָן דעם אָנלען, אין א רואיקער פּאָזע. פון דער אַנדער זייט טיש, אויך אין א פאָטער־שטול, איז געזעסן דער גאַסט, טיף איינגעבויגן, מיט א פאַרקנייטשטן שטערן, די אויגן אַריינ־געטאָן אין א ספר אויף די קני. ביידע האָבן געשוויגן.

ביי מיין אריינקום האָט זיך דער פּאָטער שנעל אויפגעהויבן פון אָרט און זיך געווענדט צו מיר:

— זע, מיין קינד, א באַרוועסער! וועסט זיך, חלילה, פאַרקילן. גיי, טו זיך אָן!

ער נעמט מיך פאַר דער האַנט און מיר גייען אריין, דורך זיין קאַבינעט, אין עס־צימער. דאָרטן, אין דעם בלאַסן פרימאָרגן־שיין, קוקט אריין פון הויף דורכן ווענעציאַנישן פענצטער א בלוילעכער שניי, וואָס איז געלעגן אויף דעם נידעריקן דאַך פון א קליינעם שפּייכלער. אין עס־צימער האָט דער פעטער, שוין אָן „אויפגעשטאַנענער", געטרונקען טיי. איך בין שנעל אריינגעלאָפן הינטער דעם גרויסן בופעט, וואָס האָט אָפּגעטיילט פון עס־צימער אונדזערע קינדערשע בעטלעך, פאַרנומען מיינע קליידער, און צוריק אריין, אָנטאָן זיך לעבן וואַרימען אויוון.

— וואָס האָט איר זיך אזוי לאַנג פאַר'לומד'עט? — האָט געפרעגט דער פעטער.

דער פּאָטער האָט אין קורצן איבערגעגעבן די טעמע פונם עילוים פּילפּול.

— האָט ער געדרייט און געדרייט, און געדרייט די גאַנצע נאַכט — דערציילט דער פּאָטער — און אַז ער איז שוין פּאַרטיק געוואָרן, האָב איך אים א זאָג געטאָן: „דאָס וועט ניט שטימען מיט עירובין דף לאַמעד גימל, עמוד בית (די גמראָס טראַכט איך איצטער אוים — זש.). ווערט ער ניט נתפּעל און מאַכט תוך כדי דיבור: „איז קאָן מען א דריי טאָן צוריק" . . .

— ווי צוריק? — פרעגט דער פעטער, אויך א גרויסער למדן.

דער פּאָטער דערקלערט בקיצור.

— נו?

— האָב איך אים געזאָגט, אַז דעמאָלט וועט דאָס ניט שטימען מיט הוריות, דף יוד דאַלעד, עמוד אלף . . . זיצט ער איצטער אין געהאַקטע וואונדן . . . א שאַרפער קאָפּ! — האָט מיין פּאָטער מיט באַוואונדערונג פאַרענדיקט און איז אריין צוריק צו זיין „פּאַציענט".

אין שול האָט מיין פּאָטער, צוליב דעם גאַסט, זיך ניט פאַרבאַמקעט, ווי געוויינלעך ביז שפּעט נאָך האַלבן טאָג, נאָר האָט אָפּגעדאַוונט גלייך מיט אַלעמען, און אַהיים זיינען מיר געקומען מיט א גרויסן עולם חשובים, פאַרבעטענע אויף „ברכה".

די „ברכה" האָט דאָס מאָל געדויערט זייער לאַנג. קיין תורה ביים טיש האָט מען ניט געזאָגט, נאָר עס איז אָנגעגאַנגען יענער פרייילעכער

און גייסטרייכער „שיחת חולין של תלמידי חכמים", וואָס איך פלעג אַלעמאָל שלינגען מיט דער גרעסטער נייגיר.

מען האָט אויך גערעדט וועגן דעם ענין פון פילפול בכלל. און דאָ האָט מיין פאָטער דערציילט, אַז אין דער יוגנט האָט ער שטאַרק געהאַלטן דערפון. ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן חיבור, פילפוליסטישע הנחות און שאלות אויף דעם קאָמפּעטערס ספר — דעם „ארצות החיים", אָדער „ארצות השלום" (איך געדענק שוין איצטער ניט גענוי). דעם חיבור האָט ער אוועקגעשיקט דעם קאָמפּענער, אָבער קיין ענטפער פון אים האָט ער ניט באַקומען. נאָר אַז ער האָט זיך געזען מיט אים פּערזענלעך אין מע־מעל, האָט אים יענער דערקלערט, אַז בעת ער האָט באַקומען דעם חיבור, איז ער שוין געווען לגמרי אויסגעטאָן פון אָט דעם גאַנצן ענין. ווייל בעת זיין וויזיט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו אונדזערע „חכמי המזרח". האָבן אים יענע אויפגעעפנט די אויגן, ער זאָל איינזען, אַז „לא זו הדרך". גמרא דאַרף מען לערנען לשמה. פשוטו כמשמעו. מען דאַרף זיך פאַרטיפן אין יעדן ענין באַזונדער און באַלייכטן יעדן קלענסטן פרט. אי, ס'איז אַ סתירה צו אַן אַנדער ענין? דאַרף מען אויך יענעם ענין באַלייכטן ביז צו דעם קלענסטן פרט. וועט מען זען, אַז ס'איז ניט קיין סתירה.

אַזוי, אַן ערך, האָט מיין פאָטער דערקלערט, פאַרוואָס אויך ער האָט זיך לגמרי אָפּגעזאָגט פון דעם פילפול. ער לערנט איצטער נאָר לשמה.

וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף דעם יונגן עילוי, ווייס איך ניט. איך געדענק אָבער זיין דערציילונג וועגן זיינעם אַן איי־גענעם וויציקן איינפאַל.

נאָך גאָר אַ קליין אינגל, אַ שטיפער, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פילפוליסטישע דרשות. איינמאָל רופט מען אים פון שטיפן אין שטוב אַריין, און אַ חשובער גאַסט ווענדט זיך צו אים: „פיר מיר שוין צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט". דער עילוי האָט נאָר אַ וויל אַ טראַכט געטאָן און אוועקגעלייגט אַזאַ דרשה:

די גמרא זאָגט: „הרוצה להעשיר" (ווער עס וויל רייך ווערן), „יצפין" (זאָל ער מתפלל זיין פאַר דער צפון־וואַנט) און „הרוצה להחכים" (ווער ס'וויל קענען לערנען), „ידרים" (זאָל מתפלל זיין פאַר דער דרום־וואַנט). עס שטייט אָבער אין פרק, אַז „אם אין קמח" (אויב ס'איז ניטאָ קיין ברויט), „אין תורה" (איז ניטאָ קיין תורה) און „אם אין תורה", איז „אין קמח" (אויב עס איז ניטאָ קיין תורה איז ניטאָ קיין ברויט). היינט וואָס זאָל איינער טאָן, אויב ער איז, נעבעך, אי אַן אָרי־

מאן, אין אן עם־הארץ? זאל ער מתפלל זיין צו צפון־צו אויף קמח? איז וואס איז די פעולה? אז ער האט דאך ניט קיין תורה! אלא, ער זאל מתפלל זיין צו דרום־צו, אויף תורה, — האט ער דאך ניט קיין קמח! בלייבט אים קיין אנדער ברירה ניט, ווי נאר „צונויפפירן א וואנט מיט א וואנט": די צפון־וואנט מיט דער דרום־וואנט, און מתפל זיין פארביידע . . .

אט דאס איז דער עפיזאד. האט ער עפעס א שייכות צו מיין ענין? מיר דאכט, ער האט. קודם האב איך מיין גאנצן לעבן געשטרעבט צו דינען יענער באוועגונג, וואס וויל פארענטפערן די שאלה, וועלכע דער „פאלאנגער" שטיפערישער אינגל האט פארמולירט אין די ווערטער: וואס זאל טאן דער, „וואס איז נעבעך אי אן ארעמאן, אי אן עם־הארץ?"

דעם ענטפער אויף דער שאלה האב איך געפונען אין סאציאליזם, און ער איז אביסל אן אנדערער, איידער דעם פאלאנגערס ענטפער. אבער אין מיין טעארעטישער באגרינדונג פון דעם ענטפער קום איך זיך צונויף א היפש ביסל סאי מיט דעם פאלאנגער, סאי מיט מיין פאטער.

מיין „אמפלוא" אין דער סאציאליסטישער ארבעט איז געווען קודם כל און אויפן ערשטן פלאן דער אמפלוא פון א פראפאגאנדיסט, פון א טעארעטיקער, ניט פון אן אגיטאטאר, ניט פון א פראקטישן טוער. מיין הויפט־ארבעט איז געלעגן אויף די פעלדער פון דעם פראגרעסיוון און ראדיקאלן געדאנק. ווי יעדער דענקענדיקער מענטש פון דער ראדיקאלער ריכטונג, האב אויך איך „געפאקט און געמאזלט", דורכגעמאכט אלע קינדער־קראנקייטן פון דעם פרייען דענקען. איך בין געווען אי אן אטעאיסט, אי א מאטעריאליסט, אי א קאסמאפאליט.

פון אט די קינדער־קראנקהייטן האב איך מיך אבער באפרייט לפי ערך גאנץ פרי. איך האב באלד איינגעזען, אז פאנאנדערשפאלטן דעם היסטארישן פראצעס אין א מאטעריעלן און גייסטיקן, אין „תורה" און אין „קמח", איז טעארעטיש פאלש. דאס זיינען צוויי זייטן פון איין און דעמזעלביקן ענין „מענטש". און אז מען דארף „מתפלל זיין פאר ביידע". איך האב אט די שיטה אנגערופן „סינטעטישער מאניזם", און זי איז אוועקגעלייגט געווארן אין דעם יסוד פון דעם טעארעטישן פראגראם פון די רוסישע סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן.

און נאך האב איך איינגעזען, אז די כלומרשטיקע „וויסנשאפט" פון די רוסא־מארקסיסטן, אנגעהויבן פון פליעכאנאוון אן, וואס איז אוועק

אויף דעם וועג פון דעם פראנצויז לאפארג, איז גאָר ניט קיין „וויסנ־שאפט", נאָר אַ גייסטרייכער פּילפּול. די סאָציאַלע וויסנשאַפט, ווי די געשיכטע בכלל, דאַרף מען שטודירן „לשמה", יעדן ענין באַזונדער, באַ־לייכטן אַלע זיינע פּרטים. איי עס ווייזן זיך אַרויס סתירות, — און גאַנץ געוואַלטיקע סתירות! — צו אַנדערע ענינים? איז — זאָל מען האָבן טענות צו דעם רבונו־של־עולם, פאַרוואָס ער האָט באַשאַפן אַ מענטשלעכן היסטאָרישן פּראָצעס, מיט געוואַלטיקע, אָפּטמאָל טראַגישע, אינווייניקסטע סתירות . . .

גראָבנדיק זיך אין מיינע זכרונות און אָנשטויסנדיק זיך אויף דעם אויבנגעשילדערטן עפּיזאָד, פרעג איך מיך: צי האָט אַמאָל ניט ער פאַרזייט אין מיר די קערענדלעך פון אַ געדאַנק, וואָס האָט מיר שפּע־טער געהאָלפן אַרויפצוגיין אויף מיין דרך? אפשר דערפאַר איז ער געבליבן אַזוי לעבדיק אין מיין זכרון.

2.

„פאַרבאָטענע שריפטן"

די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער „רעוואָלוציאָנערער יוגנט", וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין דער געדאַנקען־וועלט פון דעם רוסישן סאָצי־ליזם, האָב איך געמאַכט, ווען איך בין געווען עפּעס איבער פערצן יאָר אַלט, באַלד נאָך מיין אַריינטריט אין דעם דריטן קלאַס וויטעבסקער גימ־נאַזיע, אין דעם יאָר 1879.

דער אידיאָלאָגישער פאָרבאַדינג פאַר אַ סאָציאַליסטישן וועלט־באַ־נעם איז דעמאָלט, ווי כמעט נאָך אומעטום איצטער, באַשטאַנען אין דעם אַבסאָלוטן אַטעאיזם און קאָנסעקווענטן מאַטעריאַליזם, ווען מען „גאָט" איז געווען „די נאַטור", — דער עיקר די מאַטעריעלע וועלט; ווען מען הייליקע תורה איז געווען די וויסנשאַפט בכלל, כעמיע און פיזיאָלאָגיע בפרט, און ווען מען געבאָטן עס זיינען געווען די „נאַטור־געזעצן".

אייגנטלעך איז אָט דער אַטעאיסטיש־מאַטעריאַליסטישער וועלט־ באַ־נעם, — אויסגעאַרבעט און פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד פון אַזעלכע טאַ־לאַנטפולע אויפקלערער, ווי טשערנישעווסקי און פּיסאַרעוו, — געווען דער ראַדיקאַלער אני־מאמין פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע אין די זעכציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט. די זיבעציקער און דער אָנהויב אַכציקער יאָרן האָבן שוין געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פילאָ־זאָפישן אָנבליק, אַ דאַנק די אַרבעטן פון אַ פּעטער לאַווראָוו, ניקאָלאַי

מיכאַילאָווסקי און אויך איינעם אַ לעסעוויטש. עס האָבן אין יענער צייט זיך אויך גענומען באַווייזן די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ ריין רוסישן פילאָזאָפישן געדאַנק. איך האָב דאָ אין זינען די אַרבעטן פון דעם יונגן, שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענעם וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו, וואָס האָבן אויך געצויגן צו זיך דעם אויפמערק פון דער ראַדיקאַלער וועלט.

ביי אַלע אַט די דערמאָנטע דענקער און געלערנטע האָט דער פילאָ־זאָפישער מאַטעריאַליזם שוין פאַרלאָרן יעדן אָנהאַלט און קרעדיט. לאַוו־ראָוו האָט אויסגעבויט אַן אייגנאַרטיקן פילאָזאָפישן בנין אויף דעם יסוד פון דעם קאַנטישן קריטיציזם, וואָס האָט געלייקנט, אַז דער מענטש־לעכער שכל קאָן אַרויסשפּרינגען פון זיין אייגענער הויט און אַריינ־דרינגען אין דעם תוך פון דער וועלט. ממילא קאָן מען ניט וויסן, צי יענער תוך איז „מאַטעריע" אָדער עפּעס אַן אַנדער זאַך.

לעסעוויטש איז געווען דער נביא און אַפּאָסטאָל פון דער אַזוי־גערו־פענער „וויסנשאַפטלעכער" פילאָזאָפיע, וואָס האָט אויך זייער ווייניק געהאַלטן פון דער מאַטעריאַליסטישער סברה.

נ. מיכאַילאָווסקי, אַן אָריגינעלער דענקער דורך און דורך, איז אין זיין פילאָזאָפישן צוטריט דעמאָלט נאָך געווען אַ ריינער עמפּיריקער, וואָס נעמט די פאַקטן פון דער וועלט, ווי זיי זיינען, און פּילפּולט זיך ניט וועגן זייער „אינעווייניקסטן מהות". אין דער פילאָסאָפיע פון דעם מענטשלעכן לעבן האָט ער זיך גראָד שטאַרק גענייגט אויף דער אידעאַ־ליסטישער, רוחניותדיקער זייט פון דער מענטשלעכער געדאַנקען־וועלט.

די דריי פורעמער פון דעם יונגן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק אין די זי־בעציקער און אָנהייב אַכציקער יאָרן זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע פיינט פון יעדער „מעטאַפיזיק". נאָר דער יונגער סאָלאָוויאָוו האָט געהאַט דעם אומבאַשרייבלעכן מוט אַרויסצוטרעטן, גראָד אין דער אַטמאָספערע, מיט אַ שאַרפער קריטיק אַנטקעגן אַלע ריין־„וויסנשאַפטלעכע" „קריטי־שע", „פּאָזיטיוויסטישע" און „עמפּירישע" ריכטונגען און אויפהויבן הויך די פאָן פון דעם מעטאַפיזישן דענקען, פון דעם אומדערשראָקענעם אַריינ־רייסן זיך אין די „עולמות העליונים" פון „מה שלאחר הטבע", פון דער וועלט הינטער די מאַטעריעלע דערשיינונגען און פּראָצעסן, און האָט קלאָר פּאַרטיידיקט דעם ריינעם אידעאַליזם אויך אין דער נאַטור־באַטראַכ־טונג.

אָבער אַט די אַלע „נייע נייעסן" לגבי דעם מאַטעריאַליזם פון די טשערנישעווסקים און די פּיסאַרעווס זיינען נאָך ניט דערגאַנגען צו די רעוואָלוציאָנערע יוגנט־קרייזלעך פון דער צייט. דאָס הייסט: די ווערק

פון יענע דענקער זיינען דערגאַנגען. די אַנטוויקלטערע יונגעלייט האָבן געלייענט די נייע שריפטן, אָבער דער נייער גייסט, וואָס אין זיי, איז אָדער בכלל ניט באַמערקט געוואָרן, אָדער ער האָט זיך אַרויסגעהערט אַזוי שוואַך, אַז ער האָט ניט געקאָנט אַריבערקלינגען די הילכיקע יום־טוב־גלאָקן פון די טשערנישעווסקים לכבוד דעם מאַטעריאַליזם און דעם אַטעאיזם.

איך געדענק, אַז אין 1882 האָב איך — מיט נאָך חברים — גע־לייענט אין איין צייט צוויי „פאַרבאָטענע שריפטן", און געשריבענע קאָ־פּיעס. איינע איז געווען לודוויג ביוכנערס „קראַפט און שטאָף", — דער סאַמע חומש פון דער מאַטעריאַליסטישער תורה. די אַנדער שריפט איז געווען דעם דערמאָנטן סאָלאָוויאָוו'ס רעדע פון דעם יאָר 1881 „וועגן טויט און שטראָף", אין וועלכער ער האָט געפאָדערט פון דער רעגירונג, זי זאָל באַגנאַדיקן די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געהרגעט דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. סאָלאָוויאָוו האָט גערעדט אין דעם נאָמען פון ישו דעם קריסט, גאָטס זון, דעם געקרייציקטן, און פון דעם ריין־עוואַנגע־לישן קריסטלעכן גלויבן.

ביידע שריפטן האָבן געהערט צו די אונטערערדישע ביבליאָטעקן פון די יוגנט־קרייזלעך, אָבער אין די דיסקוסיעס, וואָס מיר האָבן געפירט, און אין דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צווישן דער נאָך ניט אַריינגעצויגענער יוגנט, זיינען די סאָלאָוויאָווס און די מיכאַילאָוו־סקיס קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרן. דער אַבסאָלוט, אומגעטיילט הער־שנדיקער וועלט־באַנעם, פאַר וועלכן מען איז גרייט געווען מקריב צו זיין זיך, איז געווען דער קלאָרער, מאַטעמאַטיש־פּינקטלעכער, האַרמאָניש־ אויס־געבויטער אַטעאיסטישער מאַטעריאַליזם.

אָט דעם גערדאַנקלעכן פאַרבאַדינג פאַר דעם דעמאָלטיקן סאָציאַליזם האָב איך ניט געדאַרפט ערשט לערנען פון מיינע רעוואָלוציאָנערע מלמדים. איך האָב אים געבראַכט אין דער גימנאַזיע אַ פאַרטיקן פון דערהיים. זייט ניט חושד אין דעם מיינע עלטערן! זיי זיינען געווען פרומע, טיף־רעליגיעזע, אין גאָט היים־ליבנדיקע יידישע קינדער. פאַר אַן אַטעאיס־טישן מאַטעריאַליסט האָט מיך געמאַכט איינער, דער לעצטער פון מיינע „רעפעטיטאָרן", דער גימנאַזיסט, וואָס האָט מיך צוגעגרייט צום עקזאַ־מען. בראַוווע איז געווען זיין נאָמען.

און מיינט ניט, אַז ער האָט דאָס מיט מיר געפירט זיינע פילאָזאָפישע און טעאָרעטישע שמועסן. ניין. צו מיר איז ער געווען דערזעלביקער „גזלן", וואָס די פריערדיקע רעפעטיטאָרן און די מלמדים פון די חדרים. לערנען, לערנען און זאָגן ריכטיק די „זאָגעכץ", — אין חדר — דאָס

בלאט גמרא, ביים לערער — דעם „אוראק", — אט דאס איז, וואס זיי אלע האבן פון מיר אומבארמהארציק, אכזריותדיק געפאדערט און וואס איך האב קיינמאל ניט געקענט, ווי דער סדר איז.

דער רבי פון חדר, — דער לעצטער פון וועלכן איך בין פטור גע־ווארן באלד נאך בר־מצוה, — פלעגט פון מיין „זאגעכץ" ארויס פון די כלים און מיט שוים אויף די ליפן ווארפן זיך אויף מיר: ור־וועלף זאלן דיך עסן! ור־ווערים זאלן דיך קאלופען! " און מיין רעפעטיטאר . . .

אט זע איך אים איצט פאר מיינע אויגן, — דעם יונגינקן, דארינקן גימנאזיסטל, פון זיבעטן קלאס, מיט זיין בלייכן, קלוגן, איידעלן פנימל און די פייעריק־שווארצע אויגעלאך, — ווי ער קומט אריין צו אונדז אין זאל געבן מיר דעם „אוראק". איך זיץ שוין ביים טיש און ווארט אויף אים מיט א הארץ — א פארפרוירן שטיקל אייז.

ער דערלאנגט מיר קאלט די האנט, זעצט זיך אוועק גראוויטעטיש אויפן שטול, שלעפט ארויס פון די העפטן אויפן טיש דעם העפט מיט מיינע גריכישע עקזערסיסן, עפנט עם אויף, נעמט ארויס פון טאש דאס נאזטיכל, האלט עס ביי דער נאז און לויפט דערווייליע דורך מיט די אויגן מיין געשריפטס. פארטיק געווארן מיט דעם לייענען און דעם נאזטיכל, נעמט ער רואיק די פען, טונקט זי איין אין טינטער און שטרייכט דורך מיט צוויי אלכסון־שטריכן אלץ, אויף וואס איך האב מיך געמאטערט שעהנוויז. אונטערן טעקסט שטעלט ער אוועק א גרויסע, לענגלעכע נול (0) ס'הייסט: מיין ארבעט טויג אינגאנצן און לחלוטין און לגמרי אויף גאלע גארנישט. קיין איין האר א רעכטע.

„פערעפיסאט! " („איבערשרייבן"), זאגט ער מיט א שטרענגן בליק אין די אויגן, און נעמט זיך ציען פון מיר די אדערן אין די אנדערע לימודים, אויף דעמזעלביקן אייז־קאלטן, גזלנישן אופן.

נאר־אט איז די שעה אריבער. מיין הארץ גייט אפ. ביז מארגן בין איך פריי, און פאר מארגן זאל גאט זארגן. אויך מיין לערער ווערט א גאנץ אנדערער, און עס הויבט זיך אן דער ריכטיקער פארגעניגן.

פון דעם אנדער חדר גייט אריין דער פעטער זיאווע פון יעליעץ, וואס איז גראד דעמאלט געוון אונדזער גאסט חדשים־לאנג. אן עלטערער איך מיט א מעפיסטאפעלישן פנים און א ציינגעם שיינעם, גרויליעכן בערדעלע. א למדן, א חסיד און אין דערזעלביקער צייט א „היינטוועלטי־קער". א איד א פיקח אין דעם פולסטן זין פון דעם ווארט. זיי ביידע, — ער און דער לערער, — האבן ליב צו פארברענגען נאך דעם „אוראק". דער געשפרעך קומט, פארשטייט זיך, פאר אין ריינעם רוסיש, ווייל אויך

דער פעטער זיאַווע האָט גערעדט זיין „רוס", ווי אַן עכטער יעליעצער „קופּיעץ". (יעליעץ ליגט אין „טיף־ראַסיי").

— אָט, איר האָט נעכטן געזאָגט — הויט אָן דער פעטער זיאַווע . . . און עס פלעכט זיך ווייטער דער וויכוח פון נעכטן, אייערנעכטן און אייער־אייער־נעכטן. וועגן וואָס — דער וויכוח? וועגן די אייביק־אייביקע פראַגן פון גאָט און וועלט, די וועלט און יענע וועלט, פרייהייט און נויט־ווענדיקייט, רוחניות און גשמיות.

ביידע דעבאַטאַנטן — שאַרפע לאָגיקער. ביידע וויציק און פלינק אין אָנפאַל און אָפּשלאָג. אין דעם פּרט פון וויציקייט, לאָגיק און שטעלן שאַרפן שאלות, איז מיין פעטער נאָך אַ גרעסערער מאַדים, איידער דער לערער. אָבער מיין לערער האָט אויף אים אַ בייטש.

— אַזוי איז דער נאַטור־געזעץ! — שניידט ער אָפּ. דאָס וויל זאָגן: וואָס טויגן דאָ די חכמות? אַזוי איז עס, כאַטש שטעל זיך אויפן קאָפּ. און ער הויבט אָן דערציילן דעם „שכל" פון דעם געזעץ, ריין נאַטירלעך, ריין מאַטעריאַליסטיש. און דער פעטער פאַרט שוין אַריין אהין מיט דעם שאַרפן קלינג פון זיין וויציקער לאָגיק.

אַזוי גייט עס אַ גאַנג ביז אַזייגער עלף־צוועלף אין דער נאַכט. ניט אַלץ, וועגן וואָס עס ווערט גערעדט, פאַרשטיי איך גאַנץ. אָבער אַלץ, וואָס איך פאַרשטיי, רעדט פאַר מיין לערער און אַנטקעגן מיין פעטער. דער רעליגיעזער וועלט־באַנעם ווערט צעפליקט אויף פיצלעך. אויף זיין אָרט ווערט אויפגעבויט דער פּרעכטיקער בנין פון דעם שטרענג־לאָגישן, מאַטעמאַטיש־האַרמאָנישן מאַטעריאַליזם, פון אַ וועלט, וואָס גייט פון זיך אַליין און אַנטוויקלט זיך פון זיך אַליין אָן אַן אויבערהאַר און משגיח.

אָט דאָס האָב איך מיטגעבראַכט, ווען איך בין אַריין אין גימנאַזיע.

3.

„איך גלויב ניט"

ווען אַ יונגער מענטש פאַרלירט דעם רעליגיעזן גלויבן פון זיינע עלטערן, באַטייט דאָס, אַ רעוואָלוציע ניט נאָר אין זיינע געדאַנקען, נאָר אויך אין זיינע געפילן. די אַלטע הייליקטימער, וואָס זיינען אין זיין נשמה געווען אַרומגענומען מיט שטראַלן פון קדושה, פאַרוואַנדלען זיך אין פאַרהאַסטע אומווערטיקייטן; זיי ווערן די פאַרקערפּערונג פון אַן עקלהאַפטער טומאה. און ווען דער דאָזיקער יונגער מענטש איז אַ קינד פון זייער פרומע עלטערן און מוז וואוינען מיט זיי אונטער איין דאַך

און איז נאָך דערצו אַ „יינגל מיט ביינער", וואָס קאָן באַשטיין זיין שטעטל, מוז דער איבערבראָך אין זיין וועלט־באַנעם פירן צו קאָנפליקטן און צונויפשטויסן מיט יענע עלטערן און מיט דער גאַנצער וועלט.

אַזוי ליגט זיך דאָס אויפן „שכל הישר" און אַזוי איז דאָס זייער אָפט אין לעבן, ווי דאָס ווערט אונדז דערציילט אין אַ סך ביאָגראַפיעס און זכרונות פון פריידענקער, סיי ביי אונדז, סיי ביי די אומות העולם.

ביי מיר זיינען אויך פאָרגעקומען אייניקע צונויפשטויסן מיט מיין פרומען פאָטער. אָבער — ווי איך זע זיי איצטער, האָב איך זיי דעמאָלט זיכער גענומען צו־טראַגיש. אין זיי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ סך מער מיין יינגלשער קאַפּריז און די יינגלשע „העלדישקייט", איידער דער „פאַנאַטיזם" פון מיין פאָטער. און עס טוט מיר באמת לייד, וואָס איך האָב אים צייטנווייז פאַרשאַפט עגמת־נפש און צער.

און וואָס איז שייך די אינעווייניקסטע יסורים, ווען עס ווערט צו־נויפגעבראָכן אַן אַלטע געדאַנקען־וועלט און אַ נייע פאַרנעמט איר פּלאַץ, בין איך אינגאַנצן געווען פריי פון זיי, ווייל ביי מיר איז גאָרניט פאָרגע־קומען קיין וועלכער עס איז איבערבראָך אין דעם וועלט־באַנעם.

איך האָב אין מיינע יינגל־יאָרן ניט געהאַט קיין ברעקל רעליגיעזן גלויבן, קיין רעליגיעזע איבערלעבונגען און הייליקטימער, וואָס וואָלטן באַדאַרפט „פאַרשוועכט" ווערן אין דעם ליכט פון מיין אַטעאיסטישן מאַטעריאַליזם און פאַרוואַנדלט ווערן אין „טומאה". און דאָס — ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ פרום אידיש הויז, ביי זייער און זייער פרומע אידישע עלטערן.

דער „שכל דערפון" איז, וואָס אונדזער רעליגיעזער חינוך אין די חדרים האָט ניט געהאַט אין זיך קיין איין־איינציקן, באמת רעליגיעזן עלעמענט. מען האָט געפאָדערט פון אונדז — דאַווענען, לערנען, אָפּהיטן נעוויסע מנהגים און מצוות און אויסמיידן אַלערליי עבירות. אָט די אַלע פאָדערונגען, ניט דורכגעגליטע מיט אַ וואַרימען רעליגיעזן געפיל, זיינען געווען דרויסנלעכע, אַרויפגעלייגטע, אָבער זייער „ניט קיין אָנ־געלייגטע" התחייבותן, פון וועלכע איך האָב מיך געמיט אַרויסצודרייען. און אַזוי האָבן זיך געמיט אַלע אַנדערע אָדער דאָס רוב פון אַלע אַנדערע חברים מיינע פון די חדר־יאָרן. אַרויסדרייען זיך, אָפּטאָן אַ שפּיצל, אָפּ־נאַרן אי די עלטערן, אי די מלמדים, אי „אַלע גוטע פרומע לייט", וואָס האָבן געקאָנט האַלטן אַן אויג אויף אונדזער פרומקייט, איז געווען אַ מין ספּאָרט. און ווער עס האָט בעסער געקענט דאָס שפּיל, דער האָט מער ביי אונדז אויסגענומען. אין „מנין" גופא, בעת שמונה עשרה,

פלעגט מען זיך איבערקוקן שעלמיש, מאכן אלערליי האוואיעס כדי ברענ־גען איינער דעם אנדערן צום לאכן, און תיכף ווידער אנהויבן צו שאקלען זיך מיט אן אומשולדיק, פרום פנימל.

די לימודים אין חדר האבן ניט געהאט קיין ברעקל שייכות צו א וועלכן עס איז רעליגיעזן לעבן, גלויבן און פילן. תנ״ך האט מען גע־לערנט זייער וויניק און — דאס רוב — נאר די היסטארישע ביכער, וואס האבן דערציילט פאקטן און פאסירונגען פון אמאליקע צייטן. אין דעם גמרא־לימוד האבן מיר געהאט צו טאן מיט אזעלכע אינטערעסאנטע פראבלעמען, ווי — וואס זאל זיין מיט דעם אקס, וואס האט געשטויסן א „בהמה" (א קו); מיט דעם טלית, וואס צוויי האבן געפונען און קאנען זיך ניט צעטיילן; מיט דער איי, וואס איז געלייגט געווארן אום יום־טוב.

קיין שפור ניט פון וועלכער עס איז פאעזיע; קיין שפור ניט פון וועלכן עס איז באלייכטנדיקן אלגעמיינעם אני־מאמין.

אין די שפעטערדיקע יארן, ווען איך האב געגעבן „אוראקעס" רוסיש־קריסטלעכע תלמידים און האב זיי געדארפט פארהערן אין זייער „זאקאן באזשי" („גאטס געזעץ"), אכטונג געבן, זיי זאלן קענען צום עקזאמען דעם „קאטעכיזים" מיט די „ווערואליל׳ס" („אני־מאמינס"), האב איך באמערקט, אז אויך די קריסטלעכע קינדער האבן דאס „איינגעאקסט" אויף אויסנווייניק, מיט זייער א קנאפע פארשטענדעניש פאר די שווער'ע, פארפלאנטערטע פארמולעס, אין וועלכע עס זיינען אריינגעגאסן געווארן די רעליגיעז־מעטאפיזישע יסודות פון דער „פראוואסלאוונער" אמונה. אבער פארט האט זיך דארטן גערעדט וועגן טיפע פראבלעמען פון א רע־ליגיעזן וועלט־באנעם, וועגן דעם מהות און די אטריבוטן פון דער געט־לעכער קראפט אין דער וועלט, וועגן די פאדערונגען, וואס זי שטעלט צו דעם מענטשן און זיין לעבן אויף דער וועלט, און ניט וועגן אקסן, וואס שטויסן קי.

אז אויך די אידישע רעליגיע האט וויכטיקע אני־מאמינ׳ס, רעליגי־עז־מעטאפיזישע יסודות פון א וואונדערלעכער קראפט און טיפקייט — דאס האב איך אויסגעפונען, ווען איך בין שוין געווען אינגאנצן א דער־וואקסענער און האב דורך מיין אייגענעם אנטרייב זיך פאראינטערעסירט מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאלק און מיט די פראדוקטן פון זיין גייסטיקן שאפן.

אין די יינגלשע יארן האב איך ניט געהאט אפילו קיין בלאסע השגה פון את די אלע זאכן. קיין זאך איז ביי מיר דעמאלט ניט געשטאנען

אין רעליגיעזער קדושה. האָט קיין זאַך זיך ניט געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן ביי מיר אין אַ פאַרהאַסטער טומאה.

דער גאַנצער רעליגיעזער פּיר, דער יידישער, אין דערהיים און אין די בתי־מדרשים, איז פאַר מיר געווען אַ געוויסער, מקדמונים איינגע־שטעלטער, דרויסנלעכער לעבנסשטייגער. די עלעמענטן זיינע, וואָס האָבן ניט געפונען קיין חן אין מיינע אויגן, אָדער האָבן מיר געשטערט אין מיינע שטיפעריען, האָב איך מיך געמיט אַרומצוגיין. יענע עלעמענטן אָבער, וואָס האָבן פאַרשאַפט הנאה, — אַלע צערעמאָניעס, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די אידישע שבתים און יום־טובים, — האָב איך מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן מיטגעמאַכט. מיין „יידישקייט" איז שיר ניט געווען פון יענעם מין, וואָס אסתר־תענית האַלט זי מיט המנ'ען און פּורים — מיט מרדכין.

און אַזוי איז דאָס געבליבן די גאַנצע צייט, ווען נאָר איך בין געווען אין דערהיים, ביז איך האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד אין 1888.

נאָך די קליינע צונויפשטויסן מיט דעם פאָטער, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, איז אַריינגעטראָטן אַ צייט פון אַבסאָלוטער טאָלעראַנץ צו מיר. איך געדענק אפילו פון ווען דאָס האָט זיך אָנגעהויבן: גע־דענק אָבער ניט גענוי, אין וועלכן יאָר דאָס איז געשען. זיכער אָבער ניט שפּעטער ווי 1883.

עס האָט זיך געטראָפן, איך בין אַמאָל אויפגעשטאַנען עפּעס זייער שפּעט און בין, אַזייגער עלף פאַר האַלבן טאָג, געשטאַנען אין זאַל ביי אַ שפּיגל און זיך געקעמט. עס עפנט זיך די טיר. מיין פאָטער קומט אַריין און, דערזעענדיק מיך אין שפּיגל, רופט ער אויס פאַרוואונדערט:

— אַי, זע, מיין זון, אַזוי שפּעט! ווען וועסטו דאַוונען?

איך האָב אים שאַרף אָנגעקוקט און אַרויסגעזאָגט פעסט:

— איך דאַוון ניט. איך גלויב ניט.

דערוואַרט האָב איך, אַז עס וועט זיך אָפּשפּילן אַן אינטערעסאַנטע, מער אָדער ווייניקער שטורעמדיקע סצענע: אָנשטאָט דעם האָב איך דערהערט אַ שטילן, באַליידיקט־תרעומותדיקן קול, מער־ווי מען רעדט צו אַ קאַפּריזנעם קינד:

— וואָס הייסט, דו דאַוונסט ניט? קריאת־שמע און תפילה קאָנסטו ראָך זאָגן אַלע טאָג. דאָס איז גענוג . . .

און איז אַרויס. דעם „איך גלויב ניט" האָט ער אינגאַנצן געלאָזט פאַרבייגיין פאַרביי די אויערן. מען האָט אים אָבער ניט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין, ער זאָל פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטייט. פון

דעמאָלט אָן האָבן די עלטערן אפילו מיט אַ וואָרט קיינמאָל ניט דער־מאָנט וועגן מיין פרומקייט.

4.

מיין פאָטער

מיין פאָטער איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש. זיין פערזענלעכקייט פאַרדינט, געשילדערט צו ווערן אין איר גאַנצער גרויס. אויך אויף מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט ער בלי ספק געהאַט אַן אומדירעקטע השפעה. אין מיין לעבן האָט ער צייטנווייז געשפּילט אַ גע־וויסע ראָליע. ס׳איז דעריבער „ניט מער ווי רעכט”, איך זאָל מיך דאָ אָפּשטעלן מיט אַ פּאָר פּאַראַגראַפן אויף זיין לעבן ביז דער צייט, וועגן וועלכער איך רעד דאָ.

געבוירן איז ער אין וויטעבסק, אין 1846, אין אַ פרומער, מתנגדי־שער פאַמיליע. זיין פאָטער, רבי זלמן, האָט געהאַלטן אויף שלאָסער גאַס אַ גרויסן „האָטעל־גאַרני” און איז געווען אַ קאָנדיטאָר, — אַ מלאכה, וואָס איז געווען כמעט ווי אַ משפחה־טראַדיציע ביי אייניקע זשיטלאָוו־סקים. הייסט עס: ניט קיין גוואַלטיקער יחוס. פאָרט באַלמעלאָכעס, הגם „איידעלערע”, ווייל מען האָט געהאַט צו טאָן מיט „פּריצים”. דער זיידע איז טאַקע געווען אַ גרויסער יחסן און מקורב ביי דער ביוראָקראַ־טישער אַריסטאָקראַטיע פון שטאָט. ביי אַ געלעגנהייט האָט אָבער מיין פאָטער מיר דערציילט, אַז פון זיין מוטערס צד שטאַמט ער פון שטיינ־האַרטס, וואָס האָבן אַ גאון (דעם מחבר פון „זכרון יוסף”?) ערגעץ וואו אין מאַינץ אויפן בית־עולם, און אַז נאָך אַ גאון, ר׳ ישעיה פּיק־בערלין, געהערט צו אונדזער יחוס.

שוין ווי אַ חדר־אינגל האָט מיין פאָטער זיך דערוואָרבן אַ שם אין שטאָט מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער בקיאות און חריפות אין לערנען, מיט זיין קאָנען אַריבערשווימען די דווינע היין און צוריק אָן אַן אָפּ־שטעל און מיט זיינע ניט־אַריבערצוטראָגן מסוכנ׳ע שטיפערייען. וועגן אָט דער לעצטער מעלה זיינער האָט מען ביי אונדז אין הויז געמאַכט אַ שווייג. אַ פּאָר ידיעות וועגן דעם האָבן זיך פאָרט דורכגעריסן.

עס שטייט איצטער פאַר מיינע אויגן אַזאַ סצענע. איינער פון אונדז, קינדער, האָט זיך עפּעס גוואַלטיק פאַנאַנדערגעשטיפט אין דערהיים און

האָט באַקומען אַן אומברחמנותדיקן מתנת־יד פון דעם פאָטער. אויף דעם ספּעקטאַקל איז אומגעריכטערהייט אָנגעקומען דער זיידע. ער האָט גענומען דאָס וויינענדיקע קינד אויף זיינע קני און געווישט זיינע טרערן מיט אַ רויטן טיכל. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען מיין פאָטער, נאָך אַ בלייכער פון כעס און אויפרעגונג, און דערקלערט דעם פאַרפאַל.

— אַז דאָס איז עפּעס ניט קיין קינד! אַ שד איז דאָס! אַ מחבל!

— און דו? וואָס ביסטו געווען?

מיין פאָטער האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם זיידן, ווי זיינע בליקן וואָלטן וועלן וואָרענען: „שתיקה פאַר די ילדים", און האָט מיט אַן אָראָפּגעפאַלענעם קול אַרויסגערעדט:

— איך? וואָס בין איך געווען? אַ גאָלד בין איך געווען לגבי אים! — און איז מיט זיין שטאָלצן טריט אַוועק אין זיין קאַבינעט.

ביסלעכווייז האָב איך זיך דערוואוסט וועגן אַ פּאָר פון מיין פאָטערס קונדסערייען. טראָגנדיק זיך פון חדר איבערן מאַרק, וואו עס זיינען געזעסן די חלפנים ביי די טישלעך מיט זייערע מטבעות אויף זיי, האָט ער „אומגערן" פאַרכאַפּט מיטן הענטל פון זיין שטעקעלע דעם ערשטן פון די טישלעך, און אַזוי אַרום איבערגעקערט זיי אַלע. די מטבעות האָבן זיך צעשאָטן און צעקייקלט. אַ געיאָמער, אַ מהומה! אויפן פּלאַץ איז געבליבן זיין שטעקעלע, וואָס איז דערנאָך, אינדערהיים צעבראָכן געוואָרן אויף זיינע יונגעביינדעלעך.

די אַנדערע, מיר באַקאַנט־געוואָרענע שטיפעריי, זיינען געווען פון ניט קיין ערגערן מין, אָבער אין אָריגינעלע וואַריאַציעס. דעם בחורל האָט מען געמוזט אַוועקשיקן ערגעצוואו אין אַ פאַרוואָרפן קליין שטעטל, צו זייער אַ שטרענגן מלמד.

נאָך בר־מצוה איז ער אָנגעקומען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, וואו ער האָט באַקומען סמיכה אויף הוראה, ווי אויך אויף שחיטה ובדיקה. אין דער וואָלאָזשינער צייט האָט ער אויך געשריבן אַסך העברייאישע שירים. איך האָב אַמאָל געפונען אין אונדזער ספרים־אַלמער אַ גרויסן פּאַק פון זיינע דעמאָלטיקע כתבים. עס איז נאָך פאַרבליבן ביי מיר אין זכרון, ווי איך פלעג איבערשרייבן אַ גרויסע פּאָעמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט ווערטער: „כל מים, עין עין — תשטוף כנחל; כל לב, לו עז מנמר ושחל". איך בין אָמער ניט זיכער, צי דאָס איז געווען זיין פּאָעמע, ווייל זי איז געווען איבערגעשריבן אויף ריין, און איך האָב ניט געפונען קיין וואַריאַנטן. דערפאַר געדענק איך אַ מאַסע וואַריאַנטן פון אַנדערע שירים, דאָס רוב געשריבן אויף גרויע צוקער־פּאַפּיר. אַזוי —

אַ שיר וועגן אַ פויגעלע אין אַ שטייגל, וואָס הויבט זיך אָן: „צפּור נחמד, נסגר, נלכד ברשת ושחת". עס ווערן געשילדערט אירע חלומות וועגן דעם לעבן פון די אַנדערע פויגעלעך אין דער פריי: „שנים־שנים ידודון, בגיל ירקדון!" . . . (מער געדענק איך נישט.) משמעות, גוט געבענקט נאָך דער פריי האָט דאָס ווילד פויגעלע אין וואָלאָזשין!

אַ דערוואַקסענער, איז מיין פאָטער געוועזן אַ גרויסער בעל־מליצה פון דעם אַלטן שטייגער, אָבער פון אַזעלכע „קינדערשע נאַרישקייטן", ווי פּאָעזיע, האָט ער שוין נישט געהאַלטן.

אָנגעקומען ווי אַן איידעם (צו אַכצן יאָר) איז ער אין אַ חסידיש־נגידישער משפּחה פון די וויינשטיינס, אין אַ קליינעם שטעטעלע „אָר־שאַטשי". זיינע שוואָגערס — אַלע שאַרפע למדנים און פאַרברענטע ליובאַוויטשער חסידים. איינער פון זיי, מיין פעטער מיכל, האָט אויך אים געמאַכט פאַר אַ חסיד. מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז זיי פלעגן אָפט פירן וויכוחים וועגן דעם ענין. „איינמאָל", דערציילט מיר דער פאָטער, „האָט דער פעטער מיכל אַ זאָג געטאָן עפּעס אַזוינס, פון וואָס איך בין פשוט אויפגעשפּרונגען. „סטייטש! דאָס גייט דאָך ליהיפוך צו אַ בפירושן דין אין אייער רבינס שלחן־ערוך!" איך בין נישט פויל, און עפן אויף דעם שולחן־ערוך און טייט אים אויף דעם סעיף: „נאַט!" אָבער דער פעטער מיכל האָט אַ נעם־געטאָן דעם שולחן־ערוך מיט צוויי פינגער, האָט אים אַ שליידער געטאָן אויפן בריק (אויפן דיל, זש.), און מאַכט צו מיר: „שוטה איינער! צו דיר רעדט מען על פּי שכל, ברענגסטו מיר אַ ראיה פון אַ געדרוקטן שטיקל פּאַפּיר! *) דאָס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. אַזוי גאָר? . . . מיט אַזאַ מין דרך? . . . מיט אָט־דעם־אַ האָט ער מיך גענומען" .

אין אושאַטשי פלעגט ער זאָגן אַ שיעור פאַר בחורים און יונגע־לייט. קוים עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט, האָט ער באַקומען אַן איינ־לאַדונג צו ווערן אַ רב אין זייער אַ חשובער קהילה (דאַכט מיר אין רע־וועל), פון וואָס ער האָט אָבער זיך אָפּגעזאָגט, ווייל זיין שוין יונג ווייבל האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיין קיין „רעבעצין".

נאָכן „קעסט" איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וויטעבסק, איז געוואָרן אַ געווילד־הענדלער און זיך גענומען שניידן אויף אַ נגידישן שטאַט.

---

*) איך האָב באַנוצט דעם אַרגומענט (פּאַראַפראַזירט) אין מיין טעאָרעטישער שטיפּעריי: „דאָס הויפּטל קרויט און די רויז".

אַ לעבן האָט ער דעמאָלט (אין צייט פון דעם „פּאָלאַנגער עילוים" באַזוך) געפירט אַ דאָפּלטן. פון איין זייט איז ער געווען אַ פאַנאַטיש־פרומער חסיד, וואָס פאָרט צום רבין קיין ליובאַוויטש אַלע חול־המועד סוכות און פירט אים אַ מתנה, אַ „יאַנאָוועגער" אתרוג „מיט אַ בים". פון דער אַנדער זייט איז ער געווען אַ היינט־וועלטיקער סוחר, וואָס זיצט חדשים־וויז אין ריגע, מעמעל אָדער קעניגסבערג, באַזוכט דאָרטן די אָפּעראַ־הייזער, דערציילט אונדז, קומענדיק אַהיים, דעם אינהאַלט פון דער „אַפּ־ריקאַנערין", „די הוגענאָטן", א. אַ. וו., און זינגט אונדז איבער די שיי־נע אַריעס. ער פלעגט אָבער אַלע שבת זיך באַמקען אין מנין ביז איינס־צוויי אַזייגער נאָך האַלבן טאָג און מיט טרערן אין די אויגן אויסגיסן פאַר גאָט זיין פרום געמיט אין דעם רבינס ניגון, אָדער אויך . . . אין די מאָטיוון פון „טרובאַדור".

די השכלה־ליטעראַטור איז געווען היפּש פאַרטראָטן אין זיין גרויסן און רייכן ספרים־אַלמער. ווען ביי אונדז פלעגן אויף שבת זיין געסט, — דאָס רוב אַלץ אייגענע מענטשן, — פלעגט מען פאַר קבלת־שבת לייע־נען אין איינעם די „הצפירה" אָדער דעם „הלבנון", און שבת־נאַכט (נאָך הבדלה) — דעם „עולם במנהגו" אָדער דעם „התועה בדרכי החיים". מען פלעגט זיך קייקלען פאַר געלעכטער, שילטן דעם אפּיקורסישן מחבר און — לייענען ווייטער.

אויך די יידישע ליטעראַטור פלעגט אַמאָל פאַרגעלייענט ווערן, — דער עיקר צוליב מיין מוטער. מיין פאָטער איז געווען אַן אויסגעצייכנ־טער פאָרלעזער. אַזוי געדענק איך, ווי ער האָט פאָרגעלייענט ליִנעצקיס „משולחת", גאָטלאָבערס „צוויי חופּות אין איין נאַכט" און עפּעס אַ קאָ־מישע מעשה מיט איינעם אַ „שמענדריק", אָפּגעדרוקט, ווי אַ ביילאַגע, צו אַ בריוונשטעלער.

אָבער פאַנאַטיש־פרום איז מיין פאָטער פאָרט געווען אין די יינגע־רע יאָרן, און מיר, קינדער, האָבן געציטערט פאַר זיין שאַרפן בליק, אַ וואַכענדיקן איבער אונדזער פרומקייט.

מיט דער צייט, ווייזט אויס, איז זיין שולחן־ערוך־פרומקייט געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַסער. די חסידות אויך. צום רבין האָט ער אויפ־געהערט צו פאָרן. דער י"ט כסלו איז געוואָרן אויס יום־טוב ביי אונדז אין הויז. איך בין מיר משער, אַז ער האָט דעמאָלט געמוזט דורכלעבן גאַנץ ערנסטע אינעווייניקסטע ספקות.

וואָלט ער געווען אַזוי זיכער און פעסט אין זיין גלויבן, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, וואָלט זיין היציקער טעמפּעראַמענט און זיין שטאַרקע

נאטור ניט געקאַנט דורכלאָזן אַזוי טאָלעראַנט זיין בכורס אַפּיקורסישע דערקלערונג: „איך דאַוון ניט. איך גלויב ניט".

.5

איך ווער אַן אַפּיקורס

אויך נאָך דער עפנטלעכער „דעקלאַראַציע" פון מיין „אַפּיקורסות" איז אין מיין האַלטונג צו דעם שטרענג־פרומען לעבנספּיר אין אונדזער הויז ניט אַריינגעטראָטן קיין שום ערנסטער שינוי. אַלע ערב־יום־כּיפּור פלעג איך מיט אמתן יראת הכבוד בויגן מיין קאָפּ אונטער די בענטשנדי־קע הענט דעם פאָטערס, דער מוטערס און דעם זיידנס. און בעת דער זיידע פלעגט זיך פאַרגיין אין טרערן, בענטשנדיק זיין אייניקל אויפן ניי־עם יאָר, פלעג איך, אונטער זיינע הענט, אויך סענטימענטאַל אונטער־פלאַנכענען. איך האָב ליב געהאַט דעם פּסחדיקן סדר, די סוכה מיט דעם אתרוג און לולב, דאָס חנוכה־ליכט בענטשן, דער מאַמעס ליכט־בענטשן אַלע ערב־שבת, די קלוגע שמועסן וועגן רעליגיע און וועלטלעכע ענינים ביי אונדזער טיש, די זמירות און חזנישע „זאכן" (דער עיקר פון מיין פאָטערס פריינט, דעם חזן פון דער ריגער „קאָר־שול", ראַזאָוו־סקי) און פלעג זיי זינגען מיט אַלעמען אין איינעם. איך האָב אפילו אַמאָל (איינמאָל אין מיין לעבן) אָפּגעפּאַסט אַ יום־כּיפּור, גלאַט אַזוי זיך, צו פאַרזוכן דעם טעם דערפון.

עס איז אין אָט דער האַלטונג מיינער ניט געווען קיין שאָטן אַפילו פון היפּאָקריזיע אָדער קאָמפּראָמיס. די עלטערן האָבן געוואוסט, וואו זיי האַלטן מיט מיר אין דער וועלט פון פרומקייט. איך האָב מיטגע־מאַכט אַ סך רעליגיעזע צערעמאָניעס, טיילס ווייל איך האָב געהאַט הנאה פון זיי, טיילס ווייל איך האָב ניט געוואָלט פאַרשאַפן קיין צער די על־טערן.

איין קלייניקער עפּיזאָד. אַ שבת ביינאַכט. מיר האָבן נאָר־וואָס אָפּגעגעסן וואַרמעס. איך בין אַריין צו זיך אין צימער, צוגעמאַכט די טיר און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. מיין מוטער עפנט די טיר, מאַכט זי ווידער צו, עפנט זי ווידער אויף אַ ביסעלע און שטרעקט אַריין די האַנט מיט אַ פּאָר פּרוכטן. איך גיי צו, נעם די פּרוכטן, האַלט אַ ווייַלע די האַנט און קוש זי. מיין מוטער מאַכט ווידער צו די טיר . . .

נאָר ווען עס פלעגט זיך מאַכן: א גאַסט אונדזערער, — דאָס רוב, דער פעטער מיכל וויינשטיין פון אושאַטשי, — פלעגט זיך נעמען רייצן מיט מיר אין א וועלכן עס איז חקירה־ענין, פלעג איך ניט שווייגן, קלאָר ארויסזאָגן מיין שטאַנדפּונקט, אין דעם פעסטן גלויבן, אז איך רעד אין דעם נאָמען פון דעם אבסאָלוטן אמת.

איינמאָל איז דער פעטער מיכל ביי אַזא וויכוח פשוט ארויס פון די כלים, ניט אַזוי פון מיינע אַרגומענטן, ווי פון מיין איראָנישן טאָן. ער האָט שאַרף אָפּגעריסן דעם שמועס און מיט כעס מיר צוגעוואָרפן:

— דו רעדסט ווי די חכמי אומות העולם, און איך רעד ווי די חכמי ישראל, פאַרשטייסט? ס'איז א פּלוגתא צווישן צוויי שיטות. מיינסט אין דער אמתן, איר האָט שוין דעם אמתן אמת?

אין מיינע דעמאָלטדיקע אויערן האָט אַזא אַרגומענט געקלונגען קאָמיש און נאאיוו.

כדי צו פאַרענדיקן דעם ענין „יונגער אַטעאיזם", נאָך איין קליינע דערינערונג, וואָס איז איצטער ארויפגעשוואומען אויף מיין זכרון אַזוי קלאָר, ווי איך וואָלט עס ערשט נעכטן דורכגעלעבט.

דאָס האָט געמוזט זיין אין 1885, ווען איך האָב שוין געשטעקט היפּש טיף אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. א שמיני־עצרת־נאַכט. ווי אַלע יאָר, איז אויך דאָס מאָל ביי אונדז אין דערהיים געווען א געהויבענער „פּונש" פון אַראַק און דאָס — פּאָר א פּאָר מנינים מענטשן, אייגענע און געסט. זייער שפּעט קומען מיר אין שול צו הקפות, מיט פולע פלעשלעך פּונש אין די טאַשן. אין שול גייען שוין גאַנץ הויך די כוואַליעס פון דער שמחת־תורה פריילעכקייט. מיט אונדזער אריינקום הייבן זיי אָן צו שלאָגן נאָך שטורעמדיקער. עס גייט איבעראַניים א נאַנג „אתה הראית" און הקפות, און דאַן אויסטיילן גלעזלעך פּונש אויף רעכטס און אויף לינקס.

פון שול אַהיים גייען מיר, איך און מיין פאָטער, זייער בגילפונדיק. מיר זיינעןביידע אויף יענער מדרגה אין שיכרות, ווען די פיס הייבן אָן צו פאַרגעסן זייער „גירסא דינקותא", ווי ריכטיק צו שטעלן טריט, און אין קאָפּ איז דערפאַר משונהדיק העל און אויפגעלויכטן, און די געדאַנקען שפּריצן זיך פאַנאַנדער, ווי די פונקען פון א פיל־פאַרביקן פייערווערק.

מיר גייען געאָרעמט, וואַקלען זיך ביידע, שטויסן זיך ביידע אָן און לאַכן ווי קליינע קינדער. מיין פאָטער שיט מיט וויצן און שאַרפע סאַטירישע באַמערקונגען אויף דעם חשבון פון יענע „חכמים בעיניהם", וואָס

מיינען אין דער אמתן, אַז זיי וועלן איבערקערן די וועלט און אָפּשאַפן דעם אידישן גלויבן. דעם פּאַטערס געלעכטער ווערט אַלץ בייזער און בייזער. די וויצן גייען איבער אין אמתע קללות, פול מיט גאַל און גיפט... אויף וועמעס קאָפּ האָט ער זיי געשאָטן? ניט שוין אויף דעם קאָפּ פון זיין בכור, מיט וועלכן ער גייט איצטער גאַרעמט? אָדער אפשר האָט ער געצילט אין יענע, וואָס האָבן, לפי זיין השערה, אַראָפּגעפירט זיין זון פון דעם ריכטיקן דרך, אָדער, ווי מיר דאַכט זיך דאָס איצטער, האָט ער נאָר געשאָלטן זיינע איגענע אינעווייניקסטע ספקות?

הכלל: מיט מיינע פריי־דענקערישע אידייען האָב איך מיך ניט גע־האַט וואָס צו שטיקן אין דערהיים, און זיי האָבן סוף־כל־סוף אַ ברעקל ניט געשטערט דעם זייער גוטן, באמת ליבפולן אויפטראָג צווישן מיר און מיינע פרומע עלטערן. פיל פאַרזיכטיקער האָב איך געמוזט זיין — און בין טאַקע געווען, אויף וויפיל דאָס האָט זיך געלאָזן—מיט מיין סאָציאַ־ליסטישן גערדאַנקען־שטראָם. מיט אים בין איך באַקאַנט געוואָרן אַ דאַנק אַ פּאָר אויפגעקלערטע גימנאַזיסטן, באַלד ווי איך בין אָנגעקומען אין גימנאַזיע, אין אַ מיטן ווינטער.

נאָך אַ היפשער צייט ציען פון מיר די אָדערן מיט זיינע „אוראָקעס", פון דורכשטרייכן מיינע לאַטיינישע און גריכישע עקזערסיסן און באַקרוינען זיי מיט גרויסע, אויסגעצויגענע „נולן", האָט בראַווע פּלוצלינג דערקלערט דער מוטער, אַז איך בין שוין גרייט צום עקזאַמען אין דריטן קלאַס, און אַז זי זאָל „דערלאַנגען" די נויטיקע פּאַפּירן.

אויף מיין פאַרוואונדערטן בליק אויף אים, האָט ער זיך ליבלעך צע־שמייכלט צו מיר און אַ זאָג געטאָן:

— ניטשעוואָ, גאָלובטשיק, ווידערזשים! (נישקשה, ליבענקער, מיר וועלן אויסהאַלטן!) עס איז אין דעם פריינטלעכן שמייכל געלעגן: האָסטו דען אין דער אמתן געמיינט, דו ביסט מער ווי קיילעכדיקע נולן ניט ווערט?"

די הארטע דרעסור בראַוועס האָט טאַקע געפירט דערצו, אַז איך האָב ביי אַ שווערן עקזאַמען אין מיטן יאָר געקראָגן פון דעם שטרענגן לערער, אַנטאָניענקאָ — אין גריכיש — אַ „פינף" (די העכסטע באַציי־כענונג) און אַ „פיר" אין לאַטיין. באַלד נאָך דעם עקזאַמען האָט מיך אַרומגערינגלט אַן עולם גימנאַזיסטן. יעדער האָט געוואָלט זען דעם מיניאַ־טורן „פינפעלע", וואָס דער שטרענגער אַנטאָניענקאָ האָט מיר אָוועקגע־שטעלט: אַזאַ זעלטענע זאַך איז דאָס געווען.

די ערשטע פּאָר וואָכן פון מיין גימנאַזיאַלן לעבן געהערן געוויס צו די גליקלעכסטע טעג פון מיין זיין אויף דער וועלט. אַ נייע, רוישיקע סביבה, אַ סך נייע חברים (מיט איינעקע תלמידים פון מיין קלאַס בין איך פון פריער געווען באַקאַנט און פאַרחברט), די ליאַרעמדיקע שטיפערייען אין די לאַנגע קאָרידאָרן, בעת די איבעררייסן צווישן איין קלאַס און דעם אַנדערן, דאָס פליען און שטופּן זיך צוריק אין קלאַס, ווי נאָר עס פלעגט קלינגען דער גלאָק; די טויטע שטילקייט, וואָס פלעגט נעמען הערשן, ווי נאָר עס פלעגן זיך הינטער דער טיר דערהערן די טריט פון דעם לערער; דאָס שפּאַצירן־גיין איבער די שענערע גאַסן אין דעם גימנאַזיאַלן פוטערל און דער שיינער קעפּקע, געטראָגן (וואָס זאָל איך לייקענען!) אַ האָרעלע קאָקעטיש אויף אַ זייט, — דאָס אַלץ האָט מיך געהאַלטן אין אַ פריידיקער אויפרעגונג. דער עיקר האָב איך דעמאָלט געהאַט הנאה פון מיין נייער באַקליידונג: דעם בלויען מונדיר מיט די זילבער־ווייסע קנעפּ, געלעגן אויף מיר „ווי אויסגעגאָסן"; דאָס פוטערל, די קעפּקע.

גראָד אָט דער „קעפּקע" האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם ערשטן חינוך אין „פּראַקטישן קאָמוניזם" און די באַקאַנטשאַפט מיט אַן עלטערן גימנאַזיסט, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין וויטעבסק. דאָס האָט ער מיך אַריינגעפירט אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט.

עס איז געווען אַזאַ מעשה:

איינמאָל, נאָך די קלאַסן, ווען איך האָב אַרויסגענומען מיינע ביכער און די קעפּקע צו גיין אַהיים, ערשט — אָנשטאָט מיין שיינעם נייעם קאַפּ־באַדעק, ליגט גאָר פאַר מיר אַן אַלטע, אָפּגעריבענע, פאַרשמאָלצענע שמאַטע, מיט אַ האַלב־אָפּגעריסענעם דאַשעק און אַ צעבראָכענעם הערב. איך האָב מיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָט מיין שכן, קאָוונער, פאַרביטן זיין קעפּקע אויף מיינער. איך האָב אים גענומען זוכן מיט די אויגן און האָב באַמערקט, דורך דער טיר, ווי ער באַהאַלט זיך אין קאָרידאָר צווישן די קליידער־הענגערס. מיט אַ געפּילדער האָב איך מיך אַ לאָז געטאָן צו אים.

אָבער דאָ איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַ הויכער, דיקלע־כער גימנאַזיסט, מיט אַ בלייכן פּנים און קליינע, ווי באַהאַלטענע, שטרענגע און קלוגע אויגן.

— וואָס ליאַרעמט איר? — האָט ער מיך אַ פרעג־געטאָן.

איך האָב אים אין אַ טאָן, אַן אויפגערעגטן פון כעס, דערציילט דעם פּאָרפאַל, — „און אַן באַהאַלט ער זיך, דער גאַנעוואַץ (וואָרישקאַ)!"

— „וואַרישקאַ!" — האָט מיך איבערגעקרימט דער גימנאַזיסט. „איר ווייסט, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן? נעכטן באַגעגנט אים דער אינספּעקטאָר אין גאַס, רופט אים צו און שרייט אויף אים אָן: „קאָוו־נער! וויפיל מאָל דאַרף איך אייך זאָגן? אויב איר קומט מאָרגן אין גימנאַזיע אין אַ־דער־אַ קעפּקע, שלים איך אייך אוים!" וואו זאָל קאָוונער נעמען אויף אַ נייער קעפּקע? זיינע עלטערן זיינען אָרימעלייט. האָב איך אים געזאָגט, ער זאָל נעמען אייערע. נישקשה, אייער „מאַמינקע" וועט אייך קויפן אַ נייע"...

איך האָב גענומען עפּעס מורמלען אין פּראָטעסטירנדיקע טענער און בין אַרוים אויף דער זוניקער ווינטער־גאַס, האָב אַ שליידער־געטאָן די שמאַטע אין שניי אַריין און אַוועק מיט אַ בלויזן קאָפּ. דער כעס איז באַלד אָפּגעגאַנגען. דער גאַנצער ענין האָט מיך פאַראינטערעסירט. עס האָט מיך געחידושט דער פאַר מיר נייער פאַקט, אַז אויך צווישן גימנאַ־זיסטן זאָלן זיין אַזוינע, וואָס קאָנען זיך ניט קויפן קיין נייע קעפּקע. און אין דעם צענטער פון די געדאַנקען איז געשטאַנען די באמת שיינע המצאה, אַז ווען אַן אָרימער גימנאַזיסט האָט ניט קיין נייע קעפּקע, האָט ער אַ רעכט זי צוצונעמען ביי אַ רייכערן.

דער הויכער, דיקלעכער גימנאַזיסט איז געווען חיים ראַטנער. די באַרימטע זשעניאַ ראַטנער, אַ חשובע טוערין אין דער פּאַרטיי סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן און אַ מיטגליד פון דעם עס־ער'ישן צענטראַל־קאָ־מיטעט בעת דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז זיין פּלימעניצע. חיים ראַטנער האָט אין אַ יאָר אָדער צוויי נאָך מיין באַקאַנט ווערן מיט אים פאַרלאָזן רוסלאַנד און איז אַוועק קיין פּאַריז, ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט.

באַלד נאָך דעם עפּיזאָד מיט דער קעפּקע זיינען מיר געוואָרן נאָענ־טער. ער, דער עלטערער און דער אַנטוויקלטערער, איז אַלע פּרטים אַ דערוואַקסענער, פלעגט אומגיין מיט מיר איבער די קאָרידאָרן אין גימ־נאַזיע בעת די איבעררייסן און פירן אַ שמועס. דאָס איז ניט געווען קיין סיסטעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע: גלאַט אַזוי זיך שמועסן אין דער וועלט אַריין. אָבער גראָד אָט די שמועסן האָבן מיך געמאַכט ניט נאָר פאַר אַ סאָציאַליסט. זיי האָבן אויך איבערגעביטן מיין איינשטעל צו דעם יידישן פאָלק. פון אַ „יידישן פּאַטריאָט" האָבן זיי מיך געמאַכט פאַר אַן אַסימי־ליאַטאָר און אַ „רוס".

6

יידישע פּאַטריאָטן

די ראַדיקאַלע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן דער וויטעבסקער יוגנט בכלל און צווישן די גימנאַזיסטן בפרט, האָט מיך געמאַכט ניט נאָר פאַר אַן איבערצייגטן היים־גלויביקן סאָציאַליסט, נאָר אויך פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און אַ רוסישן אַ ס י מ י ל י א ט א ָ ר.

אַן אַסימיליאַטאָר בין איך אינגאַנצן געווען אַ פּאָר יאָר. אַן אינטערנאַציאָנאַליסט בין איך אָבער פאַרבליבן אויף מיין גאַנצן לעבן. איך זאָג בפירוש „אַן אינטערנאַציאָנאַליסט" און ניט קיין „קאָסמאָפּאָליט". איך קום איצטער צו אָט דעם רעזולטאַט וועגן מיינע יונגענטלעכע געדאַנקען, נאָך אַ לאַנגן איבערטראַכט, נאָך אַ טיפן גראָבן זיך אין מיינע זכרונות.

איך קאָן מיך ניט דערמאָנען קיין איין מאָמענט אין מיין לעבן, ווען איך זאָל האָבן גענומען ערנסט דעם „קאָסמאָפּאָליטישן" אידעאַל, ווען איך זאָל מיר האָבן פאָרגעשטעלט די צוקונפט פון דער מענטשהייט, ווי אַ צונויפגעגאָסענע אין איין־איינציקן פאָלק מיט איין־איינציקער שפּראַך און קולטור.

איך וויל ניט לייקענען, אַז גאָר אין אָנהויב איז אויך פאַר מיין געדאַנק געווען „ממילא מובן", אַז אין דער ווייטער צוקונפט וועט פון אַלע פעלקער ווערן איין פאָלק, איין אומדיפערענצירטע „מענטשהייט".

איך געדענק אָבער קלאָר, אַז ווען איך פלעג מיר אין פאַנטאַזיע אויסמאָלן דעם „לעתיד לבוא" אין די פוריעריסטישע קאָמונעס כנוסח טשערנישעווסקי, פלעגן זיי זיין באַפעלקערט ביי מיר מיט לויטער יידן: מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, קרובים און באַקאַנטע, מיינע פערמיינע זענלעכע יידישע פריינט, אפילו מיינע מלמדים, וואָס זיינען, נאַטירלעך, אַ דאַנק אונדזער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, געוואָרן גאַנץ אַנדערע מענטשן.

וואָלט איך דעמאָלט געווען געצוואונגען טיפער צו טראַכטן וועגן דעם ענין און צו פאָרמולירן דאָס וואָס איך טראַכט אין דער טיף, וואָלט איך, — אַזוי האַלט איך דאָס נאָענטסטע צו דעם אָביעקטיוון אמת, — וואָלט איך קיין אַנדער פאָרמולע ניט געקאָנט אַרויסברענגען, ווי די, אין וועלכער איך גלויב איצטער. פעלקער וועלן לעבן, ווי ברידער אין איין משפּחה פון דער מענטשהייט, אָבער קיין פאָלק וועט ניט פאַרלירן זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, זיין נאַציאָנאַלן מהות מענטש.

איך האָב אָבער דעמאָלט נאָך ניט געטראַכט וועגן דעם פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליטעט, און אַזוי אַרום איז מיין שטעלונג צו אים געווען ניט פריי, אויב ניט פון דירעקטע אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן, איז פון אַ געוויסער ניט אויסגעהאַלטנקייט, אַ געוויסער אומהאַרמאָנישקייט.

עס איז זיכער ניט קיין ווידערשפּרוך אין זיך גופא, צו זיין אַן אינ־טערנאַציאָנאַליסט, וואָס גלויבט אין דער אייביקייט פון פעלקער און וואָס, אומבאַוואוסטזיניקערהייט, מאָלט ער זיך דאָס צוקונפטיקע לעבן קודם־כל פאַר די קינדער פון זיין פאָלק, און אין דער זעלביקער צייט צו זיין אַ רוסישער אַ ס י מ י ל י אַ ט אָ ר, וואָס גלויבט באמונה שלימה, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף אויפהערן צו זיין אַ יידיש פאָלק און ווערן אַ טייל פון דעם רוסישן פאָלק, צונויפגעבונדן, צונויפגעוואַקסן מיט אים אין שפּראַך, קולטור און טעריטאָריעלער געמיינשאַפט.

דאָס איז ניט קיין ווידערשפּרוך, ווייל דער גרונטזאַץ פון אינטערנאַ־ציאָנאַליזם — ד י ד י פ ע ר ע נ צ י ר ק י י ט פ ו ן ד ע ר מ ע נ ט ש ה י י ט א י ן א י י נ צ ל נ ע פ ע ל ק ע ר א ו ן ז י י ־ ע ר ב ר י ד ע ר ל ע כ ע ר ל ע ב ן א י ן א י י ן מ ע נ ט ש ־ ה י י ט — ווערט דערביי ניט אָנגעגריפן. ס'איז אָבער געווען אַ גוואַלטיקע ניט אויסגעהאַלטנקייט און אומקאָנסעקווענטקייט פון מיין זייט, ווען איך האָב אין דעם פּרט געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר יידן — אַ מין „ווסיע קראָמיע יעווריעיעוו" („אַלץ אַ חוץ יידן") פון דער רוסישער געזעצגעבונג — און געגלויבט, אַז יידן מוזן, לויט שפּראַך און קולטור, אויפהערן צו זיין יידן און ווערן ר ו ס ן. מערקט איך: ניט „מענטשן" בכלל, נאָר רוקא רוסן.

אין יענע גימנאַזיע־יאָרן האָב איך אָבער וועגן דעם ענין ניט געבראָכן זיך דעם קאָפּ. און עס וואָלט געווען לעכערלעך צו דערוואַרטן אַ וועלכן עס איז לאָגיש דורכגעטראַכטן, אין אַלע פּרטים אויסגעהאַלטענעם וועלט־ און לעבנס־באַנעם פון אַ פערצן־פופצן־יעריקן יינגל, וואָס האָט נאָך דערצו געהאַט אין זיך אַ היפּש ביסל פון אַ לייכטזיניקן שטיפער — צי איך מעג זיך באַרימען דערמיט, צי איך זאָל זיך שעמען דערפאַר. דער פאַקט איז, אַז אויך אין מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג און זעלבסטבילדונג בין איך ניט געווען קיין „מתמיד". דאָס איז אויך ניט געווען מיין אינטימסטער פריינט שלמה זאַנוול ראַפּאָפּאָרט. אונדזערע ביידנס קעפּ זיינען צו אָפט געווען פאַרנומען מיט די מטורפסטע שטיפערייען.

נאָר דערויף באַשטיי איך איצטער מיט דער פולסטער זיכערקייט. אין טיפסטן גרונט גענומען, בין איך קיינמאָל קיין קאָסמאָפּאָליט ניט

געווען. ניט וויסנדיק די נפקא מינה צווישן „קאָסמאָפּאָליטיזם" און „אינ־טערנאַציאָנאַליזם" — אַ נפקא מינה וואָס איך האָב שפּעטער אַליין גע־דאַרפט טעאָרעטיש אַרויסברענגען — בין איך געווען אַן אינטערנאַציאָנאַ־ליסט. נאָר די ניט אויסגעהאַלטנקייט פון מיין אינטערנאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט בנוגע צו מיין אייגענעם פאָלק, האָב איך ניט געמערקט. ס'איז מיר דערפאַר געווען אַזוי גרינג פּאַרטיק צו ווערן אין אַ פּאָר יאָר אַרום מיט מיין אַסימיליאַטאָרישקייט. זי האָט זיך געלאָזט אַרויסציען פון מיין געדאַנקען־וועלט, „ווי אַ האָר פון מילך".

אַ סך שווערער איז מיר אָבער געווען איינצוגלויבן זיך אין דער דאָזיקער אומריינער האָר, איינצושמועסן זיך, אַז מיר יידן זיינען גאָר קיין פאָלק ניט, אַז עס איז ניט ווערט צו טראַכטן וועגן זיך, ווי וועגן אַ באַזונדער פאָלק, וואָס האָט זיינע אייגענע יידישן נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אַן אייביקן, זיין אייגן־יידישן לעבן אין דער משפחה פון די פעלקער.

דאָס איז געווען פאַר מיר ניט אַזוי גרינג, ווייל בעת איך בין אַריין אין גימנאַזיע, זיינען מיר — איך און שלמה זאַנוול — געווען אין דעם פולסטן זין פון דעם וואָרט דאָס, וואָס מען האָט דעמאָלט גערופן „יידישע פּ אַ ט ר י אָ ט ן". דאָס זיינען געווען יידישע נאַציאָנאַליסטן, מער אָדער ווייניקער ש אָ ו ו י נ י ס ט ן, אָבער „געבילדעטע", „היינט־וועלטיקע", וואָס האָבן געשטרעבט צו „ראַוונאָפּראַוויע" (גלייכע בירגער־לעכע רעכט) און האָבן געהאַלטן אַז עולם ומלואו פון די מענדעלסאָנס, מאָנטעפיאָרעס און ביקאָנספילדס.

די צייט — דער סוף פון זיבעציקער און אָנהויב פון אַכציקער יאָרן — איז דעמאָלט געווען די אויפבליצייט סיי פון דעם רוסישן אַנטיסעמי־טיזם, סיי פון דער רוסיש־יידישער פּובליציסטיק, וואָס האָט טאַלאַנטפול און ענערגיש געקעמפט אַנטקעגן אים.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעם טערקישן קריג, אַוז אייניקע האָבן אוועקגעשטעלט אויף דעם יידישן חשבון, די דיפּלאָמאַטישע מפּלה, וואָס רוסלאַנד האָט געקראָגן אויף דעם בערלינער קאָנגרעס, אַ דאַנק דעם יידן ביקאָנספילד. ווי די מעשה איז, אָבער באַלד נאָך דעם קאָנגרעס האָט אַ זייער טאַלאַנטפולער ליבעראַלער רוסישער פּובליציסט, אַ. סואוואָרין, אָנגעהויבן אין זיין צייטונג — די שפּעטער באַרימט גע־וואָרענע יידנפרעסערישע „נאָוואָיע וורעמיא" — אַ העפטיקע קאַמפּאַניע אַנטקעגן יידן. באַלד איז צו אים צוגעשטאַנען פּירש מיעשטשערסקי אין פּעטערבורג, פּיכנא אין קיעוו און נאָך אַ גאַנצע מחנה פּובלי־ציסטן, — ווי די וואָס אַרום דער גרעסטער צייטונג אין יענער צייט, דעם

"גאָלאָס", — און עס איז אויפגעהויבן געוואָרן אַ געפּילדער און אַ ליאַרעם אין דער פּרעסע וועגן דער שעדלעכקייט פון דעם יידישן פאָלק פאַר רוסלאַנדס עקזיסטענץ, פאַר איר לעבן און אַנטוויקלונג.

מיט דעם ליבעראַלן קורס, וואָס דער מיניסטער לאָריס־מעליקאָוו האָט געפּרואווט אַריינפירן אין לאַנד, האָבן די רוסישע ליבעראַלן אויפגעהויבן אַביסל העכער דעם קאָפּ און האָבן גענומען אויסבילדן אַן אידייאישן פראָנט אויך אַנטקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. מיר געדענקט זיך אַ געלונגענער סאַטירישער פעליעטאָן פון דעם רוסישן מער אָדער ווייניקער ראַדיקאַלן פּאָעט — אָדער ריכטיקער: „גראַמען־קינצלער" — דמיטרי מינאַיעוו. דער פעליעטאָן האָט זיך גערופן „זשיד אידיאָט" („דער ייד גייט . . .") און האָט אויסגע׳חוזקט די פּסיכאָלאָגיע און די אַרגומענטאַציע פון די אַנטיסעמיטן. יעדע צרה וואָס פלעגט פּאַסירן אין לאַנד — אַ האָגל וואָס האָט צעשלאָגן די תבואה אויף די פעלדער, אַ פאַרפלייצונג וואָס האָט פאַרטרונקען דערפער, פעלערן און פאַרברעכנס פון דער רוסישער אַדמיניסטראַציע, — דאָס אַלץ פלעגן די אַנטיסעמיטן אַרויפשרייבן אויף אונדזער חשבון, אויף דעם חשבון פון דער יידישער „עקספּלואַטאַציע". אין מינאַיעוו׳ס געגראַמטן פעליעטאָן פלעגט זיך יעדער קופּלעט מיט אַ בינטל רוסישע צרות ענדיקן מיט איין און דעמזעלבן רעפריין: „ווינאָוואַט וו׳עטאָם זשיד; זשיד וואָ וסיאָם ווינאָוואַט" („אין דעם איז שולדיק דער ייד; דער ייד איז שולדיק אין אַלץ").

אָבער די פאַרטיידיגונג, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די ליבעראַלן, איז געווען זייער אַ שוואַכע. דערצו האָבן מיר, יידן, שוין געהאַט אַ לפי ערך גרויסע רוסיפיצירטע אינטעליגענציע, מיט אַ סך אמת׳ע טאַלאַנטן און געלערנטע, וואָס האָבן בעסער געקאָנט אויפנעמען דעם קאַמף אַנטקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, בעסער און גרינטלעכער אויפקלערן דעם רוסישן עולם וועגן דעם מהות פון יידן און יידנטום און זייער ראָליע אין דעם רוסישן לעבן.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרן צוויי יידישע וועכנטלעכע צייטשריפטן אין דער רוסישער שפּראַך: דער „רוסקי יעווריעי" און דער „ראַזסוויעט". אויף דעם יאָר 1880 איז אויך אָנגעקינדיקט געוואָרן אַ חודש־זשורנאַל, דער „וואָסכאָד".

שלמה זאַנוול און איך האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט אָט דער יידישער פּרעסע. מיר זיינען אויך באַקאַנט געווען מיט אַסך פריערדיקע שריפטן פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער רוסישער שפּראַך. זיין שוועסטער האָט געהאַט אַן איינגעבונדענעם יאָרגאַנג פון דעם אַלטן אָדע־

סער „ראזסוויעט" (פון דעם יאָר 1860), און מיר זענען ביידע געווען גע־רירט ביז צו טרערן פון אָסיפ ראַבינאָוויטשעס דערציילונג „נאַסליעדסטווענני פּאַדסוויעטשניק" („דער ירושה ליכטער"). מיר האָבן ביידע געלייענט באָגראָווס „פּאָימאַניק", זיינע „זאַפּיסקי יעווריעיא", ניקיטינס „זשיזן פּערעזשיט' — ניע פּאָליע פּערעיטי" („אַ לעבן דורכלעבן איז ניט אַ פעלד אריבערשפּרייזן").

דאָס זיינען אַלץ געווען שילדערונגען פון דעם יידישן לעבן און פון די יידישע צרות אין „ניקאָלאַיקעס" ציימן (מען מיינט דאָ דעם קייסער ניקאָלאַי דעם ערשטן). דאָס איז געווען דער פינצטערער הינטערגרונט אויף וועלכן עס האָט זיך אין די זעכציקער יאָרן אָנגעהויבן די ליכטיקע עפּאָכע פון אַלעקסאנדער דעם צווייטנס רעגירונג, מיט איר ליבעראַלערער שטעלונג צו יידן

7

איך ווער אַ פּאַטריאָט

ניי־יאָרס־טאָג, 1880. — איך זיץ ביים שרייב־טיש אין מיין ארבעטס־צימער (אייגנטלעך, — אַ גרויסער פירהויז מיט אַ גרוים פענצטער צום גאַס. די „פּאַראַדנע" (פּראָנט) אריינגאַנגס־טיר האָט מען אויף ווינטער צוגעשלאָסן, דעם גאַנצן טיר־שטח מיט פּילץ ארומגעשלאָגן — איז געוואָרן דערפון אַ היפּשער חדר צום ארבעטן. אריין־ארוים פלעגט מען דעם גאַנצן ווינטער פון דער קיך־טיר.

איך זיץ ביים שרייב־טיש און קוק אין פענצטער. אויפן גאַס האָט גע־ברענט אַ פראָסט, און עס האָט זיך געפילט אין איר די אומרו און די אויפ־געלעבטקייט פון אַ רוסישן יום־טוב און אַ „טאַבעל־טאָג". דער „פּאַראַד ביי דער קאַטעדראַלע איז שוין אריבער. דאָס מיליטער מיט דער מוזיק האָט שוין דורכגעמאַרשירט. נאָר די גלאָקן פון די קלויסטערס האָבן נאָך געקלונגען אויפמונטערנדיק און פריידיק, און עס האָבן זיך געגומען טראָגן איבערן גאַס שליטלעך, מיט בערענע צודעקן, דאָס רוב יום־טובדיק צוגעפּוצט, מיט פאַרביקע נעצן איבער די פערד, מיט קוטשערס אין בלויע „ארמיאַקען", אויסגעהאַפּטענע גאַרטלען און קיילעכדיקע היטלען, באַברעמט מיט רויכוואַרג. אין די שליטלעך — דאָס רוב פאַרשוינען אין היטלען מיט „קאָקאַרדעס". דאָס האָט דער ביוראָקראַטישער עלעמענט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן שטאָט מאַכן די ניי־יאָרס וויזיטן.

באַזונדערס לעבעדיק איז געווען ארום אונדזער גאַניק ביי דעם „פּאַ־ראַדנעם" ארייננגאַנג. יום־טוב'דיקע שליטנס פלעגן זיך אָפּשטעלן לעבן

אים, און טריט האָבן זיך געהערט איבער אונדזערע טרעפּ. מיינט אָבער ניט, אַז דאָס איז מען געקומען „גוט־יום־טוב־ביטן" צו אונדז.

מיר האָבן שוין דעמאָלט געוואוינט ניט עק שטאָט, ניט אין „זי־רעטשיע" (זאַרוטשעוויע"). די אַמביציע פון מיינע עלטערן איז שוין דעמאָלט מקוים געוואָרן. מיר האָבן זיך איבערגעקליבן אין דער בכבוד'־דיקער „שלאָסער"־גאַס („נאַ זאַמקאָוואָי"), וואו מיין זיידע זלמן־קאָנדיטאָר האָט אַמאָל געהאַלטן דעם אַריסטאָקראַטישן „האָטעל גאַרני". אויף אָט דער גאַס האָבן מיר בשותפות מיט דעם פעטער מיכל פון אושאַטש, גע־קויפט אַ גרויסן, דריי־גאָרנדיקן מויער, מיט ניינצן פּענצטער צום פראָנט. געוואוינט האָבן מיר אין צווייטן עטאַזש, און איבער אונדז, פאַרנעמענדיק אַ דירה פון גאַנצע פופצן פענצטער, האָט געוואוינט דער קאַלאָנעל פון דער זשאַנדאַרמיע, דער קניאַז (פירשט) שיכאַוווסקאָי. צו אים איז מען דאָס געפאָרן מיט די אָפיציעלע וויזיטן. דער אָפּטער ארויף און אַראָפּ איבער זיינע טרעפּ האָט זיך געהערט דורך דער וואַנט.

באַלד האָט זיך די אומרו אַרום אונדזער הויז איינגעשטילט. עס איז צוגעפאָרן צום גאַניק אַ לײדיקער, באַזונדערס שיינער שליטן, מיט אַ פּאָר פערד, באַדעקט מיט אַ העל־פּורפּערנער נעץ. דער קניאַז איז באַלד אַראָפּ אין אַ פּאַראַדנעם קיווער מיט אַ בינטל העל־גרויע פערדישע האָר אויפן שפּיץ און זיך אריינגעזעצט אין שליטן. דאָס איז ער געפאָרן מיט אַ וויזיט צום גובערנאַטאָר.

ביסלעכווייז האָט זיך די גאַס איינגעשטילט. דער פראָסט האָט, ווייזט אויס, אָפּגעלאָזן. עס האָט גענומען פאַלן, טרויעריק און פול, אַ קליינער שניי.

ס'איז מיר יענעם טאָג געווען היפּש אומעטיק אויפן הארצן. דער גאַנצער הארמידער און יום־טוב'דיקער טאַראַראַם איז מיר געווען לחלוטין פרעמד, און שיר ניט פאַרהאַסט. איך בין נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין סאָציאַליסט, און ניט געהאַט קיין פיינטלעכע געפילן צו דער זשאַנדאַרמעריע (אגב, איז דער „קניאַז" געווען אין געוויינלעכן לעבן „אַ גאַנץ גוטער גוי," נאָר אַ קאַפּריז" און אַ „כעסן")· איך האָב געפילט אַ פרעמדקייט צו דער גאַנצער גויאישער וועלט, צו אירע פּאַראַדן און יום־טובים. דער אויפ־רודער האָט מיך דערנערוווירט. אַ דריקנדיקע מאַטקייט און פוילקייט איז אָנגעפאַלן אויף מיר. עס האָט זיך ניט געוואָלט, ניט גיין ערגעץ וואוהין, ניט עפּעס וואָס טאָן. אַפילו לייענען, — מיין ליבסטע באַשעפטיקונג, — האָט מיך ניט געצויגן, איך האָב גענומען די פען אין האַנט, עפּעס וואָס קריצלען אויפן פּאַפּיר.

און פלוצלונג האָט איך איבערגעלעבט איינעם פון די שענסטע און רייכסטע מאָמענטן אין מיין לעבן. קריצלענדיק אַלערליי שטות'עריייען מיט דער פען, האָט „זי" פּלוצלינג אָנגעהויבן שרייבן — אַ רוסישן שיר. איך זאָג מיט אַ כיון „זי" און ניט „איך". עס איז געווען, ווי דער רוח־הקודש פון דער פּאָעזיע וואָלט זיך פּלוצלינג אַראָפּגעלאָזט אויף מיר. גרינג, און הויך געטראָגן, האָבן געגומען פליסן פערזן פון איר, פון די פערזן זיינען געוואָרן סטראָפעס מיט אויסטערלישע גראַמען, פון די סטראָפעס — אַ גאַנצע פּאָעמע.

אַזאַ אויפהויב, אַזאַ פלי־אַרויף פון דעם שאַפנס־גייסט האָב איך קיינמאָל דערנאָך ניט איבערגעלעבט. „אָט דאָס איז דאָס, די פּאָעטישע „וודאָכנאָווועניע" (באַגייסטערונג), האָב איך מיט אַ פריידיקן האַרץ־קלאַפּן געשפּירט אין זיך, שרייבנדיק.

די לאַנגע פּאָעמע „צום נייעם יאָר" האָט געשילדערט, ווי מען ברענגט צום קבר דאָס אַלטע יאָר און מען נעמט אויף מיט פרייד און האָפענונג דאָס נייע. אין אָנהויב האָב איך מיך אַריינגעלאָזן אין „טיפע" פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען וועגן אַ מענטשלעכן לעבן בכלל: ריין קהלת'דיק, ווי עס פאַסט פאַר אַ בחורל, וואָס קומענדיקן פסח דאַרף אים ווערן פופצן יאָר, און ווי דאָס האָט געהאַרמאָנירט מיט מיין דעמאָלטיקער געדריקטער שטימונג. דערנאָך בין איך איבערגעגאַנגען צו דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק, אַ לעבן פון אומשולדיק־פאַרפאָלגטע „פּאַריעס". די פּאָעמע איז אַריבער אין אַ העפטיקן גרימצאָרנדיקן אָנפאַל אויף די אַנטיסעמיטן, און איז אויסגעקלונגען אין אַ חזיון פון אַ נייער צייט, וועלכן „דער פּאָעט" זעט פאָרויס אין זיין נביאישן גייסט, און אין אַ שיל־דערונג, ווי ער, אַליין טאַקע דער „פּאָעט", מיט דער לירע אין דער האַנט, באַגריסט די אויפגייענדיקע זון.

פאַרענדיקט האָט זיך די פּאָעמע מיט דעם צוויי־פערז: „אי דליא „וואָסכאָראַ" אי „ראַזסווייעטאַ" סוויאַטאַיאַ פּיעסני אָן פּאָיאָט" („און פאַר דעם „זון־אויפגאַנג" און פאַר דעם „באַגינען" זינגט ער זיינע הייליקע לידער". דאָס איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג אויף דעם „ראַזסוויעט" און דעם „וואָסכאָד", וואָס האָט געדאַרפט באַלד אַרויסגיין).

איי, האָב איך זיי דאָרטן פאַרגעבן, די אַנטיסעמיטן! ס'נאָווים גאַ־דאָם, אַ, סוואָוואָרין! " — און אַ לערן געטאָן מיט אים בלק, אַזש פלאַמען האָבן געשלאָגן. „ס'נאָווים גאָדאָם, קניאַז מעשטשערסקי! " — און אַ שטורעם האָט געדונערט איבער זיין קאָפּ. „ס'נאָווים גאָדאָם, מודראָי פּיכנאַ! " און עס ווערט פון אים אַ בערגל אַש.

איי, האָב איך זיי פאַרגעבן! זיי האָבן זיכער געמעגט גומל בענטשן, וואָס די פּאָעמע איז ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן! . . .

פאַרוואָס איז זי אָבער ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן? ערשטנס, האָב איך אין אָנהויב גאָר ניט געטראַכט וועגן פאַרעפנטלעכן זי און צי זי פאַרדינט דאָס, אָדער ניט, און צווייטנס, איז אין דעם דאָ אַ קליינע מעשה.

פאַרטיג געוואָרן מיט דער פּאָעמע, בין איך אַליין ווי נתפּעל געוואָרן פון דער אומדערוואַרטעטער פּאַסירונג און בין אַוועקגעלאָפן מיט איר צו שלמה זאַנוולען.

— זע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן!

איך האָב אים איבערגעלייענט די פּאָעמע מיט דערזועלביקער התפּעלות, וואָס האָט מיך געטריבן אין דער הויך בעתן שרייבן. אויך ער איז אָנגעצונדן געוואָרן פון איר.

— דאָס איז אמתע פּאָעזיע! — האָט ער אויסגעשריען אין עקסטאַז. דו ביזט אַן אמתער פּאָעט, חיימקע!

ליתר בטחון האָב איך איבערגעלייענט די פּאָעמע זיין עלטערער שוועסטער, וואָס איז געווען באַהאַונט אין דער רוסישער ליטעראַטור. זי איז ניט אַזוי שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון מיין ווערק, האָט אָבער אויך געזאָגט:

— זייער גוט! זייער גוט! מען וואָלט דאָס געדאַרפט אָפּדרוקן.

— אָפּדרוקן? אָבער וואו?

— טאַקע אין „וואָסכאָד" גופא! — פאַלט אויף אַ געניאַלער המצאה שלמה זאַנוול. לויף שוין אהיים, שרייב דאָס איבער און שיק אוועק, וועט דאָס נאָך אפשר פאַרכאַפּן דעם ערשטן נומער.

בין איך אוועק אהיים, מיך געזעצט צום שרייב טיש, האָב אָבער דערהערט, ווי אין זאַל, לעבן מיין אַרבעטס־צימער, גייט אַרום הין און צוריק אַ שוועסטער־קינד מיינער, ברוך וויינשטיין, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן אין וויטעבסק.

אָט דער ברוך איז געווען אַ יונגערמאַן, אַן איינגעשלאָסענער אין זיך, אַ שווייגער און היפּש מרה־שחורהדיקער. פלעגט ער זיין ביי אונדז אין הויז, פלעגט ער אָדער זיצן שטיל, טרינקען שטאַרקן טיי און רויכערן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, אָדער אומגיין איבערן זאַל, אַ פאַרזונקענער אין זיינע געדאַנקען. ביים זעלטענעם ריידן, פלעגט צייטנווייז אַרומבלאָנקען אַ גיפטיקער שמייכל אַרום זיינע ליפּן. אין יאָרן און יאָרן אַרום האָב איך מיך דערוואוסט, אַז ער האָט דורכגעמאַכט אַ טיפע טראַגעדיע

אין זיין לעבן, (מען האָט אים חתונה געמאַכט לויט דעם ליובאַוויטשער רבינס באַפעל, קעגן זיין ווילן. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך אפשר דערציילן די מעשה)·

דערהערט ברוכס טריט, האָט זיך מיר פאַרוועלט איבערלייענען די פּאָעמע אויך אים. איך בין אַריין אין זאַל.

— זעט, ברוך, וואָס איך האָב אָנגעשריבן!

— אַנו, לייען! — האָט ער מיך גאַנץ פריינטלעך אויפגעמונטערט.

איך האָב זי צום דריטן מאָל געלייענט הויך, כמעט מיט דעם זעלביקן פּאַטאָס, וואָס פריער. נאָכן לייענען האָב איך אים פריידיק מודיע געווען, אַז איך גיי זי איבערשרייבן און אַוועקשיקן אין „וואָסכאָד".

— האָסט ניט וואָס צו שיקן. אַן עבירה די מאַרקעס, — האָט מיר ברוך געענטפערט קאַלט. — מען וועט דאָס ניט דרוקן.

— מחמת וואָס אי'?

—דערפאַר וואָס עס טויג ניט. צאַצקעדיקע פראַזן און קלינגענדיקע ריפמעס (גראַמען), — מער איז דאָרט גאָרנישט ניטאָ.

— אין וואָס געוועט, דער „וואָסכאָד" דרוקט דאָס? — האָב איך אים האָפערדיק פאָרגעשלאָגן, אַ זיכערער, אַז שלמה זאַנוול, זיין שוועס־טער און איך אַליין פאַרמאָגן זאַלבעדריט אַ סך מער מבינות אויף פּאָעזיע, איידער ברוך.

— גוט, געוואָטן זיך.

איך האָב איבערגעשריבן די פּאָעמע און זי אַוועקגעשיקט. אַ לאַנ־גע צייט איז ניט געווען קיין ענטפער· ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך באַקומען פון „וואָסכאָד" אַ דיקן פּאַקעט. אין קאָנווערט איז געלעגן מיין פּאָעמע און אַ בריוו פון דעם רעדאַקטאָר, א. לאַנדוי. ער באַדויערט זייער, וואָס ער מוז צוריקשיקן די פּאָעמע. זי איז אי צו־לאַנג, אי אָנגעקומען צו־שפּעט פאַר אַ יאַנואַר נומער. אָבער אַזוי ווי ער זעט מיין גרויסע סימפּאַטיע צו דעם „וואָסכאָד", שיקט ער מיר דאָ אַן אַבאָנענטן־ליסטע, מיט דער בקשה צו קלייבן אַבאָנענטן פאַר דעם זשורנאַל.

דער בריוו האָט מיך היפּש אָפּגעקילט. די אויסריידן זיינען געווען צו־דורכזיכטיק. ברוך איז, משמעות, געווען גערעכט. די פּאָעמע האָט, הייסט עס, דאָך ניט געטויגט. איך האָב מיך אָבער ניט שטאַרק מצער געווען דערפון און קיין אַבאָנענטן האָב איך אויך ניט געקליבן. ניט דער־פאַר, וואָס מען האָט ניט געדרוקט מיין פּאָעמע, נאָר מחמת אַ גאַנץ אַנ־דערן, זייער ערנסטן טעם. די ראַדיקאַלע פּראָפּאַגאַנדע האָט גענומען

גרייכטראָגן אַ טיפע ענדערונג אין מיין יידישן פּאַטריאָטיזם. מיין גאַנ־צע שטעלונג צו דעם יידישן פאָלק און צו דער רוסיש־יידישער פרעסע איז אין די פּאָר וואָכן אוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער אַ גרויסן פרעג־צייכן.

על־כל־פּנים, האָט אדאָלף לאַנדוי, מיט זיין ניט דרוקן מיין פּאָעמע, גורם געווען, אַז אי איך האָב פאַרשפּילט אַ געוועט, אי דער אַנטיסעמיטיזם איז אין רוסלאַנד פאַרבליבן עד היום הזה.

8.

דייטשן און פוילן

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך מיך אביסל אָפּגעשטעלט אויף דעם ענין פון מיין יונגן קאָסמאָפּאָליטיזם. ווען איך האָב מיך גענומען נאָכפרעגן וועגן דעם ביי מיין זכרון, האָט ער תחילת געענטפערט: נו, זיכער, געווען אַזאַ צייט, ווען אויך דו האָסט געגלויבט אין אַ מענטשהייט, וואָס וועט איינשלינגען אַלע פעלקער אַזוי, אַז פון „נאַציעס" און „אומות" וועט קיין זכר ניט בלייבן. דאָס האָט דאָך געהערט צו דעם סיסטעם פון דעם ראַדיקאַלן וועלט־באַנעם. און קריטיש צו אים ביזטו דאָך אין אָנהויב ניט געווען.

אָבער אָט די זיכערקייט איז ביי אים, דעם זכרון מיינעם, באַלד פאַר־שוואונדן. אַן אויבערפלעכלעכער געדאַנק, וואָס טראָגט זיך צייטנווייז אַרום אין מוח, אפילו ווען מען האָט גאָרנישט ניט אַנטקעגן אים, איז נאָך ניט קיין איבערצייגונג, ניט קיין עלעמענט פון אַ וועלט־באַנעם, מיט וועלכן עס לעבט די נשמה. כדי אַן אינדיפערענטער, מהיכא־תיתא גע־דאַנק זאָל ווערן אַזאַ עלעמענט, דאַרף ער אריין אין פלייש און בלוט, דאַרף ער אָנצייכענען אַ געוויסע ליניע פאַר דעם טאָג־טעגלעכן דענקען און טאָן, באַשטימען מיט זיך אַ פעסטע שטעלונג צו די פּראָבלעמען, וואָס האָבן צו טאָן מיט יענעם געדאַנק.

נו, ווי איז דאָס געווען מיט מיין קאָסמאָפּאָליטיזם, אויב אָט די אידייע האָט זיך ווען עס איז ערנסט ארומגעטראָגן אין מיין געדאַנק?

איך האָב שוין אָנגעמערקט, אַז אַלע פאַקטן, אַלע מיינע ווירקלעכע שטעלונגען צו דעם ענין: „פאַרשיידענע פעלקער" זיינען געווען פריי פון אָט דעם עיקר'דיקן „אני־מאמין" פון אַ דעמאָקטיקן ראַדיקאַל. איך האָב תמיד געפילט, אַז פעלקער אין דער מענטשהייט זיינען פאַרשיידן, כמעט ווי די פאַרשיידענע אברים אין אַ מענטשלעכן גוף, אַז זייער פאַר־

שיידנקייט וועט בלייבן אייביק, ווי די פאַרשיידנקייט פון די אברים אין א גוף, און עס וואָלט זיך מיר בשום אופן ניט „געלייגט אויפן שכל", אַז דער דיפערענצירטער גוף פון דער מענטשהייט וועט ווען עס איז קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ניט־דיפערענצירטער פאַרמלאָזער מאַסע, אַן איינהייטלעכער אין שפּראַך און קולטור.

איך האָב מיך אין אַ באַשטימטער צייט געוויס גערופן „קאָסמאָ־פּאָליט", „אינטערנאַציאָנאַליסט", ווייל ביידע נעמען זיינען פאַר מיר געווען באַצייכנונגען פון איין און דערזעלביקער זאַך: פון דעם היפּך צו די באַגריפן: „נאַציאָנאַליסט", פּאַטריאָט", „שאָוויניסט", וואָס זיי־נען פאַר מיר אויך געווען נעמען פאַר איין און דעמזעלביקן ענין.

דער אינהאַלט אָבער פון מיין „קאָסמאָפּאָליטיזם" איז געווען שוין גאָר, אין דער פריער צייט פון מיין ראַדיקאַליזם, ניט קיין קאָסמאָפּאָליטישער, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישער. ער האָט געזעצט דעם טראָפּ ניט אויף דער פאַרשווינדונג פון די פעלקער, נאָר אויף זייער ברידערלכער פאַר־אייניקונג.

דאָס איז גאַנץ זיכער אַן אָפּנויג פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונגס־ליניע. ס'איז מיר ניט באַקאַנט קיין איין ראַדיקאַל פון מיין דור, ובפרט קיין איין יידישער ראַדיקאַל, וואָס זאָל האָבן פאַרשטאַנען זיין אינטער־נאַציאָנאַליזם אַזוי ווי איך, ד. ה. אין אַ קלאָרן אַנטי־קאָסמאָפּאָליטישן זין.

פון וואַנען האָט זיך ביי מיר גענומען, גלייך אין אָנהויב פון מיין אידייאישער אַנטוויקלונג, אָט דער פּרינציפּיעל אַזוי וויכטיקער אָפּנויג?

אָט די אויטאָ־ביאָגראַפישע פראַגע איז פאַר מיר דערפאַר מער אינ־טערעסאַנט, ווייל אַ גאָר גרויסן טייל פון מיין שפּעטערדיקער גייסטיקער אַרבעט האָב איך אוועקגעגעבן אויף צו שטודירן די נאַציאָנאַלע פראַגע און צו באַגרינדן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנד־פּונקט, ווי אַן אידעאַל, וואָס איז גלייך פיינטלעך סיי צו דעם שאָווי־ניזם, מיט זיין „מיין פאָלק, גערעכט אָדער אומגערעכט", סיי צו דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, מיט זיין „סתם־מענשענטום".

האָב איך דעם ריכטיק פאַרשטאַנענעם אינטערנאַציאָנאַליזם אַריינ־געזאַפּט אין זיך פון אונדזערע יידישע נביאים? אמת, די בעסטע פון זיי האָבן צום ערשטן מאָל פאַר דער מענטשהייט אַנטפּלעקט דעם ריין אינטערנאַציאָנאַליסטישן אידעאַל פון אַ פאַרברידערטער מענטשהייט, מיט פעלקער, ווי איינצלנע ברידער אין איר. אָבער וואָס האָב איך געוואוסט פון די נביאים? כמעט ווי גאָרנישט. די נביאים האָט מען געלערנט אין חדר,

ווי א טפל ניט ווי אן עיקר. און געלערנט האָט מען זיי אין דעם ליכט און דער אויסטייטשונג פון דעם שפּעטערדיקן יידנטום, וואָס האָט זיך שוין מיט אזעלכע „קליינקייטן" ניט געאינטערעסירט. מיט די נביאים האָב איך מיך אליין אָנגעהויבן צו באקאַנען ערשט אין דעם זומער 1885, און ניט פון זיי האָט געקאָנט שטאַמען מיין אינטערנאציאָנאַליסטישע שטעלונג.

אפשר פון די ערשטע באגרינדער פון דעם ריכטיקן אינטערנאציאָנאַליזם, וואָס האָבן פאַר מיר געלעבט אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג; פון משה העס'ן, קארל מארקסן, פרידריך ענגעלסן און פערדינאנד לאסאלן?

אָבער משה העסעס נאָמען האָב איך אָנגעטראָפן אין דער ליטעראטור ערשט אין 1889. די אנדער דריי נעמען האָב איך פריער געהערט, אָבער מיט זייער שטעלונג צו דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, מיט דער אמת'ער גרעסטער גרעסאַנקלע־כער רעוואָלוציע, וואָס זיי האָבן אין דער פראגע אריינגעטראָגן אין דעם סאָ־ציאַליזם, האָט זיך ביי אונדז קיינער ניט געאינטערעסירט. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגן, אז קיינער האָט פון איר ניט געוואוסט. איך האָב דאָס שפּעטער געדאַרפט ערשט „אנטדעקן" און די אנטדעקונג איז אויפ־גענומען געוואָרן ניט אָן א העפטיקן ווידערשפּרוך.

אָדער שטאַמט גאָר מיין אינטערנאַציאָנאַליזם פון דעם יידיש־רעליגיעזן וועלט־באַנעם, וואָס האָט געהערשט אין אונדזער יידישער געדאנקן וועלט? אין פלוג, קאָן דאָס געמאָלט זיין. די אייביקע פאַרשיידנקייט פון פעלקער איז געגעבן שוין אין דעם יידישן „אתה־בחרתנו" געדאַנק. יידן זיינען אַ גאַנץ אנדער פאָלק, איידער די אנדערע פעלקער. און די פאַראייניקונג פון די פעלקער איז געגעבן אין דעם אידעאַל פון „ויעשו כולם אגודה אחת" („זיי זאָלן אלע ווערן איין פאַרבאַנד"). אבער אויך אָט די סברה מוז איך אָפּ־וואַרפן.

ראשית, איז מיר די יידישע רעליגיע אפילו אין דער לינקער פּאה ניט געלעגן. וואָס דאָרטן איז דאָ, אָדער ניטאָ, — ווען דאגה איז דאָס געווען? געוואָרפן זיך אין די אויגן האָט דער אתה־בחרתנו געדאנק, און ער האָט „געשטראָלט" אין א ריין שאָוויניסטישן ליכט.

השנית, איז די פעלקער־פאַרשיידנקייט אין דעם געוויינטלעכן יידישן וועלט־באַנעם געווען א פאַרקריפּלטע. יידן זיינען פאַרשיידן פון די גוים. אָבער אלע גוים, אלע „יונים" האָבן געהאַט „איין פּנים".

און דריטנס: אפילו דער נאַציאָנאַליזם, אָט דער גרונט־עלעמענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, איז אין דער יידישער רעליגיע ניט קיין אבסאָלוט ריינער. ער איז היפּש דורכגעזאַפּט מיט רעליגיע. ווען ניט־יידן זיינען זיך מגיר, ווערן זיי יידן. די פעלקער וועלן ווערן „אגודה אחת" נאָר ווען זיי

וועלן אלע אָננעמען דעם יידישן גלויבן. און דעמאָלט ווערן אלע איין־איינציק פאָלק, דאָס יידישע.

אַזוי אַרום איז דער געוויינטלעכער יידישער וועלט־באַנעם, אָדער שאָוויניסטיש (פאַר איצט) אָדער קאָסמאָפּאָליטיש (אין לעתיד לבוא). אַ נייעם שטאַנדפּונקט, וואָס זאָל שטיין איבער אָט די ביידע, וואָלט איך אין דער יידישער רעליגיע דעמאָלט ניט געקאָנט געפינען.

בלייבט פאַר מיר קיין אַנדער אויסוועג ניט, ווי צו זוכן די ערשטע קערנדלעך פון מיין שטאַנדפּונקט אין מיינע קינדער־יאָרן, — דער עיקר אין מיין פאָטערס דירעקטער אָדער אומדירעקטער השפעה אויף דער ערשטער אויסבילדונג פון מיין גייסט.

די קינדער־יאָרן, — הויב איך אָן צו גלויבן, — זיינען דער אורקוואַל, פון וואַנען עס שלאָגט די אַנטוויקלונג פון אַ מענטשן. זיי דערקלערן אין איר אַ סך מער, איידער מיר שטעלן זיך פאָר. זיי ליגן אַוועק דעם פונדאַמענט אויב ניט פאַר דעם גאַנצן כאַראַקטער, איז פאַר אַ סך שטריכן אין אים, פאַר אַ סך סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, וואָס באַשטימען איינעמס גאַנג אין דער וועלט. צו זיי וועל איך אויך זיך מוזן אומקערן פון צייט צו צייט פאַר יענעם דין און חשבון פון מיין עפנטלעכער טעטיקייט, וואָס איז דער הויפּט־ציל פון מיינע איצטיקע מעמוארן.

ביי מיין פאָטער — און אַביסל אויך אין דער גאַנצער סביבה פון אונדזער הויז — געפין איך איצטער אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענע דיפערענצירטע שטעלונג צו דריי ניט־אידישע פעלקער: די דייטשן, די פּוילן און די רוסן.

צו די דייטשן האָט מיין פאָטער געהאַט אַ געפיל פון טיפן דרך־ארץ. דער דייטשער מהות מענטש האָט אים געוואַלטיק אימפּאָנירט. און געטראָפן מיט אים האָט ער זיך אָפט אין זיינע געשעפטן: אין ריגע, מעמעל און קעניגסבערג. אימפּאָנירט האָט אים דעם דייטשס אַבסאָלוטע ערלעכקייט: „אַ וואָרט איז אַ וואָרט!" און זעלטן, ווען ער פלעגט מאַכן קאָנטראַקטן מיט די דייטשע פירמעס. (שפּעטער האָט אים טאַקע איינער אַ דייטש, — אייגנטלעך אַ לאָטיש, — היפּש „אָנגעפּייפט". ער האָט ביים פאָטער צוגענומען אַ גוט, וואָס ער האָט געקויפט אויף דעם דייטשס נאָמען. צי דאָס האָט געווירקט אויף זיין שטעלונג צו די דייטשן בכלל, ווייס איך ניט). און נאָך מער האָט אים דער דייטש אימפּאָנירט מיט דעם באַוואוסטזיין פון זיין אייגענער מענטשלעכער חשיבות.

מיר גייען אַזוי אַמאָל, — איך און מיין פאָטער, — איבערן גאַס „גוט יום־טוב ביטן" דעם זיידן. דאָס איז געווען אַ זונטאָג. אַנטקעגן

אונדז גייט אַ נידעריק מענטשעלע, פיין געקליידט, מיט אַ צילינדער אויף דעם אויפגעהויבענעם קאָפּ. נאָך איידער מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן, האָט דער פּאָטער אַראָפּגענומען זיין הוט, האָט זיך טיף פאַרנייגט און פריינטלעך אים באַגריסט: „מאָיען!" („גוט מאָרגן", הייסט עס). דער דייטש האָט זיך אויך העפלעך פאַרנייגט, געענטפערט אויף דער באַגריסונג און איז פאַרבייגעגאַנגען.

— ווייסט, ווער דאָס איז? — פרעגט מיך דער פּאָטער.

געוויס האָב איך געוואוסט, ווער דאָס איז: אַ דייטש, אַ שלאָסער, וואָס האָט אויך ביי אונדז געאַרבעט. נאָך איצטער איז אויף זיין ריין געוואַשענעם פּנים פאַרבליבן קוילן־שטויב אין די ריצן אַרום די נאָז־לעכער.

—אונדזער שלאָסער, — האָב איך געענטפערט.

זעסטו? בסך הכל אַ שלאָסער, אינדערוואָכן טוט ער זיין אַרבעט, שטייט ביים וואַרשטאַט אין אַ לעדערנעם פאַרטוך. זונטיק איז ער אַ גאַנץ אַנדער מענטש. אַ פראַנט. ציכטיק־ריין אָנגעטאָן. גייט מיט גדלות זיין וועג. ער וועט אים דיר פאַר קיינעם ניט אָפּטרעטן. דער גובערנאַטאָר מעג דאָ גיין, וועט ער ניט אָפּטרעטן. וואָס איז אים דער גובערנאַטאָר? . . . „אַ טייטש — אַן ענדיק?" — האָט מיין פּאָטער ווי געפּאָלעמיזירט מיט וועמען — איז ער ניט קיין חריף, ניט קיין דריי־קאָפּ . . .

מיין פּאָטער האָט אָפּגעהאַקט דעם שמועס און זיך פאַרטראַכט. האָט ער אפשר געצווינגן אין געדאַנק אַ פּאַראַלעל צווישן דעם שלאָסער און זיך אַליין, דעם „חריף" און דעם „דריי־קאָפּ"?

אויך פון אַנדערע באַמערקונגען זיינע האָב איך געקאָנט דרינגען, אַז ער שעצט הויך דעם דייטש, ווייל יענער שעצט הויך זיין אייגענעם מהות מענטש, ווייל ער האָט אַ שטייפן חוט השדרה און דערצווינגט פון אַלעמען אַ דרך־ארץ צו זיך, ווי צו אַ מענטשן.

אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג און געפיל איז געווען ביי מיין פּאָטער צו די פּוילן. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט אַזוי דער דרך־ארץ פאַר דעם פּוילישן מהות מענטש, ווי אַ צאַרטע פריינטשאַפט. גאַנץ זיכער קאָן איך זאָגן, אַז מיין פּאָטער, — ווען ער וואָלט געטראַכט וועגן דער פּוילישער פראַגע, — וואָלט ער זיך געמעגט צורעכענען צו פּאָלאָנאָפילן. און אַזוי איז דאָס געווען מיט אַלעמען פון אונדזער סביבה, אויף וויפיל זיי האָבן אַרויסגעוויזן זייער שטעלונג צו די פּוילן.

די צייט, וועגן וועלכער איך רעד איצט, איז געווען אָפּגעטיילט פון

דעם לעצטן פוילישן „מיאטעזש" (אויפשטאַנד) אין 1863 מיט אַ יאָר עלף־צוועלף. אויך אין אונדזער ווימעבסקער גובערניע איז ער פאַר־געקומען, הגם אין זייער אַ שוואַכער מאָס. אָבער די דערינערונג וועגן אים איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן פאַרבלאַסט, און ער איז עטלעכע מאָל דערמאָנט געוואָרן אין אונדזערע היימישע געשפּרעכן.

איך געדענק איינעם אַזאַ געשפּרעך. עפּעס אַ פּרעמדער האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער דעם פוילישן אויפשטאַנד אין דעם שטעטל „האַרקי".

איז אַרויסגעפאָרן פון הויף דער יונגער פּריץ מיט נאָך אַ צענדליק יונגע פּריצים, רייטנדיק אויף פייערדיקע פערדלעך· האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צום בריקל, פאַרנומען אים, און תיכף געשיקט אַ דעפּעש קיין וואַרשע: „האַרקי ווזיענטאַ" . . . (האַרקי איז איינגענומען גע־וואָרן).

נו, איז וואָס מיינט איר? — האָט מען געענטפערט דעם חוזק־מאַכער. — האָבן זיי טאַקע געהאַלטן האַרקי אַ היפּשע צייט.

דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר מוראַוויאָוו, וואָס האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד, האָט מען ביי אונדז אַלעמאָל דערמאָנט מיט דער העכ־סטער פאַראַכטונג און האַס. אַז מיין זיידע זלמן פלעגט דאַרפן כאַראַק־טעריזירן די רשעות פון עפּעס איינעם אַ „טשינאָווניק", האָט ער קיין אַנדערע ווערטער ניט געהאַט, ווי: „אַ רשע מרושע! אַ מוראַוויאָוו!"

די העלדישקייט פון די פוילן, זייער פאַראַכטן דעם טויט בעת די עקזעקוציעס, האָט אַרויסגערופן די העכסטע באַוואונדערונג. זייער באַ־נעמען זיך אין דער לעצטער מינוט, בעת מען האָט פאַנאַנדערגעשאָסן אַ סך „פּאָווסטאַנצעס", האָט אַרויסגערופן ניט נאָר באַוואונדערונג, נאָר אויך דעם טיפסטן רחמנות. מער פאַר אַלעמען פלעגט מען דערביי דער־מאָנען דעם יונגן גראַף פּליאַטער, אפשר דערפאַר וואָס צו דעם גראַף פּליאַטער האָט געהערט אונדזער שטעטל „אושאַטשי".

שטייט זיך דער יונגינקער גראַף פאַר די ביקסן, דרייט די וואָנצעלעך און רויכערט זיך אַ פּאַפּיראָס . . .

ביי דער מוטער און ביי מיר זיינען ביי אָט דער שילדערונג די אויגן אָנגעלאָפן מיט טרערן· די עלטערע זיינען אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן גע־וואָרן.

עס וועט ניט זיין קיין ברעקל גוזמא, ווען איך וועל זאָגן, אַז מיר האָבן געפילט פוילנס מאַרטיריום. עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין ברעקל

ספק פאר אונדז, אז רוסלאנד איז באגאנגען בנוגע די פוילן די גרעסטע, די שענדלעכסטע עולה.

9.

פוילן און רוסן

פון וואנען האבן זיך אין אונדזער פאמיליע גענומען קלאר־אויסגע־שפראכענע פרא־פוילישע און אנטי־רוסישע שטימונגען? פארוואס האט זיך דער פעטער מיכל, צום ביישפיל, געקאנט גרויסהאלטן מיט זיין קענען פויליש און ביי יעדער געלעגנהייט אונטערשטרייכן זיין ניט־קענען רוסיש, אט די „חכמות יון", ווי ער האט זי מיט ביטול גערופן?

אויף קלאר ווייס איך דאס ניט. גראד ווענן אט דעם פונקט האב איך ביז דער לעצטער צייט זייער ווייניק געטראכט. איצטער דוכט מיר, אז עס זיינען געווען א סך וואגיקע טעמים פאר אזא שטעלונג אונדזע־רער.

קודם ווייס איך, אז „אונדזער שטעטל" אושאטשי, איז אמאל, נאך פאר דעם ערשטן פאנאנדערטייל פוילנס אין יעקאטערינא דער ערשטערס צייטן, געווען א גרעניץ־שטעטל. האנדל האט זיך אין שטעטל געהויבן. א היפש ביסל יידן האבן זיך מסתמא פארנומען מיט קאנטראבאנדע. על־כל־פנים, יידן האבן געהאט פרנסה בשפע. ווען אושאטשי איז אפ־גערוקט געווארן ווייט פון דעם גרעניץ, האט דער עקאנאמישער מעמד אירער גענומען פאלן. גענוג גרונט צו זיין אין כעס אויף די רוסן און צו סימפאטיזירן מיט די פוילן.

דערנאך: דער באנעמען זיך פון פוילן צו די יידן אין אונדזער געגנט איז אין אלע פרטים געווען א סך א מענטשלעכערער איידער דער באנעמען זיך פון די רוסן. יידן און „שליאכטשיטשן" זיינען געווען א סך מער אויסגעבונדן צווישן זיך, איידער יידן און רוסן (גויים).

פאקטן פון א יידישן בטל־ווערן פאר דעם „פאן", פון „פאנסקע" גזירות אדער זיך לוסטיק מאכן איבער דעם יידן, האב איך פון אונדזער געגנט קיינמאל ניט געהערט. ווענן א „מה־יפית"־זינגען פאר דעם פריץ, האב איך מיך דערוואוסט ערשט פון דער יידישער ליטעראטור, און איך ווייס עד־היום ניט, וואס איז דאס פאר א „מא־יאפים"־ניגון, וואס די יידן פלעגן דארפן זינגען פאר די פוילישע פריצים.

אויך קולטורעל, דוכט מיר, איז צווישן יידן און פוילן געווען א נענטערע שייכות, איידער צווישן יידן און רוסן. האבן דאך א היפש

ביסל פוילישע „קסיאָנדזעם״ („גייסטלעכע״) געקענט „לשון קודש״ און אָפּזאָגן דיר אַ „בערעשיט׳ באַראַ׳ עלאָהים״, שיר ניט די גאַנצע פּרשה אויף אויסנווייניק.

— היינט, — וואָס איז די וואָג פונם פאַקט, וואָס מיר ביידע זיינען אונטער רוסלאַנד געווען פאַרפאָלגטע פעלקער, אונטערדריקטע ?

דערצו קומט ספּעציעל אין אונדזער פאַמיליע דער אומשטאַנד, וואָס אונדזערע געשעפטן זיינען געווען מיט די פּוילישע פּריצים, ביי וועמען מיר פלעגן קויפן די וועלדער אָדער דינגען די „הויפן״ מיט „ברויזן״.

די פּריצים, ביי וועלכע מיין פאָטער האָט „געהאַקט די וועלדער״, פלעגן קומען צו אונדז צו־גאַסט, און אָפט־מאָל ניט מיט ליידיקן, נאָר מיט אַ גאַנצער פור דאָרפישע מתנות. ביים באַגעגענען זיך און זעגענען זיך פלעגט מען זיך אַרומנעמען און זיך דריי מאָל צעקושן. בפרט זיינען מיר געווען שטאַרק אויסגעבונדן מיט דער פאַמיליע פּיאָראָ, דעם אַלטן פּריץ און זיין יונגער, בילד־שיינער פרוי, וואָס האָבן געהאַלטן אַ וואוינונג אויך אין שטאָט, פלעג איך אָפט זען אין אונדזער הויז. צווישן דעם פּאָר־פאָלק פלעגן פאָרקומען סכסוכים, וואָס זיינען אָנפּאַרטרויט געווען מיינע עלטערן, און בעת מיין מוטער פלעגט תמיד האַלטן מיט דער פרוי פּיאָראָ, איז דער פאָטער קאָנסעקווענט געשטאַנען אויף דעם „קלאַסנ־שטאַנדפּונקט״ פון דער מענער־וועלט. אַ מין ירושה־פריינטשאַפט מיט די פּיאָראָס עקזיסטירט נאָך — דוכט מיר — אויך היינט צו טאָג צווישן מיינעם אַ ברודער אין ווילנע און פּיאָראָס זון: צוויי נאָענטע חברים און פריינט נאָך פון דעם גימנאַזיע־בענקל אָן.

ביי דעם אַלטן פּיאָראָ אין הויף האָב איך אַמאָל צוגעבראַכט אַ מעת־לעת. דאָס איז געווען נאָך אין מיינע גימנאַזיע־יאָרן, ווען איך בין שוין בלב ונפש צוגעשטאַנען צו דעם רוסישן סאָציאַליזם. אין פּיאָראָס הויז איז דעם גאַנצן טאָג קיינער ניט געווען· די פאַמיליע איז געווען אין שטאָט, און דער אַלטער איז געווען פאַרנומען אין דרויסן מיט דער באַלעבאַטישקייט. דעם גאַנצן טאָג בין איך געזעסן און געלייענט אין קאַבינעט, זיך געקוויקט מיט דעם תענוג פון דער אבסאָלוטער איינזאַמ־קייט און דער דאָרפישער ווינטערשטילקייט.

שפּעט פאַרנאַכט איז געקומען פּיאָראָ. מיר האָבן אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט און ווידער אַריין אין קאַבינעט. מיר זיינען צוגעגאַנגען צו זיין ביבליאָטעק, פון וועלכער איך האָב געוואָלט אָפּקלייבן אַ פּאָר ביכער אויף נעמען אַהיים. קיין סך רוסישע ביכער זיינען דאָרטן ניט געווען. פון דער נייערער רוסישער ליטעראַטור קיין איין בוך ניט. אַלץ — פּוי־

לישע און פראַנצויזישע. אַ פּאָר בענדער פּושקין, און עפּעס אַ מעדי־צינישער בוך — אַלץ אויסגאַבן פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן.

— האָט איר ווען געלייענט אָגאַריאָווס שירים? — האָט ער מיך געפרעגט, אַרויסנעמענדיק אַ דין איינגעבונדן ביכעלע.

אָגאַריאָווס נאָמען איז מיר שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט. איך האָב שוין געוואוסט, אַז ער האָט אין די זעכציקער יאָרן אין איינעם מיט הערצענען אַרויסגעגעבן אין אויסלאַנד דעם באַרימטן רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל, דעם „קאָלאָקאָל". די שירים אָגאַריאָווס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסלאַנד, אין די דרייסיקער יאָרן, נאָך איידער דער פּאָעט איז געוואָרן אַ פּאָליטישער עמיגראַנט. אָפיציעל פאַרווערט זיינען זיי ניט געווען· אָבער אין די עפנטלעכע ביבליאָטעקן האָט מען זיי ניט געהאַלטן. און אויך פּריוואַט זיינען זיי געווען אַ יקר המציאות. איך האָב זיי פריער ערגעץ ניט געזען.

— אָט וועל איך אייך דורכלייענען איינע אַ פּאָעמע.

מיר האָבן זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אויף אַ דיוואַן, און דער אַל־טער פּיאָראָ האָט גענומען לייענען אַ פּאָעמע, — די קלאָגן פון אַ יונגער פרוי, וואָס מען האָט מיט אינטריגעס אויסגעגעבן פאַר אַ ניט־געליבטן מאַן. שוין פון די ערשטע סטראָפעס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אַן אַלעגאָרישע באַשרייבונג פון דעם צרהדיקן זיווג צווישן רוסלאַנד און פּוילן.

פּיאָראָ האָט געלייענט גוט, מיט הארץ. באַזונדערס האָט געקלונגען הויך זיין שטים, אַ דורכגעדרונגענע מיט אמתן צער און גליענדיקן צאָרן, ווען ער האָט געלייענט דעם צוויי־פּערז, וואָס האָט זיך טיף איינגעשניטן אין מיין זכרון:

„יאַ פּרעדאַנאַ! יאַ פּרעדאַנאַ!
„ראַביניאַ יאַ, אַ ניע זשענאַ!"
(איך בין פאַרראַטן! בין פאַרקויפט!
אַ שקלאַפין בין איך, ניט קיין ווייב!)

— פאַרשטאַנען? — האָט ער מיך געפרעגט נאָך דעם לייענען.

— פאַרשטאַנען . . . — האָב איך שטיל געענטפערט. און עס האָבן זיך דעמאָלט אויסגעוועבט פעדים, וואָס האָבן אונדז ביידן אַרומגענומען מיט אַן אינטימער נאָענטקייט, מיט אַ בשותפותדיקן טרויער.

„פּאָלאָנאָ — פילענטום" האָב איך פון מיין פּאָטער־

איינע פון די גרעסטע פריידן אין מיין לעבן איז געווען אין אונ־

דזער צייט פוילנס באפרייאונג. די פוילישע פּאַגראָמען און דער שאַרפער פוילישער אַנטיסעמיטיזם האָבן אַ היפּש ביסל פאַרסמט יענע פרייד. קיין האַס צום פּוילישן פאָלק האָבן זיי אָבער ניט אַרויסגערופן. דעם אָוונט מיט פּיאָראָן האָב איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און איצטער, ווען איך טראַכט וועגן דעם, אַז פּוילן איז פרייַ און אַז אונדזערע באַציאונגען האַלטן זיך אין פאַרבעסערן, ווערט מיר גוט אויפן האַרצן. *)

אַזוי אַרום האָב איך אין די וויכטיקסטע קינדער־יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך פון דער הויז־אַטמאָספערע (און אונטער דער השפעה פון מיין פאָטער) דאָס, וואָס מען קען אָנרופן אַ האַרץ־אידייע. אַ האַרץ־אידייע איז אַזאַ, וואָס ווערט איינגעבאַקן טיף אין האַרצן. זי מוז ניט תמיד זיין אין געדאַנק, און — ווען זי קומט אין געדאַנק, מוז זי ניט תמיד זיין קלאָר פאָרמולירט. אָבער זיי, גראָד אָט די טיף־איינגעבאַקענע האַרץ־אידייען, שטייען הינטער די קלאָרע געדאַנקען, קאָנטראָלירן זיי און טרייבן זיי אין געוויסע וועגן.

אָט אַזאַ האַרץ־אידייע איז פאַר מיר שוין אין דער יינגל־צייט גע־וואָרן דער געדאַנק, אַז פעלקער זיינען פאַרשיידן אין זייער מהות, און אַז די ניט־יידישע פעלקער האָבן אויך גאָר היפּשע מענטשלעכע מעלות, וואָס פאַרדינען אונדזער באַוואונדערונג און הויך־שעצונג: די דייטשן — פאַר זייער אָפּהיטן דעם אייגענעם אינעווייניקסטן מענטשלעכן ווערט. די פּוילן, — פאַר דער העלדישקייט און — אין יענער צייט — ווייב־לעכער צאַרטקייט, פאַר זייערע לײַדן און פאַר דער לײַדנשאַפטלעכער ליבע צו אַן אידעאַל: צו זייער פאָלק, לאַנד און שפּראַך.

דאָס אַלץ פאָרמוליר איך איצטער. דעמאָלט איז דאָס געווען „האַרץ־אידייען", — אומקלאָרע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס אין גע־וויסע ריכטונגען.

אָבער די שטעלונג צו דייטשן און פּוילן איז פאַר אונדזער ענין ניט אַזוי וויכטיק, ווי די שטעלונג צו צוויי אַנדערע פעלקער: די יידן און די רוסן. גראָד אין זייער אָפּשאַץ זיינען ביי מיר פאָרגעקומען גאַנץ געוואַלטיקע ענדערונגען: שמערצלעכע און „דראַמאַטישע" (איך האָב שיר ניט געזאָגט „טראַגישע") בנוגע יידן; רעוואָלוציאָנערע און אין תוך פריידיקע בנוגע „גוים", ד. ה. רוסן.

פון דער היים־ספערע האָב איך אַרויסגעטראָגן אַ יידישן פּאַטרי־אָטיזם און אַ גאַנץ־שטאַרקן „אַנטי־רוסיזם".

---

*) געשריבן אין 1929. זש.

יידן? אַ־האַ־האַ! אַ שפּאַס אַ ביסל — דער יידישער גמרא־קאָפּ! דאָס יידישע האַרץ! משה מאַנטיפיאָרע! משה מענדעלסאָן! ביקאָנס־פילד!

רוסן? אונדזער גאַנצע סביבה איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ האַס צו די רוסישע פּריצים און טשינאָווניקעס, וואָס שינדן פון אונדז די הויט, גיבן אָפּ אונדזערע קינדער אין סאָלדאַטן, רודפן אויף יעדן שריט און טריט און באַגייען זיך מיט אונדז, ווי מיט הינט. און אויף דעם המון־עם, דעם רוסישן, האָט מען געקוקט, ווי אויף חיות און בהמות.

דאַרף איך דאָ דערמאָנען די רעטעניש, וואָס מען פרעגט ביי אַ חדר־אינגל? וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש, וואָס עסט ניט, און טרינקט ניט, און קרענקט ניט, און שטאַרבט ניט, און האָט ניט קיין פאָטער און ניט קיין מוטער? דאָס איז אַ גוי: ער עסט ניט — ער פרעסט. ער טרינקט ניט —ער „זויפט". ער קרענקט ניט — ער „כאָליעט". ער שטאַרבט ניט — ער „פגר'ט". ער האָט ניט קיין פאָטער, נאָר אַ „פּאָ־קערלע", ניט קיין מוטער, נאָר אַ „מוקערלע".

מען האָט אייגנטלעך געדאַרפט גוט אויסשטודירן דעם יידישן און רוסישן פאָלק־לאָר און פאַרגלייכן דעם פּרצוף־פּנים, וואָס דער „זשיד" האָט ביי זיי און דער „גוי" — ביי אונדז, און זען, ווער ווער וועמען איז וואָס שולדיק . . .

אָבער דירעקט רוסאָפאָביש איז געווען אין יענער צייט מיין פאָטער. בנוגע די „גוים" (רוסן) האָט ער קיין אַנדערע געפילן ניט געהאַט, ווי נאָר גליענדיקן האַס צו די מאַכט־האָבער און חוזק און ביטול פאַר דעם גאַנצן פאָלק.

קיין אַנדער נאָמען פאַר דעם רוס איז ניט געווען, ווי נאָר „פאָניע": „פאָניע גנב", „פאָניע רצחן", „פאָניע שיכור", און (איך בעט איבער אייער כבוד!) „פאָניע לויז", — מיט אַזעלכע צונעמענישן פלעגט מיין פאָטער כאַראַקטעריזירן דעם רוס, ווען עס פלעגט קומען צורייד וועגן אים.

דערציילט ער אונדז וועגן זיין לעבן צווישן די דייטשן אין מעמעל, פאַרגעסט ער ניט איבערצוגעבן, וואָס מען האָט אים דערציילט, ווי אַ פאָלק קאָזאַקן, וואָס איז געווען צו־גאַסט אין מעמעל (ביי וואָס פאַר אַ געלעגנהייט ווייס איך ניט) — האָט זיך באַנומען מיט זיינע גאַסט־געבער.

מען האָט די קאָזאַקן פאַנאַנדערגעפירט צו די רייכערע לייט און זיי דאָרטן מכבד געווען מיט אַ וואַרמעס: זופּ מיט פלייש. נאָך דעם עסן פלעגט יעדער קאָזאַק אַריינשטופּן דעם זילבערנעם לעפל צו זיך אין

כאַליאווע. און אויף דעם פּראָטעסט פון די באַלעבאַטים: „הער קאָ־זאַק, וואָס מאַכען זי דען?" פלעגט דער גאַסט אַ וואָרף טאָן אַ גרימ־צאָרנדיקן בליק אויף זיי, אַזש די דמים פלעגט איינפאַלן: טשטאַ טי קאַלע־דראַלע?" און פלעגט אַוועקגיין מיט דעם לעפל. קיינער האָט זיי גיט געטשעפעט, און די רעגירונג האָט דערנאָך יעדן איינעם באַצאָלט זיין היזק.

און נאָך אַ סך אַנדערע עפּיזאָדן פון דעמזעלביקן מין.

אַרבעטנדיק איצטער אויף מיינע זכרונות, האָב איך פּלוצים דער־פילט אַ דראַנג אָפּצושילדערן אַ מאָמענט אין אונדזער הויז, מיט די גע־שפּרעכן ביים עס־טיש. די דערינערונגען פון יענעם אָוונט און פון ענ־לעכע אָוונטן האָבן אַזוי בולט גענומען ברענען אין מיין זכרון, זיי האָבן מיט אַזאַ אימפּעט געשטויסן זיך צום פּראָנט און ממש געפּאָדערט, איך זאָל זיי באַשרייבן, אַז איך בין געצוואונגען געווען אַוועקצולייגן אָן אַ זייט אַלע דרינגענדיקע אַרבעטן און נעמען זיך פאַר זיי. איך האָב אַליין זיך אַליין געפרעגט: וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי צו דער אויפגאַבע, וואָס איך האָב מיר אַוועקגעשטעלט מיט מיינע „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט"?

ערשט ווען זיי זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך קאָן מיך פאַרלאָזן אויף דעם שכל פון מיין אומבאַוואוסטזיניקן דענקען. זיי האָבן אַ שייכות צו אַ סך און אַ סך מאָמענטן פון מיין לעבן און מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. און אין אַ היפּשער מאָס גראָד צו דער „יידן־גוים"־פּראַגע, וואָס איז אין אַ געוויסער צייט געשטאַנען אין דעם ברען־פּונקט פון מיין אינטערעס.

אָנגעשריבן האָב איך עס אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג: „אַן אָוונט אין אַ יידיש הויז". עס זיינען אין דער דערציילונג אַריינ־גענומען געוואָרן אייניקע אַנדערע שטריכן פון אַנדערע אָוונטן, וואָס זיי־נען צונויפגעגאָסן געוואָרן מיט דעם הויפּט־אָוונט, אַזוי צו זאָגן, צוליב „קינסטלערישער" גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט.

איך פאַרזיכער אָבער, אַז אַלע איינצלנע שטריכן זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר דירעקט פון לעבן איבערגענומענע, די דערציילונג מעג דעריבער מיט דעם כשרסטן רעכט טראָגן אויף זיך דעם נאָמען „זכרונות."

איך ברענג זי אין די נעקסטע קאַפּיטלען.

.10

אַן אָוונט אין אַ יידיש הויז

ערשטער קאַפּיטל

דאָס איז געווען אַרום דערזעלביקער צייט, ווען מען האָט צום פֿאָטער געבראַכט דעם פּאָלאַנגער עילוי. איך בין אַלט געווען אַ יאָר אַכט־ניין.

פּונקט ניין אַזייגער אין אַ ווינטער־אָוונט, האָט מיין „רבי", ירוחם שמואל, דער גמרא־מלמד, צוגעמאַכט זיין גמרא און אַ זאָג געטאָן צו די תּלמידים, — זעקס אונדזערע זיינען דאָס געווען : — דאַוונט מעריב!

דער רוף האָט געווירקט, ווי אַן עלעקטרישער שלאָג . . .

די לעצטע שעה, פֿון אַכט ביז ניין, האָט זיך געצויגן, ווי אַן אייביקייט. אַ פֿאַרגליווערטער יאוש, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פֿון דעם פֿאַרגליווערטן ליכט־פּלאַם, האָט אַרומגענומען אַלעמען, האָט געדריקט פֿון אַלע זייטן און עס איז געווען שווער צו זיצן גלייך און צו האַלטן אָפֿן די אויגן : ווער רעדט שוין פֿון מיט־חשק איינהערן זיך אין דעם רבי'נס „קנעלן" מיט איינעם פֿון די תּלמידים·

דער „דאַוונט מעריב! " האָט פֿאַרטריבן דעם איינשלעפֿערנדיקן כּישוף. אַלע האָבן זיך מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן און געשטעלט זיך דאַווענען. אָפּגעפּרעפּלט און „אויסגעגאַנגען" די שמונה־עשרה, האָט מען זיך אַ נעם געטאָן פֿאַר די אויבער־מלבושים און די לאַמטערנעס, און ניט זאָגנדיק קיין „גוטע נאַכט! " צו דעם רבין, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין תּפֿילה ביי דער מזרח־וואַנט, איז מען אַרויס אויף דער פֿרישער לופֿט

קיין לאַמטערנעס האָט מען דעם אָוונט ניט באַדאַרפֿט אָנצינדן : ס'איז געווען אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט. חברה האָט זיך גלייך אַ לאָז געטאָן אין אַ געלאַף, ווער וועט פֿריער דערלויפֿן צום „גליטש", — אוודאי אַ פּאָר קלאַפּטער די לענג, וואָס ביים ברעג פֿון שאָסיי. ביסלעכווייז איז די חברה געוואָרן אַלץ ווינציקער. דאָס דער, דאָס יענער איז אַריין אין אַ שטוב, אָדער האָט זיך פֿאַרקערט אין אַ זייטיקער גאַס. צום סוף בין איך געבליבן איינער אַליין. איך האָב געהאַט נאָך אַ שטיק וועגס צו גיין מיטן שאָסיי, און דערנאָך ערשט פֿאַרקערן זיך אין אַ זייטיק געסל.

ווי נאָר איך האָב געמאַכט די ערשטע פּאָר שריט אַליין איבער דעם שטילן וועג, אַזוי האָב איך גענומען שפּירן, ווי מיך באַפֿאַלט אַן

אימה. אָבער, ממש זי פּאַלט אויף מיר אָן. זי נעמט פריער אַרום מיין קאָפּ און וויקלט איין אין זיך דעם גאַנצן גוף. ניט פאַר דער שטילער נאַס האָב איך מורא געהאַט און אויך ניט פאַר דעם זייטיקן געסל. זיי פלעג איך דורכגיין אָן א ציטער אין א פינצטערער נאַכט, אפילו דע־מאָלט, ווען עס פלעגט זיך טרעפן, די ליכט אין דער בלעכערנער לאַמטער־נע זאָל זיך האָבן אויסגעלאָשן. געציטערט האָב איך נאָר פאַר איין פּלאַץ: פאַר דעם אייגענעם הויף, וועלכן איך וועל דאַרפן דורכגיין, פאַזע דעם איינגעשלאָפענעם הויז, פון דער „פערטל" ביז צו דעם באַלויכטענעם גרויסן און ברייטן פענצטער פון דעם עס־צימער. און ניט אַזוי פאַר אַט דעם שטיקל שטח גופא, — וואָס איז, אגב, היינט געווען באַלויכטן מיט לבנה־שטראַלן — האָב איך אַזוי מורא געהאַט, ווי פאַר זיך אַליין: טאָ־מער הויב איך אויף די אויגן און טו א קוק אויף דעם פּלאַנקען וואָס לעבן גרויסן שפּייכלער, און דערזע ווידער . . . אך, וואָס איך האָב דאַרטן אמאָל דערזען!

געווען איז דאָס פריער מיט א פּאָר יאָר. אין א שבת נאָכמיטאָג זיינען אין הויז געווען געסט. צו־פאַרנאַכט־צו האָט דער פאָטער פאַר־געשלאָגן גיין א קוק־טאָן דעם נאָר־וואָס אויסגעבויטן נייעם גרויסן שפּייכ־לער. איך בין געבליבן אין שטוב. דער עולם האָט זיך פאַרזאַמט. בין איך אויך אַוועק אין שפּייכלער. אָבער דאָרט איז קיינער ניט געווען. טונקל און שטיל איז געווען אין אים. איך בין אַרויף אויף די טרעפּ, וואָס פירן צום בוידעם. אָבער, נאָך ניט דערגאַנגען ביז דער אויבער־שטער טרעפּ, נאָר וואָס אַריין מיט דעם קאָפּ אין דעם ליכטיקן חלל פון א מיר צו א קליינעם באַלקאָן, האָב איך, אויף דעם פּלאַנקען, וואָס צאַמט אָפּ אונדזער הויף, דערזען . . . (לאָזט מיך איבערכאַפּן דעם אָטעם!) דערזען א גוואַלטיק גרויסן פרויען־קאָפּ, מיט פאַנאַנדערגע־לאָזענע לאַנגע שוואַרצע האָר און מיט א ליכט אין דער האַנט. דאָס פּנים האָט געקוקט אויף אונדזער הויף . . .

א באַשטירצטער פון שרעק, האָב איך תיכף צוריקגעצויגן מיין קאָפּ אין דעם טונקל פון דעם טרעפּן־גאַנג, בין שטיל אויף די שפּיץ־פינגער אַראָפּ און איינגעבויגענערהייט אַריין ווידער אין שטוב.

וואו זיינען די עלטערן מיט די געסט אהינגעקומען? איך האָב חושד געווען, אַז זייער פאַרשווינדן שטייט אין ענגער שייכות צו דער איבערנאַטירלעכער פרויען־געשטאַלט.

מיט דער אָנשטרענגונג פון אַלע מיינע כוחות בין איך ווידער אַרויס אויפן הויף, דורכגעלאָפן ביז צום פערטל, אַרויס אויפן גאַס, און

האָב דערזען, אַז אונדזער עולם גייט צוריק אַהיים אין אַ פּריילעכן גע־פלוידער. איך בין צוגעלאָפן צו זיי און תיכף איז פון מיר פאַרשוואונדן די גאַנצע אימה. ווען איך בין מיט זיי ווידער אַריין אין הויף און האָב שנעל אַ בליק געטאָן אויפן פּלאַנקען, איז שוין דאָרטן קיין זאַך ניט געווען. אָבער ביי דעם נעקסטן מאָל, ווען איך בין אין אַ פאַרנאַכט געווען אַליין אויפן הויף און האָב פלוצים אַ בליק געטאָן „אַהין", האָב איך ווידער דערבליקט יענע פרויען־געשטאַלט. דאָסמאָל האָב איך געזען דעם גאַנצן פּנים. אַ וואונדערבאַר־שיין גרויס געזיכט, מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע שוואַר־צע האָר, מיט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן טיף־טרויעריק געקוקט ערגעץ אין דער ווייט . ·

פון דעמאָלט אָן פלעג איך אויסמיידן צו קוקן אַהין. עס פלעגט אָבער ציען, ווי מיט מאַגנעט. און אַלעמאָל, ווען איך פלעג ניט אויס־האַלטן און אַ וואָרף טאָן אַ בליק „אַהין", פלעג איך דערזען עפּעס: מער קיינמאָל ניט די געשטאַלט פון יענער פרוי, נאָר — דאָ אַ קאָפּ פון אַ פערד (אין פּראָפיל), דאָ אַן אַנדער פאַרזעעניש, אין אומקלאָרע קאָנטורן.

דערציילן וועמען וועגן דעם האָב איך מיך אַ לאַנגע צייט געשעמט. נאָר איינמאָל, עפּעס ווי אומגערן, האָב איך דאָס דערציילט דער מוטער. מיין מוטער, אָבערגלויבעריש איר גאַנצן לעבן לאַנג, איז געוואָרן בלייך, נאָר אונדזער שיירעס, סאָסיע, זייער אַ קלוגע פרוי, זייער אַ שיינע, (אַביסל ענלעך צו „יענער" פרוי), האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דאָס האָט מסתמא שרהקע פּעסיעס געזוכט איר הון און האָט געקוקט, צי זי איז ניט אַריבערגעפלויגן צו אונדז אין הויף.

מיין מוטער האָט זיך באַרואיקט. אָבער ניט איך. וואָס פאַר אַ שרהקע פּעסיעס? איך האָב קיינמאָל אַזאַ נאָמען ניט געהערט. און ווי האָט זי געקאָנט האַלטן אַן אָנגעצונדן ליכט פאַר הבדלה?

מיין מוטער האָט געלאָזט העכער מאַכן דעם פּלאַנקען מיט פיר־פינף ברעטער. סיי־ווי־סיי וואָלט מען דאָס באַדאַרפט טאָן. אָבער מיר האָט דאָס ניט געהאָלפן. תמיד פלעג איך צווישן די שפּאַלטן פון די ברעטער זען די קאָנטורן פון „עפּעס" וואָס קוקט ניט אויף מיר, נאָר ערגעץ וואו אין דער ווייט. ערשט, ווען איך בין אוועקגעפאָרן פון דער היים אויף אַ פּאָר וואָכן, צו־גאַסט צו דער באָבען אין אושאַטי, און בין געקומען צוריק, האָב איך שוין „דאָרטן" קיין זאַך ניט געזען, און עס איז געווען קלאָר פאַר מיר, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען אַן אָפּדרוקטעניש.

איצטער, ווען איך טראַכט וועגן דעם, אין דעם ליכט פון דעם מאָ־

דערנעם „פרווידיאַניזם", דאַכט זיך מיר קרוב לאמת, אַז איך בין קינדווייז געווען אומבאַוואוסטזיניקערהייט פאַרליבט טאַקע אין דער שיירעס „סאַ־סיע". וואָס האָט אויך אָפּט געהאַט זייער אַ פּאַרצערטן פּנים: אַז צום ערשטן מאָל איז טאַקע „דאָרטן" געשטאַנען אַ „שרה'קע פּעסיעס", וואָס האָט געזוכט אַ הון, און אַז אָט־די צוויי עלעמענטן האָבן דאָס אַרויסגע־בראַכט פריער אַן אילוזיע און דערנאָך אפשר האַליוציניאַציעס.

אויפגעהערט האָבן זיי אין דעם זומער, וואָס נאָך דעם ווינטער, ווען וועלכן איך רעד דאָ. און אין יענעם אָוונט האָב איך געציטערט דורכצוגיין דעם אייגענעם הויף ביז צו דעם באַלויכטענעם פענצטער, גראָד ווייל עס איז געווען אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט, און די ברעטער פון דעם פּלאַנקען האָבן געמוזט זיין באַשטראַלט, און הינטער זייערע שפּאַלטן האָט שוין „עפּעס" געוואַרט, איך זאָל אַ קוק טאָן.

מיט אַ שטאַרק־קלאַפּנדיקן האַרצן בין איך דורכגעלאָפן דעם הויף, מיט האַסט געעפנט די טיר, אַריין אין פיר־הויז, און האָב מיך תיכף דער־פילט אַ באַפרייטער און אין זיכערקייט.

די וואַרימקייט און די אויפגעראַמטע שטימען פון דעם עס־צימער האָבן שוין מיר אויסגעמאָלט דאָס בילד, וואָס וואַרט אויף מיר: האַרט לעבן דער וואַנט, וואָס אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג, שטייט אַ צעראַטענער דיוואַן און, האַרט צוגערוקט צו אים מיט זיין לאַנגער זייט, שטייט דער נעגרייטער עס־טיש. מען האָט אָפּגעגעסן „וועטשערע", אָבער מען זיצט נאָך ביים טיש. אויף דעם דיוואַן פון לינקס צו רעכטס („פון דעם צושוי־ער") זיצן: אויף אַ קישעלע מיין קליין ברודערל („מוטע") אַ דאַרינקער, אַ קרענקלעכער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין געזיכט, מיט בלויע, פאַרשמאַכטע ליפּעלעך, מיט זיינע גרויסע, וואונדערלעך־שיינע אויגן. לעם אים — מיין פאָטער, אַ יונגערמאַן, מיט אַ קיילעכדיק שוואַרץ בערדל; לעמן פאָטער — מיין יונגע מוטער.

ביי דעם שמאָלן זייט פון עס־טיש, ניט ווייט פון דער מוטער, זיצט אַן אורח, דאָסמאָל אַ וואַלד־סוחר פון אַ קליין שטעטל, וואָס פאַרבלייבט ביי אונדז אין הויז אַ פּאָר טעג. ביי דעם אַנדערן זייט שטייט אַ שטול לעבן דעם גרויסן פענצטער. דאָס איז מיין אָרט. די צווייטע לאַנגע זייט פון דעם עס־טיש איז אינגאַנצן פריי. אַ פּאָר שריט פון מיין שטול, אין אַ ווינקל, לעם דער אַריינגאַנגס־טיר, זיצט אונדזער נייער „דוואָרניק" (אַן אויפפּאַסער איבערן הויף), ניעשטער" אַ עלטערער שייגעץ, אָדער אינגע־רער גוי, ערשט ניט לאַנג פון דאָרף. ער זיצט אין אַ שוואַרצער „סערמיאַגע", אַרומגעגאַרגטלט מיט פיל־פאַרביקן „קושאַק". אַ שעלמישער יונג, מיט

א שיטער בערדל און בלויע, וואסערדיקע אויגן און א טשופּרינע לאַנגע האָר. לעם ניעשטשערן, אין דער אָפענער האלב־טיר פון דעם אריינגאַנג, שטייט, אָנגעלענט באלכסון אָן דער „פּריטאָלקע", זעליק דער זעגער, אונדזער סאָסיעם מאַן, א שיינער איד מיט א „דר. הערצל"־באָרד, אין וועלכער עס געפינען זיך נאָך ברעקלעך „זעג־מעל". ער איז שוין אויך אַן „אָפּגע־געסענער", שטייט אין א וואַטאָווען קאפּטל און באַטייליקט זיך אין דעם געשפּרעך.

ווי איך בין נאָר אריין אין פּירהויז, און צוגעקלאַפּט די טיר, הער איך די פריידיקע שטים פון מיין מוטער:

— אַט קומט חיימקע!

זעליק מאַכט מיר פריי דעם וועג. איך גיי אריין אין עס־צימער, טו א שמיץ מיין פוטערל אויפן „טאַפּטשאַן", וואָס לעם אויוון, און, א הונגעריקער ווי א וואָלף, לויף איך מיט ברענענדיקע בליקן צום טיש, זען, צי איז ניטאָ אויף אים עפּעס א נייער, אינטערעסאַנטער מאכל.

כך הוה! ס'איז דאָ! אויף א טעלער ליגן עפּעס אַזעלכע קליינע שווארצע פלוימען, צונויפגעשרומפּענע און גלאַנציקע.

— חיימקע — מאַכט צו מיר דער פאָטער —וועסט פארזוכן אייל־בערטן?

דערהערט די „חומשדיקע" איילבערטן, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל אין מיין לעבן נאָך ניט געזען, קוק איך אויף מיין פאָטער מיט א שעלמיש־אומטרויאישן בליק. איך ווייס, אז ער האָט אַמאָל ליב צו טרייבן א קאַ־טאָוועס. אָבער מיין פאָטער מאַכט אַן ערנסט פּנים, וואָס דאַרף מיר פאַר־זיכערן, אז איך האָב דאָ צו טאָן מיט א „ראַיעלער" זאַך, און רעדט ארויס פּעסט און איינלאַדנדיק:

— אמתע זיתים!

דאָס גלויב איך אים. אָבער די רעכטע זייט פון זיין אויבערשטער ליפּ איז אַביסעלע איראָניש ארויסגערוקט. הייסט עס, גאָר גלאַט איז דער ענין ניט. פונדעסטוועגן צי איך אויס, אומאַנטשלאָסן, מיין האַנט צו נעמען אַן איילבערט. אָבער מיין קליין ברודערל וואָרנט מיך:

— חיים — מאַכט ער מיט זיין זיסן קולכעלע — חיים, עס ניט: ס'איז געזאַלצן און ס'אי'שטינקט.

מיין פאָטער האָט זיך פאנאנדערגעלאַכט. א כאַפּ געטאָן מיין ברו־דערל צו זיך אויף די הענט, און האָט גענומען באַדעקן זיין פּנים מיט קושן. איך בין געשטאַנען אַביסל א מבולבלער.

אָבער דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט א קליינער טראַגי־קאָמישער עפּיזאָד.

ניעשטשער איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען פון זיין זיץ, און, האַלטנדיק די הענט ביי דעם בויך, האָט ער, אַ בלאַסער ווי אַ טוך, מיט ווילדע אויגן געקוקט אויף מיין פּאַטער און האָט אַרויסגערעדט מיט אַ טראַגישער שטים, אין וועלכער עס האָבן געציטערט טרערן:

— באַרין, אַ ווי ניע אַטראַווילי מניע? (פּריץ, איר האָט מיך ניט פאַרסמט?)

— דורען, טי! — האָט אויף אים אָנגעשריען דער פּאַטער — נאַ, הליאַדי! (שוטה איינער! נאַ, זע!)

ער האָט אוועקגעזעצט מוטען אויף זיין קישעלע, האָט מיט דער לינקער האַנט פאַרקאַשערט די אַרבל פון דעם רעכטן אָרעם, ווי אַ קונצנ־מאַכער, וואָס וויל אַלע זאָלן זען, אַז ער מאַכט דאָ ניט קיין פוילע שטיק; האָט מיט צוויי פינגער גענומען אַן איילבערט, צוגעטראָגן אים פּאַמעלעך און ערנסט צום מויל, פאַנאַנדערגעקייט און מיט די זעלביקע צוויי פינגער, פונקט אַזוי צערעמאָניעל אַרויסגענומען דאָס ביינדל פון מויל און אַראָפּ־געלאָזט עס אויפן טישטוך. מיט דער זעלביקער סאָלעמניטעט האָט ער אויפגעגעסן נאָך אַן איילבערט און אַוועקגעלייגט דאָס ביידנל לעם דעם ערשטן.

ניעשטשער, וואָס האָט אַן אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון דעם פּאַראַדנעם צערעמאָניאַל, מיט וועלכן מיין פּאַטער האָט אויפגעגעסן צוויי איילבערטן, האָט זיך באַרואיקט.

—אַלי או מעניע שטאָט טוט... („אָבער ביי מיר איז עפּעס דאָרטן") האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ שוואַכן קול, און האָט גענומען דרייען מיט איין האַנט אַרום זיין בויך.

— וויפּעי האַרעלקי, טאַ פּראָידאָט! („נעם אַ טרונק בראָנפן, וועט עס איבערגיין") — גיט אים אַן עצה מיין פּאַטער. — גיס אים אָן אַ גלעזל! — בעט ער די מוטער.

ביי דעם וואָרט „האַרעלקי" האָט זיך ניעשטשערס פּנים פאַנאַנדער־געשטראַלט מיט אַלע שטראַלן פון גליק. ניעשטשער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך שנעל איבערגעצלמט, אויסגעטרונקען זיין גלעזל, באַקומען אַ שטיקל שוואַרץ־ברויט מיט זאַלץ צום פאַרבייסן (אינדערוואָכן האָבן מיר אַלע געגעסן שוואַרץ־ברויט אָדער „האַלב־סיטנע") און האָט זיך, אַ צופרידענער, צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און גענומען קייען.

פון די „זיתים" האָב איך מיך אָפּגעזאָגט. איך האָב זיך שנעל גע־וואַשן און זיך שנעל אַ נעם־געטאָן פאַר דעם אָוונט־ברויט.

— גוטע בליאַנכע! — האָט ניעשטשער שטיל, ווי פאַר זיך, ווי גלאַט אין דער וועלט אריין, דערקלערט זיין קאָמפּלימענט דער ביסל, אמת גוטער משקה. דאָס איז פון זיין זייט געווען ווי א מין איינלאַדונג, מען זאָל מיט אים אָנהויבן — ווי זאָל איך דאָס אָנרופן? זאָגן מיר: אָנהויבן שפּילן זיך מיט אים אין רעדן יידיש".

ווי א הינטל, וואָס לייגט זיך פּלוצים אַוועק אויפן רוקן, ציט צונויף זיינע פיסלעך, און וואַרט, דער באַלעבאָס זאָל אים אָנהויבן קיצלען, און רייצן זיך, און ער זאָל זיך כלומרשט כעסן. אַזוי האָט אויך ניעשטשער אונטערגערוקט זיין נשמה דעם באַלעבאָס און דעם הויז־געזינט, זיי זאָלן זיך שפּילן מיט איר.

— „גוטע בליאַנכע!" — האָט אים איבערגעקרימט דער פּאָטער, — פאַרוואָס זאָלסטו, ניעשטשער, זיך ניט אויסלערנען רעדן ווי א מענטש? וויפיל מאָל האָט מען דיך געלערנט. זאָג, ווי דער סדר איז! „גו־טע בראָנ־פען!" (דער פּאָטער האָט גערעדט נישקשהדיק „רוס".)

— גו־טע בריאָנ־כען! — זאָגט נאָך ניעשטשער.

— ניט „כען", פען! פען!

— גו־טע בליאַנ־פען! — קוועטשט ניעשטשער דעם לעצטן טראַף, נאָר דאָס טויג ווידער ניט.

— ניט „בליאַן"! בראָן! בראָן! בראָנפן!

— בריאַנכן! — פאַלט ניעשטשער אריין אין זיין פריערדיקן טעות, צו אונדזער אַלעמענס לוסטיקייט.

אָבער דאָ שפּרינג איך אריין אינם שפּיל:

— א קאָזי — מאַך איך אין מיין דעמאָלטדיקן רוס — א קאָזי! „פיר פאָר פורן פאָרן — פירן — פיר פאָר פאָרצעלייענע — פאַרפּורקעם — בארג־ארויף — בארג־אראָפּ"! —

דאָס שים איך אוים מיטאמאָל א צינגל־קונץ, וואָס איך האָב מיך ניט לאַנג אויסגעלערנט אין חדר.

ניעשטשער האָט אַזש די הענט אויפגעהויבן פון פאַרפּלעפונג.

פררררר... — האָט ער געסך־הכלט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק — ניע פּאָניטש, ניע מאָהו! (ניין יונגער פריץ, איך קאָן ניט!)

— דאָס איז טאַקע צו שווער פאַר אים — האָט זיך, כלומרשט

ערנסט, אַנגענומען פאַר ניעשטשערן דער פאָטער. — א סקאַזשי, — א — האָט ער גענומען ציען, צוטראַכטנדיק עפּעס גרינגערע וואָרט־קלאַנגען — א סקאַזשי! „געפּרעגלטע כרעמזלעך״!

ניעשטשער האָט א וואָרף געטאָן זיין טשופּרינע אויפן קאָפּ, האָט געזוכט מיט די אויגן אַן עצה ביי דער סטעליע און האָט געמאַכט זיין ערשטן, ניט זיכערן, אָנבאָט אין אַזא פאָרם:

— טערעמעטיע — מעטיע — כריעמזים!

נאָר דערהערנדיק דעם דונער פון אונדזער אַלעמענס געלעכטער, האָט ער זיך פאַרכאַפּט, מיט א קאָפּ־באַוועגונג צוריקגעצויגן דעם אָנבאָט, און ארויסגעזאָגט זיין קאָרעגירטן, אבסאָלוט לעצטן און זיכערן נוסח:

— טערעמעטיע — טיעמיע — פריענזיט!

און אַזוי איז אונדזער לוסטיקייט געוואַקסן מיט יעדן נייעם פּרואוו אויסצולערנען ניעשטשערן „רעדן ווי א מענטש״ ביז די מוטער פלעגט א קער טאָן דעם געשפּרעך אויף א מער באַלעבאַטישן ענין: צי האָט זיך שוין דאָס פערד „אויסגעשטאַנען״ אָדער מען וועט דאַרפן רופן א „קאָ־נאָוואַל״? (א פערד־דאָקטאָר).

— מען דאַרף ניט קיין קאָנאָוואַל! — פאַרזיכערט ניעשטשער מיט דעם טאָן פון א מומחה, — דאָס פערד וועט זיך נאָך אין א טאָג צוויי אויפשטיין, עס טרעפט אמאָל פערד ווערן אומרואיק, ווערן באַגאָסן ביי־נאַכט מיט שוויים, ווי אָנגעזייפט! דאָס קומט דערפון, וואָס דער „דאָ־מאָוואָי״ רייט אויף זיי אַרום. דערצו איז די בעסטע סגולה — א „באַראַן״ (א שעפּסן באָק) דער באַראַן זעט „אים״ און לאָזט אים ניט צו צו די פערד.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך פלעג זומער זען ווי א קוטשער פלעגט פירן א פּאָר שיינע „יוראָנע״ פערד „באָדן זיך״ און ווי נאָך זיי פלעגט גדלותדיק נאָכגיין א ציכטיקער שעפּסן באָק. איך האָב שוין געוואָלט בעטן דעם פאָטער! „קויף אויך א באַראַן! ״ אָבער נישטשער איז ווי פאַר־לאָפן דעם וועג.

מיר דאַרפן ניט קיין באַראַן, אין אונדזער שטאַל איז „ער״ ניטאָ. און פאַר דעם „דאָמאָוואָי״ האָט ער, ניעשטשער, גלאַט קיין מורא ניט, מען דאַרף נאָר וויסן ווי, קאָן מען מיט אים זייער וואויל אויסקומען.

האָט ער, ניעשטשער, ווען עס איז געזען א „דאָמאָוואָי״? אהא! א שאלה אביסל! עטלעכע מאָל. פּונקט ווי א מענטש זעט ער אויס, נאָר מיט האָר א באַוואַקסענער ביז צו העלפט. ווען ניט זייער וועלן רייטן

אויף פערד — שטיפעריש זיינען זיי! — קאָן מען מיט זיי זייער וואויל אויסקומען. אַט — די „רוסאַלקעס" (וואסער־נימפן) אָט דאָס זיינען „פאַר־שיווע" באַשעפענישן! דערטאַפּן זיי אַ מאַנסביל, פאַרקיצלען זיי אים ביז צום טויט.

האָט ער וועגן עס איז געזען אַ רוסאַלקע?

יאָ, איינמאָל. און יענע נאַכט וועט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. גע־לעגן איז ער אין דרעש־שייער. און אַ לבנה־נאַכט, נאָך האַלבער נאַכט, ער זעט: פון אַ ווינקל גייט אויף אים אַ רוסאַלקע אַ נאַקעטע, מיט לאַנגע האָר און מיט אירע צוויי ידים, לאַנגע ביז צו די פיס...

— באַדאַרפט תיכף אַ שטעך־טאָן מיט אַ נאָדל אָדער אַ „שפּילקע" אין אַ יד, פאַרשווינדט זי אויפן שטעל — שטעלט אַריין גאַנץ ערנסט זיין באַמערקונג זעליק דער זעגער.

אָבער ניעשטשער טוט אַ וואָרף אויף אים פון דער זייט אַ בליק, פול מיט ביטול.

— יאָ, מיט אַ נאָדל אָדער אַ „שפּילקע" קומסטו צו נאָענט צו איר, אַזוי איז זי שוין מיט אירע הענט אונטער דיינע אָרעמס און פאַרקיצלט דיך צום טויט. מיט אַ נאָדל"! ניין. די בעסטע סגולה איז — מיט דרעש פלעקענער! האָב איך טאַקע געכאַפּט אַ דרעש־פלאָקן, און זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, איך האָב איר דערלאַנגט אַ שמיץ מיט דעם דרעש־פלעקל, און הער, אַזש די ביינער קנאַקן ביי איר. און זי... זי לאַכט זיך פאַנאַנדער! אַז „ניע פּאָפּאַוו!" (טאַקע ניט געטראָפן!) איך — ווידער אַ זעץ, און זי—ווידער! אַז „ניע פּאָפּאַוו", אַזוי האָב איך זיך אָפּגעפּלאָגט מיט איר ביז צו ליכטיק, אָקאָרשט באַגינען איז זי פאַרשוואונדן... אַ פאַר־שיווע צויג...

ניעשטשערס פאַרביקע דערציילונג, זיין אמתע אויפרעגונג, זיין אמתער כעס אויף דער „פאַרשיווער צויג", האָבן געמאַכט אויף מיר דעם גרעסטן רושם, אַ „געגנזענע הויט" האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו לויפן איבער מיין רוקן. אויך מיין מוטערס פנים איז געווען אָנגעשטרענגט, אירע אויגן זיינען געוואָרן קלענער און דער בליק — אַ שפּיציקער, עפּעס ווי פליגלען פון די „ניט־גוטע" האָבן אומגעהערט אַ פאָך געטאָן אין דער לופט.

מיין פאָטער האָט באַלד דערשפּירט די באַשאַפענע שטימונג און האָט אונדז שטילערהייט מודיע געווען:

— געוועזן מסתמא שיכור ווי לוט, אויב ער פּלוידערט ניט.

— גיכער, שיכור — שטעלט אריין זיין וואָרט דער מעקלער — ביי אונדז האָט אַ גוי אויך געשוואָרן זיך און געצלמט זיך, אַז ער איז געפאָרן דורכן וואלד, די גאַנצע נאַכט האָט זיך מיט אים גערייצט דער „ליעשניאַק״: (ליעשיא: דער וואלד־גייסט) זיין ווייב אליין האָט אים אויפגעוואָרפן: „איך בין דאָך מיט דיר אינאיינעם געפאָרן, האָסט די גאַנצע צייט געכראָפּעט, אַ שיכורער! דער גוי איז אָבער געבליבן ביי זיינס! דער „ליעשניאַק״ האָט זיך מיט אים די גאַנצע צייט גערייצט.

איז דער געשפּרעך ארויף אויף „אָפּדוכטעניש״. דער פאָטער איז געשטאַנען שטאָל און אייזן, אַז די אַלע מעשות, וואָס איינער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, — אַ ייד, צי אַ גוי, — זיינען גאָרנישט ווערט, עס איז ניט משער צו זיין, וואָס איינער קאָן אין שרעק זיך אָפּדאַכטן! מיט אים אליין האָט אין אושאַטי געטראָפן אַזאַ מעשה: שפּעט אין דער נאַכט איז ער ארויס אויפן גאַניק אין הויף און האָט דערזען, ווי אונטערן „פּאַוויעט״ שטייט אַ מת, אין תכריכים, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי אַ כהן ביים דוכנען און בוקט זיך צו אים. די דמים זיינען אים איינגעפאַלן! ער האָט זיך אָבער געזאָגט: מען דאַרף צוגיין אַ קוק טאָן וואָס דאָס איז! ער גייט און דער מת אנטקעגן אים האַלט אין איין בוקן זיך. ערשט ווען ער איז נעענטער צוגעגאַנגען, האָט ער דערזען, אַז דאָס איז געוועזן דעם שווערס (זאָל געזונט זיין!) העמד. זי האָט זיך געטריקנט, איז איינגע־פּרוירן געוואָרן און דער ווינט האָט זי געוויגט.

— און ביי אונדז אין שטעטל — איז דער מעקלער אריינגעפאַלן אין די רייד מיט אַ „תניא דמסיע לוי״ פאַרן פאָטער — איז ארויס אַ קלאַנג, אַז אין אַ חורבה, לעבן מאַרק טאַנצן ביי דער נאַכט די ניט־גוטע. איז אונדזער רופא, אַן עלטערער פרומער ייד, ניט פויל און לאָזט זיך נאָך האַלבער נאַכט גיין אַהין. „איך גיי צו נאָענט״, דערציילט ער אויף מאָרגן, „אמת מען טאַנצט״. בין איך אריין, ערשט עס איז שטיל געוואָרן. טאַפּ איך אַזוי אין דער פינצטער ארום די ווענט, און טאַפּ טאַקע אָן. עס ליגט אויף דער ערד עפּעס אַ האָריקע זאַך. באַטאַפּ איך דאָס, אַהאַ, אַ באָרד! דאַרפן שוין מסתמא זיין אויך הערנער. און כך הוה, ס׳איז אונדזער שטאָטישער באָס״...

מיט פאַרשפּיצטע אויערן הער איך זיך איין אין דעם געשפּרעך, טראַכטנדיק וועגן מיין פּלאַנקען, אַן אָפּדוכטעניש? זאָל איך אפשר אויך

צוגיין, ווי דער טאטע, א קוק טאָן ?... א שוידער האָט מיך דורכגענומען ביי אָט דעם געדאנק...

זעליס דער זעגער האָט אָבער באמערקט, אז מען קאָן ניט אַלץ אויפקלערן, ניט אַלץ איז אָפּגעדרוכט. ער דערמאָנט אָן דער באקאנטער מעשה, וואָס איך האָב שוין פריער אמאָל געהערט. א מעשה מיט א יידן, וואָס האָט זיך אמאָל פארלערנט ביידערנאכט אין דער שול, און האָט ארויסגערעדט: „אך, ווען איך וואָלט איצטער געהאט א גוטן שמעק טאבאק!" ערשט פון דער וויבערשער שול האָט זיך צו אים אויסגע־שטרעקט א לאנגע צונג מיט א פושקע טאבאק אויף דער שפיץ.

— און מיט נאפּאָלעאָנען, — איז מוסיף מיין פאָטער, כלומרשט ווי א באווייז פאר זעליקס באמערקונג, — מיט נאפּאָלעאָנען האָט געטראָפן אזא זאך: ווען ער איז געקומען קיין פוילן, האָט מען אים באזעצט אין א לידיקן שלאָס. זיצט ער שפּעט ביידערנאכט און שרייבט, ערשט פון א זייטיקער וואנט האָט זיך אויסגעצויגן א לאנגע צונג און לייגט זיך אוועק אויף זיין פאפּיר. שארט ער זי אָפּ מיט דער האנט. לייגט זי זיך ווידער ארויף אויפן פאפּיר, כאפּט ער ארויס זיין שפּאגע און האקט זי אָפּ. ערשט — זי איז געווען פון רויטן סאמעט מיט א „ספרונדזשינע".

— הייסט עס, אז קיין לצים זיינען גאָר ניטאָ ? — פרעגט זעליס.

— שוטים גלויבן אין זיי — שניידט אָפּ מיין פאָטער.

— און וואָס איז, — פרעגט איך, — מיט שברירי ברירי ? (אין דער גמרא — האָב איך געלערנט, אז ווען מען טרעפט אָן א שד, זאָל מען זאָגן דעם שפּרוך: „שברירי, ברירי רירי רי").

דעם פאָטער האָט זיך זייער ניט געוואָלט ווייטער ציען דעם געשפּרעך אויף דער זעלביקער טעמע.

— דאָס איז געווען — האָט ער אומעטיק געזאָגט — אין יענע צייטן און אין יענע לענדער, און מען דארף דאָס גאנץ אנדערש פארשטיין. די גוּיאישע „ניט־גוטע" (דאָס וואָרט „שדים" האָט מען פונדעסטוועגן ניט גענוצט ביינאכט) אָט־די אַלע רוסאלקעס מיט די „דאמאָוויקעס" זיינען גאנץ זיכער נארישע זאבאָבאָנעס און ניט מער.

פון אָט־די רייד, דעם פאָטערס, איז מיר ווידער קאַלט געוואָרן, קיין גויאישע זיינען, אפשר, ניטאָ, אָבער „מיינע" הינטערן פלאנקען, זיינען דאָך ניט קיין גויאישע... דער טאטנס רייד, וועלכע איך האָב אַלעמאָל גע־גלויבט, ווי אין תורת־משה, האָבן אין דעם פּרט אויף מיר ניט געווירקט. דער גלויבן אין שדים, רוחות און רבנישע נסים, איינגעפלאנצט אין מיר פון אָן אבערגלויבערישער קעכין, וואָס מיר האָבן פריער געהאט, און

שפּעטער פונם חדר, איז געזעסן אין מיר פעסט און זיכער.

די נערוועזיש־אָנגעשטרענגטע שטימונג, וואָס האָט געהערשט בעת אָט־דעם געשפּרעך, האָט איבערגעריסן ניעשטשער, ווען עס איז פּלוצלונג געוואָרן שטיל אויף א רגע, האָט ער ווידערגעוואָלט דערמאָנען אָן זיין עקזיסטענץ און האָט אָנגעהויבן מיט א פאַלשער שטים:

— אַלי או מעניע טשאָט־טאָ טוט...

מיין פאָטער האָט זיך באמת דערפרייט, דערהערנדיק ניעשטשערס קול.

— וואָס? — האָט ער אים פריינטלעך געפרעגט — ווידער דער בויך? נעם נאָך אביסל, וועט אריבער.

— וועסט שיכור ווערן — האָט געוואָרנט ניעשטשערן מיין מוטער, אָנגיסנדיק אים נאָך א גלעזל, ניעשטשער האָט געקוקט אָן א זייט און האָט געשמייכלט.

—וועסט טאַקע אָנשיכורן ניעשטשערן מיט א פּאָר גלעזלעך, אָדער א פיר גראַפינטשיקלעך! — האָט באַמערקט מיין פאָטער, סיידן א פערטל יונקער, ווען ער טרינקט אויס, וואָלט אים אפשר אָנגעהויבן אביסל דרייען דער קאָפּ, וואָס, ניעשטשער וואָלסט אויסגעטרונקען אזוי א קליין פעסעלע בראָנפן?

ניעשטשער האָט שעמעוודיק געדרייט מיט די אקסלען און האָט קינדיש געשמייכלט.

נו טרינק אויס נאָך א גלעזל. דעם אמת געזאָגט, איז ניעשטשער טאַקע געווען א בריה אויף דעם ענין, וויפל ער האָט געקאָנט אויס־טרינקען, ווייס איך ניט. אָבער ביים אָנשטעלן איהם, האָט מען אונדז בפירוש געזאָגט, אז אַלע זונטיק דאַרף מען אים אָפּלאָזן אויף א פּאָר שעה, אז ער טרינקט זיך דעמאָלט אָן, אָבער צו זיין דינסט טאָן האָט דאָס ניט. און גאָלד קאָן מען לאָזן ליגן פאַר אים, וועט ער דאָס ניט אָנרירן, און געטריי איז דאָס, ווי א הונט. דעם ערשטן זונטיק איז ער טאַקע אוועק אויף א פּאָר שעה. פאַרנאַכט צו איז ער געקומען שטאַרק שיכור, איז שטיל אריין אין פיר הויז, האָט ארויס געוואונקען צו זיך סאָסיען, געגומען ביי איר ברויט מיט רויע זויער קרויט און איז אוועקגעהונקען צו זיך אין שטאַל, ביים פערדי אזייגער אכט איז ער, ווי תמיד, א ניכטערער, א שטילינקער, אריין אין עס צימער, זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט צווישן וואַנט און דער אריינגאַנג טיר, און האָט, ווי תמיד, גענעסן דאָרטן סטאַטיקלעך זיין וועטשערע פון אונדזער טיש.

דריטער קאַפּיטל

ניעשטשערס נייער „אויפטריט אויף דער סצענע" האָט אַ קער געטאָן דעם שמועס אין אַנדערע וועגן.

קודם האָט מען דעם אורח דערציילט, פאַרוואָס מיר האָבן אָפּגעשאַפט בערלען, אונדזער פריערדיקן יידישן „דוואָרניק", און אָנגעשטעלט ניעשטשערן. געווען איז דאָס טאַקע ניט לאַנג צוריק. אין אַ מיטן נאַכט האָט בערל אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר, מען זאָל אים אריינלאָזן. קוים אריינגעלאָפן אין שטוב, האָט ער פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך. ער איז געשטאַנען אַ בלייכער, ווי אַ מת; אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט איהם געקלאַפּט, און ער האָט קוים אַרויסגערעדט: „גזלנים!"...

בעת ער איז געלעגן אויפן הויף אין אַ שליטן, אונטערן „פּאָוויעט", האָט ער דערהערט עפּעס אַ שטילן געקלאַנג און האָט דערזען, ווי פון דעם פּלאַנקען לאָזן זיך אַראָפּ צו אונדז אויפן הויף צוויי „גזלנים", באַהאַנגען פון אויבן ביז אונטן מיט זעג און מיט העק און מיט מעסערס. אַ נס, וואָס ער האָט זיך אריינגעכאַפּט אין שטוב, נאָך איידער זיי האָבן אים באַמערקט. זיי וואָלטן אים געווים גע„פּטר'ט.

אַזוי האָבן זיי זאַלבעדריט, — בערל, זעליג און סאָסיע, — זיך געטאַיעט אין פירהויז און זיך געשושקעט, און האָבן נאָר פאַר איין זאַך מורא געהאַט: קיינער פון אונדז זאָל זיך ניט אויפכאַפּן. ערשט, ווען עס איז געוואָרן טויט־שטיל דרויסן, זענען זיי אַרויס. דער טויער פון הויף איז געשטאַנען אָן אָפּענער. אַראָפּגעפירט האָט מען דאָס פערד און די נייע בריטשקע, וואָס דער פאָטער האָט אין אָנהויב האַרבסט אויסגעשריבן פון ריגע. ערשט ביים באַגינען האָט מען אויפגעוועקט די מוטער. (דער פאָטער איז דעמאָלט ניט געווען אין דערהיים).

די פּאַסירונג מיט אַלע אירע פּרטים האָט איצטער דערציילט זעליג דער זעגער.

דעם אינדערפרי, וואָס נאָך יענער נאַכט, געדענק איך גאַנץ גוט. ווען איך בין אויפגעשטאַנען, האָט אין שטוב געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט. קיינער איז ניט געווען אין דערהיים, אַחוץ סאָסיען. זי האָט מיר דערציילט, בקיצור, אַז מען האָט אונדז באַ'גנב'עט און אַז די מאַמע איז אוועק מיט זעליג'ן אין דער פּאָליציי. זעליג איז צוליב דעם ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט.

איך בין אַרויס אין הויף. דער טויער איז נאָך געווען ברייט פּאַנאַנ־

דערגעעפנט. אָפּען איז אויך געשטאַנען די לײדיקע שטאַל. אין רעכטן מיטן פון דעם פּאַרשנײטן הויף איז געלעגן, שוין אויך פאַרשנײטע, די פּינפּטע ראָד, — די צוגאָב־ראָד, — פון דער נײער ברימשקע׳

װײבאַלד זעליג איז צוליב דעם ניט נעגאַנגען צו דער אַרבעט, האָב איך באַשלאָסן, איך זאָל צוליב דעם ניט גײן אין חדר.

באַלד איז געקומען די מאַמע מיט זעליג׳ן, מיט אַ „טשאַסטנעם״ און אַ פּאָר „פּאָניאַטאָיע״ (פּאָליציײליט). מען האָט נאָך אַמאָל אַרומגע קוקט דעם הויף, געטרונקען בראָנפן און געמאַכט אַ „פּראָטאָקאָל״.

װען די פּאָליצײ איז אַװעק, האָט זיך זעליג געװענדט צו דער מו־טער :

— איך זאָג אײך, כאַסיע, דאָס װעט גאָרנישט ניט העלפן. איך װעל זיך בעסער דורכגײן צו נעכען אין שענקל ; אפשר טרעף איך דאָרטן אײנעם פון דער חברה.

אין אַ װײלע אַרום איז ער טאַקע געקומען צוריק מיט אַ הויכן אידן, מיט אַ גראָלעך־רויטער באָרד און גרויסע װאָנצעס. ער איז געװען אָנגע־טאָן אין אַ גראָער סערמיאַגע און פאַרגאַרטלט, װי אַ גוי ; די הויזן — אַרײנגעטאָן אין לאַנגע כאָליעװעס. אויך גערעדט האָט ער מיט אַ גויאישן אַקצענט. דאָס איז געװען אַ ניקאָליאַיעװסקער סאָלדאַט, װאָס האָט זיך אומגעקערט קײן װיטעבסק פון „טיף ראַסײ״.

דעם גאַסט האָט מען אויפגענומען בכבוד גדול. אַװעקגעזעצט בײם טיש, מכבד געװען מיט בראָנפן און אײנגעמאַכץ, געװענדט זיך צו אים מיט „רעב הערשל״.

„רעב הערשל״ האָט זיך ניט געלאָזט בעטן מיט דעם כיבוד; זיך געלאָזט דערצײלען די גאַנצע מעשה מיט אַלע פּרטים: האָט, אויסהערנדיק, אַלע װײלע געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און לינקס, אָדער געקלאַפּט מיט די הענט איבער די קני, און האָט לסוף אַרויסגערעדט:

— אַז פון די איצטיקע יונגען איז גאָר ניט צו דערהאַלטן! ניטאָ קײן ברעקל גאָט אין הארצן! באַהאַנגען מיט זעג און מיט מעסערס! סטײטש! סטײטש! בײ רעב יוספין אַראָפּפירן אַ פערד פון הויף!

— װעט איר זיך שוין מטריח זײן, רעב הערשל..׳

„רעב הערשל״ האָט געקנײטשט מיט די אַקסלען און האָט פאַנאַנדער־געפירט די הענט: ס׳הײסט: „װער װײסט, צי עס קאָן זיך װאָס אײנגעבן״. אָבער אַז ער איז אויפגעשטאַנען, אַרײנגעלײגט אין קעשענע אַ דרײערל „אויף הוצאות״ און איז אַרויס, האָט זעליג באַמערקט :

— וואָס אַרט איך, כאַסיע! האָט ער נאָר צוגענומען דעם דרייעל, וועט שוין פון אים זיין אַ סך מער טאָלק, איידער פון דער פּאָליציע.

מיין באַשלוס, צו מאַכן „צוליב דעם" אַ „יומא דפגרא" אויף אַ גאַנצן טאָג, האָב איך ניט געקאָנט דורכפירן. נאָך וואָרמעס האָב איך מיך גע־מוזט ווידער שלעפּן אין מיין תפיסה אַריין. אָבער אַז איך בין געקומען פון חדר, איז שוין פערד און וואָגן געווען אין דערהיים, אויסגעקויפטע ביי דער „חברה".

בערלען, דעם יידישן דוואָרניק, האָט מען נאָך אינדערפרי אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל. מען האָט שטאַרק חושד געווען, אַז ער איז געווען ניט גאָר ריין אין דעם גאַנצן עסק. און אויף מאָרגן האָבן מיר שוין געהאַט ניעשטשערן.

פון דער מעשה מיט דער גנבה און פון ניעשטשערס אָנשטעלן וואָלט מען גאַנץ דירעקט געקאָנט אַריבערגיין צו דעם ענין „גוי סכלל", וואָס האָט אויך געהערט צו די באַליבטע טעמעס פון אונדזערע טיש־געשפּרעכן. אָבער אין יענעם אָוונט איז מען אַרויף אויף איר דורך אַ פּאָר מיטל־רינגען. ווי די לעצטע רינג אין זיי האָט דאָס מאָל געדינט די דערקלערונג, ווי אַזוי אין מאָסקווע קאָן מען קריגן פרישע אוגערקעס אין רעכטן מיטן שבט.

לויט ווי דער מעקלער האָט געהערט, פּאַקט מען זיי איין אין פעסלעך ווי נאָר מען נעמט זיי אַראָפּ פון גאָרטן; דערנאָך פאַרפּעכט מען די פעסלעך און מען לאָזט זיי אַראָפּ אין טייך, אויפן סאַמע גרונט. איז, אַז מען נעמט זיי אַרויס פון טייך אפילו אינמיטן ווינטער, זענען זיי אַזוי פריש און גרין, ווי נאָר וואָס פון גאָרטן.

מיין פּאָטער האָט ניט געוואָלט אָננעמען אַזאַ דערקלערונג. וואָס הייסט? מען וועט אַראָפּלאָזן פעסלעך מיט אוגערקעס אין טייך אַריין און — „פּאָניע" וועט זיי ניט צו'גנב'ענען?! אַזאַ זאַך לייגט זיך ניט אויפן שכל...

אָט דאָ ערשט איז מען מיט התמדה אַרויף אויף דעם ענין „גוי בכלל", און עס האָבן זיך גענומען שיטן אַלערליי מעשה'לעך און דעם פּאָטערס וויציקע ווערטלעך, — אַלץ אויף גוים חשבון. די שטוב האָט געהילכט פון אונדזער געלעכטער.

איך האָב מיך פון מיין פּאָטער דערוואוסט, אַז אויף דער גרויסער וועלט־אויסשטעלונג אין פּאַריז איז געקומען אַן ענגלענדער און האָט געבראַכט אַ דינע נאָדל; אָבער אָט די דינע נאָדל פלעגט זיך פאַנאַנדער־שרויפן, און אינעווייניק איז געלעגן נאָך אַ נאָדל. איז געקומען דער פראַנ־

צויז און האָט באַוויזן, אַז ער קאָן אַריבערשטייגן דעם ענגלענדער. ער האָט געבראַכט נאָך אַ דינערע נאָדל, וואָס האָט אויך געהאַט אינווייניק אַ צווייטע נאָדל, און אַז מען האָט יענע פאַנאַנדערגעשרויפט, איז אין איר געלעגן אַ דריטע. איז געקומען דער רוס און האָט באַוויזן, אַז ער קאָן אַריבערשטייגן ביידע: אי דעם ענגלענדער, אי דעם פראַנצויז. ער האָט ביידע אויסגעשטעלטע נאָדלען „צוגעלאַטכנט".

אָט דער וויציקער שלום איז פאַר מיר געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז איך האָב מיך לוסטיק פאַנאַנדערגעלאַכט, ביז טרערן אין די אויגן, און מיט מיר — דער גאַנצער עולם.

אָבער אין די מעשה'לעך איז בולט אַרויסגעקומען ניט אַזוי פּאַניע, דער גנב, ווי פּאַניע דער חמור'שער קאָפּ.

אָט ציען זיך אין אַ לאַנגער שורה שליטנס מיט פלאַקס; עס גייען גוים ביי דער זייט און עס ווינזלט דער שניי אונטער זייערע פיס, אין אַ ברענענדיקן פראָסט. קוים אַרויפגעפאָרן אויף דעם ברייטן הויף פון דעם „קאַנטאָר", וואָס קויפט ביי זיי דעם פלאַקס, וואַרפן די גוים זייערע שליטנס אויף גאָטס באַראָט, טוען זיך אַ לאָז אין דער גרויסער וואַרע־מער קיך, וואו עס וואַרטן אויף זיי גרויסע שיסלען מיט זויער־קרויט און אַ פעסל מיט „אַליי" („אויל"). איינגעפאַרעטע, זיצן זיי און רייבן דעם גוי'אישן מאכל. און אַז דער משולח פון קאַנטאָר רופט זיי, גייען צוקוקן ווי מען וועגט זייער סחורה, ווילן זיי דערפון ניט הערן. זאָל מען וועגן אָן זיי. און דער עלטסטער, מאַכט מיט אַ גנבישן שמייכעלע: „טי מיניע או ליאָן, אַ יאַ טשיביע או קאַפּוסטו" (דו — מיר — אין דעם ליין, און איך — דיר — אין די קרויט).

אָדער: קומט אַ גוי אויפן מאַרק מיט אייער. קויפט זיי אָפּ ביי אים אַ יידל. אָבער וואו אויסציילן זיי? ראָט אים דאָס יידל, צונויפלייגן די אָרעמס אויף דער ברוסט און ער וועט אויף זיי אויסציילן די אייער. אויסגעציילט, קנעפּלט ער אים פאַנאַנדער די הויזן, זיי פאַלן אַראָפּ.·. דאָס שפּאַסיקע יידל אַנטלויפט. שטייט ער אַזוי, דער גוי, אין מיטן מאַרק, מיט די אַראָפּגעפאַלענע הויזן און מיט די אייער אויף די אָרעמס . . .

מיר לאַכט זיך עפּעס ניט.

אָדער: קויפט אַ ייד ביי אַ גוי אַ וואָגן שפּריי (מעקענע) און הייסט עס אַראָפּוואַרפן אין דער מקוה. שטייט אויף דעם וואַסער אַ בערגל שפּריי און פאַרדעקט עס אינגאַנצן.

— טאָפּטשע איין! — קאָמאַנדעוועט ער דעם גוי. און דער גוי

טוט אַ שפּרונג מיט זיין גאַנצער האַסט אויף דעם באַרג מעקענע און — פלויך ! אין מקוה אריין.

איך קוקט אויף ניעשטשערן און שטעל מיר פאָר, אז מען מאַכט דאָס מיט איס אַט די אכזר׳ישע שפּאַסן.

דער געשפּרעך שפּרינגט אָבער ווייטער, ווי אַקאַסקאַד פון שטיין אויף שטיין, פון מעשה אויף מעשה, אין דעמזעלביקן טאָן ,אין דער זעלביקער לוסטיקער אַטמאָספּערע.

דערציילט זעליג:

בעת מען האָט גדאַרפט צושלאָגן צום צלם יאַשקע פּאַנדרען, האָט אַ ייד אָנגעגרייט פיר טשוועקעס, צוויי פאַר די הענט, צוויי פאַר די פיס. האָט זיך דער ייד אָפּגעקערט אויף אַ ווײַלע, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גוי און האָט צוגע׳גנב׳עט אַ טשוואָק, האָט דער ייד פאַרדרייט דעם געטשקע אַ פוס אויף אַ פוס און צוגעשלאָגן זיי מיט איין טשוואָק. דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס מען זאָגט: „מוזשיק וואָר, אַ זשיד קרוטיעל״ (דער פויער — דער גוי — איז אַ גנב און דער ייד איז אַ דרייער).

אין דער גאַנצער צייט פון די שמועסן וועגן דעם גוי האָט מען פון ניעשטשערן אַ פּיפּס ניט געהערט. אַ פּאָר מאָל האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויף אים. ער איז געזעסן אויך אָן „איינגעפּאַרעטער״ און האָט ווי עס ווייזט אויס גדרעמלט. ביים סוף פון געשפּרעך איז ער ווידער געוואָרן מונטערער: אפשר איז דער „מוזשיק וואָר״ דערגאַנגען צו זיינע אויערן. ער האָט זיך גענומען שטיל ארומרירן אויף זיין אָרט און אויסנוצענדיק אַ קליינע פּאוזע האָט ער, מיט אַ שוואַכער שטים, ווידער אָנגעהויבן זיין פּזמון:

— אָלי מניע שטאָ־טאָ טוט...

— גענוג! גענוג! — האָט אים איבערגעריסן די מוטער. — צייט שלאָפן גיין!

ניעשטשער האָט זיך, אַ טרויעריקער, אויפגעהויבן.

— אָבער זע — וואָרנט אים די מוטער — גיב גוט אַכטונג, עס זאָל חלילה, וואָס ניט פּאַסירן.

— בראָן באָזשע! (גאָט באַהיט!) — האָט ניעשטשער ערנסט ארויס־גערעדט און זיך פרום איבערגע׳צלמ׳ט.

— גיב אים שוין נאָך אַ גלעזל! — האָט דער אויפגערוימטער פּאָ־טער פאָרגעשלאָגן, און טאַקע אליין אים אָנגעגאָסן.

ניעשטשער האָט אויסגעטרונקען און אויף דער מוטערס פראגע, צי רער טויער איז גוט צוגעשלאָסן, האָט ער פאַרזיכערט, אז אַלץ איז

אין אָרדנונג, און פּאַרענדיגענדיק נאָכאַמאָל מיט אַ פּרומען „בראָן באָזשע״, איז ער ארויסגעהונקען פון שטוב.

דער אָוונט האָט זיך געענדיקט. זעליג איז אוועק אין קיך; די מוטער האָט אָנגעהויבן צונויפראַמען עפּעס אויפן טיש. דער מעקלער האָט גע־נומען צונויפשטעלן שטולן לעבן דעם שמאָלן טאַפּטשאַן פאַר זיין נאַכט־לעגער. די מוטער האָט זיך אויפגעהויבן, און נאָך איר דער פאָטער.

וואַרטנדיק ביז זי וועט ארויסגיין פון צווישן דיוואַן און טיש, איז ער געשטאַנען הינטער איר מיט אַ רויטלעכן, זיך גוט אָנגעלאַכטן פּנים. דער געלעכטער איז נאָך געלעגן, אַ מידער, ארום זיינע ליפּן.

— שלאָכיען, שלאָכיען — האָט ער געזאָגט, ווי ניעשטשער וואָלט דאָ ארויסגערעדט. — אַ־אַי, ניעשטשער, ניעשטשער! — האָט ער זיך אין געדאַנקען געווענדט צו אים תרעומותדיק.

— אַ געראָטענע אומה! — האָט דער מעקלער אויסגעטייטשט דעם טאַטנס געדאַנק, און ווי ארויסגעבראַכט דעם מוסר השכל פון דעם אָוונט.

קיינעם פון אונדז האָט זיך דעמאָלט אפילו ניט געקאָנט חלומ׳ן, אַז אין צען יאָר ארום וועל איך, „ר׳ יוספ׳ס בכור״, טראַכטנדיק וועגן ניעשטשערן, קוקן אויף אים, ווי אויף אַ סימבאָל פון דעם גאַנצן רוסישן פאָלק; אַז זענענדיק אין געדאַנק, ווי ער זיצט אזוי אין ווינקל לעבן אריינ־גאַנגס־טיר און האַלט זיין טעלער אויף די קני און עסט אזוי סטאַטיקלעך פון דעם פאָטערס טיש, וועל איך פילן, אַז מיר אַלע האָבן געלעבט (און זיך לוסטיק געמאַכט) אויף זיין, ניעשטשערס, חשבון, און באַטראַכט זיך טורעם־הויך איבער אים, בעת איִם קומט נאָך ארוים פון אונדז אַ סך און אַ סך, און אַז דער דאָזיקער חוב אונדזער אַלעמענס ליגט קודם כל אויף מיר...

נאָר — וועגן יענע „פאָלקסטימלערישע״ געדאַנקען — שפּעטער, ווען עס וועט קומען דערצו. דערוויילע נאָר די קליינע באַמערקונג, אַז אין די שפּעטערע יאָרן האָט זיך מיין פאָטערס שטעלונג צו דעם רוסישן פאָלק היפּש איבערגעביטן צום גוטן. אויך ער האָט זיך אויסגעלערנט פאַנאַנדערצעשיידן צווישן פאַרשיידענע רוסן, און מיט אַ פּאָר פון מיינע אינטימע רעוואָלוציאָנערע פריינט — מיט לאָכאָוון און דוכאָוויטשן (ווען דער לעצטער האָט זיך אומגעקערט פון זיין פאַרשיקונג אין סיביר) — איז מיין פאָטער אויך זייער שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן (איך בין שוין דעמאָלט געווען אין אויסלאַנד).

11

אין אַ ליבעראַלער גימנאַזיע

דער דירעקטער פון דער וויטעבסקער גימנאַזיע ,איז אין מיין צייט, געווען אַ רוסישער דייטש, שעפּלער. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן; אַ הויכער, באַליבטער בלאָנדין, מיט אַ גדלות׳דיקן הילוך, יעדער שפּאַן — אַן אימפּאָנירנדיקער גדול.

געזאָגט האָט מען ; אַז ער איז, אויב נית קיין אויסגעשפּראָכענער „ליבעראַל״, איז ער פּאָרט אַ פּראָגרעסיווער און גערעכטשאַפענער מענטש. אויף דעם חשבון פון זיין השפּעה פלעגט מען צורעכענען קודם דעם פאַקט, וואָס אין דער גימנאַזיע איז נית געווען צו מערקן אפילו קיין שפּור פון אַנטיסעמיטיזם, הגם די מאַיאָריטעט פון די לערער זענען געווען נאַטאָרישע אַנטיסעמיטן און קאָנסערוואַטיווע מענטשן בכלל.

יאָ, אונטער שעפּלערס דירעקטאָרשאַפט האָבן מיר געהאַט אפילו אַ לערער, אַ יידן. מיר פלעגן אָפּט זען, ווי אין דעם גרויסן „אַקטאָוון״ זאַל פלעגט אַ היפּשע שערענגע גימנאַזיאַלע יונגוואַרג אַרומלויפן, מיט די אויסגעבויגענע הענט אויף די היפטן, אויספירנדיק אַלערליי געשלענגלטע ליניעס ,אונטער דער „פאָרלויפערשאַפט״ פון אַ בילד־שיינעם יונגנמאַן, אין אַ בלויען פראַק, ווי ביי אַלע לערער. דאָס איז געווען דער לערער פון גימנאַסטיק, אין דערזעלביקער צייט — דער הויפּט־לערער פון דער „קאַזיאָננאָיע יעווריעיסקאָיע אוטשילישטשע״ („רעגירונגס־שולע פאַר יידן״)· זאָל זיין „גימנאַסטיק״! פּאָרט אַ לימוד, און דער לערער איז אַ ייד.

צו דער ווירקונג פון דעמזעלביקן פּראָגרעסיוון דירעקטאָר האָט מען צוגעשריבן אויך דאָס, וואָס הויז־זוכונגען ביי גימנאַזיסטן, „געכאַפּטע אין דער מעשה״, פלעגן דורכגעפירט ווערן נית פון דער זשאַנדאַרמעריע, נאָר פון דער גימנאַזיאַלער אינספּעקציע. אויך דער רעזשים אינווייניק אין גימנאַזיע איז געווען זייער אַ לייכטער. פון הארבע דיסציפּלינאַר־שטראָפן האָט מען ביי אונדז נית געהערט. אַ „קאַרצער״ איז זיכער געווען, אָבער די גימנאַזיסטן האָבן אפילו נית געוואוסט, וואו ער געפינט זיך. זיין עקזיסטענץ פלעגט נאָר פאַרוואָרענט ווערן אין דעם בייזן אויס־רוף פון אַ משגיח אויף אַ זיך צופיל פאַנאַנדער געשטיפטן תלמיד: „אין קאַרצער זיך פאַרוועלט?״

מער קיין סימני־ליבעראַליזם זענען, דוכט זיך, נית געוון. דאָס איבעריקע פון דעם לייכטן רעזשים האָט געשטאַמט פון אָפּגעלאָזנקייט, פון שלאָף־ראָק־באַלעבאַטישקייט אין אַלץ.

די לערער האָבן, מיט ווייניקע אויסנאַמען, זיך שוואַך געקימערט וועגן זייערע פליכטן. פעדאַגאָגן זיינען דאָס געווען ס'רוב צרהדיקע; מיטלמעסי־קייטן אָדער ריינע גאָרנישטן. די תלמידים האָבן זיך בדרך כלל שלעכט גע־לערנט, און זייער אָפט געגלאַנצט מיט זייער ניט־קומען טעג־ווייז און וואָכן־ווייז, אויף די פאַרשיידנסטע אויסרעדן. ניט איין שטונדע ביי אַ לערער פלעגט אַוועקגיין כמעט אין הוילע פלאַפלעריי.

אַזוי געדענק איך אַזאַ שטונדע ביי דעם לערער פון פראַנצויז קאַרל (דוכט מיר, איוואַנאָוויטש) ליעי: אַ הויכער, דאַרער בלאָנעט, מיט אַ פאַרשוואומענעם בליק אין די אויגן. אריינגעקומען, היפש פאַרשפּעטיקט, איז ער, — מיט אַ ביסל אַן אָראַפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַן איראָניש אַרויס־געשטעלטער אונטערשטער ליפּ, — צוגעגאַנגען צו זיין שטול, זיך אַוועק־געזעצט און פאַרטראַכט. אויפגעכאַפּט זיך, האָט ער שוין געוואָלט אָנ־הייבן קנעלן, אָבער דאָ האָט זיך אַ גימנאַזיסט, פון אונדזערע „פראַנטן", געווענדט צו אים מיט אַ פראַגע:

„קאַרל איוואַנאָוויטש! איר זענט נעכטן שפּעט געבליבן ביי דעם מאַסקן־באַל?"

און ס'איז אַוועק אַ סדרה פריילעכע פלאַפלעריי כמעט אויף דער גאַנצער שעה, ביזן „גלאָק".

נאָר צוויי לערער זיינען געווען אַן אויסנאַם אין דעם פּרט:ביידע — גוטע פעדאַגאָגן, וואָס האָבן בלב ונפש געטאָן זייער אַרבעט: אַנטאָניענקאָ, דער לערער פון לאַטיין און גריכיש, און פּאָקראָווסקי, דער לערער פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור („סלאָוועסנאָסט"), ווי אויך פון אַלט־סלאַוויש. און ביידע זיינען געווען געשעצט כמעט פון אַלע גימנאַזיסטן. ביידע זיינען געווען באַגאַבט מיט אַן אמת עסטעטישן חוש, פאַרליבט אין די שיינקייטן פון זייערע ענינים, און באַשטרעבט איבערצוגעבן זיי די תלמידים.

אומפאַרגעסלעך זיינען פאַר מיר אייניקע שטונדן פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, — די שפּראַך און ליטעראַטור פון ניעסטשערס „געראַטענער אומה", אויף וועלכער מען האָט מיט אַזאַ ביטול געקוקט אין אונדזער אַלט־אידישער סביבה.

אויף פּאָקראָווסקיס אַ „שעה", — דער עיקר, ווען ער פלעגט דער־קלערן דעם אָדער יענעם „שטיקל" פּושקין, אָדער גאָגאָל, אָדער טורגע־ניעוו, — פלעגן אַלע זיצן, ווי צוגעשמידטע, ווי אויסגעגאָסענע פון מע־טאַל: ניט קיין ריר, מיט צוגעשפּיצטע אויערן, גיריק ניט דורכצולאָזן קיין איין וואָרט.

און אויך ער פלעגט ניט דורכלאָזן כמעט קיין איין וואָרט פון דעם אנאליזירטן פראגמענט, ער זאָל ניט אויפווייזן אויף זיין חלק שיינקייט און באדייט, וואָס ער טראָגט־צו צו דעם גאנצן זאַץ. מיט דער ליבע און אָפּטמאָל באגייסטערונג פאר אָט דער אומגעהויער רייכער און שיי־נער שפּראַך האָט אומבאוואוסטזיניק געמוזט אריינגעטריפט ווערן אַ ליבע און אכטונג צו דעם רוסישן פאָלק און צו דעם רוסישן לעבן.

פּאָקראָווסקי און אנטאָניענקאָ האָבן געמאכט דעם איינדרוק, פּונקט ווי זיי וואָלטן גייסטיק געהערט צו דער עפּאָכע פון די פערציקער און פופציקער יאָרן פון דעם פאריקן יאָרהונדערט, ווען עס האָט געהערשט די פארהייליקונג פון דער עסטעטיק און שיינקייט. די אנטוויקלטערע גימנאזיסטן, שוין אָנגעשטאָפּטע מיט פּיסאַרעוון און זיין פלאַמענדיקן „ניהיליסטישן" פּראָטעסט אנטקעגן דער גאנצער „פילאָלאָגיע" און דער עסטעטיק, מיט זיין פאָדערונג, אַז אַ פּאָר שטיוול זאָלן געשעצט ווערן העכער, איידער פּושקין, פלעגן זיך וויצלען איבער די צוויי עסטעטיקער, וואָס האָבן געלעבט גייסטיק אין אַזעלכע „אָפּגעשטאַנענע" וועלטן: אנ־טאָניענקאָ אין די שיינקייטן פון דעם קלאסישן, גריכיש־רוימישן אלטער־טום, פּאָקראָווסקי — אין דער רוסישער פּאָעזיע.

אויף אנטאָניענקאָן פלעגט מען דערציילן אַזאַ מעשה, וואָס אויב זי איז ניט אמת, איז זי וואויל־צוגעטראַכט. גייט ער אַזוי אַרום שפּאַ־צירן אין אָוונט־צייט, נאָך אַ רעגן, איבער זיין גאָרטן: גליטשט זיך אויס און בלייבט ליגן. אין שטוב וואַרט מען אויף אים מיטן אָוונט־ברויט און זיין דינער איוואַן גייט אום אים זוכן. געפינט ער אים אַ ליגנדיקן אין קויט, מיטן רוקן אַרויף, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן. באַ־מערקט דעם צוגעקומענעם דינער, נעמט אים אנטאָניענקאָ פאר דער האַנט און רעדט צו אים מיט אַ צעשמאָלצענעם קול:

„זע, איוואַן, וואָס פאַר אַ פּרעכטיקער זון־אונטערגאַנג!"

אין מיינע אויגן האָט אנטאָניענקאָ באַקומען נאָך מער סימפּאַטיע, זינט איך האָב געהערט דעם אַנעקדאָט: הגם איך פלעג אויך אַמאָל אין אַן אַמפּערניש מיט אַן „עסטעט", זיך באַנוצן מיט דעם אַלעגאָרישן „פּרעכטיקן זון־אונטערגאַנג", באַוואונדערט, ליגנדיק אין אַ בלאָטע, און זייענדיק זיכער, אַז אויך איוואַן מוז שטאַרק נתפּעל ווערן פון אים.

צו די „פרייהייטן" וואָס האָבן געהערשט אין דער וויטעבסקער גימ־נאַזיע, האָט אויך געהערט דאָס ניט מקפּיד זיין אויף דעם פאָרגעשריבענעם עלטער פון די גימנאַזיסטן, און אויף זייער אויפפירן זיך אין דער היים. מען פלעגט אריינגעמען אין אַ קלאַס קינדער פון אַ העכערן עלטער, איי־

דער דער פאַרגעשריבענער; לאָזן זיצן אין איין קלאַס צו צוויי און צו דריי יאָר. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז אין די מיטעלע קלאַסן — דעם דריטן, פערטן און פינפטן — זיינען געווען תלמידים היפש־דער־וואַקסענע מיט געגאָלטע „מאַרדעס" און לאַנגע וואָנצעס, וואָס האָבן זיך געלערנט אינאיינעם מיט קליין־און מיטלוואַרג.

צוויי מינים אַזוינע דערוואַקסענע האָבן מיר געהאַט. איין מין — דאָס רוב קינדער פון אַרומיקע פּריצישע הויפן — איז געווען אַריינגעטאָן אין שיכרות און זנות, כמעט אין יעדן קלאַס איז געווען אַזאַ גרופּע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָפּגעשיידט פון די אַנדערע, אפשר דערפאַר, ווייל די אַנדערע פלעגן זיי אויסמיידן. איבער די קאָרידאָרן פלעגן זיי זעלטן אַרומשפּאַצירן. דאָס רוב פלעגן זיי, בעת די איבעררייסן בלייבן זיצן אין קלאַס, דערציילן זיך פרייליכע אַנעקדאָטן, טיילן זיך מיט געמאַכטע דערפאַרונגען אין יענער „געאָגראַפיע" פון דער שטאָט וויטעבסק, וואָס האָט זיי באַזונדערס אינטערעסירט, אָדער קוויקן זיך מיט אילוסטראַציעס אין דעבעס בוך „פיזיאָלאָגיא בראַקאַ" („די פיזיאָלאָגיע פון אַ פאַר־פאָלק לעבן"), — אַ בוך, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אַ געעפנטן אויף אַ טיש־בענקל פון דעם קלאַס. זייער געשפּרעך איז געווען דורכגעזאַלצן מיט דער פּאַסיקער אַנאַטאָמישער און פיזיאָלאָגישער נאָמענקלאַטור, אָבער ניט אין לאַטיין, נאָר אין קערנדיקן, צופיל יאָדערדיקן רוס.

קיין ייִדן זיינען אין יענער גרופּע ניט געווען, און צום גליק האָבן זיי זיך זייער זעלטן געחברט מיט קליין־ און מיטל־וואַרג.

אַ גאַנץ אַנדער מין דערוואַקסענע זיינען געווען די „אַנטוויקלטע", די „אידייאישע". דאָס רוב — טאַקע זייער ערנסטע, זייער גוט אָנגע־לייענטע און גייסטיק הויך שטייענדיקע גימנאַזיסטן, — אַ היפּשע צאָל פון זיי — ייִדן· זיי פלעגן שוין גראָד ליב האָבן מקרב צו זיין ייִנגערע חברים, אַרומשפּאַצירן מיט זיי איבער די קאָרידאָרן און פירן געשפּרעכן, וואָס האָבן געוועקט דעם יונגן גייסט.

די קליין־ און מיטל־וואַרג איז, ווי די גרעסערע, אויך פאַנאַנדערגעשיידט געווען אין צוויי מינים: די מאַיאָריטעט — געוויינלעכע גרויע קינדער־נפשות, וואָס האָבן זיך מיט גאָרנישט ניט אויסגעצייכנט, און אַ מינאָ־ריטעט פון אויסטערלישע שטיפערס, פאַר וועמען די „שעה'ן" אין קלאַס זיינען דאָס געווען אַן אמתע אָפּקומעניש: זיי פלעגן זיך קוים קאָנען דערוואַרטן דעם „גלאָק", כדי תיכף אַ לאָז טאָן זיך אין קאָרידאָר בחב־רותא, ווערן אין אַ מינוט איבער־ווילד און „ניט וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז". דער גרעסטער געפילדער האָט געשטאַמט פון זיי, און

די „צונויפשטויסן מיט דער אויבערשאַפט" („נאַטשאַלסטוואָ") האָבן אויך געדאַרפט פאַרשריבן ווערן נאָר אויף זייער חשבון.

ביי מיין אַריינטריט אין גימנאַזיע בין איך צוערשט צונעשטאַנען גראָד צו אָט דעם מין; אין זכרון ביי מיר איז אָבער פאַרבליבן זייער ווייניק פון מיין „עפנטלעכער טעטיקייט" אין יענעם „פּעריאָד". איך געדענק נאָר דעם פאַקט פון אונדזער ווילדן אַרומיאָגן זיך איבער די טרעפּ; איך געדענק אַ פּאָר צעהיצטע פּנימער פון די חברים, אַ „צונויפשטויס" מיט אַ משגיח און עטלעכע „שטראָפן", וואָס איך האָב באַקומען.

מיין „צונויפשטויס" וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און ער איז טאַקע געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דעמאָלט הערשנדיקן רעזשים.

אַ חברה פינף־זעקס אונדזערע האָבן זיך פאַנאַנדערגעשטיפט אויף אַ געהויבענעם אופן, פשוט, ווי מען זאָגט, „אַרויס פון די כלים". פּלוצלונג האָט זיך דערהערט די אויפגערודערטע וואָרנונג: „דער משגיח גייט!" חברה האָט זיך פלינק פאַנאַנדערגעשאָטן, און איז ערגעץ ווי אין דער־ערד פאַרזונקען: אַלע, אַחוץ מיר, וואָס איז נאָך ניט געווען אַזוי באַהאַוונט אין מאַכן „ויברח" און ניט אַזאַ בקי אין די ווינקעלעך, וואו מען קאָן זיך באַהאַלטן.

איך בין געבליבן איינער אַליין אויפן „שלאַכט־פעלד", פּנים־אל־פּנים מיט דעם משגיח, וואָס איז געשטאַנען אַ פּאָר שריט פון מיר מיט אַ פלאַמענדיקן פּנים און מיט אויגן, וואָס האָבן געשאָסן פיילן. ער האָט ענערגיש געטרייסלט זיין פינגער.

„פאַ־האַ־די־אַי!" האָט ער מיך געשראָקן מיט אַזאַ טאָן, אַז איך האָב געמוזט אָננעמען, ער וועט מיך פאַרמסרן פאַר דעם אינספּעקטאָר און דער ענין וועט זיך בלי ספק ענדיקן מיט דעם אמתן קאַרצער.

„פאַ־האַ־די־אַי! אוזשאָ יאַ ראַזסקאַזשו טוואָמו דיעדו!" („וואַרט־וואַרט! איך וועל שוין דערציילן אויף דיר דיין זיידן!" . . .).

קיין מאַוימדיקערע זאַך האָט ער, משמעות, ניט געקאָנט צוטראַכטן אויף אָנצושרעקן מיך . . .

אָבער ניט אַלעמאָל פלעגט דאָס אַראָפּגיין אַזוי גלאַט. איך נעדענק, אַז מען האָט מיך אַ היפּשע פּאָר מאָל באַשטראָפט מיט „לאָזן אָן וואַרמעס". די שטראָף איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען פלעגט, נאָך די שטונדן, פאַרשליסן דעם פאַרזינדיקטן, איינעם אַליין, אין קלאַס אויף אַ שעה, אָדער צוויי, אָדער דריי. איך פלעג קיינמאָל ניט באַקומען ווייניקער איידער צוויי און אַלעמאָל איז דאָס געווען שבת. ס'קאָן זיין, אַז גראָד די פּע־

רעספעקטיווע, באַלד צו האָבן גאַנצע אַנדערהאַלבן מעת־לעת פריי, פלעגט מאַכן צופיל צעשפּילן זיך מיין געמיט, און איך פלעג אַריינפאַלן אין אַ „היסטאָריע" (איך געדענק קיין איינע ניט פון זיי).

„אָן ווארמעס" פלעג איך אייגנטלעך קיינמאָל ניט בלייבן. אין אַ היפשער ווײַלע אַרום נאָכן פאַרשליסן, ווען עס האָט זיך שוין לאַנג איינגעשטעלט די אומהיימלעכע שטילקייט, פלעג איך דערהערן לייכטע טריט אין קאָרידאָר, און באַלד פלעגט אַ יונגער אונטער־שומר אַריינטראָגן מיר מיט אַ שמייכל, פון דער היים, מיין חלק פון אונדזער גאַנצן שבת'דיקן מאָלצייט. דאָס האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען „אַלי קען", דער פרוי פון דעם אויבער־וועכטער. זי איז געווען פון יאָרן און יאָרן אונדזער וועשערין, און ווי נאָר מיט מיר פלעגט פּאַסירן „דאָס דאָזיקע", פלעגט זי דאָס לאָזן וויסן אין דער היים.

אָבער אַ שטראָף — און אַ האַרטע שטראָף — איז דאָס פאַר מיר געווען· די פאָר שעה „ניט וויסן וואו אהינצוטאָן זיך" האָבן מיך געפּייניקט זייער שטאַרק. אַ שרעקלעך געדריקטע שטימונג פלעגט זיך איינשטעלן ביי מיר און זי פלעגט ניט פאַרשווינדן, ווען דער שליסל פון דער טיר פלעגט זיך צוויי מאָל אַ דריי־טאָן, אַרויסלאָזן מיך אין דער פריי. ווי איצטער זע איך מיך, ווי איך גיי, שוין שפּעטלעך, אהיים איבער די ווינטערדיקע אומעטיקע שבת־גאַסן. איך גיי אַ צונויפגעשרומפּענער, מיט אַ קאַלטן אומעט אין אַלע ביינער. ס'איז עפּעס ווי דאָס לעבן, וואָס האָט מיך געטראָגן אויף זיינע אַקסלען און זיך געיאָגט מיט מיר אין גאַלאָפּ, וואָלט מיך פּלוצלונג אַראָפּגעשליידערט פון זיך, געלאָזן מיך ליגן אויפן זייט וועג און אַליין אַוועקטראָגן זיך פון מיר העט ווייט־ווייט.

איך האָב באַשיינפּערלעך אומבאַוואוסטזיניק געדאַרשט נאָך אָן אינהאַלט אין לעבן, וואָס זאָל אים אָנפילן ביז צום ברעג. די שטיפעריייען האָבן אַזאַ אינהאַלט ניט געקאָנט געבן. (אגב וויל איך דאָ באַמערקן, אַז אַזעלכע שווער דריקנדיקע שטימונגען, וואָס איך האָב צוערשט דורכגעלעבט אין אַזוינע שבתים, פלעגן זיך דערנאָך ניט זעלטן איינשטעלן אין מיין לעבן, אָן אַ וועלכער עס איז אָביעקטיווער אורזאַך, — ווײַניקסטנס, אַ מיר קלאָר באַקאַנטער.)

דער שטיפער־פּעריאָד האָט געמוזט אָנהאַלטן ניט לאַנג. זיכער איז ער פאַרשוואונדן, ווען די גימנאַזיע האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַ נייעם, נאָר־וואָס פאַרטיק געוואָרענעם בנין. פון דעם לעבן אין אָט דעם נייעם בנין געדענק איך מיך אַלעמאָל, ווי איך גיי אַרום מיט אַן עלטערן „יידישן"

גימנאזיסט, צי איבערן קאָרידאָר, צי בעת אַ שפּאַציר איבער דער גאַס, תמיד פאַרטיפט אין וועלכן עס איז אינטערעסאַנטן געשפּרעך.

·12.

יידישער פּאַטריאָטיזם אָדער סאָציאַליזם!

ווען איך טראַכט וועגן דעם גאַנג פון מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג, באַקומט זיך ביי מיר אַ זייער איינזייטיק בילד: צו ראַציאָנאַליסטיש, צו קלאָר־דענקעריש, פּונקט ווי אַלץ האָט זיך באמת געווענדט נאָר אָן לאָגישע אַרגומענטן און טעאָרעטישע אויסרעכנונגען, וואו באַגריפן, גע־דאַנקען, אידייען חיבורן זיך און חיסורן זיך, ווי אין אַ מאַטעמאַטישן חשבון, און ברענגען אַרויס דעם קלאָרן פּינקטלעכן סך־הכל. אָדער פּונקט ווי מען וואָלט דאָ געהאַט צו טאָן מיט אַ כעמישן פּראָצעס. ס'איז ווי מיין נשמה וואָלט געווען אַ מין פּראָבעגלעזל, וואָס האָט שוין געהאַט אין זיך אַ געוויסן אינהאַלט, אַ „ועסערל". איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אַן אַנדער „ועסערל", האָט דאָס אויפגעזאָדן. האָבן זיך געוויסע עלעמענטן אויס־געשיידט און אַוועק ווי אַ גאַז. איז דערפון געוואָרן אַ נייער געהאַלט. האָט מען אַריינגעשאָטן אַ „פּולווערל", האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדער סינטעטישער פּראָצעס. און אַזוי כסדר, ביז עס האָבן זיך ביי מיר „אויס־געקריסטאַליזירט" יענע פעסטע „אני־מאמינס", וואָס איך בין געבליבן געטריי מיין גאַנצן לעבן־לאַנג.

מען קאָן ניט לייקענען, אַז עפּעס אַזוינס קומט פאָר ביי יעדער גייסטיקער אויסבילדונג. אַ וועלט־באַנעם איז אַ פאַרבינדונג פון אידייען, געדאַנקען. און אומעטום אין דער וועלט, וואו עס קומט פאָר אַ קאָמבי־נאַציע פון עלעמענטן (און וואו קומט דאָס ניט פאָר?), הערשט אַן אינעווייניקסטע לאָגיק, אַ געזעצמעסיקייט. אויך צווישן געדאַנקען הערשט אַ זיך־צוציען און זיך־אָפּשטויסן, לויט דער אינעווייניקסטער טבע פון דעם געדאַנק, לויט דער „טעמפּעראַטור" פון דער נשמה, דעם „לופט־דרוק" פון דער אַרומיקער סביבה און לויט ווייס איך נאָך וועלכע אַנדערע „פּי־זיקאַלישע" באַדינגונגען. אין איר אַבסטראַקטער געשטאַלט כאַפּט אויך די גייסטיקע אויסבילדונג דעם אָנבליק פון אַ מאַטעמאַטישן חשבון, אָדער אַ כעמישער פאַראייניקונג אָדער אַ מעכאַנישן „פּאַראַלעלאָגראַם פון קרעפטן".

אָבער לאָזט מיך דאָ אַנטדעקן די גרויסע אמעריקע, אַז אַ מענטש־לעכע נשמה איז ניט קיין כעמישע פּראָביר־גלעזל. אפילו ניט קיין „ליי־

דיק בלאַט פּאַפּיר", אויף וועלכן דאָס לעבן, אָדער די „סביבה", שרייבט אירע ציפערן און ברענגט אַרויס דעם מאַטעמאַטישן חשבון: איינע ציפערן און איין חשבון פאַר דעם, וואָס לעבט, זאָגן מיר, אין אַ פּראָ־לעטאַרישער סביבה, און אַנדערע ציפערן מיט אַן אַנדער חשבון, פאַר דעם, וואָס לעבט אין אַ בורזשואַזער סביבה, אַזוי, אַז קענענדיק די סביבות, די „קרעפטן", וואָס הערשן אין זיי, די „ציפערן", וועלכע זיי דיקטירן, און די כללים, וואָס געוועלטיקן אין זייער אַריפמעטיק, קאָן מען לכתחילה, כמעט מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט, אויסרעכענען, מיט וועלכע „אני־מאמינס" דאָס ליידיקע בלאַט פּאַפּיר וועט ווערן באַשריבן.

די גייסטיקע אַנטוויקלונג, — אויב דאָס איז די אַנטוויקלונג פון אַ גייסט און ניט דאָס נאָכפּלאַפּלען פון אַ פּאָפּוגאַי, אָדער דאָס דרייען זיך פון אַן אַריינגעשטעלטן גראַמאָפאָן־דיסק, — איז אַן אָרגאַנישער פּראָ־צעס, „אויב ניט נאָך העכער", און שוין ווי אַן אָרגאַנישער פּראָצעס, איז ער פול מיט סודות און רעטענישן, וואָס די מאַטעריאַליסטישע וויסנ־שאַפט קאָן בשום אופן ניט פאַרטיק ווערן מיט זיי, הגם, ווי אין יעדן אָרגאַנישן פּראָצעס, שפּילן אויך דאָ אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָלע די נידעריקסטע, די איינפאַכערע און קלאָרערע, ריין־לאָגישע נאַטור־געזעצן דער עיקר פון דעם פּראָצעס ליגט אָבער ניט אין זיי, ניט אין דער „לאָ־גיסטיק". די „לאָגיסטיק" איז די אויבערפלאַך, דער „דרויסן", וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן קודם כל, ווען דער פּראָצעס ווערט באַשטראַלט מיט דעם שיין פון דעם דענקענדיקן באַוואוסטזיין. און ווער עס וויל זיך באמת אָפּגעבן אַ ריכטיקן דין וחשבון וועגן דעם גאַנצן תוך פון דעם פּראָצעס, מוז קאָנען אַריינדרינגען אין דעם „אינעווייניק" און ריכ־טיק אויס־טייטשן זיינע סודות און רעטענישן.

דאָס ווייס איך גאַנץ גוט. אָבער, ווי געזאָגט: פון מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג געדענקט זיך מיר מער פאַר אַלץ גראָד אָט די „לאָגיסטישע" מאָמענטן, ווען אַפילו איך געדענק זייער גוט, אַז דער ענין האָט זיך גאָרניט אָפּגעשפּילט אַזוי קלאָר און פשוט, ווי מיין זכרון ברענגט אים איצטער אַרויס: אַז הינטער די קלאָרע מוח'עדיקע זיינען געווען פּראָ־צעסן טונקעלע און פאַרפלאָנטערטע, וואָס האָבן דירינגירט מיין גאַנצע אַנטוויקלונג.

וואָלט איך געווען מער אַ קינסטלערישע נאַטור, איידער אַ טעאָרע־טישע, וואָלטן גראָד די טונקעלע און פאַרפלאָנטערטע מאָמענטן צוגע־צויגן צו זיך מיין גרעסטן אויפמערק, און עס וואָלטן געבליבן פון זיי מער שריים אין מיין געדעכעניש. איצטער האָב איך פון זיי נאָך איינצעלנע

שפורן, — מסתמא ניט די וויכטיקסטע. אויף דעם פּאָדערפלאַן פון דעם זכרון ליגט אַ באַשטראַלטער אין זייער גאַנצער לענג דער „דרך המלך" פון מיינע ריין גרדאַנקלעכע איבערלעבענישן.

צו אַזאַ שטאַרקער גרדאַנקלעכער איבערלעבעניש האָט געפירט איי־נער פון די געשפּרעכן, וואָס איך האָב געהאַט מיט אַן עלטערן „אידיי־אישן" גימנאַזיסט, יעפים ראַטנער, דעמזועלביקן, וואָס האָט, אויב די לע־זער געדענקען, געהייסן אַן אָרימען גימנאַזיסט אַוועקגנבענען ביי מיר מיין נייע קעפּקע.

איך געדענק ניט גענוי די פּרטים פון יענעם געשפּרעך און ווי אַזוי מיר זיינען אַרויף אויף דעם ענין פון דער רוסיש־אידישער פּרעסע און דעם יידישן „פּאַטריאָטיזם". איך בין מיך משער, אַז מסתמא האָב איך אויסגעדריקט מיין התלהבות פּאַר די יודאָ־פילישע שרייבער, יידישע און ניט־יידישע (ווי דער דיכטער מינאַיעוו), וואָס גיבן דאָ אַ „מתנת יד" די „יודאָפאָבן", אַזש פונקען שפּריצן: די פּאָלעמיק אַנטקעגן דעם אַנ־טיסעמיטיזם, זייער טאַלאַנטפול געפירט, האָט טאַקע געהערט צו די גלאַנץ־פּונקטן פון יענער פּרעסע.

ראַטנער האָט ניט געהאַט די טבע צו פּאָלעמיזירן דירעקט אַנט־קעגן דעם אַנדערנס אַרגומענטן. ווייניקסטנס, ניט מיט מיר. ער פלעגט מיט אינטערעס אויסהערן, שטעלן אַ פראַגע, אריינוואַרפן אַ באַמערקונג אָדער דערציילן אַן עפּיזאָד.

אין דעם לויף פון דעם געשפּרעך דערציילט ער מיר:

— צו אונדז קומט אַריין אַן עלטערער ייד, מיט וועמען איך האָב אַמאָל ליב צו פּאַרברענגען. פרעגט ער מיך: „זאָג מיר נאָר, חיים, וואָס הייסט דאָס „עקספּלואַטאַציע"? „עקספּלואַטאַציע! עקספּלואַטאַ־ציע!" וואָס וויל מען פון אונדז?" — דערקלער איך אים, וואָס עקס־פּלואַטאַציע איז אַזוינס. „אַזוי גאָר!" מאַכט ער, „און איך האָב גע־מיינט: גאָט ווייס וואָס. אויב דאָס איז עקספּלואַטאַציע, איז דאָך רויטשילד אויך אַן עקספּלואַטאַטאָר!" איר פאַרשטייט? וויבאַלד אַז „רויטשילד" באַשעפטיקט זיך מיט דעם, איז דאָך ניטאָ וואָס צו שע־מען זיך דערמיט. אדרבה! ס'איז גאָר אַ שיינדל און זייער אַ ניצלעכע זאַך . . .

איך האָב מיך געמוזט מודה זיין, אַז אויך איך האָב פאַרשטאַנען די „עקספּלואַטאַציע" אין אַ גאַנץ אַנדער זין. דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז געבויט אויף שווינדלעריי, אָפּנאַרעריי, אויף באַגזלענען און באַראַ־בעווען, וואו נאָר עס לאָזט זיך, ווי דאָס טוען די וואָכערניקעס, וואָס זיינען

אויס אַ פּריץ ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט, אָדער ווי דאָס טוען די דאָר־פישע שענקערס. פון אַלע אַזעלכע זאַכן האָב איך געוואוסט און דאָס אַלץ איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער רעכטלאָזיקייט. אָבער ווי אַזוי קאָן מען אין דעם באַשולדיקן אַ גאַנץ פאָלק? און ווי קומען אַהער די רויט־שילדס? וועד רעדט שוין פון אַזוינע סוחרים, ווי אַ מאַנטעפיאָרע . . .

האָב איך מיך דאָ צום ערשטן מאָל דערוואוסט, וואָס איז דער אמתער טייטש פון „עקספּלואַטאַציע" . . . דאָס איז יעדע אַרט לעבן אויף דעם חשבון פון דעם אַנדערנס אַרבעט. עקספּלואַטאַטאָרן זיינען אַלע סוחרים, קרעמער, באַנקירן, פאַבריקאַנטן, פּריצים, סײַ יידן, סײַ גוים. זיי אַלע לעבן, ווי פּאַראַזיטן, אויף דעם קערפּער פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, זויגן פון אים אויס דעם דם התמצית און פאַרמשפּטן אים צו אייביקער אָרעמ־קייט און פאַרשקלאַפונג.

די אַנטיסעמיטישע פּרעסע באַשולדיקט אונדז ניט אין אָט דער עקספּלואַטאַציע. אדרבא, זי אַליין איז אַ שטאַרקע שטיצע פאַר איר. אין וואָס זי באַשולדיקט די יידן איז טאַקע אמת, נאָר אין אַ געוויסן גראַד. אָבער ניט זי האָט אַ רעכט צו באַשולדיקן. אין תוך אַריין איז אָבער פּאָרט אַן אמת, אַז כמעט אַלע יידן, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, פּאַרנע־מען זיך מיט עקספּלואַטאַציע און פירן אַ פּאַראַזיטישן לעבן. שולדיק אין דעם איז אָבער ניט אונדזער „רעכטלאָזיקייט", נאָר דער גאַנצער איצטיקער סדר פון דעם סאָציאַלן לעבן. די „יודאָפילן" און דער יידי־שער „פּאַטריאָטיזם" ווילן ניט אַריינדרינגען אין דער טיף פון דער זאַך. מיט „ראַוונאָפּראַוויע" (גלייכבאַרעכטיקונג) וועט מען דאָ גאָרנישט ניט אויפטאָן. סײַ די אַנטיסעמיטן, סײַ די „יודאָפילן" וועלן מוזן פאַר־שווינדן, ווײַל זיי געהערן צו דער אַלטער וועלט.

און אַזוי האָבן זיך פאַר מיר אויפגעעפנט נײַע האָריזאָנטן און עס זיינען באַוויזן געוואָרן נײַע מאַסשטאַבן אויף צו מעסטן און צו שעצן די דערשיינונגען פון דעם לעבן. און דער שפּיץ פון דער זאַך איז געווען, אַז אַלע יענע האָריזאָנטן און מאַסשטאַבן ווערן געגעבן פון דער סאָציאַ־ליסטישער וויסנשאַפט, דעם לעצטן פּוסק אין אַלע פראַגן, וואָס דאַרפן אינטערעסירן אַ מענטשן.

די געשפּרעכן האָבן נאַטירלעך ניט געהאַט יענעם סיסטעמאַטישן כאַראַקטער, וועלכן זיי באַקומען אין דער קורצער צונויפגעפּרעסטער באַ־שרייבונג. אָבער דאָס איז געווען זייער תוך. טיף זיינען די דאָזיקע געדאַנקען אַריין אין מיין געמיט. דער אויספיר, אַז יידן זיינען בדרך כלל פּאַראַזיטן, האָט בפועל ממש אָנגעפילט די נשמה מיט צער און בושה,

און ניט גרינג האָט זיך די נשמה געוואָלט אונטערגעבן אונטער דעם גזר־דין, וועלכן די סאָציאַליסטישע וויסנשאַפט טראָגט אַרויס. אָבער — טוט נאָר אַ טראַכט: די וויסנשאַפט! דער סאָציאַליזם!

דער נאָמען „סאָציאַליסט" איז שוין געווען גענוג באַקאַנט אין דער יידישער וועלט. אין די יאָרן 1879 און 1880 איז אויך די רוסישע פּרעסע פול געווען מיט דעם קאַמף, וואָס די סאָציאַליסטן פירן אַנטקעגן דער רעגירונג. מען האָט אויך צייטנווייז גערעדט וועגן זיי ביי אונדז אין דער היים. אָבער נאָר פאַרבייגייענדיק. דער איינדרוק פלעגט זיך באַקומען, אַז די סאָציאַליסטן זיינען „מורדים במלכות", מענטשן, וואָס ווילן ניט קיין קייסער, נאָר אַ רעפּובליק, אָדער גלאַט „סאַמאָוואָלניצע", עס זאָל זיין „איש כל הישר בעיניו". קיין איבעריקן אינטערעס צו דער באַוועגונג האָט די יידישע וועלט נאָך ניט געגומען אַרויסווייזן, — לפּחות, די יידישע וועלט, מיט וועלכער איך בין געווען באַקאַנט. נאָר אייניקע האָבן גערעדט מיט אמתער ביטערקייט וועגן די „סאָציאַליסטן", ווייל זיי פאַלן אָן אויף אַזאַ „מלך חסד", ווי אַלעקסאַנדער דער צווייטער.

ווי מיין פאָטער האָט זיך געשטעלט צו דעם ענין און צי האָט ער בכלל געטראַכט וועגן אים, ווייס איך ניט. איך געדענק ניט קיין איין אויסדרוק זיינעם פון יענער צייט, וואָס זאָל וואַרפן אַ ליכט אויף זיין שטעלונג. ס'קאָן זיין, ער האָט גאָר ניט געטראַכט וועגן דעם. אָבער געטראַכט און — געמאַכט אַ שוויג וועגן זיינע געדאַנקען: פּאָניע „יושעט זיך פאַנאַנדער" און פאַלט אָן אויף פּאָניעס זייער עסק, אין וועלכן מיר טאָרן זיך ניט אַריינמישן. על־כל־פּנים האָב איך ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז דער סאָציאַליזם קאָן האָבן אַ וועלכן עס איז שייכות צו מיר פּערזענלעך, אָדער צו דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

צום ערשטן מאָל איז אין ראַטנערס רייד אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר מיר דער סאָציאַליזם אין זיין ריכטיקער געשטאַלט און מיט זיין גאונדיקער פאַרזיכערונג, אַז ער איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסנשאַפט. בייז און שטרענג איז געווען דער פּנים פון דעם סאָציאַליזם און מיט דער גאַנצער שטרענגקייט האָט ער געקוקט אויף אונדז, יידן.

דאָס איז געווען פאַר מיר אַ נייעס, — אַן אַנטשיידנדיקער קלאַפּ מיין קינדערשן יידישן „פּאַטריאָטיזם". שפּעטער איז צוגעקומען דער געדאַנק, אַז מיר זיינען גאָר קיין פאָלק ניט: מיר האָבן ניט קיין איינען לאַנד. סיידן: גלויבן אין משיחן . . . מיר זיינען אַ טייל פון אַ פּאַראַזיטן קלאַס, — אַ טייל, וואָס לעבט אין פינצטערניש און אָבערגלויבנס

און וואָס וועט פאַרשווינדן, ווי נאָר די שטראַלן פון דער וויסנשאַפט וועלן אַריינדרינגען אומעטום . . .

די ערשטע אויפלייכטונגען פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סאָציאַליזם האָבן געווירקט אויף מיר גאַנץ אַנדערש איידער מיין לערער בראַוועסעם דיסקוסיעס מיטן פעטער, וואָס האָבן מיך ביסלעכווייז געמאַכט פאַר אַן אַטעאיסטישן מאַטעריאַליסט. דעמאָלט האָט זיך די נייע אידייען־וועלט ניט אָנגעשטויסן אָן קיין שום אינעווייניקסטן ווידערשטאַנד. איך האָב בכלל ניט געהאַט קיין וועלכן עס איז אויסגעפורעמטן וועלט־באַנעם. איצטער האָט שוין פאַרט געווירקט אין דער נשמה אַ געוויסע יידיש־„פּאַטריאָטישע" אָריענטאַציע, מיט קאַמף־געפילן און טריאומף־געפילן, ווען די יידן־פריינטלעכע פּאָלעמיק האָט געשלאָגן וואונדן אין אים.

דער נייער סאָציאַליסטישער בליק האָט ניט פאַרענטפערט דעם אַנטי־סעמיטיזם, ניט אָנגענומען זיך פאַר אים. אָבער ווען איך וואָלט אים דעמאָלט געפרעגט: הלנו אתה או לצרינו? — ביזטו פאַר אונדז אָדער פאַר די אַנטיסעמיטן? וואָלט דער ענטפער בשום אופן ניט געקאָנט זיין מיט זיכערקייט: „פאַר אייך!" דער סאָציאַליזם איז גאַנץ זיכער אַ געדאַנקען־שטראָם, וואָס טראָגט מיט זיך עלעמענטן, פיינטלעכע צו דער יידישער עקזיסטענץ, אַזוי ווי זי האָט זיך אויסגעבילדעט אין אונדזער גלות־לעבן. און וועגן אַן אַנדער יידישן לעבן האָב איך דעמאָלט אפילו ניט געקאָנט אָנהויבן טראַכטן: עס איז נאָך געווען פאַר די פּאָגראָמען און פאַר דער פּאַלעסטינאָפילישער באַוועגונג.

די אינעווייניקסטע קרובהשאפט צווישן סאָציאַליזם און אַנטיסע־מיטיזם האָט, — אַ סך שפּעטער, — אַרויסגעבראַכט בעבעל אין זיין באַרימטן שפּרוך: „דער אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון די נאַראָנים". אויף דעם רוסישן אַנטיסעמיטיזם וואָלט דער שפּרוך ניט געפּאַסט. דאָ איז ער געווען די הוילע רשעות פון די רשעים, אָן אפילו אַ בלייכן רמז פון אַ סאָציאַליסטישן געדאַנק אָדער געפיל. אָבער פאַרט איז צווישן מיין יודאָפילענטום און דעם סאָציאַליזם, וואָס מוז באַטראַכטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, ווי אַ מחנה פּאַראַזיטן, געווען אַ תהום, וואָס האָט געמוזט אַריבערגעשפּרייזט ווערן. „משה מאַנטעפיאָרע — אַ וואַנץ" — איז גאָר און גאָר ניט קיין אַפּעטיטלעכער געדאַנק: און אַז דיין טאַ־טע און מאַמע, דיינע קרובים און באַקאַנטע, וואָס דו ליבסט זיי און שעצסט זיי, געהערן אויך צו דעמזעלביקן מין אום־אַפּעטיטלעכע ברואים, מאַכט דער ענין נאָך טרויעריקער. דאָס האַרץ האָט ניט געוואָלט מאַכן דעם נויטיקן שפּרונג איבערן תהום.

געהאָלפֿן אין דעם האָבן מיינע געשפּרעכן מיט מיין אינטימסטן פֿריינט און חבר שלמה זאַנוול ראַפּאָפּאָרט (אַנסקי), מיט וועמען איך פֿלעג זיך טיילן אין אַלע מיינע נייע איינדרוקן, געדאַנקען און איבער־לעבענישן.

ניט — וואָס שלמה־זאַנוול האָט זיך גיכער אונטערגעגעבן אונטער דער השפּעה פֿון דעם נייעם געדאַנק. אדרבה! גראָד ער האָט אין אָנ־הויב אַרויסגעוויזן אַ סך מער מוט, קריטישן פֿאַרשטאַנד און ווידער־שטאַנד, איידער איך. מסתמא, ווייל אויף אים האָט ניט געווירקט דאָס צויבער־וואָרט: „וויסנשאַפֿט". אָבער אין אונדזערע געשפּרעכן אויף אַט די נייע טעמעס פֿלעגט מיר אויסקומען צו פֿאַרטיידיקן דעם נייעם שטאַנדפּונקט מצד שלמה־זאַנוולס אָפֿטמאָל אומגערעכטע אָדער ניט־ריכטי־קע אַרגומענטן. דאָס האָט מיך אָנגעשפּאָרנט, אַליין אויסצוגעפֿינען באַ־ווייזן פֿון דעם לעבן, אַנאַליזירן דערשיינונגען, אָנווענדן אויף זיי דעם מאָסשטאַב פֿון יושר און עוולות, — און מאַטעריאַל דערצו, דער עיקר, פֿון דעם אָרימען לעבן, האָט ער געהאַט נאָך מער איידער איך, — און אַזוי אַרום בין איך געוועזן ווי דער אַדוואָקאַט פֿון דעם סאָציאַליזם, נאָך איידער איך בין אינגאַנצן צוגעשטאַנען צו אים. אַט די געשפּרעכן האָבן אונדז ביידן געהאָלפֿן בעסער אַריינצוטראַכטן זיך אין דעם ענין.

שלמה זאַנוול איז אַ לענגערע צייט איידער איך, געבליבן אַ „ייד". דערפֿאַר האָט אויך די „גוי־אישקייט" ביי אים אָנגעהאַלטן אַ סך לענגער, איידער ביי מיר: אַ גוטע 18־20 יאָר איז אַנסקי געוועזן אַ „גוי־גמור".

.13

מיין פּוילישער חבר

צווישן די אידייאישע גימנאַזיסטן אין דער וויטעבסקער גימנאַזיע איז געוועזן אויך איינער אַ פּאָליאַק, מיט מיר פֿון איין קלאַס, וועמעס נאָמען איך קאָן מיך ליידער ניט דערמאָנען. זיין ערשטער נאָמען איז, דוכט מיר, געוועזן סטאַניסלאַוו. לאָמיר אים אַזוי רופֿן. אויך ער פֿלעגט ניט זעלטן אומגיין מיט מיר און „פּירן אַ שמועס" און פֿון זיינע געשפּרעכן איז מיר נאָך קלאָרער געוואָרן דער ענין פֿון סאָציאַליזם. עס איז ביי מיר שוין ניט געבליבן קיין ברעקל ספֿק, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ געדאַנק־ריכטונג פֿון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, איידער דער אַנטיסעמיטיזם,

הגם ער טראָגט מיט זיך אַ שטרענגן גזר־דין אויף דער אַרט פון אונדזער ייִדישן לעבן. ווייניקסטנס האָב איך מיט צופרידנקייט געשפּירט, אַז אַ ניט־ייִדישער סאָציאַליסט קאָן האָבן די וואַרימסטע געפילן צו ייִדן, וויסנדיק, אַז דאָס זיינען ייִדן.

מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז גראָד צווישן אונדז ביידן זאָל זיך איינשטעלן אַ וואַרעמערע נאָענטקייט, אויב ניט אַן אינטימע פריינטשאַפט. דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל. דער בחור, וואָס האָט גאַנץ היפּש געוועקט מיין געדאַנק, איז מיר ניט געווען אינגאַנצן סימפּאַטיש.

שוין אין זיין אָנטאָן זיך און האַלטן זיך האָט ער זיך אַרויסגעשיידט פון די איבעריקע „אידייאַישע”: אַ פראַנט מיט צוגעקעמטע הערעלעך, מיט אַ געפּרעסטן ווייסן קראַגעלע און אויך אַזעלכע מאַנזשעטן. ביי אונדז פלעגן אַזוי גיין אָנגעטאָן נאָר די זייער ווייניקע „טענצערס” און „אַריסטאָקראַטן”, געקעמט האָבן מיר זיך נאָר איינמאָל אין מעת־לעת, — אַנדערע, מסתמא, נאָך זעלטענער, — און אויף די דרויסנלעכקייטן פון דעם אויפּפיר האָבן מיר כמעט אַלע געקוקט מיט דעם גרעסטן ביטול. סטאַניסלאַוו איז אָבער געווען די פאַרקערפּערונג פון „עלעגאַנץ” און „באָן טאָן”. אַגב איז מיר געווען ניט צום האַרצן אויך זיין פּנים, — מיט אַ ניט ריינער פאַרב און באַדעקט מיט קליינע ווייםפּערלעך. אויגן קליינע, גאָרנישט זאָגנדיקע, מיט לענגלעכע, אָבער צו־העלע וויעס. גערעדט האָט ער אַ שיינעם ליטעראַרישן, אויסדערוויילטן רוסיש, יעדעס וואָרט ווי אָפּגעטאָקט און אָפּגעפּאָלירט. ער האָט באַשיינפּערלעך אַליין ליב געהאַט צו הערן, ווי עס רעדן זיך ביי אים אַרויס שיינע רייד.

איינמאָל, אַריינקומענדיק אין קלאַס אַ סך פריער איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די שטונדע, האָב איך געזען, ווי אַרום דעם טישל שטייען עטלעכע גימנאַזיסטן און באַטראַכטן עפּעס· איבער איניקע פון זיי זיינען געשטאַנען, אָנגעלענט אויף זייערע רוקנס, נאָך אַנדערע און האָבן געקוקט אַריבער זייערע אַקסלען. איך בין צוגעגאַנגען און אין אַ ברעקל צערעמאָניעס האָב איך זיך אָנגעלענט אויף די אַקסלען פון אַ גימנאַזיסט. אין אַ פּאָר סעקונדן אַרום האָט יענער אַ קער געטאָן זיין רויטן פּנים צו מיר מיט אַן אויסדרוק פון אַזאַ אומווילן און פּראָטעסט, אַז איך בין אָפּגעשפּרונגען. דאָס איז געווען דער פּאָליאַק.

— אָך, דאָס זיינט איר, — האָט ער זיך ווי אַנטשולדיקט פאַר דעם אומפריינטלעכן אויסדרוק אין געזיכט. ניטאָ וואָס צו זוכן, — און האָט מיר אָפּגעטראָטן זיין אָרט.

פון יענעם טאָג אָן האָט ער מיר גענומען אַרויסווייזן מער התקרבות,

און אין איינעם פון זיינע געשפּרעכן האָט ער אויך גענומען רעדן וועגן יידן.

ער, סטאַניסלאַוו, פילט זיך גליקלעך, וואָס ער האָט יידישע חברים פאַר נאָענטע פריינט. אַלץ, וואָס אין אים איז מענטשלעך און „איידלגעבוירן" („בלאַגאָראָדנאָיע"), האָט ער צו פאַרדאַנקען יידן. אָבער אויך די גאַנצע וועלט דאַרף מכיר טובה זיין דעם יידישן פאָלק. ווער האָט נאָך אַזויפיל אויפגעטאָן פאַר דער מענטשהייט, ווי „העגריך היינע", לודוויג בערנע, פערדינאַנד לאַסאַל, און קאַרל מאַרקס?

האָב איך שוין געהערט וועגן זיי? אחוץ היינעס ווערק, זיינען די שריפטן פון די דריי אַנדערע פאַרווערט פון דער רוסישער צאַרישער צענזור. זיי ווערן אָבער מיט גרויס התמדה געלערנט און געשטודירט פון אַלעמען בשתיקה. ער קאָן מיר זיי קריגן, אויב איך וויל און אויב איך פאַרשטיי, ווי פאַרזיכטיק אומצוגיין מיט אַזעלכע מיני ביכער· אָט, וואו מען קאָן געפינען דעם טיפסטן אמתן, „וואוילגעבוירענעם" אמת!

מיט היינעס פּאָעזיע בין איך שוין געווען אביסל באַקאַנט. אָבער די נעמען פון בערנע, לאַסאַל און מאַרקס זיינען מיר געווען לחלוטין פרעמד, איך האָב זיי געהערט פון אים צום ערשטן מאָל.

וואָלט איך געוואָלט אַ בעלן זיך נעמען שטודירן מאַרקסן? — ניין: דאָס וועט אפשר זיין צו שווער פאַר מיר. לאַסאַלן? אויך דאָס איז ניט קיין לייכטער ביסן. פאַר אַן אָנהויב איז די בעסטע זאַך באַקאַנט צו ווערן מיט בערנען.

פון די שמועסן מיט אָט דעם פּאָליאַק האָב איך מיך דערוואוסט, אַז דער סאָציאַליזם האַלט זיך דער עיקר אויף די וויסנשאַפטלעכע ווערק פון די צוויי אידן, לאַסאַל און מאַרקס: אַז אויך די רוסישע סאָציאַליסטן זיינען זייערע אָנהענגער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּוילישן גימנאַזיסט, וואָס אין זיינע רייד האָבן קיינמאָל ניט פיגורירט די רוסישע ראַדיקאַלע אויפקלערער און דענקער: פּיסאַריעוו, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי, וואָס זיינען שפּעטער אַזוי באמת פאַרהייליקט געוואָרן פון אונדז. אין יאָרן און יאָרן אַרום, ווען איך בין, שוין אין אויסלאַנד, באַפריינדעט געוואָרן מיט אייניקע פּוילישע רעוואָלוציאָנערן, האָב איך באַמערקט דעמזעלביקן שטריך. די העלדן פון דעם רוסישן ראַדיקאַלן געדאַנק זיינען געווען זיי היפּשלעך באַקענט, אָבער פון התפעלות פאַר זיי, — אפילו פאַר טשערנישעווסקין, — האָט זיך ניט געמערקט קיין שפּור.

און דאָס קאָן זיך ניט דערקלערן נאָר דורך דעם, וואָס די פּוילישע

ראַדיקאַלע יוגנט איז, ווי מיר אַלע, אַרויסגעוואַקסן פון די ראַדיקאַלע ווינדעלעך און קינדער־הויזלעך פון די זעכציקער יאָרן. אויך דער באמת וואָגיקער און אין אַ סך פּרטים אָריגינעלער דענקער און געלערנטער, פּע־טער לאַוואָוו, האָט זייער ווייניק געאימפּאָנירט דעם פּוילישן רעוואָלוציאָנער, הגם מען האָט געהאַלטן פאַר אַ חוב באַקאַנט צו זיין מיט זיינע ווערק. די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן האָבן מיט התמדה געלייענט די רוסישע ראַדיקאַלע ליטעראַטור, — די לעגאַלע, ווי די אונטערערדישע, מיט ניט קיין קלענערן אויפמערק, איידער מיר, יידן. אָבער זיי זיינען ניט פאַרטרונקען געוואָרן אין איר. עס האָט זיך געפילט, אַז זיי באַטראַכטן זי ניט פאַר זייער אייגענער ליטעראַטור. דער פּוילישער סאָציאַליזם, אין אַלע זיינע ריכטונגען, איז תמיד געווען פון אַ מער אייראָפּייאישן שניט, און פאַר זיינע גייסטיקע העלדן, — ביי דער לפּי־ערכדיקער אָרעמקייט פון דעם אייגענעם טעאָרעטיש־סאָציאַליסטישן שאַפן, — האָט ער אַלעמאָל באַטראַכט פאַר זיינע לערער — די באַגרינדער און פירער פון דעם אייראָפּייאישן סאָציאַליזם, מיט לאַסאַלן און מאַרקסן בראש.

נאָר — צוריק צו מיין פּוילישן גימנאַזיסט.

אין אונדזערע געשפּרעכן האָט ער ביסלעכוויז געלאָזט דורכבליקן, אַז אויך ביי אונדז, אין דער וויטעבסקער גימנאַזיע, זיינען דאָ איבער־צייגטע סאָציאַליסטן, וואָס שטייען נאָענט צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ביי אייניקע פון זיי האָט מען שוין געמאַכט הויז־זוכונגען, ניט דורך דער זשאַנדאַרמעריע, נאָר דורך דער גימנאַזיאַלער אינספּעקציע, ווייל אונדזער דירעקטאָר האָלט די זשאַנדאַרמען דערווייטנס פון דער גימנאַזיע. ביי די הויז־זוכונגען האָט מען אָבער גאָרנישט ניט גע־פונען, צו דער פרייד פון דעם דירעקטאָר און צו דעם גרויסן צער פון דעם אינספּעקטאָר.

אָ, אונדזער אינספּעקטאָר איז איינער פון די ערגסטע פּינצטערלינגען! פאַר אים דאַרף מען זיך היטן, ווי פאַר פייער. ער גנב'עט זיך אָפט אונ־טער איינצוהערן זיך, וואָס מיר, עלטערע גימנאַזיסטן, רעדן צווישן זיך.

— איינמאָל, — דערציילט מיר סטאַניסלאַוו, — גיי איך אַזוי אַרום מיט אַ חבר, און מיר רעדן. ערשט אַן אַנטקעגנגייענדיקער חבר מאַכט מיר מיטן אויג אַן אָפּגערעדטן צייכן, אַז יענע זלידניע שאַרט זיך שוין הינטער אונדז. איך האָב ניט איבערגעביטן דעם קול און, ווי רעדנדיק אַלץ וועגן דער זעלביקער זאַך, הויב איך אָן דערציילן וועגן אונדזערס אַ פערד אין דעם גוט, אַ זיך בריקעוודיקס, און, מיינענדיק, אַז די זלידניע איז שוין נאָענט, האָב איך דערלאַנגט אַ בריק מיט מיין פוס, אַהינטער

זיך... אַ שאָד, וואָס איך האָב אים ניט געטראָפן!... באַדאַרפט אים טרעפן אין סאַמע צאַרטן אָרט, וואָלט ער געוואוסט, ווי נאָכצושפּיאָנירן... און אַנומעלטן האָט מען גערדאַרפט זען אַ סצענע, איז דאָס שוין איינמאָל געווען אַ סצענע!.. שטעלט ער (דער אינספּעקטאָר) אָפּ ראַטנערן און הויבט ביי אים אָן צו פרעגן, ווער האָט זיך דאָס ביי אים ניט לאַנג אויפגעהאַלטן אין דער היים... מען וואָלט גערדאַרפט זען ראַטנערס אומשולדיקנאַאיוון פּנים! „ווער מיינט איר, הער אינספּעקטאָר? — „נו, אָטדעם... אָט יענעם... ווי רופט מען אים?" — „איך ווייס ניט וועמען איר מיינט"... דער אינספּעקטאָר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אוועק. געפונען ביי וועמען אויסצוחרשן, — דער חמור!"

סטאַניסלאַווס רייד, דערציילונגען, שילדערונגען, אויפקלערונגען, האָב איך, ניט־קוקנדיק אויף זייער אַביסל אומנאַטירלעכן טאָן, געשלונגען מיט אַ משונהדיקער נייגיר און הנאה, פון דעם באַוואוסטזיין, אַז איך בין דאָ נאָענט צו מענטשן און פּאַסירונגען פון אַ פאַרכאַפּאַנדיקן אינטערעס און אַ מאָוימדיקן באַדייט.

איינמאָל גייען מיר אַזוי אַרום איבערן קאָרידאָר, אין דעם גערויש פון דער „לאַנגער הפסקה", ערשט אויף מיין אַקסל לייגט זיך אַרויף אַן אָרעם. איך טו מיך אַ קער און דערזע פאַר מיר מיין פריערדיקן „רעפּעטיטאָר" בראַוועןו, דעמזעלביקן, וואָס פלעגט תמיד שטעלן די לענגלעכע נולן און ציען אומברחמנותדיק פון מיר די אָדערן. זינט מיין לעצטער שטונדע, האָב איך זיך מיט אים ניט באַגעגנט.

— גוט ביי אונדז אין גימנאַזיע, אַ־יאָ? — האָט ער מיך געפרעגט מיט אַ ליבלעכן שמייכל.

אומענדלעך ליב איז מיר איצטער געווען זיין פּנים, דער וואַרעמער בליק פון זיינע קלוגע שוואַרצע אויגן.

— גוט! — האָב איך געענטפערט פון גאַנצן האַרצן.

ער האָט זיך שנעל איבערגעקוקט מיט סטאַניסלאַוון און איז אַוועק.

„אויך איינער פון זיי", האָב איך אַ טראַכט געטאָן, מיט אַן אויפוואַלנדיקן געפיל פון ליבע און אַכטונג צו „זיי", צו אַלעמען, אַפילו צו סטאַניסלאַוון.

אַזוי־אָ בין איך ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם קרייז פון נייע אידייען און אינטערעסן. רעדנדיק מיט סטאַניסלאַווס לשון, קאָן איך אויך זאָגן, אַז „אַלץ, וואָס איז אין מיר מענטשלעך און איידל געבוירן" שטאַמט פון יענע אינטערעסן און אידייען...

מיין מער אָדער ווייניקער סיסטעמאַטישע ראַדיקאַלע דערציאונג האָט

זיך טאַקע אָנגעהויבן פון לייענען בערנעס ווערק און אַריינלעבן זיך אין זיי.

לודוויג בערנע איז צום סוף ניינצנטן יאָרהונדערט, אפילו דעם נאָמען נאָך, געווען זייער ווייניק באַקאַנט דעם אויסוואַקסנדיקן ראַדיקאַלן דור. איצט ווייסט מען אוודאי זייער ווייניק וועגן אים. און דאָס איז אַ גרויסער שאָד, גאָר אַ גרויסער. עס איז אפשר אין דער גאַנצער אייראָפּייאישער ליטעראַטור נישטאָ קיין איין מחבר, וואָס זאָל ביי איינעם מאַכן אַזוי ליב די אידעאַלן פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, מאַכן זיי אַזוי בפועל ממש הייליק און טייער, ווי דאָס טוען בערנעס שריפטן. ווי פשוט און זעלבסט־פאַרשטענדלעך זיינען אייגנטלעך די אידעאַלן, פאַר וועלכע ער שטעלט זיך איין! ווי אַלט און ווייט פון אונדז — יענע אַריסטאָקראַטישע, אַלט פריצים־וועלט, וועלכע ער באַקעמפט! און פונדעסטוועגן — ווי נאָענט איז ער אונדז נאָך: ווי פול מיט לעבן איז נאָך יעדע שורה זיינע: ווי לייכט אונדז פון זיי זיין ריינע, קלאָרע נשמה, אַ דורכגעגליטע מיט דער ליידנשאַפט פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט!

ביי בערנען געפינט איר ניט קיין אויסגעמוטשעטע פראַזע, קיין איין אָראַ־טאָריש־צוגעפּוצטן, פּאַטעטיש־קלינגענדיקן זאַץ, ווי ביי אַ היינע, אַ לאַסאַל, אַ, להבדיל, טראָצקי. ער „רעדנערט" ניט. ער טענהט. ער גיסט אויס זיין אייגן האַרץ, דאָס פולע מיט צער פאַר אַלע אונטערדריקטע, מיט צאָרן אויף אַלע אונטערדריקער. עס איז ניט קיין פראַזע אין זיין מויל, ווען ער האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער שרייבט יעדע שורה, „מיט דעם בלוט פון זיין האַרצן און דעם זאַפט פון זיינע נערוון". אַזוי איז דער אוממיטלבאַרער איינדרוק פון אַלע זיינע רייד. און דערפאַר איז ער אַן אומשטערבלעך גרויסער שריפטשטעלער, וועמעס ווערק עס ווערן עד היום איבערגעדרוקט און פעלן ניט אין קיין ערנסטער אויסגאַבע פון דייטשע קלאַסיקער. און — נאַטירלעך: טאַלאַנט און סטיל, דער אייגנאַרטיקער „בערנעשער סטיל. טאַלאַנט, אָריגינאַליטעט און אומגעקינסטלטקייט — האָבן פאַר־זיכערט בערנעס „השארת הנפש".

פון בערנען זאַפט זיך אָן אויך דאָס בלוט פון דעם אייגענעם האַרצן און דער זאַפט פון די אייגענע נערוון מיט אַ גליענדיקן האַס צו אַלע אַרטן „פריצים", „אַריסטאָקראַטן", סאָציאַלע, ווי „גייסטיקע", ניט פאַר זייער רייכקייט, ניט פאַר דעם הויכן ניוואָ פון זייער לעבן, אפילו ניט דערפאַר, וואָס ער איז אַ העכערער, אַ פּריווילעגירטער ניוואָ: נאָר דערפאַר, וואָס אַ דאַנק זייער הערשאַפט, שטייען די מאַסן ניט אויף דעם זעלביקן הויכן

גיווא. מען זאָגט אויך איין אין הארצן און נערוון די סאָלידאַריטעט מיט די מאַסן, די אייגענע אחריות פאַר זייער גורל, די ליבע און שטאָלץ מיט יענע טיילן פון זיי, וואָס האָבן, ווי די פראַנצויזישע אַרבעטער אין די בלויע אַרבעטס־העמדלעך געקעמפט אויף די באַריקאַדן פאַר זייער פריי־הייט. מען זאָגט אויך איין אַ פּראָטעסט־געפיל אַנטקעגן דער פון שוויים פייכטער שלאַף־מיץ, וואָס שטעקט נאָך אויף די קעפּ פון די אַנדערע, פון די פאַרשלאָפענע. ווי ווילט זיך דאָס, אינאיינעם מיטן בערנען, אַראָפּרייסן אָט־דעם פייכטן קאָלפּאַק פון די פאַרשלאָפענע קעפּ און אַריינוואַרפן אים אין דעם פלאַקער פון דער רעוואָלוציע! ועל כולם, זאָגט מען אין זיך איין דעם גלויבן אין דער מאַכט פון דעם ערלעכן, פרייהייטלעכן וואָרט, אַ ליידנ־שאַפטלעכע שנאה צו יעדער צענזור, צו יעדער דערשטיקונג און דער־דריקונג פון דעם פרייען וואָרט, צו יעדער בייזוויליקער געמיינער פאַר־דרייאונג פון דעם אַנדערנס ערלעכע רייד!...

אָ, ווי גראָד אונדזער צייט נויטיקט זיך דאָס אין אַ גוטער דאָזע „בער־נע", איינגענומען אויף אַ „ניכטערן" מוח, נאָך ניט אַ פאַרשטאָפּטן מיט אַלערליי סאָפיזמען, וואָס ווילן איינרעדן, אַז „פרייהייט" און „גערעכטיקייט" און דעם מענטשנס רעכט אויף זיין מיינונג זיינען „קליינבירגערלעכע פאַר־אורטיילן"! בערנע איז געווען דער נביא פון דעם פרייען מענטשן.

14

מיר ווערן קאָסמאָפּאָליטן

די ערשטע אמתע לערער אין „ראַדיקאַליזם" זיינען פאַר מיר און אַנ־סקין געווען היינע און בערנע. דיביידע קאָנען ניט אָוועקגעשטעלט ווערן אין איין ליניע.

היינע איז אַ זשעני, אַ שטערן פון ערשטער גרויס אויף דעם הימל פון דער אַלמענטשלעכער פּאָעזיע, מיט אַ זייער ברייטן גייסטיקן האָריזאָנט. רעכנט מען אַראָפּ די נאַטור־וויסנשאַפטן און די ספּעציעלע יורידישע און עקאָנאָמישע פעכער, איז כמעט ניטאָ קיין איין פעלד פון דער גייסטיקער קולטור, וואָס זאָל ניט האָבן צוגעצויגן צו זיך זיין אינטערעס. פילאָזאָפיע, קולטור־געשיכטע, רעליגיע (די גריכיש־רוימישע און די אַלט־גערמאַנישע), פּאָליטיק און די אַלגעמיינע געשיכטע בכלל, — אין אָט־די אַלע פעלדער איז ער געווען, מער אָדער ווייניקער, אין דער היים, און אייניקע פון זיי האָט

ער באַפרוכפערט אָדער מיט טיפערע אָריגינעלע פאָרשונגען אָדער מיט איינצלנע, זייער באַדייטנדיקע אידייען, ארויסגעזאָגט אגב אורחא און ווי שפּילעוודיק.

היינע, דער דענקער און דער טעאָרעטישער פאָרשער, איז א קאַפּיטל, וואָס איז נאָך ניט געהעריק באַארבעט געוואָרן. דאָ וויל איך נאָר אָנמערקן, אַז פון אַלע תלמידים פון דעם גרויסן דייטשישן פילאָזאָף, העגעל, איז היינע געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין דער פּאָליטיש־קאָנסערוואַטיווער און קירכלעך־קריסטלעכער פילאָסאָפיע פון זיין רבין דערשפּירט איר אינע־ווייניקסטן ראַדיקאַלן און אַטעאיסטישן קערן און אַזוי אַרום אָפּגעעפנט א נייעם פעריאָד אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, דעם אַזוי־אָנגערופענעם יונג־העגעליאַניזם, יענעם אומגעהייער רייכן ראַדיקאַלן גע־דאַנקען־שטראָם, וואָס האָט ארויסגעבראַכט א שטראַוסן, פייערבאַכן, ברונאָ באַוערן און זייערע תלמידים: ווי ענגעלס, שטירנער, קאַרל מאַרקס, לאַסאַל.

ניט אומזיסט האָט זיך קאַרל מאַרקס נאָך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געגרויסט מיט היינעס פּערזענלעכער פריינטשאַפט.

די וואָס האָבן ניט געשטודירט גענוי יענעם פעריאָד, מיינען, אַז היינע איז, אין דעם פּרט פון ראַדיקאַלן דענקען, געווען נאָר א פּאָפּולאַריזאַטאָר פון די אויבנדערמאָנטע גייסטער. אין דער אמתן איז ער געווען ניט נאָר א פּאָפּולאַריזאַטאָר, נאָר אויך א זעלבסטשטענדיקער שאַפער, און אין א סך וויכטיקע פּרטים — דער ערשטער, דער דורכברעכער פון א נייעם וועג.

מען מערקט דאָס ניט אין די ווערק זיינע, וואָס האָבן צו טאָן מיט ריין טעאָרעטישע ענינים, ווייל ער רעדט צו אונדז ניט ווי א דענקער „פון פאַך", נאָר דער עיקר, ווי א פּאָעט. לאָגישע אַרגומענטן ווערן ביי אים בילדער, געדאַנקען פאַרוואַנדלען זיך אין געפילן; אַבסטראַקטע אמתן ווערן אויפ־געהיצט צו ליידנשאַפטן. אומעטום איז ער קודם־כל דער פּסיכאָלאָג, וואָס זוכט אויפצודעקן די קוואַלן פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אין די באַ־דערפעניש און בענקענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. אומפאַרגלייכלעך טיף און אָריגינעל איז ער אין יענע צווייגן פון דער גייסטיקער קולטור, וואָס שטייען אָם נאָענטסטן צו זיין אייגענער שאַפונגסקראַפט, אין דער פּאָעזיע, אין דער שיינער ליטעראַטור בכלל און אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער קונסט: דער מוזיק, דער סקולפּטור, דער מאָלעריי.

ווען וואָס היינע זאָל ניט רעדן, איז ער אַלעמאָל דער פּאָעט מיט דער רייכסטער, שפּילעוודיקסטער פאַנטאַזיע. זיין סטיל איז ווי די קלאַ־וויטור פון אַן אָרגל: ער האָט די שטילסטע טענער ביז צו די מעכטיקסטע. אָפטמאָל דערהויבט ער זיך ביז צו א טיטאַנישער קראַפט. אין איינעם פון

זיינע ליבע־לידער, זאָגט ער, אַז ער וואָלט געוואָלט אויסרייסן פון וואַלד אַ צעדערבוים, איינטונקען אין אַ וואולקאַן און אָנשרייבן מיט פייערדיקע אותיות אויף דעם נאַכטיקן הימל דעם נאָמען פון זיין געליבטער. דאָס קאָן דינען ווי אַ סימבאָל פאַר זיין שרייבן בכלל, דאָרטן, וואו ער ווערט באהערשט פון דער ליידנשאַפט, וואו ער שטעלט זיך, צום ביישפּיל, איין פאַר די אידעאַלן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס איז, באמת, ווי ווען ער וואָלט געשריבן מיט אַ מאַסט־בוים, איינגעטונקט אין אַ וואולקאַן.

אין די ראָמאַנטישע שטעלן פון היינעס פּראָזע רוישט עס אָפּט און עס קלינגט, און עס האַרמידערט, ווי אין אַ שטורם. מען האָט אַ פּאָר־געפיל פון וואַגנערס אָן אָפּערע. ניט אומזיסט האָט טאַקע וואַגנער באַאַר־בעט אַסך מאָטיוון, וועלכע היינע האָט צוערשט פּאָפּולער געמאַכט אין דער ליטעראַטור.

אָבער ווי ברייט עס זאָל ניט זיין היינעס האָריזאָנט, ווי הויך און ווייט עס זאָלן ניט אַוועקטראָגן אים די פליגלען פון זיין געדאַנק און זיין פאַנטאַזיע, פלעגט היינע פאָרט, אין מיטן פלי, צווינגען זיין פּעגאַס, אָפּט מיט דער בייטש פון דער איראָניע, ער זאָל שאַרף אַ קער טאָן זיך פון די הויכע הימלען צוריק צו אונדזער ערד, צו אירע נויטן און פּלאָגן. און דעמאָלט פלעגט ער ווערן דער „טאַמבור־מאַזשאָר" פון דער פרייהייטס־אַרמיי, וואָס קעמפט דעם גרויסן קאַמף פון דער צייט·

און נאָר דאָ, וואו היינע מאַרשירט, ווי אַ סאָלדאַט, אין דער אַרמיי פון די פרייהייט־קעמפער, קאָן בערנע, דער קלענערער, דער אָרעמערער אין זשעני, אָבער אויך דער פיל רייכערער אין דעם גלוט פון אמתן אידע־אַליזם און מענטשנליבע, אַוועקגעשטעלט ווערן ניט נאָר אין איין ליניע מיט אים, נאָר געווים אויף אַ שטאַפּל העכער. דער עיקר, אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער רעאַקציאָנערער וועלט, וועלכן ביידע האָבן געפירט כמעט מיט די זעלביקע כלי־זין: דעם שאַרפן וויץ און דער סאַטירע.

אין דער האַנטירונג פון אָט־די כלי־זין שטייט בערנע אפשר נאָך העכער פאַר היינען, ווייל אַ סך ערלעכער און ערנסטער. היינעס אָנפאַלן, מאַכן אַמאָל דעם איינדרוק פון אַ יעגערס שפּילן זיך מיט דער אייגענער קראַפט און שיס־קונסט. ער באַנוצט אַ שיין־פאַרצירטן בויגן, וועמעס פייל־ען פאַרוואונדן, אָבער טויטן ניט. בערנע איז דער רעוואָלוציאָנערער „קאָנס־פּיראַטאָר", וואָס טראָגט זיין סטילעט באַהאַלטן אין אַרבל, כאַפּט אים בליץ־שנעל און אומדערוואַרט אַרויס, ווען מען דאַרף, און טרעפט דעם שונא גלייך אין האַרצן אַריין.

אָט־די צוויי מייסטערס פון פּאָליטישן און גייסטיקן קאַמף האָבן גע־

האָט אַ געוואַלטיקע דערציערישע השפּעה אויף דער יוגנט. איז איינער פון דער נאַטור געווען באַשאַנקן מיט אַן אייגענעם פאַרשטאַנד, מיט אַביסל וויץ און פאַנטאַזיע, האָבן יענע שריפטן געוועקט און געדרייצט די נאַר־וואָס אויפוואַכנדיקע גייסטיקע כוחות, געקרעפטיקט די יונגע פליגלען און גע־לערנט פאַרלאָזן זיך אויף דער אייגענער שאַפונגסקראַפט און אויספּרובירן זי, לויט זייער מוסטער.

אויף מיר האָט מער געווירקט היינע. אויך אויף מיר פלעגט אין אַ געשפּרעך אָפט אָנפאַלן די לוסט צו שפּילן זיך מיט דעם פּאָליטישן וויץ צוליב דעם שפּיל. משמעות, איך פלעג אָפט אַריבערכאַפּן די מאָס און שוין צו־שקלאַפיש נאָכמאַכן דעם מייסטער. פלעגט מיר שלמה זאַנוול איבער־ראַשן תרעומותדיק: „געיניטשאיעט?" („דו הייניזירסט?")

אויף שלמה זאַנוולען האָט מער געווירקט בערנע. און זיין „בערניזירן" האָט, דאַכט מיר, געשטאַמט ניט אַזוי פון יענעמס השפּעה, ווי טאַקע פון דער אינעווייניקסטער נאָענטער קרובהשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישן זיין נשמה און בערנעס. שלמה זאַנוול האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער גע־פירט אַ טאָגבוך, וועלכן ער פלעגט מיר צושיקן העפטנווייז (איך בין שוין דעמאָלט ניט געווען אין וויטעבסק). דער טאָגבוך האָט זיך געלייענט, ווי די בעסטע „בערנישע" בריוו. (טיילן פון אָט־דעם טאָגבוך געפינען זיך נאָך איצטער, ווי מיר האָט איבערגעגעבן די שאַרגאָראָדסקאַיאַ, צווישן אָנסקיס כתבים אין לענינגראַד).

אָבער אויך היינע האָט געהאַט אַ מעכטיקע ווירקונג אויף אים. פילע פון זיינע יוגנט־שריפטן, ניט פאַרענדיקטע, וואָס האָבן ניט דערבליקט די ליכטיקע שיין, זיינען געווען פראַכטפולע פאַנטאַזיעס אין אַ היינעשן גייסט אויף עקסטרעם ראַדיקאַלע טעמעס. שפּעטער, ווען דער ליטעראַרישער שאַפן איז געוואָרן דער ערנסט פון זיין לעבן, האָט ער באַוואוסטזיניק באַקעמפט אין זיך זיין „הייניזירן", ווי מיר דאַכט, צו דעם גרויסן שאָדן פון זיין טאַלאַנט. פון אַלע ראַדיקאַלע אידייען, וואָס האָבן געהערשט אין די שריפטן פון די צוויי דייטש־יידישע ראַדיקאַלן, האָט אויף אונדזביידן דעם גרעסטן רושם געמאַכט — זייער ביידנס קאַמף אַנטקעגן „שאָוויניזם" און „נאַציאָנאַליזם". סיי היינע, סיי בערנע זיינען, אין זייערע געדאַנקען, געווען אויסגעשפּראָכענע קאָסמאָפּאָליטן. דער גאַנצער ענין פון נאַציאָנאַליזם איז פאַר זיי געווען אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַן אילוזיע פון אַ פאַלשן דענקען, וועלכע די פּאָלקספיינט נוצן אויס, כדי צו האַלטן די מאַסן אין פינצטערניש און שקלאַפעריי. די איינטיילונג אין רעליגעס, ווי אויך דער עצם ענין פון „נאַציע" און „רעליגיע", זיינען רעאַקציאָנערע דערשיינונגען, שווערע,

קאָשמאַרהאַפטע ירושות פון דעם פינצטערן עבר, וואָס מוזן פאַרשווינדן מיט דעם גאַנג פון דעם פּראָגרעס, אונטער די שטראַלן פון דעם באַפרייטן שכל.

היינע זאָגט ערגעצוואו בפירוש ארויס זיין גזר־דין, אַז „אין דער איצטיקער צייט" זיינען שוין גאָר ניטאָ קיין נאַציעס. עס זיינען נאָר דאָ צוויי פּאַרטייען: די רעאַקציאָנערע און די ליבעראַלע, פון וועלכע איינע קעמפט אין דעם נאָמען פון אויטאָריטעט און טראַדיציע, די אַנדערע שעפּט איר באַרעכטיקונג פון דעם פרייען געדאַנק·

אין תוך אַריין האָבן ביידע געהאַט שאַרפע נאַציאָנאַלע נייגונגען, שטימונגען, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. וועגן בערנען האָט היינע אַמאָל דערציילט, אַז אין אַ געשפּרעך מיט אים האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט, ווי אַ הייסער דייטשישער פּאַטריאָט, וואָס וויל ניט דערלאָזן, אַז „איין טעפּל, אַ דייטשער" זאָל אַריבערגיין צו די פראַנצויזן. און אויך ביי היינען איז קיין קונץ ניט אָנצוטאַפּן זיין התלהבותדיקע ליבע צו דעם פראַנצויזישן פאָלק און זיין שאַרפע אומגערעכטע אַנטיפּאַטיע צו די ענגלענדער. אָבער — דאָס איז שוין אַזוי מיט אַלעמען. ניטאָ קיין מענטשן, וואָס דענקען ערנסט וועגן ווירקלעכן לעבן, און זאָלן — ווי קאָסמאָפּאָליטיש זיי זאָלן ניט זיין אין זייער געדאַנק — זיין אמתע קאָסמאָפּאָליטן אויך אין געפיל. פאַרן קאָפּ קאָנען אַלע פעלקער זיין גלייכע מענטשן. פאַרן האַרצן קאָנען ניט אַלע פעלקער שטיין אויף דעמזעלביקן ראַנג. ביי היינען האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן גענומען אַלץ מער און מער אַרויסווייזן זיין אינעווייניקסטע גליענדיקע יידיש־נאַציאָנאַלע אָריענטאַציע אין געפיל.

אָבער — יונגעלייט, אומגעניט אין דעם געפילס־לעבן בכלל און אין די נאַציאָנאַלע געפילן בפרט, האָבן ניט געמערקט יענע טונקעלע סימפּאַטיעס, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער די קלאָרע געדאַנקען; זיי האָבן פאַרזען דעם ווידערשפּרוך צווישן קאָפּ און האַרץ. מיר האָבן זיך איינגעהערט אין די קלאָרע רייד און אין די שטימונגען, וואָס יענע רייד לאָזן איבער אין דער נשמה; און דער רעזולטאַט פון די שטימונגען איז געווען — דער ריינסטער, קאָנסעקווענטסטער קאָסמאָפּאָליטיזם, ווי איינער פון די וויכטיקסטע זיילן, אויף וועלכע עס רוט דער ראַדיקאַלער געדאַנק, דאָס הייסט, דער אַבסאָלוטער אמת.

פאַר מיר פערזענלעך איז דער קאָסמאָפּאָליטישער געדאַנק אַ געוויסע צייט געווען אַ היילנדיקער באַלזאַם אויף אַ וואונד, וואָס איך האָב באמת געשפּירט אין מיין נשמה, זינט מען האָט מיר קלאָר געמאַכט, אַז מיר, יידן, לעבן אַ פּאַראַזיטיש לעבן. איך וויל מיך ניט פאַרלאָזן אויף מיינע

איצטיקע זכרונות וועגן יענער וואונד, איר טיפקייט און איר שמאַרצלעכ־קייט. ס'קאָן זיין, שפּעטערע געפילן סופליר איך אריין אין אַ פריערדיקער צייט. אָבער דאָס בין איך זיכער, אַז מיין נשמה, וואָס איר ערשטער גלי איז געווען דער יידישער פּאַטריאָטיזם, האָט זיך גענויטיקט, ווען דער גלי איז באַגאָסן געוואָרן מיט קאַלטן וואַסער, אין אַן אויסגלייך, אַ האַרמאָניע און אַ באַלאַנס. און אָט־דעם באַלאַנס האָט מיר געגעבן דער היינעשער קאָסמאָפּאָליטיזם.

יידן זיינען פּאַראַזיטן. אָבער דאָך ניט יידן אַליין. אויך היינע באַ־האַנדלט ניט מיט זיידענע הענטשקעס די בערזן־יידן פון זיין דור, און נאָך דערצו — די אַסימילירטע, די פּאַרגוויאַישטע און געבילדעטע. מען דאַרף נאָר צוקוקן, מיט וויפל שפּאָט ער באַגיסט, צום אויסדרייען, דעם „מאַרקיז גומפּעלינאָ". וועמעס דאגה — דער גומפּעלינאָ? ניטאָ קיין פעלקער — ניטאָ אויך קיין יידן, ווי אַ פאָלק, און אויף קיינעם ליגט ניט קיין ספּעציעלע אחריות פאַר דער ספּעציעלער יידישער עקזיסטענץ... און באַלד קומט משיח, ווען פון פעלקער וועט בכלל קיין זכר ניט בלייבן...

זיינען מיר געוואָרן, הייסט עס, קאָסמאָפּאָליטן... אין געדאַנק. מיט דעם געפיל קאָן מען אָבער, משמעות, ניט לעבן ריין־ראַציאָנאַל. וויניקסטנס האָבן דאָס ניט געקאָנט ניט איך, ניט שלמה זאַנוול. אָנגעוואָרן אונדזער יידיש־נאַציאָנאַלע אָריענטאַציע, האָבן די געפילן געמאָנט אַ פאָלק, צו וועמען צו געהערן, מיט וועמען זיך צו באַהעפטן, וועמען צו דינען... און מיר זיינען געוואָרן — „רוסן".

15

אַ טרערן־בונד מיטן רוסישן פאָלק

קיין זאַך ווירקט ניט אַזוי דערציעריש אויף אַ יונגן גייסט, קיין זאַך לאָזט ניט איבער אין דער נשמה אַזאַ טיפן רושם אויפן גאַנצן לעבן, ווי די „שיינע" ליטעראַטור און פּאָעזיע.

אויב מיין פּוילישער חבר האָט געשפּירט, אַז אַלץ, וואָס אין אים איז „איידלגעבוירן און מענטשלעך", האָט ער צו פאַרדאַנקען די יידן, מוז איך מיך דאָ מודה זיין, אַז גאָר אַ גרויסן טייל פון מיין „בעסערן איך" האָב איך צו פאַרדאַנקען די רוסן, און ניט נאָר זייערע דענקער און אויפקלערער — פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי, לאַזאַראָוו און מיכאַלאָווסקי,

— (צו דערמאָנען נאָר די וויכטיקסטע נעמען), און נאָך א גרעסערן גראַד, ווייל גערעדט ניט צו דער אבסטראַקטער לאָגיק און דעם פארשטאַנד, נאָר צו דער פאַנטאַזיע און דעם געפיל, — האָבן געווירקט אויף מיר און אנסקין די קאַריפּעען פון דער רוסישער בעלעטריסטיק און דער פּאָעזיע. דערציעריש אויף אונדז האָט אין ערשטער ליניע געווירקט זייער וואונדער־באַרער טאַלאַנט, וואָס האָט אונדז אַוועקגעשטעלט פּנים לפּנים מיט דעם ווירקלעכן רוסישן לעבן; וואָס האָט אונדז אויסגעמאָלט די גרונט־טיפּן פון דעם רוסישן מהות מענטש, אין וועלכע מיר האָבן דערקענט זיך אליין און אונדזערע ארומיקע אזוי, אז עס האָט זייער גרינג זיך געקאָנט אויס־בילדן די אילוזיע: „מיר" (יידן) און „זיי" (רוסן) זיינען איין און דאָס זעלביקע פאָלק.

נאָך וויכטיקער איז אָבער געווען די ווירקונג פון יענעם הומאַניטאַרן גייסט, מיט וועלכן יענע ליטעראַטור איז געווען אָנגעזאַפּט. אזא נאַטיר־לעכע, אזא מענטשלעך־איידעלע שטעלונג צו מענטש און לעבן, ווי מיר געפינען זי אין דער רוסישער ליטעראַטור פון גאָגאָלן און פּושקינען ביז צו קאָראָלענקאָן, טשעכאָוון און גאָרקין, — ועד בכלל, — איז זיכער זעלטן־וואו צו געפינען אין א וועלכער עס איז אַנדער ליטעראַטור.

ערשט אין דעם סוף אכציקער יאָרן, מיט דעם אויפקום פון דער נייער פּאָעזיע, מיט אירע „מאָדערניסטישע" משוגעתן, מיט איר אָפּקערן זיך פון דעם ווירקלעכן מענטשלעכן לעבן און זיינע פּראָבלעמען, מיט איר איינגריבלען זיך און פארלירן זיך אין דעם פארפּלאָנטערטן שפּינוועבס פון דער אייגענער נשמה, איז די רוסישע ליטעראַטור אראָפּ פון איר היסטאָרישן וועג און געגומען פארלירן איר אַלטרואיסטיש־הומאַניטאַרן כאַראַקטער.

נאָר — לאָם איך אליין ניט אראָפּ פון וועג אין די נאָטיצן וועגן מיינע איבערלעבונגען! מיר האַלטן אין דעם אָנהויב פון די אכציקער יאָרן, ווען אויף אונדזער גייסטיקן האָריזאָנט האָבן מיט א ניט־פארמינערטן גלאַנץ געלויכטן די זונען און שטערן פון די רוסישע קלאַסיקער, וואָס האָבן אונדז, יונגע יידן, צוגעפירט און צוגעבונדן צו דעם רוסישן פאָלק.

און אין דעם פּרט קומט די בכורה דעם גרעסטן פּאָעט פון די זעכצי־קער יאָרן, דעם גרעסטן נאָך פּושקינען און לערמאָנטאָוון. איך מיין דאָ ניעקראַסאָוון. די קלאַסיקער האָבן אונדז צוגעפירט צו דעם רוסישן „פאָלק", אין דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן זין פון דעם וואָרט. ניעקראַסאָוו האָט אונדז געמאַכט ליב און טייער דאָס רוסישע „פאָלק", אין דעם ענגערן זין פון דעם וואָרט, אין דעם זין פון דעם המון־עם, פון די ארבעטאָרישע שיכטן בכלל און דער פּויערימשאַפט בפּרט.

ניעקראַסאָוו — אַ פּאָעט? און נאָך „אַ גרויסער", „דער גרעסטער?!"

איך ווייס, אַז גראָד וועגן דעם ענין פון ניעקראַסאָוון, ווי אַ פּאָעט, זיינען אין דער רוסישער ליטעראַטור און נאָך מער ביי דער רוסישער לעזער־וועלט, פאָרגעקומען די היציקסטע סכסוכים און ויכוחים.

די, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף די עסטעטישע טעאָריעס און ליטעראַרישע מוסטערן פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן, מיט זייער קולט פון דער ריינער שיינקייט לשם קונסט לשם קונסט, האָבן בכלל מבטל געווען דעם פּאָעטישן כאַראַקטער פון ניעקראַסאָווס מאָנומענטאַלע שאַפונגען.

אפילו טורגעניעוו, אַ דורכגעדרונגענער מיט דעם זעלביקן הומאַניטאַר־רעאַליסטישן גייסט, וואָס האָט געפונען זיין שאַרפסטן אויסדרוק אין ניעקראַסאָווס פּאָעזיע, האָט — לפי דער טעאָרעטישער שטעלונג זיינער — תחילת ניט געקאָנט באַנעמען ניעקראַסאָווס גבורה.

„ניעקראַסאָווס לידער", האָט ער געשריבן אין איינעם פון זיינע בריוו צו אַ פריינט, „דאָס איז אַ צעקייטע ביבולע פּאַפּיר, באַגאָסן מיט עסיק". ערשט שפּעטער, ווען עס איז אַרויס די ערשטע זאַמלונג פון ניעקראַסאָווס ווערק, האָט ער, אויך אין אַן אינטימען בריוו, געמאַכט אַ שטיקל קאָנצעסיע: „זע אָקאָרשט", שרייבט ער, „ניעקראַסאָווס לידער, צונויפגעקליבן אינאיינעם, בייסן זיך"...

און כמעט די זעלביקע שטעלונג, ווי טורגעניעווס, האָט גענומען הערשן צו ניעקראַסאָוון אין דעם סוף פון ניינצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, ווען מען האָט ווידער אַוועקגעזעצט אויף דעם כסא המלכות די ריינע קונסט לשם קונסט.

כדי אינגאַנצן פאַנאַנדערקלייבן זיך דערין, וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבן אַ לאַנגע חקירה וועגן דעם ענין פון פּאָעזיע בכלל, און פון ניעקראַסאָווס שאַפונגען בפרט. דאָס, נאַטירלעך, קאָן איצטער ניט זיין מיין אויפגאַבע. בקיצור, וויל איך דאָ אַרויסזאָגן מיין מיינונג, צו וועלכער איך בין געקומען נאָך אַ לאַנגן און, ווי מיר דוכט, ניט גאָר אויבערפלעכלעכן אַריינטראַכטן זיך אין דער פראַגע.

אין דער פּאָעטישער שטימונג זע איך אַ מין לייכט־היפּנאָטישן צושטאַנד. וואָס „פּאָעזיע" איז, קאָן מען ניט פאָרמולירן אין ווערטער, ווי מען קאָן בכלל ניט פאָרמולירן אין ווערטער יענע קאָלירטע שטימונגען פון דער נשמה, וואָס שיידן זיך אָפּ פון איר אַבסאָלוט ניכטערן מצב. דאָס איז ענלעך צו פאַרשיכורטקייט; ענלעך צו פאַרחלומטקייט, האַליוצינאַציעס

אן פאַרחושטקייט; עולעך צו עקסטאַז און התלהבות; עולעך צו רעליגיעזער שבת־קודשדיקייט און יום־טובדיקייט.

איז עס אַ געמיש פון אַט־די אַלע עלעמענטן, אַ מין רעגנבויגן פון אַט־די אַלע פאַרביקע נשמה־שטראַלן, אָדער אַן אייגנאַרטיקער זעלבסט־שטענדיקער רוחניותדיקער ליכט־שטראַל? דאָס איז שווער צו זאָגן. עס איז גענוג פאַר אונדז צו וויסן, אַז אַרויסרופן אין אונדז דעם דאָזיקן פאַרביקן ליכט־שטראַל און לאָזן די גאַנצע נשמה באַלויכטן ווערן אין זיין קאָליר, קאָן אַ פּאָעטיש ווערק קודם־כל, ווען דאָס ווירקט אויף אונדז היפּנאָטיזירנדיק דורך אַ געוויסן מוזיקאַלישן ריטם פון דער שפּראַך. דערנאָך מוז דערצו צוקומען דאָס קלאָרע בילד, וואָס זאָל צווינגען די פאַנטאַזיע, איינצושמועסן זיך, אַז דאָ זעט מען פאַר זיך אַ רעאַלע ווירקלעכקייט (מעג זיין, ווי פאַנטאַסטיש אויסגעטראַכט). און דערנאָך מוז דאָס בילד זיין פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז ער זאָל אין אונדז אַרויסרופן אַ באַשטימטן געפיל, פונקט דעם זעלביקן, מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגענומען אין דעם דיכטערס נשמה, ווען ער איז דאָרטן באַשאַפן געוואָרן.

אין אַט־די דריי עלעמענטן: היפּנאָטיזירנדיקער ריטם, בילד און געפיל, ליגט די גבורה פון אַ פּאָעטישן ווערק. אָבער אַט־די גבורה קאָן אַ פּאָעטיש ווערק אַרויסווייזן אויף אונדז נאָר, ווען מיר אַליין לאָזן זיך אונטערגעבן אונטער איר ווירקונג. דאָס איז פונקט ווי מיט דעם היפּנאָטיזם. מענטשן, וואָס שטעלן זיך לכתחילה קריטיש צו דעם היפּנאָטיזירער, ווערן גאָרניט אונטערפאַלן, אָדער גאָר שווער אונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון זיינע „פּאַסן" און מורמלענדיקע איינרעדענישן. ער דאַרף קאָנען ברעכן אונדזער ווידערשטאַנד. אַזוי איז דאָס אויך מיט דעם פּאָעט. ער מוז געווינען אונדזער מיטגעפיל, — לאָז זיין נאָר אויף אַ ווײַלע, — כדי צו קאָנען אַריינפאַנגען אונדז אין דעם נעץ פון זיינע שטראַלן.

עס איז קלאָר, אַז וואָס נעענטער עס איז צום האַרצן דער ענין, וועלכן דער פּאָעט באַזינגט; וואָס סימפּאַטישער עס איז איינעם דעם פּאָעטס שטעלונג צו דעם ענין, אַלץ גרינגער קאָן דער פּאָעט אַרויסברענגען זיין פּאָעטישע ווירקונג, אַלץ גרינגער גיבן מיר זיך אונטער זיין היפּנאָטיזירנדיקער מאַכט, און אַלץ גרעסער מוז לפי דעם אויסוואַקסן אין אונדזערע אויגן זיין פּאָעטישער באַדייט.

ניעקראַסאָוו האָט דורך דעם אייגנאַרטיקן ריטם פון זיין שפּראַך, דורך דער קלאָרקייט און שאַרפקייט פון דעם געמאָלטן בילד, דורך דער נאָענטקייט פון דעם ענין צו אונדזער האַרצן, — די ליידן און פריידן פון דעם אַרבעטאָרישן פאָלק, — דורך זיין שטעלונג אין געפיל צו דעם ענין,

וואָס איז אויך אונדז געווען אַזוי סימפּאַטיש, — דורך אָט־די אַלע עלע־מענטן, האָט ער אין אונדזערע יונגע נשמות אַריינגעברענגט די געפילן פון אמתער הייסער ליבע און טיפן רחמנות צו די רוסישע פאָלקסמאַסן בכלל און צו דער פּויערימשאַפט בפרט, פון טיפן צער פאַר זיין שווערן גורל אויף דער וועלט, און פון גליענדיקן צאָרן אויף זייערע באַדריקער: גראָד יענע געפילן, וואָס האָבן געלעבט אין דער ברוסט פון דעם פּאָעט.

אויב געטע האָט אין זיין „פּראָמעטעאוס״־ליד געהאַט אין זינען דעם פּאָעט, ווען ער האָט אין פּראָמעטעאוסעס ליפּן אַריינגעלייגט די שטאָלצע רייד:

„היער זיץ איך, פאָרמע מענשען נאָך מייַנעם בילדע". —

מענטשן, וואָס זאָלן האָבן די זעלביקע פריידן און לײדן, ווי ער, איז ניעקראַסאָוו זיכער געווען גאָר אַ גרויסער פּאָעט.

דער טעות פון אונדזער דעמאָלטדיקן דור אין אונדזער שטעלונג צו דעם ענין פון פּאָעזיע און פון קונסט בכלל איז געלעגן ניט אין דעם, וואָס מיר האָבן געזען אין ניעקראַסאָוון דעם „אמתן״ פּאָרטרעטער פון מענטש־לעכער פּאָעזיע, נאָר אין דעם, וואָס, באַצויבערט פון זיין ווירקונג אויף אונדז, האָט זיך אונדז געדוכט, אַז נאָר די ענינים, דורך וועלכע ניעקראַ־סאָוו האָט אין אונדז אַרויסגערופן יענע פּאָעטישע שטימונגען, זיינען בכלל באַרעכטיקט אין דער פּאָעזיע. די ריין „עסטעטישע״ פּאָעטן, ווי פעט און מאַיקאָוו, וואָס האָבן באַזונגען אַלגעמיין־מענטשלעכע ענינים, — אונדז אָבער מער אָדער ווייניקער פרעמדע, — (דאָס רוב האָבן מיר זיך איינגע־שמועסט, אַז זיי זיינען אונדז פרעמד), האָבן מיר אַריינגעוואָרפן אין דעם „חרם דרבינו פיסאַרעוו״ און ניט געוואָלט אַריינקוקן אין זייערע ווערק.

מיר געדענקט זיך אַן אָוונט, פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון אונדזערע יונגעלייט. מען האָט געשפּילט אין פאַנטן, דיסקוטירט און גע־זונגען לידער. ווי כמעט אַלע מאָל אין אַזעלכע אָוונטן, האָט מען אויך דאָס מאָל ניט פאַרפעלט אויסצוהערן פון אונדזער בעסטער זינגערין ניעק־ראַסאָווס באַרימטע ליד וועגן דעם גורל פון דער רוסישער פּויערשער פרוי.

איך האָב לײדער ניט אונטער די הענט ניעקראַסאָווס שריפטן און איך וועל ברענגען נאָר די טײלן פון דעם ליד וואָס זיינען פאַרבליבן אין זכרון. דאָס ליד הויבט זיך אָן אַזוי:

„וויפּאָלנעם ראַזגאַריע סטראַדאַ דערעווענסקאַיאַ!
דאָליאַ, טי דאָליושקאַ רוסקאַיאַ, זשענסקאַיאַ!
וויריאַד לי טרודניעע סיסקאַט..."

(„פול זיך צעברענט האָט דער האָרעווען דאָרפישער.
גורל, דו גורלע, רוסישער, ווייבערשער!
שווערער געפינט מען אים וואו?")

דער פּאָעט שילדערט די שווערע אַרבעט פון דער פרוי ביי דעם שניט, וועלכע זי רייסט איבער, כדי צו איילן צו דעם שרייענדיקן זויג־קינד, וואָס ליגט ערגעץ־וואו אויפן ברעג פעלד. די מוטער שטייט איבער אים, ווי פאַרשטיינערט.

„וואָס־זשע בלייבסט שטיין דו איבער אים, אַ פאַרגליווערטע,
מוטער געדולדיקע, זינג!"

זי זעצט זיך איינשטילן אים מיט דער ברוסט, און

„סיוויגט זיך אויף איר אום אַ זייל פון רמשימלעד.
סיקיצלט און זשומעט און בייסט".

פאַרטיק געוואָרן מיט דעם קינד, נעמט זי זיך פאַר איר אָרימן עסן: שוואַרץ ברויט מיט קוואַס. טרערן פליסן פון אירע אויגן און טראָפּענען אַריין אין דער שמוציקער כלי.

דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט אַ פערז:

„וואָט אָנאַ גובי סוואָאי אָפּאַליאָניאַ
זשאַרנאָ פּאָדנאָסיט קי קראַיאַם.
ווקוסנאָ לי, מילאַיאַ, סלאָזי סאָליאָניאַ
סיקיסלים קוואַסאָם פּאָפּאָלאַם?..."

(„אָט טראָגט זי צו אירע ליפּן פאַרשמאַכטע,
נעמען אַ דאָרשטיקן זופּ.
גוט עפּעס, ליבינקע, טרערן געזאַלצענע
אויף אַ העלפט מיט דעם זויערן קוואַס?")

יענעם אָוונט האָט דאָס ליד אַרויסגערופן אַ העפטיקע דיסקוסיע וועגן דעם ענין פון פּאָעזיע בכלל, און צי איז „דאָס" געווען פּאָעזיע. געווען צווישן אונדז אַן עלטערער גימנאַזיסט, וואָס איז געשוואומען איינער אליין

אנטקעגן דעם שטראָם, און האָט פּאַרטיידיקט די אַלטע עסטעטיס. עט־לעכע מאָל פלעגט ער אין זיינע רייד איבערחזרן: „פּראַוו ביעלינסקי, קאָטאָרי סקאַזאַל" — (גערעכט איז ביעלינסקי, וואָס האָט געזאָגט"...) ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס ליד ניעקראַסאָווס איז זייער אַ וואויל ליד. אָבער — צו וואָס אָנרופן עס פּאָעזיע? עס איז אויך אַ גוטע זאַך, אָבער אַן אַנדער זאַך, וואָס האָט צו פּאָעזיע קיין ברעקל שייכות נים.

— נו, און וואָס איז פּאָעזיע? אָט־דאָס? — האָט אים געפרעגט איינער פון אונדזערע, און האָט, מער קאָמיש, אָפּגעקלאַמירט פיעט'ס אַ קליין ליריש לידל, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„שאָפּאָט... ראָבקאָיע דיכאַניע...
טרעלי סאָלאָוויאַ.
סיערעברא — אי קאָליכאַניע
סאָננאַוואָ רוטשיאַ.
נאָ לאַניטאַך פּורפּור ראָזי,
אָטבליעסק יאַנטאַריאַ
אי אָביאַטייאַ, אי סליאָזי,
אי — זאַריאַ, זאַריאַ..."

(„מורמל... ציטערדיקער אָטעם...
טרעלן פון דער נאַכטיגאַל,
זילבער און דאָס וויגן זיך
פון דעם טייכל אין שלאָף.
אויף די וואַנגען — רויזן־פּורפּור,
אָפּגלאַנץ פון בורשטין.
און אַ האַלדזן זיך, און טרערן,
און — באַגין, באַגין!"

— אָפּלאַכן קאָן מען פון אַלץ! יאָ, דאָס איז אמתע פּאָעזיע, — האָט זיך נים איינגענומען דער גימנאַזיסט·

— מוחל אַזאַ פּאָעזיע!

אין דער אמתן, איז דער „עסטעט" געווען אין איין פּרט גערעכט. פיעטס לידל איז טאַקע עד־היום „אמתע" פּאָעזיע: אַן אמתער פּערל אין דער רוסישער ליריק אָבער דער קאָנטראַסט צווישן די זיסע גליקס־טרערן, פאַרגאַסן פון אַ פאַרליבטן פּאָרל, אָקאָרשט באַגינען, און די

„טרערן געזאַלצענע, אויף אַ העלפט מיט דעם זויערן קוואַס", פאַרנאָסן פון דער פוירעטע אין דעם „פּאַנאַנדערבראָכן פון דעם דאָרפישן האַרע־ווען", איז געווען אַ געוואַלטיקער, אַז דעם עסטעטס אַרגומענטן זיינען פון אונדז אָפגעשפּרונגען, ווי אַרבעס פון אַ וואַנט.

האָבן מיר דען קיינמאָל ניט דורכגעלעבט יענע פּאַטעטישע שטימונגען, וואָס ווערן באַזונגען אין פּיעטס לידל? אוי, און נאָך ווי!... (הגם ניט אין יענער, אַביסל סענטימענטאַלער און שאַבלאָנער דעקאַראַציע), אָבער די מעשה מיט דער פּאָעזיע, — ווי מיט דער קונסט בכלל, — איז אַזאַ: פּאַראַן קונסטווערק און קינסטלערישע זאַכעלעך, און די נפקא מינה צווישן זיי הענגט ניט אָפּ פון זייער פאַרנעם. אַ גרויס ווערק דאַרף זיין גרויס ניט נאָר לויט זיין פאָרם, נאָר אויך לויט דעם ענין. דער ענין דאַרף זיין אַזאַ, אויף וועלכן דאָס לעבן שטעלט אַ באַזונדער טראָפּ. אין אונדזער לעבן איז דער טראָפּ געשטאַנען אויף דעם ענין: „פּאָלק" און אויף דער אַרבעט צו דינען אים. האָט דער עיקר דאָס געקאָנט אַרויסרופן אין אונדז די אינטענסיווסטע פּאַטעטישע עמאָציעס. דער „רויזן־פּורפּור" מיט דעם „אָפּגלאַנץ פון בורשטין" איז זיך געווען גלאַט אַזוי, אַ שיינינקע זאַכעלע.

און אַ סך אַ סך ביטערע טרערן האָבן יידישע יונגעלייט פון יענעם דור פאַרגאָסן אויף ניעקראַסאָווס לידער און דורך זיי איז געשלאָסן גע־וואָרן ביי יענעם דור אַ פעסטער „טרערן־בונד מיט דעם רוסישן פאָלק. פאַרוואָס ניט מיט דעם יידישן?

16

די יידישע יוגנט און די רוסישע ליטעראַטור

טראַכטנדיק וועגן דער אַסימילירנדיקער ווירקונג, וואָס אויף אונדז האָט געהאַט די רוסישע ליטעראַטור מיט אירע טורגעניעווס און ניעקראַסאָווס, שווימט ביי מיר אַרויף דער זעלביקער געדאַנק, וועלכן איך האָב שוין פריער אַרויסגעזאָגט, ווען איך האָב גערעדט וועגן דער וויר־קונג פון דער רוסישער שפּראַך.

דאָס איז די שאלה: פאַרוואָס האָט אויף דער יידישער יוגנט די רוסישע ליטעראַטור געווירקט אַנדערש, איידער, זאָגן מיר, אויף דער פּוילישער? פאַרוואָס האָבן די טורגעניעווס, מיט זייער שילדערן דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע לעבן אין זיין נאַציאָנאַל־רוסישער אויסגעשטאַל־

טונג, ניט באשאפן ביי דער פוילישער יוגנט קיין נאציאנאל־רוסישע אריענטאציע און געפיל, ווי זיי האבן דאס געטאן ביי אונדז?

און דער ענטפער אויף אט־דער שאלה דארף, ווי מיר דאכט, זיין דער זעלביקער וואס בנוגע דער שפראך. די פוילן האבן געהאט אן אייגענע וועלטלעך־פראגרעסיווע ליטעראטור, אין זייער אייגענער שפראך. ביי זיי זיינען געווען זייערע מיצקעוויטשעס, קראשינסקיס, קראשעווסקיס, אר־זשעשקאס, וואס האבן געשילדערט דאס לעבן פון דעם פוילישן פאלק אין שטאט און דארף, פון זיינע פריערדיקע און איצטיקע דורות.

ביי אונדז איז אזא ליטעראטור ניט געווען. דאס איז געווען די צייט נאך פון פאר שלום־עליכמען און פרצן, וואס זייערע שאפונגען האבן זיך צונויפגעגאסן מיט די שאפונגען פון מענדעלי מוכר ספרים צו א שטראמיקן פלוס, אן אלץ טיפערן און ברייטערן. עס זיינען אין יידיש געווען דעמאלט נאר איינצלנע ווערק, נאך ניט צונויפגעגאסענע אינאיינעם אין איין שטראם פון ליטערארישער אנטוויקלונג.

און אט־די איינצלנע ווערק גופא האבן אין זייער שילדערונג פון דעם יידישן לעבן בשום אופן ניט געקאנט ארויסרופן אין אונדז א געפיל פון ליבע אדער אפילו פון שוואכער סימפאטיע צו די יידישע פארשווינען און סיטואציעס, וואס ווערן דארטן אויסגעמאלט. דער איינדרוק פון זיי האט צו טאן מיט א וועלט, אן אפגעלעבטער א פארשימלטער, וואס ליגט און פוילט און פארפעסטעט די לופט מיט איר מתים־גערוך. יענע ליטערארישע ווערק זיינען געווען א פראדוקט פון דעם „השכלה”־גייסט, מיט זיין אבסא־לוט נעגאטיווער שטעלונג צו דער הערשנדיקער יידישקייט, צו אלע לעבנס־פארמען וועלכע זי האט ארויסגעבראכט. דאס איז געווען א שטרענגער משפט איבער דעם יידישן לעבן מיט א „חייב מיתה”, ווי דעם לעצטן גזר־דין.

עס איז גענוג צו פארגלייכן די שילדערונגען פון דעם קינדערשן לעבן אין דער יידישער און דער רוסישער ליטעראטור, כדי צו געווינען א בילד פון דעם מאוימדיקן קאנטראסט, וואס האט געהערשט אין די שטעלונגען פון די קינסטלער צו דעם געשילדערטן ענין.

טורגעניעוו, טאלסטאי, ניעקראסאוו און אויך אנדערע האבן זיך גאנץ אפט אפגעשטעלט און מיט חשק געמאלן דאס רוסישע קינד, סיי פון די העכערע, סיי פון די נידעריקערע קלאסן. און וויפיל ליבע אין זייער מאלן און וואסערע ליבע רוסישע קינדער־קעפ עס זיינען ארויסגעבראכט געווארן אין זייערע בילדער!

פארגלייכט נאר, לאז זיין, ניעקראסאווס זעקס־יאריקן פויערל, וואס

פירט אליין א פערד און וואָגן און טרייבט אָן זיין סוס מיט א באַס־שטים, מעשה דערוואַקסענער: „נו, דו פגירה דו!" — פאַרגלייכט, זאָג איך, אָט־דעם „פּאָלנעם מענטשן" מיט יענע יידישע כניאַקלעך פון דעם זעלביקן עלטער, וואָס דער באַהעלפער נעמט זיי אַרויס אינדערפרי פון די בעטן, ווי פון א מקוה, טוט זיי אָן און טראָגט זיי אויף די אַקסלען אין חדר אַריין (איך געדענק שוין ניט, ווער דאָס האָט געשילדערט: לינעצקי אָדער מענדעלי מוכר ספרים), — און איך וועט ווערן קלאָר דער גאַנצער אונטערשייד, וואָס צווישן אונדזער לעבן און „זייער" לעבן, ווי ער ווערט אַרויסגעבראַכט אין דיביידע ליטעראַטורן.

אָט דאָרטן, ביי „זיי", איז דער אמתער מענטשלעכער לעבן אין אַר־בעט און קאַמף, אין פרייד און אין צער! און ביי אונדז? — א הויפן צעפוילטע, פאַראווירטע מיסט, אין וועלכן עס ווידמען זיך און קריכן אום עקלהאַפטע ווערים און קרימען זיך, קריכנדיק.

געדענקט איר לינעצקיס „פּוילישן אינגל"? געדענקט איר די חתונה־מתנה, וואָס מען האָט געמאַכט דעם, דאַכט מיר, פינף־יאָריקן חתן — ר' אויבישעם שטריימעל, וואָס אַז מען שטעלט עס אַוועק אויפן טיש, הויבט עס אָן צו קריכן פון זיך אַליין, א דאַנק, אַזוי צו זאָגן, דער „אָר־טיקער באַפעלקערונג"? אָט־דאָס שטריימעל איז פאַר מיר, ווי פאַר א סך פון מיין דור, געוואָרן דער סימבאָל פון דער גאַנצער יידישער „נאַציע". ווי אַזוי וואָלטן מיר זיך געקאָנט אידענטיפיצירן מיט איר אין דעם אינע־ווייניקסטן געפיל?

פאַרגעסט ניט: דאָס איז געווען נאָך פאַר שלום־עליכמען, וואָס האָט אונדז געגעבן דאָס יידישע קינד, די אומגעהייער רייכע גאַלעריע פון לעבעדיקע פּאָרטרעטן, אַלע „כתריאלאָווקער" די טוצן ליבע נפשות, אין וועלכע דער מענטש שטראַלט אַרויס דורך דער ספּעציפיש־יידישער געשטאַלט אין אַזא פאָרם, אַז דער יידישער לעזער באַקומט דעם טיף זיך איינקריצנ־דיקן רושם: „איך בין פלייש פון זייער פלייש און ביין פון זייער ביין".

און עס איז נאָך ניט געווען פּרץ, וואָס האָט, אין זיינע חסידישע מעשה־לעך, מיט א געוואַלטיקער קראַפט אַוועקגעשטעלט אונדז פנים לפנים צו דער יידישער נשמה, וואָס מיר האָבן זי פריער פשוט פאַרזען, ווייל קיינער האָט אונדז ניט אָנגעטייט אויף איר, יענע אינעווייניק אַזא רייכע נשמה, וואָס שטייט זיכער אויף דערזעלביקער הויך, ווי די נשמות פון די בעסטע „גוים", „אויב ניט נאָך העכער"...

איך שטעל מיך בכיון אָפּ אַזוי לאַנג אויף דעם פּראָצעס פון אונדזער רוסישער אַסימילאַציע, ווייל איך האָב מיך באַגעגנט מיט דער מיינונג, אַז

ביי די קינדער פון מיין דור, וואָס זיינען אוועק פונם פאָלק און זיך שפּע־טער אומגעקערט צוריק, איז די גאַנצע „גוי"אישקייט געווען אַ דרויסנדלעכער, אומבאַדייטנדיקער עפּיזאָד: מער אַ געדאַנקלעכער „טעות אין פּשט", איידער אַ טיף־איינשניידנדיקער פאַקט אין דעם לעבן.

איך ווייס ניט, ווי ביי אַנדערע. ביי מיר און אַנסקין איז דאָס זיכער געווען אַנדערש. ניט נאָר ביי שלמה זאַנוועלן, וועמעס גויאישקייט האָט אָנגעהאַלטן ביי אַן אַכצן־צוואַנציק יאָר: אַפילו ביי מיר, וואָס האָט זיך באַפרייט דערפון לפי ערך זייער פרי, איז דער איבערגאַנג צו פולער באַוואוסטזיניקער רוסישקייט געווען אַ טיפע נשמה־איבערלעבעניש און דער „דרך תשובה" איז גאָרניט געווען פון די גאָר גרינגע.

שפּעטער, ווען איך בין ווידער געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַ־לער ייד, איז ביי מיר ניט געווען קיין ברעקל ספק, אַז אויב מיר וואָלטן דעמאָלט געהאַט אַ פּראָגרעסיוו־יידישע קולטורעלע סביבה אין דער יידישער שפּראַך, מיט אַ רייכער ליטעראַטור אין איר, אין וועלכער דאָס יידישע לעבן וואָלט זיך געהאַט אָפּגעשפּיגלט אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווי ביי די רוסן, אָדער, לפּחות, ווי ביי די פּוילן, וואָלט אונדזער ראַדיקאַלע יוגנט געקאָנט אַריבערגיין פון דעם אינטעלעקטועלן קאָסמאָפּאָליטיזם צו דעם נאַטירלעכן נאַציאָנאַל־געפיל אָן דעם איבערבראָך אין דער אַסימילאַ־ציע. און עד־היום גלויב איך, אַז גראָד די שוואַכע ליטעראַטור אין יידיש איז איינער פון די וויכטיקסטע כוחות, וואָס קעמפן אַנטקעגן דעם אַסימי־ליאַטאָרישן פּראָצעס. נאָר — וואָס געווען, איז געווען, און ליידער דאַרף מען זאָגן: וואָס עס איז ניט געווען, איז ניט געווען. איז אונדז דעריבער ניט פאַרשפּאַרט געבליבן דער וועג פון אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און גייסטיקן אויפגערודער.

די רוסישע שפּראַך און די רוסישע ליטעראַטור האָבן אונדז געמאַכט פאַר רוסן. פון אומצעליקע קוואַלן האָט געשטראָמט אין אונדזער נשמה רוסיש לעבן, רוסישע אידייען, האָפנונגען און שטרעבונגען. און ספּעציעל טאָר איך ניט פאַרגעסן דערביי אויך די ווירקונג פון דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער פּאָעזיע, וואָס האָט זיך גראָד צו יענער צייט באַוויזן צום ערשטן מאָל.

דאָס איז געווען אַ קליין, דין ביכעלע, אַרויסגעגעבן פון דער אָרגאַ־ניזאַציע „זעמליאַ אי וואָליאַ" („ערד און פרייהייט") נאָך איידער זי האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּאָלטן אין דער טעראָריסטישער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" („פאָלקס־ווילן") און דעם „טשאָרני פּערעדיעל" („שוואַרצער איבערטייל"). אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז שוין אין יענעם ביכעלע געווען אָפּגע־

דרוקט דער שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענער טרויער־מאַרש פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן: „ווי זשערטוואָיו פּאַלי וו' באַרביע ראָקאָוואָי" („איר זייט געפאַלן ווי אַ קרבן אין דעם גורל־שווערן קאַמף"). אָבער איך געדענק אויף זיכער, אַז דאָרטן זיינען געווען אַ פּאָר אויסגעצייכנטע סאַטי־רישע לידער, ווי „די טייבעלעך", פון אַ ריין־אַנאַרכיסטישן גייסט מיט אַן אויסבליק אויף דער „פרייער ליבע", — און דאָס ליד וועגן דעם גענעראַל דרעטנעלן, ווי ער גיט צו קוראַזש די זשאַנדאַרן, זיי זאָלן ניט דורכלאָזן קיין איין קוואַרטיר, ביז זיי וועלן אויסראַמען אינגאַנצן די „קראַמאָלניקעס".

דער עיקר אָבער האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון אַ גרעסערע פּאָעמע: „אויף מיעזענצאָוו איז געווען דער שעף־זשאַנדאַרם, וואָס איז אין 1879 אינמיטן העלן טאָג דערהרגעט געוואָרן פון סטעפּ־ניאַק־קראַוטשינסקי). ווי אַ פּאָעטיש ווערק שטייט די אַרבעט ניט גאָר אויף אַ הויכער הויך. אָבער ווי אַן אויסגוס פון רעוואָלוציאָנערן פּאַ־טאָס, פון רעוואָלוציאָנערן „צער און צאָרן", איז עס נאָך עד היום אַ גאַנץ באַדייטנדיקע, אומגעהויער שטאַרקע שאַפונג. זי האָט ריכטיק איבער־געגעבן יענע שטימונג, אין וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן דער טעראָריסטישער קאַמף פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" און האָט זיכער אַ סך מער געווירקט אויף דעם איבערגאַנג צו דעם סיסטעמאַטישן טעראָר און דעם ריין־פּאָליטישן קאַמף, איידער די טעאָרעטישע באַטראַכטונגען, מיט וועלכע די „נאַראָדאָוואָלצעס" האָבן באַגרינדעט זייער נייע טאַקטיק.

די גרויסע פּאָעמע האָב איך געלייענט עטלעכע מאָל, ביז איך האָב זי געקענט אויף אויסענווייניק, און האָב מיט גרויס חשק און אמתער באַגייסטערונג געדעקלאַמירט זי אַפּט פאַר חברים און פריינט. נאָך עד היום לעבן ביי מיר אין זכרון איינצעלנע טיילן אירע און עס שטייען פאַר די אויגן די דאָרטן באַשריבענע בילדער.

דאָס ווערק הויבט זיך גלייך אָן מיט אַ שטאַרקן אַקאָרד:

„קאַק אודאַר גראָמאָוואָי, וסיעזנאַראָדואַיאַ קאַזן
נאַד ביעזומנים זלאָדעיעם סוועשילאָס!
„טאָ אָדנאָ איז סטופּעניעי אָט טראָנאַ צאַריאַ
„סי גראָזנים טריעסקאָם דאָלאָי אָטוואַלילאָס!

(ווי אַ קלאַפּ פון אַ דונער, איז דער משפט פון פאָלק געפאַלן אויף דעם משוגענעם רוצח. דאָס איז איינס פון די טרעפּלאַך פון צארישן טראָן אַראָפּגעפאַלן מיט אַ שרעקלעכן פּלאַצן.)

די פּאָעמע שילדערט, ווי דער קייסער שטייט שפּעט ביי דער נאַכט ביי דער אויסגעפּוצטער טרונע מיעזענצאָווס, אַ פינצטערער, אַ פאַרטיפט־טער אין שווערע געדאַנקען. ער קאָן אַלץ ניט באַגרייפן, ביי וועמען האָט זיך דאָס געקאָנט הויבן די האַנט צו טויטן איינעם פון זיינע באַ־ליבטסטע דינער, און פאַרוואָס. ער וואַרפט די שאלה דעם שיקזאַל, אָבער אַלץ אַרום שווייגט. נאָר דער תהילים־מאַן לייענט קאַכיזמען און די נשמה־ליכט ציטערט, און דער קייסער פרעגט נאָך אַמאָל זיין פרעג.

דאָ באַווייזט זיך פאַר אים אַ געשטאַלט און ראָט אים, ער זאָל שטעלן די שאלה זיין אייגענעם געוויסן, — וועט אפשר דאָרט זיך דער־וועקן דער ריכטיקער ענטפער, אַז ניט קיין פערזענלעכער שונא איז באַגאַנגען די טאַט און ניט פאַר זיין אייגענער קריוודע האָט ער זיך איינגעשטעלט. דאָס איז געווען אַן ערלעכער שליח פון פאָלק, צו נעמען נקמה פאַר זיינע ליידן.

און עס הויבט זיך אָן אַ צעטל פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס חטאים, דער עיקר זיין פולע אומוויסנקייט, ווי עס לעבט זיך זיינע פעל־קער אין לאַנד, ווי פול זי איז פון יסורים און פיין. צום ביישפּיל:

„סטאָניעט פּאָלשאַ, קאַזאַקי, זאַביסטאַי יעוורעי;
„סטאָניעט פּאַכאַר נאַש מנאָגאָסטראַדאַלנאָי;
„איסטאָמילסיאַ ווי דאַליאָקאָי יאַקוטסקאָי טאַיגיע
„יאַרקיי סוויעטאָטש נאַאוקי אָפּאַלנאַי"

(ס'קרעכצט דער פּויל, דער קאָזאַק, דער דערשלאָגענער ייד; ס'קרעכצט דער פּויער, דער פילפאַך געפּלאָגטער. אויסגעמאַ־טערט האָט זיך אין דער וויטער יאַקוטער טאַיגאַ דער העלער פאַקל פון דעם פאַרווערטן וויסן.)

די געשטאַלט פאַרענדיקט אירע רייד מיט אַ דראָענדיקער נבואה:

„קאַזשדאָי סטאָן, קאַזשדאָי ווזדאָך, פּראָליטאַיאַ סליעזאַ
ווי אָגניעדישאַשטשיך זמיעי אָבראַטיאַטסיאַ
„אי ווי דאַוונאָ זאַטשערסטוויעלאָיע סיערדצע טוואָיאָ
„מיליאָנאַמי זוביעוו וואָנזיאַטסיאַ".

(„יעדער קרעכץ, יעדער זיפץ, די פאַרגאָסענע טרערן וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין פייער־הויכענדיקע שלאַנגען, און אין דיין לאַנג שוין פאַרטריקנט האַרץ וועלן זיי זיך אריינשטעכן מיט מיליאָנען ציינער").

ווען מיר האָבן געלייענט די פּאָעמע, איז די נבואה שוין געווען א מקוים־געוואָרענע: דעם ערשטן מערץ, 1881.

די געשטאַלט איז פאַרשוואונדן. דער קייסער האָט זיך אויפגעבאַפּט. ס'איז ווידער געווען שטיל אַרום. נאָך דער תהילים־מאַן לייענט קאַביז־מען און עס ציטערט די נשמה־ליכט.

שווער איין ווערטער איבערצוגעבן יענעם געפיל, יענעם געדאַנק און פעסטן באַשלוס, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון יענעם ווערק און האָט ווי א צעגליטער, צעשמאָלצענער שטאָל, זיך אַריינגעגאָסן אין אַלע אָדערן פון דעם ווילן.

ס'איז דאָ אויבן דערמאָנט געוואָרן דער „העלער פּאַקל פון דער פאַרוועטער וויסנשאַפט", וואָס מאַטערט זיך אין „דער ווייטער יאַקוטער טאַיגאַ". דער דיכטער האָט געמיינט דערמיט די צענטראַלע זון פון דעם רוסישן ראַדיקאַלן געדאַנק, דעם באמת גרויסן געלערנטן און טיפן טעאָרעטיקער, ניקאָלאַי טשערנישעווסקי, וואָס האָט דעמאָלט נאָך געשמאַכט אין סיביר. (ער איז באַפרייט געוואָרן אין 1884) ווען מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן מיט זיין באַרימטסטן ווערק, דעם ראָמאַן: „וואָס טאָן?", איז טשערנישעווסקי אויך פאַר אונדז, ווי פאַר די פריערדיקע דורות, געוואָרן דער ליבלינג־העלד, וואָס אַרום זיין לעבן האָט זיך אַרומגעפלאָכטן א קראַנץ פון לעגענדעס. ער איז אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון דעם וואָרט געוואָרן אונדזער רבי, אונדזער פירער, אונדזער „ער, זאָל לעבן", און מיר — זיינע הייסע חסידים.

.17

די „נייע" וועלט אַנטקעגן דער „אַלטער"

ס'איז אפשר ניטאָ קיין איין ווערק אין דער וועלטלעכער ליטעראַטור, איך מיין, דער נישט־רעליגיעזער, — וואָס זאָל האָבן אַזוי שטאַרק צוגעצויגן צו זיך דעם אינטערעס פון עטלעכע דורות נאָכאַנאַנד, ווי דאָס האָט געטאָן טשערנישעווסקיס ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?"

לויט דעם ווי די יוגנט פלעגט צוטרעטן צו אים, ווי זי האָט אים געשטודירט און איינגעהאָרכט זיך אין זיינע רייד, דאַרף מען צורעכענען אָט די שריפט שיר ניט צו די הייליקע שריפטן פון דער מענטשהייט, צו דער ביבעל, די עוואַנגעליעס, דעם קאָראַן.

דערפון שטאמט אויך נעווים די איבערשאַצונג, וואָס דער „וואָס טאָן?" האָט געפונען ביי זיינע באוואונדערער. זיינען דאָך אויך די הייליקע שריפטן, ווען מען באַטראַכט זיי ריין אָביעקטיוו, שטאַרק איבער־געשאַצט געוואָרן. און דער „טשטאָ דיעלאַט?", על אחת כמה וכמה, ווייל לויט דער גבורה פון דער שאַפונגס קראַפט, וואָס דריקט זיך אויס אין אים, קאָן ער בשום אופן ניט אוועקגעשטעלט ווערן אויף איין הויך מיט די אויבנדערמאָנטע „כתבי קודש". אָבער געלייענט איז ער געוואָרן און געטראַכט האָט מען וועגן זיין אינהאַלט מיט ניט קיין קלענערן ערנסט און — אויב איר ווילט — מיט ניט קיין קלענערער „הייליקייט", איידער עס ווערן געלייענט און איבערגעטראַכט די הייליקע שריפטן פון זייערע פרום־גלויביקע קהילות.

און נאָך אַ קליינער שטריך. צו דעם „טשטאָ דיעלאַט?" איז מען צוגעטראָטן, ווי צו אַ מין „זהר הקדוש", ווייל מען האָט דערוואַרט צו געפינען אין אים „סתרי תורה", — געהיימנישן און סודות, וואָס מען קאָן ניט געפינען אין דער „נגלה".

דאָס אַלץ איז געווען זייער איבערגעטריבן: קיין געוואַלטיק גרויסע נייסן, וואָס זאָלן ברענגען מיט זיך אייביקע ווערטן פאַר דעם מענטשן און ווערן אַן אייביקער עמוד־אש פאַר אים אין זיינע גייסטיקע שטרעבונ־גען, איז אין „טשטאָ דיעלאַט?" ניטאָ. זיין באַדייט איז מער דער באַדייט פון אַ באַפרייאונגס־שריפט, פון אַ שאַרפן ווינט, וואָס רייניקט אָפּ די לופט, אָדער פון אַ בעזים, וואָס קערט אויס דעם שטויב און דעם שמוץ. אָבער פון אַזאַ ווינט, וואָס רייסט אַרויס אויך געזונטע ביימער מיט זייערע וואָרצלען און קערט אויס אויך אמתע פּערל און בריליאַנטן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין דעם שטויב און אין דעם שמוץ.

די טעמע פון דעם ווערק איז דער קאַמף, וואָס די „נייע" וועלט פירט אַנטקעגן דער „אַלטער". עס איז אַ שילדערונג פון יענע „נייע מענטשן", וואָס דאַרפן אויפבויען די נייע וועלט. און ווי אַזוי זיי שטעלן זיך צו די פאַרשיידענע לעבנס־פּראָבלעמען. גאַנץ קלאָרע איינפאַכע דיבורים האָט טשערנישעווסקי דערביי ניט געקאָנט רעדן מחמת דער צענ־זור, אָבער אָנצוהערענישן האָט ער נענעבן גענוג, דער לעזער זאָל פאַר־שטיין, „וואָס איינער דאַרף טאָן", כדי צו ברענגען די גאולה פאַר דער מענטשהייט. אין קורצן גערעדט איז דאָס: באַשאַפן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, ווי זי האָט דעמאָלט געבליט אין פראַנקרייך, און אין דער־זעלביקער צייט — אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, לפּחות אַן אונטער־

ערדישע, אומלעגאַלע באַוועגונג מיט אַ קאַמף אַנטקעגן דעם צאַריזם, ווי דאָס האָבן געטאָן די ערשטע אומלעגאַלע רוסישע שרייבער הערצען און אָגאַריאָוו, מיט זייער זשורנאַל „קאָלאָקאָל", וועלכן זיי האָבן געדרוקט אין לאָנדאָן. דער גייסטיקער פֿונדאַמענט האָט דערביי געזאָלט זיין — די ראַדיקאַלע פֿילאָזאָפֿיע פון דעם דייטשן דענקער, פייערבאַך.

אָט די „סתרי תורה" האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען פון איינצלנע רמזים. עס קומט צופאָרן איינער פון ענגלאַנד און ברענגט אַ גרוס פון „סאשאַן און פון ניקן". האָט מען געדאַרפט וויסן, אַז „סאשאַ" איז אַלעקסאַנדער הערצען און „ניק" איז ניקאָלאַי אָגאַריאָוו. אַ העלד פון דעם ראָמאַן ברענגט דער העלדין ביכער צו לייענען, און די עלטערן אירע זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אויסצוגעפינען זייער אינהאַלט און ריכטונג: די ביכער זיינען אין דייטש און אין פראַנצויזיש. דאָס פראַנצויזישע בוך רופט זיך: „דעסטינעי", טייטשט דער עם־הארצישער פאָטער אויס, אַז דאָס מיינט מען מסתמא „גאַסטיננאַיאַ": דאָס גאַסט־צימער, און עס לערנט ווי אויפצונעמען געסט. דאָס דייטשע בוך איז פאַרפאַסט פון איינעם אַ „לודוויג", און דער זעלביקער אָדון איז זיך משער, אַז דאָס איז מסתמא „לודוויג דער פערצנטער". אויף אַזאַ אופן גייען די טריף־פסולם דורך די שטרענגע צענזור פון קאָנסערוואַטיווע עלטערן. האָט מען געדאַרפט וויסן, אַז דאָס פראַנצויזישע בוך איז די, דעמאָלט נאָך באַרימטע, שריפט פון דעם פאַנצויזישן סאָציאַליסט, פורייע: „ליע דעסטינעי סאָסיאַל" און אַז דער דייטשער מחבר לודוויג איז ניט קיין אַנדערער, ווי לודוויג פייערבאַך.

דער אידעאַל פון אַ צוקונפטיקער געזעלשאַפט, צו וועלכער מען דאַרף שטרעבן, האָט טשערנישעווסקי אויסגעמאָלט אין דעם „פערטן חלום" פון זיין העלדין. עס איז די שילדערונג פון אַ ריין פורייעריסטישער קאָמונע, וואו עס איז אָפגעשאַפט פריוואַט־אייגנטום און פאַמיליע, ווי אויך די איינטיילונג אין פאַרשיידענע פראָפעסיעס. מען וואוינט אינאיינעם אין אַ פרעכטיקן פאַלאַץ און מען אַרבעט, יעדערער צו וואָס ער האָט אַ נייגונג און אַ לוסט גראָד אין דעם געגעבענעם מאָמענט. די שילדערונג איז שטאַרק און באַצויבערנדיק.

אויף אַזאַ אופן איז דער „טשטאָ דיעלאַט?" די ערשטע און די וויכטיקסטע ריין־סאָציאַליסטישע שריפט אין רוסיש, ניט ווייל געשריבן פון אַ סאָציאַליסט און אין אַ סאָציאַליסטישן גייסט, נאָר ווייל זי רעדט דירעקט וועגן דער סאָציאַליסטישער צוקונפט.

דער פורייעריסטישער סאָציאַליזם איז אָבער גאָר דער שפּיץ פון

דער פּיראַמידע, אין וועלכן עס לויפן זיך צונויף אַלע ליניעס פון דעם בנין. דער בנין גופא — איז די שילדערונג פון דער קעגנוואַרט, פון „נייע מענטשן", וואָס דאַרפן אויפבויען די צוקונפט. אין זיין תוך זוכט דער ראָמאַן צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט תמיד גע־פּלאָגט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק: ווער וועט זיין דער טרעגער און דער בויער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט?

טשערנישעווסקיס ענטפער איז: דאָס וועלן זיין יענע הויך אַנט־וויקלטע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון אַלע אַלטע פאָראורטיילן און פון אַלע אילוזיעס, און „אומרעאַלע" צילן, וועלכע די רעליגיעס און זייערע דינערינס, די אידעאַליסטישע פילאָסאָפיעס, האָבן אוועקגעשטעלט פאַר דעם מענטשן.

אָבער די „נייע מענטשן" זיינען דאָך אַ קליינינקע מינאָריטעט? צי ווערט ניט געפאָדערט פון זיי אַן אומגעהויערע מאָס פון העראָאיזם, מסירת־נפש און אַן אויסערגעוויינטלעכע מאָראַלישע הויך? און וואָס איז מיט דעם טיפן תהום, וואָס צווישן דעם מאָראַליש הויכן אויסנאָם־מענטשן און דער גרויסער עגאָאיסטישער מאַסע? — אָט די פראַגן זיינען די צענטראַל־פראַגן, אויף וועלכע טשערנישעווסקיס בוך וויל געבן אַן ענט־פער.

און אפשר האָט זיך דאָס אונדז געדוכט, אַז דאָס זיינען די צענט־ראַל־פראַגן, ווייל הינטער אונדז האָט געלויערט די יידישע וועלט, וועלכע מיר האָבן באַטראַכט פאַר אַ וועלט פון לויטער עגאָאיסטן און „עקס־פּלואַטאַטאָרס", וואָס לעבן אויף דעם חשבון פון פרעמדער אַרבעט. וואָס וועט אָט די וועלט צווינגען איבערצובייטן איר נאַטור? דער רוף אין דעם נאָמען פון דעם מענטשלעכן יושר? די פאָדערונגען פון דעם מאָראַלישן געוויסן?

איך וויל דאָ קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז אין דער צייט, ווען מיר האָבן געלייענט און איבערגעלייענט דעם „טשטאָ דיעלאַט?" און זיך געטקרנט וועגן אַלע זיינע איינצעלנע פרטים, איז אין דעם צענטער פון אונדזער אינטערעס געשטאַנען די מאָראַלישע פראַגע, דאָס פּראָבלעם וועגן דער מענטשלעכער מאָראַל. על־כל־פנים איז דאָס אמת פאַר מיר און פאַר אַנסקין, און פאַר מיר אפשר נאָך מער, איידער פאַר אים. איצטער קאָן איך מיר אָבער בשום אופן ניט קלאָר מאַכן, וועלכע קאָנקרע־טע לעבנס־מאָמענטן האָבן געפירט דערצו, מיר זאָלן ווערן אַזוי פאַר־קאָכט אין די פּראָבלעמען פון „רע" און „טוב", פון „עגאָאיזם" און „אַלטרואיזם".

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אַזאַ פאַרשאַפּטער אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער מאָראַל איז זייער נאַטירלעך ביי יידישע יונגעליים, ביי וועמען דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־באַנעם האָט צעבראָכן אַלע יסודות פון אַן איבערנאַטירלעכער, רעליגיעז־געהייליקטער מאָראַל. איז אָבער די מעשה אַזאַ, וואָס מיר, סאַי אַנסקי, סאַי איך, זיינען קיינמאָל ניט געווען פרום און דער מאַטעריאַליזם האָט אין אונדז גאָר נישט צעבראָכן. אויך איז אונדזער לעבן געווען, מאָראַליש גענומען, אַ גאַנץ געוויינטלעכער כשרער קינדערשער לעבן. קיין מאָראַלישע אינער־ווייניקסטע קאָנפליקטן האָבן מיר, אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, ניט געהאַט קיין געלעגנהייט דורכצולעבן. פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, צי זיינען די יסודות גופא אין אונדזער אייגענער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליסטישן יושר, — דערצו זיינען מיר דעמאָלט געווען צו־יונג. אויף וויפיל דער מאָראַלישער גע־וויסן האָט דעם אָדער יענעם פון אונדז גענומען פּלאָגן אין אָט דעם פּרט, איז דאָס פאָרגעקומען ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך גייסטיק שוין געשטעלט אויף די אייגענע פיס.

איך רעכן, אַז אונדזער פאַרשאַרפטער אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון דער מאָראַל איז ביי מיר, ווייניגסטנס, געווען אַ ריין טעאָרעטישער, ווי די פראַגע, וואָס דרייט זיך אַרום וואָס — די זון אַרום דער ערד צי די ערד אַרום דער זון, און אַרויפגעבראַכט אויף אָט דער פראַגע האָט מיך ווידער די רוסישע געבענטשטע בעלעטריסטיק. דאָס מאָל — פּאָמיאַלאָוו־סקיס ראָמאַנען „מאַלאָטאָוו" און „מיעשטשאַנסקאָיע שטשאַסטיע" (קליינבירגערלעכער גליק").

יענע צוויי ראָמאַנען האָבן זיך געדרוקט אין דעם „סאָווריעמיעניק", — דעם באַרימטן זשורנאַל, וואָס זיין פאַקטישער באַלעבאָס איז געווען טשערנישעווסקי.

אויך אָט די צוויי ראָמאַנען, וואָס זיינען דערשינען מיט אַ יאָר פאַר טשערנישעווסקיס ראָמאַן, האָבן צו טאָן כמעט מיט דער זעלביקער טעמע, וואָס דער „טשטאָ דיעלאַט? ": דעם קאָנפליקט צווישן דער אַלטער וועלט, מיט איר לעבנס־שטייגער און לעבנס־צילן און דער נייער וועלט, מיט אירע נייע מענטשן און שטרעבונגען. אין איינעם פון יע־נע ראָמאַנען ווערט אַרויסגעפירט אַ העכסט אינטערעסאַנטע פיגור, טשע־רעוואַנין, וואָס איז אין זיינע געדאַנקען און געפילן איבערגעוואַקסן אַלע גרעניצן און צאַמען פון דער „אַלטער וועלט", וואָס אין לעבן אָבער

שטעקט ער מיט אַלע זיינע וואָרצלען אין איר און קאָן זיך פון איר ניט ארויסרייסן.

עס קומט פאַר אַ געשפּרעך צווישן אים און דעם הויפּט־העלד פון ביידע ראָמאַנען, מאַלאַטאַוון.

טשערעוואַנין פאַלמעסט פאַנאַנדער אַלע אידעאַלן פון דער אַלטער וועלט, ווייזט אויף זייער פּוסטקייט, זייער אילוזאָרישקייט, זייער אויס־געטראַכטקייט. ער פאַלט אויך אָן אויף דער מענטשלעכער מאָראַל און דער עיקר אויף דעם מאָראַלישן משפּט, אַ דאַנק וועלכן מיר טיילן איין די מענטשן אין „שולדיקע" און „אומשולדיקע". ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי שולדיק אָדער אומשולדיק. אַלע מענטשן זיינען אין תּוך פּראָדוקטן פון אומשטענדן, פון דער „קרקע", אויף וועלכער זיי וואַקסן.

„ניט שוין טוט דיך איצטער דער געוויסן קיינמאָל ניט פּלאָגן?" — פרעגט ביי אים מאַלאַטאַוו.

„זעסטו, דאָס איז שוין אַ וואָרט ניט קיין לייִדיקס", ענטפערט טשערעוואַנין. „עס האָט אין זיך אַ רעאַלן באַגריף, דעם געוויסן קאָן מען דערשפּירן, און ער איז ניט קיין אויסטראַכט פון גוטמוטיקע מענטשן . . . ניט איך האָב אויסגעטראַכט דעם געוויסן. דאָס האָט שוין די נאַטור אַזוי איינגעאָרדנט, — איך בין דאָ אינגאַנצן אַ זייטיקע זאַך. פאַר מיר בלייבט נאָר אָנצוקוקן פון דעם, ווי ער פּייניקט, צוצוקוקן זיך צו אים, קוקן אים גלייך אין זיינע אויגן אריין . . . „ביי מיר", דערקלערט ווייטער טשערעוואַנין, „איז אַ גאַנץ אַנדער מין געוויסן, פון די אַזוי אָנגערופענע „פאַרברעכנטע" . . . פיל האָט זיך געלייגט אויך אויף מיין געוויסן, אָבער איך האָב מיט אַ שרעקלעכער ווילנסקראַפט אַלעמאָל געקאָנט אונטערדריקן אין זיך די מאָראַלישע יסודות. דאָס הייסט ניט, איך זאָל האָבן באַטויבט דעם געוויסן, איך זאָל האָבן פאַרמאַכט די אויגן, ניט געקוקט אויף אים, געשראָקן זיך, געביטערוועט און פאַרענטפערט זיך. ניין, גלייך אין פּנים האָב איך געקוקט דער אָנשיקעניש, קאַלט און מיט כעס צונויפגעדריקט די ציין . . . — „וועסט דאָס ווייטער ניט טאָן?" — פלעג איך ביי זיך אַליין פרעגן. — „פון וואַנען זאָל איך וויסן? אפשר וועל איך דאָס טאָן!" ספּלעגט טרעפן, איך פלעג מיך אַ וואָרף טאָן אין בעט אריין, מיטן קאָפּ אונטערן קישן און שיר ניט דערשטיקט ווערן. און פון אונ־טערן קישן הער איך די שטים: — „וועסט דאָס ווייטער ניט טאָן?" דעמאָלט פלעג איך, אָן אויפגעקאָכטער, ענטפערן, אויף צו להכעיס: „איך וועל דאָס טאָן! איצטער וועל איך דאָס שוין גאַנץ זיכער טאָן!"...

מאַלאַטאַוו, שוין אינגאַנצן אַ באַפרייטער אין געדאַנק, מיט זיך

ארויסציען טשערעוואניגען פון זיין איצטיקן לעבן, און — מערקווירדיק! — אויך דערביי שפּילט די הויפּט־ראָלע אַ געוויסער בליק אויף דעם מהות פון דער מענטשלעכער מאָראַל.

מיט אַלע ראַדיקאַלן פון זיין צייט האַלט אויך מאַלאַטאָוו, אַז דער יסוד פון אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען איז דער עגאָאיזם, די ליבע צו זיך אַליין. ער גלויבט אָבער, אַז אונטער געוויסע אומשטאַנדן מוז זיך ביי יעדן מענטשן דער עגאָאיזם פאַרוואַנדלען אין זיין היפּוך, אין דעם אַלטרואיזם. „דער עגאָאיזם", זאָגט ער, געבערט די ליבע. ווען דיינע באַדערפענישן ווערן באַפרידיקט, באַווייזט זיך דער ליידנשאַפטלעכער וואונטש — גליקלעך צו מאַכן אַלעמען".

מיר קאָנען דאָ לאָזן אָן אַ זייט פּאָמיאַלאָווסקיס העלדן. פאַר מיר איז וויכטיק ארויסצוברענגען, אַז אויך איך האָב באמונה שלמה אָנגענומען די עגאָאיסטישע טעאָריע פון מאָראַל, ווי מאַלאַטאָוו האָט זי פאָר־מולירט· עס איז מיר דעמאָלט אפילו אויפן זינען ניט ארויף, צו שטעלן זיך די פראַגע: ווען אייגענטלעך ווערן איינעמס באַדערפענישן באַ־פרידיקט אַזוי, אַז ביי אים זאָל זיך דערוועקן דער „ליידנשאַפטלעכער וואונטש" (!), גליקלעך צו מאַכן אַלעמען? זעען מיר דען ניט אויף שריט און טריט, אַז צו די עגאָאיסטישע באַדערפענישן איז גאָר קיין גרעניץ ניטאָ? און אַז וואָס מער מען באַפרידיקט זיי און וואָס מער מען יאָגט זיך נאָך זייער באַפרידיקונג, — דער עיקר, אין דער איצטיקער געלט־ווירטשאַפט, — אַלץ מער לעשן זיך אויס אויך יענע שוואַכע פונקען פון מענטשנליבע, וואָס איינער האָט פריער געהאַט, ווען ער האָט נאָך ניט געקאָנט אין אַזאַ פרייער מאָס באַפרידיקן זיינע עגאָאיסטישע באַדערפענישן?

נאאיוו, ווי איך בין דעמאָלט געווען, האָב איך פּאָמיאַלאָווסקיס אָפּטימיסטישן בליק אויף דער מענטשלעכער נאַטור אָנגענומען פאַר דעם ריינעם אמת. און פונדעסטוועגן האָב איך שוין דעמאָלט איינגעזען, אַז טשערנישעווסקים בליק אויף דעם ענין איז אַ סך קלאָרער, טעאָרעטיש באַפרידיקנדיקער און נעענטער צו דעם אמת.

און דער עיקר: מאַלאַטאָווס (אָדער פּאָמיאַלאָווסקים) טעאָריע גיט אונדז אַ טרייסט בנוגע די מענטשן אין דער צוקונפטיקער געזעל־שאַפט, ווען יעדן איינעמס באַדערפענישן וועלן באַפרידיקט ווערן און ווען ביי אַלעמען וועט זיך דער עגאָאיזם אַליין פאַרוואַנדלען אין דעם ליידנשאַפטלעכן אַלטרואיזם. וואָס זאָל אָבער זיין ביז צו יענער צייט? און ווי אַזוי וועלן עגאָאיסטן שוין איצטער קאָנען אָנהויבן בויען אַ גע־

זעלשאפט, וואו דאָס שטרעבן זאָל ווערן די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט?

אויף אָט דער שאלה האָב איך געפונען אַן ענטפער אין טשערני־שעווסקיס בליק אויף דעם מהות פון דער מענטשלעכער נאַטור און אויף אירע אינעווייניקסטע טרייבנדיקע קרעפטן. און ווי געזאָגט — דוכט מיר עד היום, אַז גראָד דער ענטפער אויף אָט דער שאלה איז געווען איינער פון די הויפּט־ציִלן, וואָס דער מחבר פון דעם „טשטאָ דיעלאַט" האָט גע־האַט אין אויג.

18.

אין טשערנישעווסקיס חדר

אין טשערנישעווסקים „וואָס טאָן?" ווערן געשילדערט מענטשן אַזעלכע איידעלע און קלוגע, אַז הלואי באַשטייט די גאַנצע וועלט פון אַזעלכע מענטשן, וואָלט מען שוין וועגן דעם סאָציאַליזם ניט געדאַרפט זאָרגן: ער וואָלט זיך אויסגעבויט פון זיך אַליין, ווי אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון יעדן איינעמס איידעלן שטרעבן צו העלפן דעם אַנדערן.

אָט איז איינער פון די הויפּט־העלדן, דער אייגנטלעכער העלד פון דער דערציילונג, לאָפּוכאָוו. אַ סטודענט־מעדיקער, מיט רייכע וויסנ־שאַפטלעכע פּייאיקייטן און נייגונגען. ער האָט שוין ביים ענדיקן דעם אוניווערזיטעט, און עס עפענען זיך פאַר אים ברייטע האָריזאָנטן פון אַ בכבודער, ניצלעכער קאַריערע וואָס וועט אים פאַרזיכערן מיט אַ לעבנס־אַרבעט לויט זיינע כחות און זיין געשמאַק, און וועט אים באַקרוינען מיט עקאָנאָמישן וואוילזיין און אַ פיינעם נאָמען.

טרעפט זיך אים אָבער אויף דעם לעבנס־וועג אַ וואויל מיידל, וואָס ליידט פון אָט דעם הויזלעכן דעספּאָטיזם. מען וויל זי פאַרשלייערן קעגן איר ווילן מיט אַ מאַן, וואָס, לויט די באַגריפן פון דער אַלטער וועלט, וואָלט דאָס געווען פאַר איר אַ גליק. לאָפּוכאָוו באַשליסט ארויסראַטעווען זי פון אָט דער דומפּער הויזלעכער ספערע; אָבער נאָך פיל ניט־געראָטענע פּרואוון בלייבט פאַר אים קיין אַנדער ברירה ניט, ווי אָפּצוזאָגן זיך פון זיין גלענצנדיקער פּערספּעקטיווע. ער האָט חתונה מיט דעם מיידל און נעמט זיך פאַר יעדער אַרבעט, וואָס מאַכט זיך אונטער דער האַנט.

נאָך דער חתונה פאַרליבן זיי זיך און ווערן באמת מאַן און ווייב. אָבער אין אַ צייט אַרום באַמערקט לאָפּוכאָוו, אַז זיין פרוי איז ניט אינ־גאַנצן צופרידן מיט איר לעבן, און אַז זיין פריינט הויבט אָן אויסצומיידן

זייער הויז. שטויסט ער זיך אָן, אַז זיין פריינט האָט זיך פארליבט אין זיין פרוי, און אַז ביי איר אין הארצן ווערט געבוירן אַ ליבע צו זיין פריינט אַנטקעגן איר אייגענעם וויסן און ווילן. זעט לאָפּוכאָוו איין, אַז מיט זיין פריינט וועט זי זיין גליקלעכער, איידער מיט אים, ווייל אין איין קליינינקן כאַראַקטער־שטריך איז זי ענלעכער צו דעם פריינט, איידער צו אים. טראַכט ער צו אַ שפּיצל, ווי אַזוי די גאַנצע וועלט זאָל מיינען, אַז ער האָט זיך דערטרונקען, און אַליין פאָרט ער אַוועק קיין אויסלאַנד. זיין פריינט און זיין פרוי פירן דערנאָך אַ שיינעם, קלוגן, ניצלעכן און גליקלעכן לעבן.

וואוילע מענטשן, אָט די מענטשן פון דעם „נייעם דור"! און כדי מען זאָל ניט מיינען, אַז אַזוינע מענטשן זענען שוין דאָס אויבערשטע פון שטייסל, וואָרנט טשערנישעווסקי, מען זאָל פון זיי ניט נתפּעל ווערן. אָט וועט ער אונדז באַווייזן נאָך אַן אַנדער מין מענטשעלע, פון דעמזעלביקן דור, אָבער פון וואָס פאַר אַ גרויס! איינגאַנצן, זאָגט ער, וועט ער אים ניט אויסמאָלן, נאָר „איין ווינקל פון זיין פּאַסאַד". פון אָט דעם ווינקל וועט מען באַקומען אַ באַגריף וועגן דער גרויס און פּראַכט פון אַ פּאַלאַץ, אין פאַרגלייך מיט אַזעלכע, אין תוך, פּשוט'ע בנינים, ווי לאָפּוכאָוו און זיינע מיט־העלדן. און ער וואַרפט אָן — מיט אַ געניטער און קינסטלעריש־גע־בענשטער האַנט — אַ פּאָר גרונט־שטריכן פון אַ מאַן, מיט דעם נאָמען ראַכמעטאָוו.

ראַכמעטאָוו איז שוין טאַקע אַן אמת'ער העלד. וואָס ער טוט און צוליב וואָס ער לעבט, בלייבט ווי איינגעוויקלט אין אַ האַלבדורכזיכטיקן וואָלקן. אָבער מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט אַ געזונטן גייסט אין אַ געזונטן קערפּער, וואָס האַלט זיך אַליין אין צוים און קירעוועט זיך אַליין צו גאָר הויכע צילן, — לטובת הכלל. אַן אַריסטאָקראַט פון גע־בורט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּריווילעגירטער שטעלונג אין לעבן און איז אַוועק אין פאָלק, ווי אַ פּשוטער אַרבעטער. („מן הסתם, צוליב סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע!" שטויסן מיר, יונגע לייענער, זיך אָן מיט אינעווייניקסטער פרייד). ער האַרטעוועט זיך אָפּ, זיין אָרגאַניזם זאָל קאָנען אַריבערטראָגן די שווערסטע קערפּערלעכע פּיין און אפילו ווייטיקן. איינמאָל איז ער אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אויף שפּיציקע טשוועקעס: געוואָלט אויס־פּרואוון, צי וועט ער דאָס קאָנען אַריבערטראָגן. נישקשה, ער יכול'ט, שטויסן מיר זיך אָן: „מסתמא, ער זאָל קאָנען אויסשטיין די מאַטערנישן, ווען די זשאַנדאַרן וועלן אים כאַפּן און אָנהויבן פּייניקן"!

קיין זאַך פאַרגינט ער זיך ניט, וואָס אויך דאָס פאָלק האָט ניט. אין דער פּראָווינץ עסט ער ניט קיין מאַראַנצן, ווייל דאָס פאָלק עסט זיי ניט.

אין פעטערבורג איז ער זיך מתיר א מאראנץ, ווייל דארטן פארגינען זיך דאס די פורלייט.

באמת: א באצויבערנדיקער העלד, וואס איז מקריב זיין גאנצן לעבן פאר דעם פאלקס באפרייאונג.

וואלט מען, נאך אט דער קורצער כאראקטעריסטיק מיינער, געקאנט מיינען, אז טשערנישעווסקי האט אונדז געוואלט אויסמאלן אויסערגעוויינ־לעכע עקזעמפליארן, מוסטער־נאטורן, העלדן, פאר וועלכע מיר, די פשוטע בשר ודמ'ס דארפן זיך שטעלן אויף די קני און קוקן אויף זיי פון אונטן ארויף, וואלט דאס געווען דער גרוואלדיקסטער טעות.

ס'איז ווי דער מחבר וואלט אונדז געזאגט: „איר זעט אט די אויס־טערליש שיינע, „אידעאלע" פיגורן? מיינט איר דאך, זיי זענען אויסנאמען? הויבט זיך ניט אן! זיי און מיר אלע, די פשוטע בשר ודמ'ס, די איידעלע, ווי די געמיינע, זענען געקנאטן פון איין און דעמזעלביקן טייג. און זאל זיך אייך ניט דאכטן, אז „די טייג" איז פון גאר א געהויבענעם „אידעאלן" שטאף; אז דער מענטש איז בטבע פון צוקערקאנדל, ווי מיר זעען אים דא, און אז די אנדערע מענטשן זענען נעבעך פארגרעבט און פארהויקערט אין זייער נאטור, א דאנק דער דערציאונג און די אומשטענדן, אין וועלכע זיי לעבן. ניין: די טייג, פון וועלכער מיר, אלע מענטשן, זענען געקנאטן, איז שוין גאר ניט קיין צוקערקאנדלדיקע. בטבע איז דער מענטש אן עגאאיסט. און ער בלייבט תמיד אן עגאאיסט... אויך מיינע העלדן זיינען ניט קיין אנדער זאך, ווי עגאאיסטן, ווייל אן אנדער זאך איז גאר אין א מציאות ניטא... אויב פאמיאלאווסקים מאלאטאוו מיינט, אז א מענטש ווערט אן אלטרואיסט, ווי נאר זיינע באדערפענישן ווערן באפרידיקט; אז דע־מאלט דערוועקט זיך אין אים די ליבע און „דער לידנשאפטלעכער וואונטש צו מאכן אלעמען גליקלעך", איז דאס אן אויבערפלעכלעכער בליק. אלץ, וואס א מענטש טוט, טוט ער נאר צוליב זיך אליין, געטריבן דורך דעם אייגענעם פערזענלעכן אינטערעס. די אזוי־אנגערופענע „אידעאלע באַ־שטרעבונגען" האבן ניט קיין האפט, און אין זייער ווארצל באשטייען זיי פון א שטרעבן צו דעם אייגענעם נוצן, צו דעם „אייגענעם פארטייל".

אויך מיינע העלדן זענען עגאאיסטן, און זיי אליין ווייסן דאס נאך בעסער, איידער ווער עס איז אן אנדערער. זאגט דען ניט לאפוכאוו, ווען ער איז מקריב זיין קאריערע צוליב ראטעוועז א פרעמד מיידל: „אלץ וואס איך טו, טו איך צוליב מיר אליין"? און ווען ער ברענגט פאר א קרבן זיין גאנצן לעבנס־גליק און זיין ליבע צוליב דעם גליק פון זיין פריינט, קוקט ער דען ניט דורך זיין קלארער נשמה ביז צו איר לעצטן גרונט? און —

וואָס דערבליקט ער דאָרטן? מסירת נפש? אַ קרבן צוליב דעם אַנדערן? הערט זיך איין אין זיינע רייד: „ניט אַזאַ מענטש", זאָגט ער, „בין איך, איך זאָל ברענגען אַ קרבן. און ס'איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי ברענגען קרבנות; קיינער ברענגט זיי ניט; דאָס איז אַ פאַלשער באַגריף. אַ קרבן! — אַ פּאָר שטיוול, ווייל געקאָכט... („סאַפּאָגי וו'ס'מיאַטקי".) אויף אידיש וואָלט מען דאָס געקאָנט איבערגעבן מיט דעם אויסדרוק: „אַ געניץ אין ברילן"). אָט, ווי עס איז אָנגענעם, אַזוי באַגייט מען זיך".

איז — אין וואָס באַשטייט דער חילוק צווישן די געוויינלעכע בשר ודמס און די אויסטערליש שיינע מענטשן פון דעם „נייעם דור"? ניט אין קיין אַנדער זאַך, לערנט אונדז טשערנישעווסקי, ווי נאָר אין דעם גראַד פון זייער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. יעדער מענטש זוכט זיין אייגן גליק. גליק אין דער גרעסט־מעגלעכער סכום פון הנאות און דער קלענסט־מעגלעכער סכום פון יסורים. ס'איז אָבער אַ חילוק, אין וואָס איינער זאָל זוכן זיינע תענוגים. דער רויער, אומגעאַנטוויקלטער מענטש האָט רויע, פּרימיטיווע תענוגים. וואָס ברייטער עס ווערט זיין גייסטיקער האָריזאָנט, וואָס אַנטוויקלטער עס ווערט זיין שכל, אַלץ איידעלער און רייכער ווערן זיינע הנאות. „אַנטוויקלונג! אַנטוויקלונג! — שרייט אויס טשערני־שעווסקי — וויפיל תענוגים האָט דער אַנטוויקלטער מענטש!"

איז — אויב איינער איז זיך „מקריב" פאַר דעם אַנדערן, צי פאַר דעם גאַנצן פאָלק, נעמט זיך דאָס ביי אים דערפון, וואָס, אַ דאַנק זיין הויכער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, ברענגט אים אָט די האַנדלונג אַ סך מער הנאה, איידער אַ וועלכע עס איז אַנדערע. ער ווערט ניט דערפון קיין חשוב'ערער מענטש. זיין האַנדלונג, אין זיך גופא, איז אויך ניט קיין חשוב'ערע,ווייל די גאַנצע מאָראַלישע איינטיילונג אין „טוב" און „רע", אין „איידל" און „געמיין", איז אַ נישטיקע, ניט קיין רעאַלע.

מיט דעם אָפּשאַפן פון דעם מאָראַלישן מאַסשטאַב און דער מאָראַל אין אַלגעמיין האָט שוין ניט קיין זין אָנצוואָווענדן אַ מאָראַלישן משפט אויף מענטשן, זייערע האַנדלונגען און זייער לעבנס־פיר. מען קאָן ניט זאָגן: יענער מענטש איז אַ גוטער, און דער איז אַ שלעכטער. יענעם איז אַ יושר און דאָס איז אַן עולה. יענער לעבנס־פיר — אַ גערעכטער און דער אַן אומגערעכטער. די מאָראַלישע איינטיילונגען און משפטים ווערן דאָ אָוועקגעשטעלט אויף איין ליניע, ווי, זאָגן מיר, די אידיש־רעליגיעזע איינ־טיילונג פון די מאכלים אין „כשר'ע" און „טריפ'ע". ס'איז אַ מענטשלעכע אויסטראַכטעכץ, וואָס האָט ניט קיין ברעקל גרונט ניט אין דער נאַטור,

ניט אין דעם שכל, א באַפרייטן פון אַלע טראַדיציעס און אַלטע זאַבאַבאָנעס.
אָט דאָס איז דער טעאָרעטישער גרונט-געדאַנק פון דעם ראָמאַן.

איך וויל מיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אַ קריטיק פון טשערנישעווסקיס שטאַנדפּונקט. אַז דאָס, וואָס דער ראַדיקאַלער געדאַנק לערנט דאָ אין טשערנישעווסקיס ראָמאַן, איז די ריינסטע, אויבערפלעכלעכסטע „ראַדי־קאַלעכץ", — האָב איך אויסגעפונען ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב מיך פאַרטיפט אין די פּראָבלעמען פון דער פילאָסאָפיע בכלל און בין אַליין א ביסל מער באַקאַנט געוואָרן מיט די אינעווייניקסטע קאָנפליקטן אין איינעמס מאָראַלישן לעבן. דאָ וויל איך נאָר דערקלערן, אין וואָס עס איז געלעגן דער צויבער פון אָט דעם שטאַנדפּונקט. פאַרוואָס האָט ער אַזוי מאַגנעטיש געווירקט אויף יונגע נשמות, וואָס זיי ציט על פּי טבע גראָד צו ראָמאַנטישקייט, „העלדישקייט" און ריינעם אידעאַליזם?

מיר דאַכט, אַז פּסיכאָלאָגיש האָט דאָ געווירקט אין דער ערשטער ליניע גראָד אָט דער קאָנטראַסט צו דעם יוגנטלעכן ראָמאַנטיזם. עס איז דאָ אין דער מענטשלעכער נשמה א מאַגנעטיזם פון דעם אָפּגרונט. גראָד ווייל מען זעט פאַר די אייגענע פיס א טיפן געפערלעכן תהום, ווילט זיך גיין ביי זיין סאַמע ברעג, און ניט נאָר ארומגיין און רייצן זיך מיט זיך אַליין („אָט־אָט שפּרינג איך אריין!" אָדער: „אָט־אָט פאַרליר איך דעם באַלאַנס און פאַל אריין!") און דערביי זיין זיכער, אַז דו וועסט ניט פאַרלירן די פעסטע ערד פון אונטער די פיס. ניין, עס ציט טאַקע באמת אין דעם אָפּ־גרונט אריין. עס איז א דעמאָנישער וואונטש, א רעוואָלוציאָנערער פּראָ־טעסט אַנטקעגן אַלץ, וואָס „גוטע, פרומע לייט הייסן אונדז צו גוטן טאָן". עס איז אַ דעמאָניסטישער עלעמענט, וואו „אַלדאָס בייז" ווערט אָנגעשריבן אויף דער פאָן אין דעם באַפרייאונגס־קאַמף, ווייל די „גוטע, פרומע לייט" שטיקן אונדז און ווערגן אונדז אין דעם נאָמען פון „אַלדאָס גוטס". פון אָט דעם, ריין־דעמאָניסטישן עלעמענט, איז קיין ראַדיקאַלער, רעוואָלו־ציאָנערער געדאַנקען־גאַנג קיינמאָל ניט געווען פריי. ער ווערט אָבער אָפט געהאַלטן אין צוים דורך אַנדערע עלעמענטן. אויך אין דעם מאַרקסיזם ווירקט ער מיט א שטאַרקער קראַפט, ווערט אָבער דאָרטן היפּש פּאַראַליזירט דורך אַנדערע געדאַנקען. נאָר ביי אַזעלכע רעוואָלוציאָנערן, ווי באַקונין, ניעטשאַיעוו און ליענין, האָט דער דעמאָניסטישער עלעמענט גובר געווען אַלע אַנדערע.

ביי טשערנישעווסקין איז ער געווען צוגעשמידט צו אַן אייזערנער קייט, וואָס האָט זיך גערופן: „די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג". דער אָפּגרונט איז געווען אויפגעדעקט. טשערנישעווסקי האָט אונדז צוגערופן:

— „דו, מענטש, ביזט אַבסאָלוט פריי“. מעגסט טאָן וואָס דו ווילסט, ווי דו ווילסט, ווען דו ווילסט. ניטאָ אויף דיר קיין אויבערהאַר ניט אין הימל און ניט אויף דער ערד. אויב דער אָפּגרונט ברענגט דיר הנאה, שפּרינג אין אים אריין. קיינער טאָר דיך אין גאָרנישט ניט באַשולדיקן. אָבער זיי ווייסן: דו וועסט באַגיין אַ גרויסע נאַרישקייט... דו ווילסט דאָך הנאות? און וואָס מער, און וואָס טיפערע, אַלץ בעסער? איז — דער וועג צו זיי ניט דער אַראָפּקייקלען זיך אין דעם אָפּגרונט, אין דער טיף, נאָר דער פלי אין דער גייסטיקער הויך.

און אויב דער טונקעלער דעמאָנישער רייץ, צו זיין ביים סאַמע אָפּ־גרונט, האָט אויף אונדז געווירקט מאַגנעטיש, האָבן ניט ווייניקער געצויגן צו זיך יענע פּאָזיטיווע, העכסט־וויכטיקע קאָנסעקווענצן, וואָס פליסן ארויס פון טשערנישעווסקים שטעלונג צו דעם פּראָבלעם פון דער מענטשלעכער מאָראַל. מיר וועט מסתמא אויסקומען צו רעדן וועגן זיי ביי דער אָדער יענער געלעגנהייט.

דאָ וויל איך נאָר אָנמערקן איין פּונקט, וואָס איז געשטאַנען אין דעם צענטער פון אונדזער אינטערעס, דאָס איז די הויפּט־פראַגע: ווער וועט פארווירקלעכן דעם סאָציאַליזם?.. צי מוז מען ניט האָבן צו אים גאַנץ אויסערגעוויינטלעכע מענטשן, — די לאָפּוכאָווס, די קירסאַנאָווס און ראַכ־מעטאָווס? וויפיל, מ׳שטיינס געזאָגט, זענען זיי דאָ אין לעבן? און וואָס איז זייער קראַפט?

דער ענטפער דערויף באַקומט זיך, ווי שפּילנדיק. די לאָפּוכאָווס, — דאָס זענען אַלע מענטשן. (אפשר ניט אָן אַ מיין האָט טשערנישעווסקי גע־געבן זיין העלד דעם נאָמען „לאָפּוכאָוו“. „לאָפּוך“ איז די געמיינסטע גראָז, וואָס וואַקסט אומעטום, וואו מען זייט זי ניט). דער עיקר איז ניט די מענטשלעכע נאַטור. זי איז ניט שלעכט און ניט גוט. זי וויל גליק און הנאה פון לעבן. דער עיקר איז — די גייסטיקע אנטוויקלונג פון די מענטשן, די ריכטיקע אידייען, וואו צו זוכן דאָס גליק און ווי איינצואָרדנען די געזעלשאַפט, אז יעדער איינער זאָל קענען האָבן פון לעבן די בעסטע, די רייכסטע און איידלסטע תענוגים. דאָס האָט די גייסטיקע אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט שוין אויסגעפונען. מיר האָבן שוין די ריכטיקע אידייען. לודוויג פייערבאַך האָט אונדז באַפרייט פון די רעליגיעזע זאַבאַבאָנעס, ווי פון יעדן רעליגיעזן גלויבן בכלל. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט אונדז אויפגעקלערט, ווי מענטשן דאַרפן לעבן אין אַ געזעלשאַפט. לייענט פוריעס „דעסטינעי סאָסיאַל“.

וויבאַלד דער מענטשלעכער שכל האָט זיך שוין באַפרייט פון די

אַלטע, פאַלשע געדאַנקען און אויסגעפונען די ריכטיקע, קען שוין קיין זאַך ניט אויפהאַלטן אויף לאַנג זייער טריאומף. אידייען קען מען שטיקן, מען קען זיי ניט דערווערגן. די רעגירונגען וועלן, ווי אַלע מאָל, ניט דערלאָזן זייער פאַרשפּרייטונג. אָבער אויף די רעגירונגען זענען דאָ די ראַכמעטאָווס. זיי וועלן צעברעכן אַלע צוזאַמען, וואָס שטייען אין וועג דער פאַרשפּרייטונג פון די ריכטיקע אידייען· און — יעדער מענטש, וואָס האָט איינגעזען די ריכטיקייט פון דעם נייעם מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם, וועט ניט וואַרטן ביז די ראַכמעטאָווס וועלן אָפּשאַפן אַלע צאַמען. ער וועט אַליין פאַרשפּרייטן דעם נייעם אמת, וואו נאָר ער וועט קאָנען, ווי דאָס האָט געטאָן לאָפּוכאָוו.

דער ענטפער אויף דער שאלה: „וואָס טאָן?‟, איז דעריבער געווען אזא: גיי אין די וועגן פון א ראַכמעטאָוו, אויב דו קאָנסט. אָבער לפּחות, גיי אין די וועגן פון א לאָפּוכאָוו. און דאָס האָבן מיר זיך גענומען צום הארצן.

לאָפּוכאָוו האָט נאָך געדאַרפט אָנקומען צו די אויסלענדערשע קוואַלן אין דייטש און פראַנצויז. מיר אָבער האָבן שוין אייגענע רוסישע קוואַלן: די פאַרבאָטענע ווערק פון פּיסאַרעוו און טשערנישעווסקי. דער עיקר: טשערנישעווסקים. פאַרשפּרייטן זיינע שריפטן און זיינע אידייען צווישן א וואָס גרעסערן עולם און אין דער זעלביקער צייט קעמפן אַנטקעגן דער רעגירונג פאר דאָס פרייע וואָרט, פאר דער מעגלעכקייט פון א פרייער פּראַפּאַגאַנדע אומעטום, — אָט דאָס איז דער וועג צום סאָציאַליזם; אָט דעם וועג האָבן מיר ארויסגעלייענט פון דעם ראָמאַן „וואָס טאָן‟? און אויף אָט דעם וועג זענען מיר באַלד ארויף. איך—אויף איין אופן, שלמה זאַנוול— אויף אַן אַנדערן.

עס טוט זיך אָבער ניט אזוי גיך, ווי עס רעדט זיך. עס האָט נאָך גענומען א צייט, ביז מיר האָבען זיך דערפילט דערוואַקסענע, וואָס גייען זייערע אייגענע וועגן אין לעבן. גאַנץ פאַרטיק מיט אונדזער אויסבילדונג זענען מיר נאָך ניט געווען. אייניס איז אָבער דערווייל דורכגעפירט געוואָרן בשלימות. מיר האָבן שוין געוואוסט אויף זיכער, אַז מיר זענען ניט קיין יידן.

איך האָב דערפון געצויגן די נויטיקע קאָנסעקווענצן: איך האָב פאַרביטן מיין יידישן נאָמען אויף א רוסישן. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט, אַז ביי מיר איז געווען א שאלה, וואָס פאר גויאישן נאָמען איך וועל מיר געבן. ווען איך בין אריין אין גימנאַזיע, א הייסער יידישער פּאַטריאָט, האָב איך מיך מיט מיין נאָמען „חיים‟ ניט געשעמט. אדרבה, געטראָגן אים מיט

זעלבסט־רעספּעקט. איצטער האָט זיך דאָס געביטן. ניטאָ קיין ברעקל זין — צו שטאָלצירן מיט דעם יידישן נאָמען. די געבילדעטע וועלט ארום רופט יעדן חיים — „יעפים". וואָס האַלט איך מיך נאָך פאַר דעם אַלטן נאָמען?

אָבער פאַרוואָס גראָד „יעפים"? וואָס פאַר א שייכות האָט „יעפים" צו „חיים"? חיים איז דער טייטש „לעבן". ס'איז דאָ אזא שיינער רוסישער נאָמען, וואָס באצייכנט דעמזעלביקן באגריף: „וויטאַלי". „וויטאַלי אָסי־פּאָוויטש" קלינגט זייער שיין. אָבער גראָד ווייל עס קלינגט שוין צו־שיין, טויג עס ניט. עס שמעקט מיט אריסטאָקראַטיזם. „יעפים"... ביי גאָגאָלן איז, דאַכט זיך, דאָ א קוטשער — יעפים... אָט דאָס איז אַן אמת־רוסי־שער און אַן אמת־דעמאָקראַטישער נאָמען!

און אזוי ארום איז אין איינער, א מזלדיקער שעה געבוירן געוואָרן א קאַנדידאַט אויף א רוסישן רעוואָלוציאָנער: „יעפים אָסיפּאָוויטש"...

19.

מיינע נאָענטסטע פריינט

אויף אונדזער גייסטיקער אויסבילדונג האָבן געווירקט ניט נאָר יענע מאָמענטן, — וועגן וועלכע איך האָב גערעדט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, — די פּראָפּאַגאַנדע פון ראַדיקאַלע גימנאַזיסטן און די רוסישע ליטעראַטור, דער עיקר, די ראַדיקאַלע, — נאָר אויך דער דירעקטער אומגאַנג מיט א צוויי־דריי חברים, מיט וועלכע שלמה זאַנוול און איך האָבן זיך אינטים באַפריינדעט. דאָס זענען געווען צוויי יונגע בחורים און א מיידל כמעט פון דעמזעלביקן עלטער ווי מיר, וואָס האָבן געלעבט אין דער ספערע פון דיזעלביקע גייסטיקע אינטערעסן: שמואל (דערנאָך: „סאַמואיל") הורעוויטש. אין די שפּעטערע יאָרן א געזעלשאַפטלעכער טוער אין פּעטערבורג, א חשובער מיטגליד פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי און פון דער „ווינאַווערשער" גרופּע, גוט באַקאַנט אונטער דעם נאָמען: „סאַמואיל לוואָוויטש גוריעוויטש": בערל (שפּעטער: „באָרים") ר. און מאַשאַ ריינוס, מיינע א שוועסטערקינד.

עס זענען אי ביי אונדז, אי ביי זיי געווען, נאַטירלעך, אויך נאָך אַנדערע באַקאַנטע און פריינט. אָבער פון דעם גאַנצן יונגן דור פון אונדזערע פּערזענלעך באַקענטע אין וויטעבסק, האָבן מיר נאָר צו אָט די דריי געפילט א באַזונדער אינטימע קרובהשאַפט, און איך גלויב, אז אויך זיי האָבן אונדז באַטראַכט פאַר די גאָר נאָענטסטע מענטשן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע דריי איז געווען זייער אויסערגעוויינלעך

אנטוויקלטער שׂכל מיט דעם איבערוואָג אויף דער זייט פון דעם פאַרשטאַנד. זיי זענען געווען ניט נאָך די יאָרן דערוואַקסענער פאַר אונדז. אין דעם פּרט פון וויץ, פון ווערטלען־זיך און פון גייסטיקן פייערווערק, וואָס איז אַזוי ליב דער יוגנט, זענען מיר, — איך מיין, אַנסקי און איך, — אפשר ניט אָפּגעשטאַנען פון אונדזערע פריינט. אָבער אין דעם פּרט פון פאַרשטענדיקן אורטייל, פון בר־דעתקייט, פון פּראַקטישן חוש פאַר דעםווירקלעכן לעבן, פון דערשפּירן די לעבערלעכקייט פון אַ סיטואַציע, די אומנאַטירלעכקייט פון אַ שטרעבונג, די אויפגעבלאָזנקייט פון אַ פּערזאָן, זענען זיי געשטאַנען מיט היפּשע עטלעכע שטאַפּלען איבער אונדז.

מאַשאַ ריינוס, אָדער „מאַשע דעם פעטער זיאַוועס", ווי מען האָט זי גערופן ביי אונדז אין הויז, איידער זי איז געקומען צו אונדז פון יעליעץ, האָט שוין אין איר קינדהייט געשמט ביי אונדזער גאַנצער משפּחה, ווי אַ „מיידל מיט אַ מאַנסבילישן קאָפּ", און עס פלעגן אומניין דערציילונגען וועגן איר גראַטנקייט אין איר שׂכל.

געקומען צו אונדז איז זי מחמת דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע פון איר פאָטער. זי האָט געמוזט אָננעמען די שטעלע פון אַ „גוּאַווער־נאַנטקע" און אַן אַרויסהעלפערן אין הויז. פריער ביי אונדז און דערנאָך אין דער פאַמיליע פון די גוריעוויטשעס. די „מוטערלעכקייט" פון איר כאַראַקטער האָט איר תמיד געהאָלפן צו טראָגן אויפן קאָפּ און אין האַרצן די זאָרג פאַר אַנדערע. אויך שפּעטער, ווען זי איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק און האָט דאָס „ניט גדאַרפט", האָט זי געהאַט אויף אירע אַקסלען אַ היפּש ביסל פּרעמדע פעקלעך, אי מאַטעריעלע, אי פּסיכישע. צווישן זיי — אַ גע־וויסע צייט — אויך מיין אייגענעם.

אַ סך פאַרברענגען מיט אונדז האָט זי ניט געקאָנט, מחמת פאַרנומענ־קייט. אָבער יעדע פרייע שעה אירע פלעגט זי כמעט תמיד זיין מיט דעם אָדער יענעם פון אונדז אָדער מיט אַלעמען אינאיינעם. מיר פלעגן רעדן — און אויך פּלוידערן — וועגן אַלץ אין דער וועלט און וועגן נאָך עפּעס מער. און תמיד פלעגט זיך דער פאָדים פון איר וויציקן געשפּרעך מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט אַריינוועבן אין דעם אַלגעמיינעם געוועב פון אונדזער אמת גייסטרייכן געפּלאַפּל.

באָריס ר., — מאַשאַס אַ שוועסטער־קינד פון דעם פאָטערס צד, און אַזוי אַרום, מיינער אַ נאָנטער מחותן, — איז געווען דער גלענצנדיקסטער פון אונדז אַלעמען: אַ יונגער בחור מיט אַ שטאַרקן ווילן, אומדערמידלעכער אַרבעטס־קראַפט און אויסערגעוויינטלעכע גייסטיקע פייאיקייטן. האָט ער באַשלאָסן צוגרייטן זיך צו אַן עקזאַמען, האָט דאָס ביי אים „געברענט און־

טער די הענט". האָט ער זיך גענומען פאַר לאַטיין, האָט ער אין אַ קורצער צייט פריי געלייענט די רוימישע היסטאָריקער, ניט נאָר די וואָכעדיקע צעזאַר און סאַליוסט, נאָר אויך אַ טאַציט און אַ ליווי. גענומען זיך פאַר פראַנצויזיש, — אָראָפּגעשלונגען די לערן־ביכלעך מיט די גראַמאַטיקעס, און — שוין לייענט ער וויקטאָר הוגאָ אין אָריגינאַל. און כסדר אַזוי אין אַלץ, פאַר וואָס ער פלעגט זיך ניט נעמען: נאָר איין אויפגאַבע אויף אַמאָל. אָבער אָנגעשטרענגט שיר ניט צום פּלאַצן, אַלע גייסטיקע כוחות, און, ניט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, דערלאָפן, דערשטורעמט זיך ביז צו דעם אָנגעמערקטן ציל אין דער ווייט.

ס'איז געווען אין אים עפּעס וואולקאַנישעס, מיט אומדערזעטיקטע לעבנס־אַפּעטיטן, חלילה, ניט פון אַ געמיינער אַרט. און ביי זיין גאַנצער פּראַקטישקייט און בר־דעתקייט — האָט ער געהאַט אַ היפּש ביסל ריטערלעכקייט און אַוואַנטוריזם אין זיין בלוט. אַ שאַרף אויסגעקריצטע אינדיווידואַליטעט, פון גלויבן אין די אייגענע כוחות, וואָס פלעגט דערצווינגען רעספּעקט צו זיך ביי יעדן איינעם.

און גייסטיקע אַפּעטיטן האָט דאָס דעמאָלט געהאַט, אַ גייסטיקן האָריזאָנט האָט דאָס דעמאָלט פאַרמאָגט, — אַ ברייטן ווי די וועלט. געשיכטספילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגישע, אַלגעמיין־פּאָליטישע פּראָבלעמען האָבן געצויגן זיין אויפמערק, און וועגן וואָס מען זאָל ניט האָבן גערעדט, פלעגט אַרויסשפּריצן זיינער אַן אומדערוואַרטעט אָריגינעלער און טיפער איינפאַל. אויף וויפיל מיר געדענקט זיך אָבער, — תמיד וועגן איינצלנע פּרטים, קיינמאָל ניט וועגן אַלגעמיינע יסודות. און אַ צינגל האָט דאָס געהאַט — אַן אמתער גאָלמעסער. אין אַ קריטיק אָדער אַ דיספּוט האָט קיינער ניט געקאָנט זיין אַזוי גיפטיק־סאַרקאַסטיש, ווי ער.

מען האָט זיכער געמאָנט דערוואַרטן, פון אים זאָל אַרויסוואַקסן אַ צווייטער לאַסאַל, הגם אין אַ סך אַ קלענערן פאָרמאַט.

אין פיל פּרטים אַ פולער היפוך צו באָריסן איז געווען סאַמואיל, און מסתמא גראָד מחמת דעם קאָנטראַסט זייערן זענען זיי אַ צייט געווען שטאַרק צוגעצויגן איינער צום אַנדערן. סאַמואיל האָט ניט געהאַט אין זיך קיין שמץ פון וואולקאַנישקייט אָדער שטורעמדיקייט. ערגעץ־וואו האָט געלויערט ביי אים אַ טיף־באַהאַלטענער טרויער אויף דער גרונט פון דער נשמה. תמיד מילד, ליבפול; תמיד גרייט צו העלפן יענעם, מיט וואָס נאָר געקאָנט. אין תוך — טיף סענטימענטאַל, און דערפאַר דרויסנלעך אַזוי שפּאָטיש צו יעדער סענטימענטאַליטעט. תמיד אַ טרייער חבר און פריינט. האָט פאַרמאָגט שאַרפע מבינות אין ליטעראַטור מיט אייגענע

אָריגינעלע מיינונגען. און זיין הומאָר־פולער געשפּרעך! — ווי שאַמפּאַניער־ווײַן: פּערלדיק, אָן אַ שום ביטערקייט, דערפרישנדיק.

אַ קינד פון גבירימשע עלטערן, שפּעטער אַליין אַ רייכער מאַן, איז ער געוועז אַ שטיצע אין אַן עת צרה פאַר אַ סך און אַ סך פון זיינע פריינט, באַ־קאַנטע און סתם אַזוי מענטשן. אין דעם יאָר־צענדליק 1907—1917 איז אַנסקי אין פּעטערבורג געוועזן זיינער אַ בן־בית. זיין געשטאַלט איז תמיד ביי מיר אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פון לבנה־שטראַלן...

עס וועט מיר נאָך אין מיינע וויטערדיקע זכרונות אויסקומען צו רעדן וועגן אַט די פריינט. דאָ — נאָר נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן סאַמואילן.

סאַמואיל איז יינגער פאַר מיר. ער איז אַריין צו מיין גמרא מלמד, ווען איך בין שוין אַרויס פון אים; עס האָט זיך אָבער געַרעכנט, ווי מיר וואָלטןביידע געוועזן חברים פון איין חדר. דערצו האָבן מיר ביידע גע־וואוינט כמעט אַ הויז אַנטקעגן אַ הויז אין דער שלאָסער גאַס. אויך אונדזערע עלטערן זענען געוועזן פריינטלעך פאַרבונדן: צייטווייליק, ווי מיר געדענקט זיך, אויך געשעפטלעך פאַרשותפותט.

גאַנץ צופרידן זענען אונדזערע עלטערן ניט געוועזן מיט אונדזער ביידנס אויפפיר און באַשולדיקט אין אונדזער „צעלאָזנקייט" האָט מען ניט קיין אַנדער, ווי אַנסקין. אויף אַ „געהיימער באַראַטונג" האָבן די עלטערן באַשלאָסן מער ניט אַריינצולאָזן שלמה זאַנוולען צו זיי אין די הייזער אַריין. עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ קאָמישער עפּיזאָד, וועלכן איך האָב דעמאָלט „פאַראייביקט" אין געגראַמטע סצענעס. (אין רוסיש. אַ שאָד, וואָס דעם מאַנוסקריפּט האָב איך ניט אויפגעהיט).

אַט דעם עפּיזאָד, ווי אויך אונדזער לעבן און „טעטיקייט" פון יענער צייט, — די אויפקלערערישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער יוגנט בכלל און די ישיבה בחורים בפרט, — האָב איך באַשריבן אין מיינע זכרונות וועגן אַנסקין. אָבער אַ קינסטלעריש־רייכן און הימ־טאָריש כמעט פינטקלעכן בילד פון אונדזערע דעמאָלטדיקע יאָרן און פון דער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט ביי דעם יונגן דור, האָט אונדז איבערגעלאָזן אַנסקי אין זיין זייער וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן ראָמאַן: „די פּיאָנערן" און אין אַ פּאָר אַנדערע נאָ־וועלן, ווי „דער חטאת נעורים" און „דער צוימען־ברעכער". זיי האָבן זיך אַלע פריער געדרוקט אין רוסיש און זענען איצטער, אין אַ יידישער איבער־זעצונג, אַריין אין זיינע „געזאַמלטע שריפטן".

צו אַט די ווערק און צו מיינע זכרונות וועגן אַנסקין מוז איך אָפּשיקן

דעם לעזער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט פּרטים, מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון פערזאָנען און פּאַסירונגען אין יענער צייט.

איצטער איז פאַר מיר וויכטיק די שילדערונג פון יענער ווירקונג, וואָס סאַמואיל, באָרים און מאַשאַ האָבן געהאַט אויף אונדז.

אין פאַרשיידענע ריכטונגען האָט זיך אויסגעווירקט די השפּעה פון דעם אינטימען אומגאַנג מיט זיי.

משמעות, אַז סיי שלמה זאַנוול, סיי איך, האָבן געליטן אַ ביסל פון איבערגעשפּאַנטער ענטוזיאַסטישקייט און ראָמאַנטישער סענטימענטאַליטעט; דער עיקר, שלמה זאַנוול. אונדזערע פריינט, די ניט נאָך די יאָרן דערוואַק־סענע, האָבן אונדז ניט געקאַרגט קיין „דושן", וואָס פלעגן היפּש אָפּקילן די אפשר צופיל קינדישע התלהבות· דער עיקר, מאַשאַ, וואָס האָט קיין אַנדער נאָמען פאַר דעם ניט געהאַט, ווי נאַר: „קעלבערנע התפּעלות"... (טאַקע אַזוי אין יידיש, הגם קיין סך יידיש האָט זי נאָך דעמאָלט ניט גע־קענט).

מיר זענען, הפּנים, אויך ניט געווען אינגאַנצן פריי פון אַ צווייטן פעלער, דעם פעלער פון יעדער ראַדיקאַלער יוגנט אין יעדער צייט; איר נטיה צו פראַזע און צו פּאָזע. אונדזערע פריינט זענען געווען אבסאָלוט פריי דערפון. און זייער געזעלשאַפט איז געווען לחלוטין אויסגעשלאָסן, עפּעס אַזוינס זאָל אויך פאָרקומען מיט אונדז. אומבאַוואוסטזיניק פאַר אונדז אַליין האָבן סאַמואיל און באָרים אונדז אויסגעלערנט, פאַנאַנדערצו־קלייבן זיך אין דער אייגענער נשמה, אינטואיטיוו צו דערשפּירן, וואָס אין איר זענען אונדזערע אייגענע געדאַנקען און געפילן, באמת אונדזערע, — אָרגאַ־ניש אויסגעוואַקסן פון איר אָדער אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט איר, — און וואָס בלאָנקעט זיך אַרום אין איר, ווי אַ פרעמדער שטאָף, פאַרטראָגן אַהין פון די אַרומיקע ראַדיקאַלע ווינטן.

און נאָך אַ דריטע ווירקונג זייערע לייכט איצטער פאַר מיר אין מיין זכרון: זייער אומאָפּהענגיקע פרייע שטעלונג צו דעם סאָציאַליזם, דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און צו דער ראַדיקאַלער גייסטיקער אַטמאָס־פערע בכלל.

אַנסקי און איך זענען געווען „חסידים", כמעט ווי רעליגיעזע פרומע ראַדיקאַלן. מיר האָבן געהאַט „הייליקע שריפטן". אויב מיר האָבן וואָס ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען אין זיי, זענען מיר געווען זיכער, אַז מיר וועלן דאָס שפּעטער, ביי אַ טיפערן איבערקלער, בעסער פאַרשטיין. אויב עפּעס איז פאַר אונדז געווען נאָך ווייניק באַוויזן, ניט גענוג איינגעפונדעוועט, איז פאַר אונדז קיין ספק ניט געווען, אַז שפּעטער וועלן מיר אין די אַנדערע

„נביאים וכתובים" געפינען דעם פעלנדיקן באַוויז. ריינע דאָגמאַטיקער זענען מיר נאָך דעמאָלט געווען, ווי דאָס רוב ראַדיקאַלן זענען דאָס עד היום.

זיי — יענע פריינט אונדזערע, מיט זייער אויסערגעוויינטלעכער בר־דעתקייט פון דערוואַקסענע, — האָבן ניט געהאַט קיין תנ"כן. באַשאַנקען מיט טעאָרעטישע פייאיקייטן, דעמאָלט געווים ניט קיין קלענערע, איידער אונדזערע, האָבן זיי פאַרמאָגט אַ סך אַ גרעסערע דאָזע פון קריטישן פאַר־שטאַנד, פון צוטרוי צו דעם אייגענעם אורטייל, פון אומדערשראָקנקייט לגבי דעם אָדער יענעם „גדול", לגבי דער אָדער יענער הערשנדיקער טעאָריע.

אין יענער צייט, ווען שלמה זאַנוול און איך האָבן שוין זיך באַטראַכט, ווי „רעקרוטן", „אָפּגעגעבענע" אין רעוואָלוציאָנערע „יונים", — וואָס האָבן נאָר געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן אַריינטרעטן אין דעם „אַקטיוון דינסט", — זענען סאַמואיל און באָרים נאָך געווען פריי־מאַיאָרן", מיט קלאָר אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטיעס צו די רעוואָלוציאָנערן און דעם סאָציאַליזם, אָבער בשום אופן ניט קיין אַבסאָלוטע אָנהענגער פון דער רע־וואָלוציאָנערער טעטיגקייט. אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָבן זיי זיך דעמאָלט נאָך גאָר ניט אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, אַליין אַריבערצוגיין אין דעם קעמפּענדיקן לאַגער.

זענען זיי געווען פריי אין זייערע מיינונגען און שטעלונגען. און באָ־רים פלעגט זיך אַפילו אַמאָל פאַרגינען, גיפטיק אויסצוחוזקן די יונגע קינדער, וואָס רעכענען זיך שוין פאַר רעוואָלוציאָנערן און גייען אַרום מיט פאַררויסענע נעז. ער פלעגט זיי איבערמישן, ווי זיי שרייען כלומרשט: „דאַ זדיאַוסטוואַויעט יעוואָיוציאַ!", („זאָל לעבן די רעוואָלוציע!") נאָך ניט קאָנענדיק גוט אַרויסריידן קיין „ריש" און קיין „למד".

אין דער שפּעטערדיקער צייט, ווען קליינע קינדער פלעגן טאַקע צו־געצויגן ווערן צום קאַמף; ווען דער „קליינער בונד", צום ביישפּיל, פלעגט זיך רעקרוטירן שיר ניט פון זעקס־יעריקע עופהלעך, וואָלט באָרים סאַר־קאַזם שוין ניט געהאַט קיין ברעקל זין.

אין יענער צייט אָבער האָט אָט די געזונטע קריטיק געצוואונגען, צו זיין קריטיש צו זיך אַליין, צו די אייגענע כוחות, צו דעם אייגענעם ערנסט: זי האָט געצוואונגען ניט צו לאָזן זיך אַוועקגעטראָגן ווערן, ווי אַ טרוקן בלעטל, און אַרומגעדרייט ווערן אין אַ ווירבל־ווינט, ווי דאָס פלעגט, לײדער, אָפט פּאַסירן מיט יונגע רעוואָלוציאָנערן. צום שאָדן סיי פאַר זיי אַליין, סיי פאַר דער באַוועגונג.

.20

די צוויי רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון אונדזער צייט

ניט ווייט פון וויטעבסק, א „האַלבע סטאַנציע" אויף דער אָריאָלער אייזנבאַן, האָט געוואוינט א יונגער רוסישער ראַדיקאַל מיטן נאָמען יערשאָוו. אונדזער פאמיליע האָט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געזומערט ביי די ארומיקע פויערים, וואָס פלעגן פאַרדינגען זומער־הייזער פאַר די שטאָטישע.

יערשאָוו איז געווען דער שעף פון דער האַלבער סטאַנציע און האָט געוואוינט, אינאיינעם מיט דעם טעלעגראַפיסט, אין דעם שיינעם סטאַנציע־בנין, אין ארומגערינגלטן מיט בלומען־גערטנדלעך. מיר זיינען באַלד באַקענט געוואָרן און מיר האָבן זיך „צונויפגעשמעקט". לויט זיינע אידייען, איז יערשאָוו געווען א הייסער אָנהענגער פון דער „פּאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אָבער ער האָט שטענדיק געהאַט ביי זיך אויך די אויסגאַבן פון דער „פּאַרטיי טשאָרני פּערעדיעל", ווי אויך אַלערליי אַנדערע אומלעגאַלע שריפטן.

די צייטן, — דער אָנהויב פון די אכציקער יאָרן, — זיינען נאָך ניט געווען אזוי שטרענג, ווי זיי זיינען געוואָרן שוין צו דעם סוף פון דעמזעלביקן יאָרצענט. דער, וואָס איז געווען נאָר א ביסעלע נאָענט צו די ראַדיקאַלע קרייזן, האָט געקאָנט קריגן די אונטערערדישע שריפטן. און גראָד אויך אין דעם איז באַשטאַנען די מיסיע פון דעם ברייטערן ראַדיקאַלן קרייז, צו פאַרשפּרייטן אין וואָס גרעסערע מאָסן די אומלעגאַלע ליטעראַטור.

מען האָט געוויס געדאַרפט זיין זייער אָפּגעהיט דערביי, ניט אָנצושטויסן זיך אויף א מענטשן, וואָס שטייט אין פאַרבינדונג מיט דער זשאַנדאַרמעריע. איז דאָס אָבער געווען אן אָנשטענדיקער מענטש אפילו א קאָנסערוואַטאָר אין זיינע מיינונגען, האָט מען אים געמעגט אָנפאַרטרויען די ליטעראַטור, אָן א ברעקל חשש, ער זאָל ווערן א מסור. אזא קאָנסערוואַטאָר איז געווען יערשאָווס שכן און מיט־אָנגעשטעלטער ביי דער אייזנבאַן, דער טעלעגראַפיסט. אן עלטערער רוס אין די טיפע פערציקער, זייער אן ערלעכער, ניט איבעריקס געבילדעטער מענטש, וואָס האָט אביסל געליטן אויף דער רוסישער חולאת, דער צושטאַרקער נייגונג צו דעם ביטערן טראָפּן.

געלייענט די אומלעגאַלע ליטעראַטור האָט אויך דער טעלעגראַפיסט,

ער האָט אָבער געציטערט פאַר דעם געדאַנק, אַז די טריפהנע סחורה זאָל בלייבן איבער דער נאַכט אין די פיר ווענט פון דעם „קאַזיאָנעם" בנין, אָדער אפילו אין זיין נאָענטער שכנות. ווער ווייסט? עס קאָן קומען אומגעריכטערהייט א נאַכטלעכע הויז־זוכונג· מען וועט דיך קודם־כל אַרעסטירן, אַפּזאָגן פון דער שטעל, און דערנאָך גיי דערוויַיז, אַז דו ביזט גאָט די נשמה שולדיק, אַז אין דער אמת׳ן ביזטו גאָר א טרייער אָנהענגער פון דעם הערשנדיקן רעזשים.

האָט יערשאָוו געפונען א פּלאַץ פאַר דער אומלעגאַלער ליטעראַטור א פּאָר וויאָרסט פון דער סטאַנציע, אונטער א בריקל אויף דעם שאָ־סעי. אַלע אין דער פרי פלעגט ער, אויף זיין שפּאַציר, קומען אהין, נעמען, וואָס ער האָט געדאַרפט, און אַלע אָוונט פלעגט ער דאָס ברענגען צו־ריק אין דעם באַהעלטעניש. קיין מוטער־מענטש האָט דערפון ניט גע־וואוסט. מיר האָט ער אָבער פאַרטרויט דעם סוד, און מיר פלעגן אָפט מאַכן אינאיינעם דעם אָוונט־שפּאַציר צו דעם אויסדערוויילטן בריקל, דיסקוטירנדיק די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער קעמפּענדיקער סאָצי־אַל־רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

איך מוז מודה זיין, אַז תחילת זיינען מיר ניט געווען אינגאַנצן קלאָר די אונטערשיידן צווישן דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיא וואָליא", און דער פּאַרטיי „טשאָרני פּערעדיעל". עס האָבן דעמאָלט געהערשט גאַנץ אַנדערע באַציאונגען צווישן די צוויי קעגנערישע שטראָמען. קיין דירעקטע פּאָלע־מיק האָבן זיי, ווי מיר געדענקט זיך, ניט געפירט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. עס זיינען בייביידע ניט געווען קיין שפּורן פון א וועלכן עס איז קלייזל־גייסט, פון פאַנאַנדערפּויקן די שבחים פון דער אייגענער „פּאַרטיי" און וואַרפן שמוץ אויף דעם צד־שכנגד, אָדער אפילו אוועקשטעלן אים אין א באַליידיקנדיקן ליכט.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דעם ראַדיקאַלן קרייז האָבן זיי אָפּי־ציעל געטראָגן די נעמען פון צוויי פאַרשיידענע „פּאַרטייען", האָב איך זיי באַטראַכט ווי צוויי פלאַגן פון איין־און־דערזעלביקער אַרמיי, וואָס פירט איר קאַמף אויף צוויי פאַרשיידענע פראָנטן; אַן איינטיילן זיך אין צוויי גלייך־נויטיקע אַרבעטס־ספערעס.

די „נאַראָדנאַיא וואָליא" האָט אויסגעקליבן פאַר זיך דעם טעראָ־ריסטישן קאַמף, ווי א פּאַרטיידיקונג פון דער גאַנצער סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, ווי א באַשטראָפונג פאַר די פאַרפאָלגונגען מצד דער רעגירונג און טאַקע אויך, ווי א דירעקטן מיטל, אויסצוקעמפן ביי דער רעגירונג די פּאָליטישע פרייהייט. אָן וועלכער עס קאָן ניט אָנגיין

קיין מער אָדער ווייניקער ברייטע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן די מאַסן.

דער „טשאָרני פּערעדיעל" איז די אָרגאַניזאַציע פון דער אייגנט־לעכער סאָציאַליסטישער אַרמיי, וואָס דאַרף טאָן איר נויטיקע טאָג־טעג־לעכע אַרבעט: די פּראָפּאַגאַנדע און די אַגיטאַציע צוליב דעם סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל. — וואו קען מען דאָ, איך בעט אייך, געפינען אַ וועלכע עס איז אינעווייניקסטע סתירה צווישן די צוויי אַרטן אַבסאָ־לוט נויטיקע אַרבעטן? ווי קאָן דער פּאַרטיידיקונגס־אַפּאַראַט פון דער אַרמיי זיין אַנטקעגן דער אַרמיי? און ווי קאָן די אַרמיי האָבן טענות צו דעם אַפּאַראַט, וואָס פּאַרטיידיקט זי און וויל אויסקעמפן בעסערע באַ־דינגונגען פאַר איר אַרבעט?

דרויסנלעך האָט זיך די נפקא מיניה צווישן די צוויי אָרגאַנען אויס־געדריקט נאָר אין דעם פאַקט, וואָס דער „טשאָרני פּערעדיעל" האָט זיך געדרוקט אָן דעם רוסישן „יער טוואָרדי", דעם סימן פאַר דער האַרטער אויסשפּראַך פון אַ קאָנסאָנאַנט ביים סוף וואָרט. און עס האָט זיך אויף דעם ערשטן בליק געדוכט, אַז קיין טיפערער חילוק איז טאַקע צווישן זיי ניטאָ; מער נישט, וואָס איין ריכטונג לייגט אפשר אַביסל צופיל וואָג אויף דעם פּאָליטישן קאַמף, און די אַנדערע איז שוין אפשר צופיל מגזם די מעגלעכקייטן פון דער ריין סאָציאַליסטישער אַרבעט אונטער דעם הערשנדיקן צאַרישן רעזשים.

אַז דאָס זיינען צוויי באַזונדערע שיטות, מיט אַ באַזונדער צוגאַנג צו די צילן און ווערטן פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף, איז מיר קלאָר געוואָרן ערשט אַ דאַנק די שמועסן מיט די איבערצייגטע אָנהענגער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", ווי דאָס איז געווען יערשאָוו. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „טשאָרני פּערעדיעל" איז (מיט אומרעכט!) חושד די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אַז זי ווערט אומטריי דעם סאָציאַליס־טישן אידעאַל. מען איז חושד, אַז אין דער אמתן איז זי פּאַראינטערע־סירט אין אַ ליבעראַלער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אַזוי נויטיק דער בור־זשואַזיע און די געבילדעטע קלאַסן און וואָס קאָן אַ ברעקל ניט העלפן דעם אַרבעטאָרישן פאָלק אין שטאָט און דאָרף. האָט מען אָבער נאָר די אינטערעסן פון אָט דעם אַרבעטנדיקן פאָלק אין זינען, דעמאָלט, — אַזוי מיינט דער „טשאָרני פּערעדיעל", — טראַכט מען ניט וועגן ליבעראַלע קאָנסטיטוציעס, נאָר וועגן איין־איינציקער זאַך: דער סאָציאַלער רע־וואָלוציע, וואָס דאַרף מאַכן אַ תל פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־אָרדנונג.

אַט די „סאָציאַלע רעוואָלוציע", — גלויבט דער „טשאָרני פּערע־דיעל", — איז גאָר ניט אַזוי ווייט, ווי עס דוכט זיך אויף דעם ערשטן בליק. דאָס פּויערים־פאָלק איז ניט נאָר ניט־קאַפּיטאַליסטיש געשטימט, נאָר עס איז דורכגעדרונגען דירעקט מיט אַ קאָלעקטיוויסטישן, אויב ניט ריין קאָמוניסטישן גייסט. וואָס אים פעלט — איז די אויפקלערונג און די איניציאַטיוו, און אויף אָט די צוויי צילן דאַרף זיך קאָנצענטרירן די טעטיקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וואָס דאַרף, אַרבעטנדיק אין פאָלק, דירעקט פאַרגרייטן די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

די טעראָריסטישע טעטיקייט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" רייסט אָבער אָפּ פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אירע בעסטע כוחות, און פאַרבערענט זיי אין דעם אומגלייכן קאַמף מיט דער מעכטיקער צאַרי־שער מאַכט.

די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", פון איר זייט, לייקנט לגמרי, אַז זי האָט וועלכע עס איז אַנדערע צילן אין אויג, אַ חוץ דיזעלביקע צילן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. זי איז אָבער דורכאויס סקעפּטיש געשטימט בנוגע דעם רוסישן אַרבעטנדיקן פאָלק, דער עיקר דעם פּויער. ער איז נאָך ווייט ניט פאַרטיק פאַר אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, און אָן די באַדינגונגען פון פּאָליטישער פרייהייט, איז לחלוטין אוממעג־לעך וואָס עס איז אויפצוטאָן אין דעם דאָרף, אונטער דעם שטרענג־וואַכנדיקן בליק פון דעם „סטאַנאָוואָי" און צווישן פּויערים, וואָס פאַר־בינדן דעם רעוואָלוציאָנער, וועלכן זיי כאַפּן, די הענט אַהינטער דעם רוקן און פירן אים אויף אַ שטריקעלע אין „סטאַן" אַריין. אויב וועד עס איז פאַרפּולווערט אומזיסט־אומניסט די רעוואָלוציאָנערע כוחות, איז דאָס גראָד די פּאַרטיי „טשאָרני פּערעדיעל", און גיין אין דאָרף צוליב דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע הייסט פּשוט קריכן דער רעגירונג גלייך אין פּיסק אַריין.

אָט די חילוקי־דעות האָבן אויך געהאַט אַ פאַרשיידענעם, ריין־טעאָרעטישן הינטער־גרונט. דער „טשאָרני פּערעדיעל" גלויבט בכלל ניט, אַז דער „פּאָליטישער פאַקטאָר", די אָדער יענע פאָרם פון דער רעגירונג, זאָל קאָנען שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס. די הויפּט־ראָלע אין דער געשיכטע שפּילן די עקאָנאָמישע אומשטענדן. בלייבן אָט די אומשטענדן ניט געענדערט, ווערט אין תוך אַריין גאָרנישט ניט געענדערט. די פּאָליטישע רעגירונגס־פאָרמען גייען נאָך, ווי שאָטנס, נאָך דעם עקאָנאָמישן בוי פון דעם לעבן. אַ רעוואָ־לוציאָנער דאַרף דעריבער אַרבעטן אויף דעם איבערקער אין דער אמתער

רעאַליטעט פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און ניט יאָגן זיך נאָך שאָטנס. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אָבער האָלט, אַז די רעגירונגס־פאָרם איז גאָר ניט קיין שאָטן, נאָר אויך אַ ממשותדיקע היסטאָרישע רעאַליטעט, אפשר נאָך אַ שטאַרקערע, אין איר ווירקונגס־קראַפט, איידער די הערשנדיקע עקאָנאָמישע אומשטענדן.

דער „טשאָרני פּערעדיעל" איז געווען אַ פאָלקסטימלערישע" ריכ־טונג, אַ צווייג פון דער „נאַראָדניטשעסטוואָ", ווי דאָס זיינען שפּעטער געווען אויך די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ער האָט געגלויבט אין דער „סאָציאַליסטישקייט" פון דעם פויערשן דאָרף, ווי דאָס האָבן ביז צו אַ געוויסן גראַד געגלויבט אויך די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אָבער דער „טשאָרני פּערעדיעל" איז געווען דורך־און־דורך „מאַרקסיסטיש" אין זיין בליק אויף דער בכורה, וואָס עס קומט אין דער געשיכטע, דעם „עקאָנאָמישן פאַקטאָר". די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", פון איר זייט, איז אין דעם פּרט פון דעם מאַרקסיסטישן בליק אויף דער געשיכטע געווען שטאַרק „געכאַפּט אין דער מעשה": שיר ניט געלערנט (און שפּע־טער טאַקע בפירוש געלערנט), אַז דער אויבערהאַר אין דער געשיכטע איז ניט די עקאָנאָמיקע", נאָר די „פּאָליטיקע", און פונדעסטוועגן האָבן זיי געקוקט זייער סקעפּטיש אויף דעם סאָציאַליסטישן גייסט פון דער „דאָרפישקייט", כמעט פונקט אַזוי סקעפּטיש, ווי נאָכדעם די מאַרקסיס־טישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט פּלעכאַנאָוון בראש.

און נאָך אינטערעסאַנטער ווערט דער פּאַראַדאָקס, ווען מען דער־וויסט זיך (ווי איך האָב מיך ערשט אין אויסלאַנד דערוואוסט), אַז דער טעאָרעטישער „מאַרקסיסטישער" פירער פון דעם „פאָלקסטימלערישן" „טשאָרני פּערעדיעל" איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דערזעלביקער געאָרג פּלעכאַנאָוו, דער שפּעטערדיקער ביטערסטער פיינט פון יעדער „פאָלקסטימלערישקייט".

עס האָט געמוזט פּאַסירן אַ איבערגרופּירונג אין די טעאָרעטי־שע פּאָזיציעס פון ביידע לאַגערן. פּלעכאַנאָוו האָט, — ווען ער איז אין אויסלאַנד באַקאַנט געוואָרן מיט דעם אמתן מאַרקסיזם, — פאַרוואַנדלט זיין ריכטונג אין אַ מאַרקסיסטיש־פּראָלעטאַרישער, און האָט זי אויסגעע־רייניקט פון יעדן „פאָלקסטימלערישן" עלעמענט. מיר, די וואָס האָבן באַשאַפן, די נייע ריכטונג פון די „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן", האָבן אויסגערייניקט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" פון אירע אַנטי־פאָלקסטימלע־רישע עלעמענטן און האָבן אָט די ריכטונג פאַרוואַנדלט אין אַן אַרבע־טער־פויערים־פּאַרטיי.

ווענן אָט די ענדערונגען אין מיין אייגענער ראַליע דערביי, וועט מיר שפּעטער אויסקומען צו רעדן באַריכות. דערווייל קאָן איך נאָר זאָגן, אַז סאַי אַנסקי, מיט וועמען איך פלעג זיך טיילן מיט אַלע פראַגן, סאַי איך אַליין, זיינען דעמאָלט ניט געווען קיין אומבאַדינגטע אַנהענגער, ניט פון דעם איין צד, ניט פון דעם אַנדערן. נאָר איך בין געווען מער נוטה צו אַ „נאַראָדנאָוואָלישן" בליק אויף דעם ענין, בעת ער, דער שטרענגער קאָמוניסט און „רעאַליסטיש-דענקענדיקער" מענטש, איז געווען מער נוטה צו דער ריכטונג פון דעם „טשאָרני פּערעדיעל", מיט דעם טעאָרעטישן איבערוואָג, וועלכן זי גיט „דער מאַכט פון די עקאָנאָמישע אומשטאַנדן".

ער, איך מיין אַנסקי, איז אָבער געווען דער איינציקער פון מיינע באַקענטע, וואָס האָט זיך געפילט צוגעצויגן מער צו דעם „טשאָרני פּערעדיעל", איידער צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אַלע אַנדערע מיר באַקאַנטע ראַדיקאַלן, וואָס האָבן זיך אַריינגעטראַכט אין דעם סיכסוך, האָבן בפירוש געסימפּאַטיזירט מער מיט דעם פּאָליטישן קאַמף פון דעם „איספּאָלניטעלני קאָמיטעט" (דעם „עקזעקוטיוו-קאָמיטעט) פון דער נאַראָדנאָוואָלישער פּאַרטיי, איידער מיט די ריינע „פּאָלקסטימלער".

אפילו יערשאָווס שכן, דער טעלעגראַפיסט, וואָס איז פאַרבליבן טריי זיינע קאָנסערוואַטיווע פּרינציפּן און פלעגט, נאָך אַ היפּשער פּאָרציע ביטערע טראָפּנס, פאַרגיסן ביטערע טרערן אויף דעם גורל פון דער פאַרפירטער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, פלעגט, אויך קלאָגנדיק אויף יערשאָווס קאָפּ, אַריינטענהן אין אים:

— מאַכסט אַ תל פון דיינע יונגע יאָרן! . . . אָבער — אַז שוין זיין אַ רעוואָלוציאָנער, זיי, לפּחות, מיט דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און ניט מיט דעם „טשאָרני פּערעדיעל". זאָג אַליין, טייערינקער, וואָס איז דאָס, רבונו של עולם, פאַר אַ פּאַרטיי, וואָס האָט אפילו ניט קיין געלט אויף „יעריקעס"?! . . .

21.

אַנסקיס פּלאַן

פּאַרטיק געוואָרן מיט פאַרזאָרגן די וועלט, — לפּחות די צוקונפט פון דער מענטשהייט, — האָבן מיר — איך און מיין אינטימסטער פריינט שלמה זאַנוול (אַנסקי) — זיך גענומען אָפּגעבן אַ דין-וחשבון ווענן אונדזער אייגענעם לעבן.

די לאַגע האָט זיך געענדערט אַזוי, אַז מיר האָבן זיך געמוזט פאַר־טראַכטן ניט נאָר וועגן דער צוקונפט, וועגן אונדזער אַרבעט פאַר איר און אין איר, — נאָר אויך גאַנץ פּשוט וועגן דער חיי־שעה.

פאַר אַנסקין איז דאָס געווען אַ פּראָבלעם פון טאָג־טעגלעכער עקאָ־נאָמישער חיונה. די מוטער זיינע האָט זיך געשפּייזט פון אַ שענקל פאַר די נידעריקסטע און אָרימסטע שיכטן פון דער יידישער און גוי־אישער געזעלשאַפט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר אייגענער „שטוב״, אין אַ זייטיק געסל פון שטאָט.

פריער איז דאָס שענקל געווען נאָר אַ זייטיקע פּרנסה. אַנסקיס פאָטער האָט געהאַט אַ „שטעל״ ערגעץ־וואו אין דרום־רוסלאַנד און פלעגט פון צייט צו צייט שיקן געלט אַהיים. שפּעטער פלעגט דאָס געלט אָנ־קומען אַלץ זעלטענער, און דער שענק איז געוואָרן פריער דער הויפּט־מקור, און דערנאָך — דער איינציקער קוואַל פון הכנסה.

ביי דער אַבסאָלוטער ערלעכקייט און מענטשלעכקייט פון אַנסקיס מוטער און איר טאָכטער, וועלכע האָבן געפירט דעם געשעפט, — ווי באַקאַנט, אַ גרויסע זעלטנקייט אין דעם שענקער־פאַך, — איז דער דלות פון דער פאַמיליע געוואַקסן, ווי אויף הייוון, און די לאַסט פון דער אַר־בעט האָט גענומען דריקן אַלץ שווערער און שווערער. נאָך דער חתונה פון אַנסקיס שוועסטער, איז די גאַנצע שווערע משא געפאַלן אויף דער מוטערס שוין גאָר אַלטע אַקסלען.

ס'איז אָבער געווען אויסגעשלאָסן. שלמה זאַנוול זאָל זיך איינשפּאַנען אין דעם שווערן יאָך, און דערצו נאָך אין אַזאַ אַרבעט ווי שענקעריי ...שלמה זאַנוול — אַ שענקער! די מוטער אַליין וואָלט דאָס בשום אופן ניט געוואָלט אַרויפלאָזן אַפילו אויפן געדאַנק.

שלמה זאַנוול האָט געדאַרפט ניט נאָר באַפרייען די מוטער פון זיין אייגענעם אויסהאַלט, נאָר אויך אַליין פאַרדינען וויפל עס איז, כדי אַרויסצוהעלפן אין הויז. דערויף איז דעמאָלט געווען נאָר איין־איינציקע אויסזיכט: אויסהאַלטן עקזאַמען אין פינפטן קלאַס און אָנהויבן פאַר־דינען מיט „געבן שטונדן״.

אַנסקי איז געווען געבענטשט מיט אויסגעצייכנטע פייאיקייטן, און מיט דער גימנאַזיאַלער „לומדות״ פון די ערשטע פיר קלאַסן וואָלט ער געקאָנט פאַרטיק ווערן גאַנץ גרינג. אין די ערשטע שריט דערצו האָב איך אים, נאַטירלעך, געהאָלפן ווי ווייט איך האָב געקענט.

זיינען מיר אָבער ביידע געווען פאַרנומען מיט אַנדערע, אַ סך אינ־טערעסאַנטערע זאַכן, איידער קייען די זעגמעל פון די אָפיציעלע לימודים,

צו וועלכע דער ראַדיקאַלער רוסישער שרייבער פּיסאַרעוו האָט אין אונדז איינגעפּלאַנצט אַן אמתע שנאה און ביטול. דער עיקר, צו לאַטיין און גריכיש, ווי אויך צו דער רוסישער געשיכטע אין אילאָווייסקים לאַקיי־אישן אויסטייטש, וואָס שטשעדרין האָט פּאַראייביקט אונטער דעם נאָמען „פּעפּינאָ סווינסטוואָ" („פּעפּקעס שווייַנעריי).

און — וואָס זאָל מען דאָ לייקענען! איך וויל ניט באַפרייען ניט זיך און ניט אַנסקין פון דעם פאָרוואורף, אַז מיר זיינען ביידע דעמאָלט געווען לייכטזיניקע, שוואַכוויליקע יינגלעך, שטיפערס און פוילערס אין דעם געוויינלעכסטן זין פון וואָרט. אָדער — ניין: ניט גאָר אין דעם געוויינלעכסטן.

מיר האָבן זיך ניט געפוילט צו זיצן ביז פאַרטאָג איבער די ביכער, וואָס האָבן אונדז געאינטערעסירט (ווי צ. ב. די פּאָפּולאַריזאַציעס פון דעם דאַרוויניזם). מיר האָבן זיך ניט געפוילט צו שרייבן אַ סך, אויך ביז די פאַרטאָגן, ווען די צייט פון שרייבן איז פאַר אונדז געקומען.

* די הויפּטזאַך אָבער, די זעלבסט־דיסציפּלין, דער זעלבסט־צוואַנג צו טאָן וואָס מען מוז טאָן, ניט דאָס, וואָס עס ווילט זיך טאָן, — דאָס האָט אַנסקין דעמאָלט אינגאַנצן געפעלט. והוא הדין — וועגן מיר.

אַריינגעטראָטן אין גימנאַזיע, אין דריטן קלאַס, אין מיטן יאָר, מיט די שאַנסן אויף צו ווערן אַ גאָר געראָטענער תלמיד, האָב איך באַלד פאַרלאָרן דעם חשק צו די לימודים; בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין די „העברעע עולמות" פון דעם ראַדיקאַלן געדאַנק; האָב איך גענומען קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דער גאַנצער „אַלטער וועלט" און האָב אָנגעהויבן גרייטן זיך צו אַ לעבנס־אַרבעט, וואָס האָט לחלוטין גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן מיט לאַטיינישע ווערבן, מיט דעם גריכישן אַאָריסט, אַלט־סלאַוויש און דער שלאַכט ביי פּאָלטאַווע.

האָב איך אינגאַנצן פאַרלאָזן די גימנאַזיאַל־אַרבעט. אַנשטאָט צו גיין אין גימנאַזיע, פלעג איך אוועקגיין אין דער שטאָט־ביבליאָטעק און דאָרטן אָפּזיצן די גאַנצע צייט פאַר אַן אינטערעסאַנטן בוך.

אָדער איך פלעג גאָר אוועקגיין צו שלמה זאַנוולען. ער האָט אין זייער „שטוב", אויפן גראַמען בוידעם, איינגעריכט אַ באַזונדער „סוכה", אַרומגעצאַמט מיט „ראַגאָזשעס". דאָרטן פלעגן מיר זיצן, רויכערן שטאַרקע פּאַפּיראָסן (צו 7 קאָפּיקעס אַ הונדערט), פון יוצא־וועגן אַריינקוקן אין די לערן־ביכלעך, אויפלייזן אַ פּאָר געאָמעטרישע אָדער אַלגעברישע אויפגאַבן, און דערנאָך אַריבערגיין צו „ממשות'דיקס", צו די פּראָבלעמען און פראַגן פון דער „גייסטיקער אַנטוויקלונג".

און די גימנאַזיאַלע פּאַרוואַלטונג? האָבן אירע משגיחים דאָס אַזוי רואיק צוגעקוקט, ווי איך לאָז דורך אַ טאָג נאָך אַ טאָג?

איז — ראשית — דער גאַנצער פּיר אין דער דעמאָלסטיקער ווי־טעבסקער גימנאַזיע געווען זייער אַן אָפּגעלאָזטער, און מען האָט ניט שטאַרק מקפּיד געווען מיט דעם תּלמידס התמדה. והשנית — פּלעגט מען אין אַזאַ פאַל דאַרפן ברענגען אַ צעטעלע פון דער היים, אַז איך בין געווען „ניט אין גאַנצן". פּלעג איך אַליין אָנשרייבן דאָס צעטעלע, ווער עס איז פּלעגט אים אונטערחתמענען אָנשטאָט דער מוטער, — אָפּט טאַקע פּלעגט דאָס די מוטער אַליין טאָן, — און דער לערער, ווען איך פּלעג דאָס אים איבערגעבן, פּלעגט אַפילו ניט אַ קוק טאָן, נאָר גלייך אַרונטערדרוקן אונטערן „זשורנאַל".

דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, אַז אין פערטן קלאַס האָט מען מיך אַפילו צו דעם עקזאַמען ניט צוגעלאָזן. און איך האָב געמוזט פאַר־בלייבן נאָך אויף אַ יאָר.

וואָס פאַר אַ תּירוץ איך האָב דעמאָלט געפּליאַדערט פאַר די על־טערן, געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אַז ווען מיר זיינען, באַלד נאָך די עקזאַמענס, אוועקגעפאָרן אין דאָרף אויף אַ זומער־וואוינונג, איז מיט אונדז געפאָרן אויך אַ גימנאַזיסט פון די עלטערע קלאַסן צוליב לער־נען זיך מיט די קינדער, אָבער אויך אַרויסהעלפן מיר אין צוגרייטן זיך צו דעם עקזאַמען אין פינפטן קלאַס. בלייבן נאָך אַ יאָר אין פערטן האָב איך בשום אופן ניט געוואָלט.

איז אָבער אויך אונדזער גימנאַזיסט ניט געווען קיין גרויסער מת־מיד. געאַרבעט האָבן מיר זייער ווייניק. מער — געבאָדן זיך, אָדער געגאַנגען אין וואַלד קלייבן „יאַגדעס" (פּערלעך). פונדעסטוועגן זיינען מיר די נויטיקע תּורה דורכגעגאַנגען, און איך וואָלט מסתמא דעם עקזאַ־מען אויסגעהאַלטן, אָבער מיר איז אין משך פון דעם זומער פּשוט נמאס געוואָרן דער גאַנצער ענין פון גיין אין גימנאַזיע.

צו וואָס, האָב איך געטראַכט, אוועקגעבן נאָך חדשים אין יאָר אויף לימודים, מיט וועלכע מען קען שפּילנדיק פאַרטיק ווערן אינדערהיים אין אַ דריי־פיר? אמער — לאָמיך בעסער בלייבן דרויסן און גיין אַלע יאָר אין מאַי צו די עקזאַמענס אויף אַלע העכערע קלאַסן.

צוריקגעקערט פון דער זומער־וואוינונג אַהיים, האָב איך מיך גענומען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן און מיט אמתן חשק אַליין דורכצושטודירן די נויטיקע נייע לערנביכלעך, און עס איז געגאַנגען אויסגעצייכנט.

אָבער דער חשק האָט אָנגעהאַלטן ניט מער ווי אַ פּאָר וואָכן. די

לימודים האָבן ווידער גענומען שלאָגן צו דער גאַל, און איך האָב די ביכ־לעך אוועקגעלייגט אָן א זייט. ביז מאַי איז נאָך דאָ גענוג צייט פאַר־טיק צו ווערן מיט זיין!

בינו לבינו זיינען אָבער ביי מיר אויסגעוואַקסן גאַנץ ערנסטע ספיקות וועגן א געלערנטער קאַריערע בכלל. מען איז דאָך עפּעס א סאָציאַליסט, און דאָס לייגט ארויף התחייבותן: סוף־כל־סוף לעבט דאָך אויך א גע־לערנטער אויף דעם חשבון פון דעם גאַנצן פאָלקס־פּראַצע. און וואָס גיט ער אים צוריק? וואָס וויל איך דען ווערן: א דאָקטאָר? א „פּרי־סיאַזשני פּאָווערעני״? (א געשוואָרענער אַדוואָקאַט).

אויב איינער איז א סאָציאַליסט און גלויבט באמונה שלמה, אז דער סאָציאַליזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן, זיינען דער שכל און דער יושר מחייב, — אזוי האָב איך געטראַכט, — אז ער האָט ניט וואָס צו דאגהנען וועגן א „קאַריערע״, וואָס זאָל אים פאַרזאָרגן מיט חיונה.

ווען דער סאָציאַליזם וועט מקוים ווערן, וועט דאָך יעדערער געפינען א פּלאַץ אין לעבן און פאַרנעמען זיך מיט יענער אַרבעט, אָדער ריכטיקער: מיט יענע אַלערליי ניצלעכע אַרבעטן, וואָס זיינען אים צום הארצן. און ביז דער סאָציאַליזם וועט מקוים ווערן דאַרף מען — קלאָר ווי דער טאָג! — אַרבעטן פאַר דעם אריינטריט פון דער סאָציאַליסטישער אָרד־נונג.

איז די גלייכסטע זאַך — נעמען זיך ערנסט און סיסטעמאַטיש פאַר צוגרייטן זיך צו דער אַרבעט פון א סאָציאַליסטישן „פּראָפּאַגאַנדיסט״. אזוי האָט מען גערופן יענע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געגאַנגען „אין פאָלק״, צו די פּויערים אין דאָרף אָדער צו די אַרבעטער אין פאַבריק. אָבער איך האָב אויסגעשפּרייט דעם דעמאָלט זייער חשובן טיטל אויך אויף די, וואָס ווילן פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע אידייען און אידע־אַלן צווישן דער יוגנט און דער „געזעלשאַפט״ בכלל, ווייל לויט אונדזערע דעמאָלסטיקע בליקן איז דער איינציקער וועג צום סאָציאַליזם געלעגן אין דער פּראָפּאַגאַנדע דורך וואָרט און ביישפּיל.

ארום דערזעלביקער צייט איז אָנסקין איינגעפאַלן דער פּלאַן, איך זאָל אוועקפאָרן קיין טולע. ווי אזוי צו אים איז געקומען אָט דער געדאַנק, קאָן איך מיך איצטער ניט דערמאָנען גענוי. עס זיינען דערביי עפּעס געווען צונויפגעבונדן אינאיינעם א היפּש ביסל פאַרשיידענע מאָטיוון: אי דאָס, וואָס אין וויטעבסק וועט שווער זיין אַרויסצורייסן זיך פון דער „בורזשואַזער אַטמאָספערע״, וואָס האָט גענומען הערשן ביי אונדז אין דער היים; אי דאָס, וואָס ס׳פלעגן פאָרקומען ריַיבונגען צווישן מיר און די עלטערן;

אי דאָס, וואָס אַנסקי האָט אין טוּלע אַ פּעטער, אַ געוועזענעם קאַנטאָניסט, און דער פּעטער — אַ זון, אַ יונגן מאַן, מסתמא אויך אַן „אונדזעריקן"; אי דאָס, וואָס טוּלע איז אין טיף ראַסיי, און דאָס פֿאָלק דאָרטן — דאָס אמתע רוסישע פֿאָלק.

אַ גרויסע ראָלע האָט דערביי געמוזט שפּילן אויך יענער פֿאַקט, וואָס „אוועקגיין פֿון דער היים" און „אָנהויבן פירן אַן אייגענעם לעבן" איז בכל געווען אַן אידעאַל, צו וועלכן אַ סך פֿון אונדזערע בחורים האָבן אָנגעהויבן שטרעבן.

על־כל־פּנים איז בײַ אונדז בײַדן אויסגעקומען, אַז די גלײַכסטע זאַך איז איך זאָל אינגאַנצן פֿאַרלאָזן די היים, אַוועקפֿאָרן קיין טוּלע, און ווען איך וועל מיך דאָרטן אײַנאָרדנען, זאָל איך געפֿינען אויך פֿאַר אים עפּעס אַן אַרבעט; וועט ער קומען צו מיר.

איך האָב באַשלאָסן צו פֿאָלגן זײַן עצה. וועלכער פֿון אָט די מאָ־טיוון האָט דערבײַ אַמשטאַרקסטן געווירקט, ווייס איך ניט. אָבער דער אַרגומענט מצד דער „בורזשואַזער אַטמאָספֿערע" איז זיכערלעך געווען אין קאָן.

אין מײַן היים איז די אַטמאָספֿערע טאַקע ביסלעכווײַז געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערע, איידער זי איז געווען אַמאָל, און עס לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אַביסל מער באַריכות.

22.

דער עולם־הזה קולט

פֿון מײַנע פֿריערדיקע שילדערונגען האָט זיך געקאָנט באַקומען דער אײַנדרוק, אַז אונדזער היים איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַלערליי „רוח־ניות": תּלמודישע לומדות, חסידישע התלהבות און אַביסל „היינט־וועלטיקע" השׂכּלה.

דאָס איז טאַקע אמת. אָבער דאָס איז געווען נאָר איין זײַט פֿון דעם מעדאַל. ס'איז געווען נאָך אַן אַנדער זײַט, שוין גאָר ניט אַזאַ רוחניותדיקע. כּמעט בײַ אַלע רײַכערע מיטגלידער פֿון אונדזער פֿאַר־צווייגטער משפּחה האָט געהערשט אַן אמתער קולט פֿון גשמיותדיקע הנאות און תּענוגים. נאַטירלעך, אין די גרעניצן פֿון דעם שולחן־ערוך, אָבער אַזוי האַרט בײַ די גרעניצן, אויף וויפֿל דאָס האָט זיך געלאָזט.

און אַזוי ווי מײַן פֿאָטער איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט געהאַט סמיכה אויף הוראה, האָט ער געשטעלט דעם אויסטײַטש פֿון די

דינים אויף זיין אייגענער אויטאָריטעט און איז געוואָרן אַ „מקיל" ביז גאָר. ער האָט, צ. ב., אויך מתיר געווען עסן הערינג אום פּסח און ניט, ווי דער דין פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי פריער לאָזן ווייקן זיך אין וואַסער דריי טעג, נאָר מען זאָל זיי פריער בלויז אָפּשווענקען אין דריי וואַסערן. די „ג' ימים", וואָס דער שלחן־ערוך פאָדערט, האָט ער געזאָגט, איז אַ „טעות הדפוס", אָדער אַ ניט באַרעכטיקטע חומרא. עס דאַרף הייסן: „בג' מים" . . . דער ענין „אכילה" איז אין אונדזער הויז געווען גאָר אַ געהויבענע זאַך. ביים טיש פלעגט מען גאַנץ אָפט רעדן וועגן קולינאַרע ענינים: ווי אַזוי צו מאַרינירן שוועמלעך און קליינטשינקע אוגערקעלעך, וכדומה.

איך געדענק אויך, אַז סוכות, — פאַרוואָס גראָד אין אָט דעם יום־טוב, ווייס איך ניט, — פלעגן אָפּטמאָל דערלאַנגט ווערן צום טיש געדאַמפטע אייטערס פון אַ קו, וואָס פלעגן טריף מאַכן דעם דעמף־טעפל. מען האָט דערנאָך אויך עפּעס געדאַרפט טאָן מיט די באַנוצטע טעלער און גאָפל־און־מעסער. דערפאַר אָבער האָבן די אייטערס געגעבן דעם תענוג, צו פאַרזוכן אַ כשרן „בשר בחלב" . . .

אויף דיק־לייבישקייט פלעגט מען קוקן ווי אויף אַ „סימן ברכה", ווי אויף אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען. אַז מען פלעגט דאַרפן ברייטער מאַכן די קליידער, פלעגט אויך דער גרופּענער שניידער ליבלעך צו־שמייכלען, און מען פלעגט ניט פאַרפעלן צו זאָגן דערביי: „אַן עין הרע!"

ס'קאָן זיין, אַז אַ גרויסע ווירקונג דערויף האָט געהאַט דעם ליובאַוויטשער רבינס הויף. סאַי „ר' שמואלקע", סאַי זיינע קינדער זיינען געווען מאַוימדיק פעט.

גאָר הויך איז אָבער געשעצט געווען יענער תענוג עולם הזה, — דעם „אָרעמאַנס איינגעמאַכטס", — וואָס, לויט דער גמרא, טאָר מען אים גאָר ניט געניסן, סיידן מען ווערט געטריבן דערצו, ווי אונטער דעם צוואַנג פון אַ שד („כאילו כפאו שד"). „שעדעלע, נויט מיך!" איז געווען אַן אָפט געהערטע ווערטל אין שטוב.

דורכזיכטיקע מעשהלעך, ווערטלעך און אָפּשפּיגלונגען אויף דעם ענין פלעגן זיך ניט שעמען צו מאַכן גאָר־גאָר חשובע און באמת זייער פרומע מענטשן. מען האָט דערביי ניט מקפיד געווען וואָס קינדער זיצן ביים טיש. וואָס פאַרשטייען דען קינדער? מען האָט ניט געמערקט, ווי אין זייערע אויגן צינדן זיך אָן פלעמעלעך, ווי די קינדערשע נשמות ווערן פאַרכאַפּט פון זיסע רעטעניש־פולע סודות, וועלכע זיי קאָנען נאָך ניט

באנעמען מיט זייער געדאנק, אָבער וואָס רודערט אויף ביי זיי דאָס בלוט.

איינמאָל איז עפּעס געקומען צו רייד וועגן אונדזער פריערדיקן לעבן אין אושאַטשי, ווען דער פּאָטער איז נאָך געווען אַן איידעם אויף קעסט, און אויך וועגן מיר, ווען נאָך אַן עופהלע פון אַ יאָר אַלט. דערציילט די מוטער, אַז איך האָב מיר דעמאָלט „געמאַכט אַ מאָדע" בעטן זיך אין מיטן נאַכט צו איר אין בעט אַריין און פלעג פילדערן דערביי בקולי קולות.

„האָט דער טאַטע איינמאָל גענומען אַ דינעם ריטעלע און האָט אים גענומען אַזוי פּאַמעלעך שמייסן איבער די הענטעלעך: איז דאָס חיימקע פאַרגאַנגען אין אַ ביטערן געוויין! אי, מיינע פינגע־יע־עך!"

די מוטער האָט דאָס איבערגעגעבן אַזוי מעלאָ־דראַמאַטיש, אַז ביי מיר, דעמאָלט אַ זעקס־זיבן־יעריקן, האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן, אויס רחמנות צו יענעם ייִנגעלע. און אַלע אַרום טיש האָבן אויך ווי געפילט מיטלייד מיט אים.

„וואָדען?" — האָט זיך דער פּאָטער ווי פאַרענטפערט, אַרויס־רוקנדיק איראָניש די לינקע העלפט פון דער אויבערשטער ליפּ, — איך האָב אים דעמאָלט נויטיק געדאַרפט האָבן אין אונדזער בעט".

אין דעם לויף פון אַן אַנדער געשפּרעך האָט מיין פּאָטער אַמאָל דערקלערט:

„איך וועל ניט נתפעל פון ברוגז־ווערן. דער שווער, זאָל לעבן, האָט מיר געגעבן אַ גוטע עצה. „אַז מיין חיה־שרה, זאָגט ער, ווערט מיט מיר ברוגז, גיי איך זיך לייגן שלאָפן אין איר בעט. איז זי דאָך ברוגז — גייט זי שלאָפן אין מיין בעט. נו — אין מיין בעט בין איך דאָך דער באַלעבאָס" . . . "

איך האָב דאָ געבראַכט נאָר אַ פּאָר פון די סאַמע אומשולדיקסטע ביישפּילן. אַנדערע ווערטלעך און וויצן, דאָס רוב, אַנגעבלעך, אויס דעם לעבן פון די ווילנער אפּיקורסים, זיינען געווען נאָך דורכזיכטיקער, שיר ניט ציניש. און דאָס האָבן זיך מתיר געווען צו רעדן אויך עלטערע אידן, אמת פרומע אידן, נאָר וואַרעמע חסידים, מקורבים אין דעם רבינס הויף. און אויך מיט תורה־ווערטלעך האָט זיך דאָס אַמאָל פאַרבונדן.

איך וואָלט געקאָנט פון מיינע אייגענע זכרונות צונויפטראָגן אַ היפּש ביסל מאַטעריאַל פאַר אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דעם ייִדישן פאָלק־לאָר, וואָס וואָלט געקאָנט טראָגן דעם נאָמען: „ניבול פה של תלמידי חכמים".

אַזעלכע געשפּרעכן פלעגן, אמת, פאָרקומען אין אַ מסיבה פון גאָר אייגענע און נאָענטע מענטשן. אָבער אין דער מסיבה האָבן זיך געפונ־

נען אויך ווייבער און יונגע קינדער, און האַלב און גאַנץ דערוואַקסענע כלה־מוידן.

ווי געזאָגט: דאָס שטרעבן צו כשרע תענוג עולם הזה האָט גע־שפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע אין אונדזער לעבן. דאָס האָט אָנגעפּילט די נשמות אפשר אויף העלפט מיט דער ריינער „רוחניות".

פּרנסה האָט מען אין אונדזער פאַמיליע געהאַט דעמאָלט ברווח. דער חשק צו עולם הזה איז געוואַקסן מיט יעדן יאָר. און אין אַ גוטן, רייכן און פעטן לעבן, — אין דערזעלביקער צייט אַ שטרענג פרומען, — האָט מען געזען אַ סימן, אַז — אַ דאַנק דעם אויבערשטן! — מען גע־פינט חן אין די אויגן פון זיין ליבן נאָמען.

ווען מיר זיינען פון דעם הילצערנעם הויז אין עק שטאָט אַריבער־געצויגן אין אַ גרויסן מויער אין סאַמע צענטער, אין שלאָסער גאַס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנץ אַנדער לעבן. אַביסל פרייערע געדאַנקען האָבן גענומען פאַרבלאָסן די שטרענגע פרומקייט און ליבעראַלער מאַכן דעם אַלטן לעבנסשטייגער, און עצם פאָרט אַ היפּש פּוריטאַניש.

מיין מוטער האָט אויסגעטאָן דעם פּאַרוק און איז שוין אומגעגאַנגען אין „אייגענע האָר". דער פאָטער האָט זיך געלאָזט נייען „קירצערע קליידער" און אָנגעטאָן אַ „קאַפּעלוש". אַלץ זעלטענער פלעגט ער זיך „פאַרבאַמקען", שבת, אין מנין ביז איינס־צוויי בייטאָג, און לסוף האָט איינגאַנצן אויפגעהערט די „דביקות".

פּאַראַלעל מיט דעם פרייערן רעזשים אין רעליגיעזע ענינים, האָט די „רוחניות" אַלץ מער און מער גענומען צונויפשרומפּן און מאַכן פּלאַץ פאַר, דער אַלץ מער וואַקסנדיקער „גשמיות". די גייסטיקע אידעאַלן — זיי זיינען זיכער געווען אַמאָל ביי אונדז, די גייסטיקע אידעאַלן, און זיכער האָבן זיי אַמאָל געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין אונדזער אַמאָ־ליקן לעבן! — זיי זיינען אָבער ביסלעכוויז איינגאַנצן אויסגעלאָשן גע־וואָרן. זייער אָרט האָט פאַרנומען די דורשט נאָך אַ געשמאַקן לעבן, נאָך „געשמאַקע פאַרדינסטן„ און, אייגנטלעך, איז דער אָפּגאָט פאַר דער נשמה געוואָרן די מאַטעריעלע רייכקייט.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּילט אָט דער פּראָצעס און אין מיין זכרון זיינען נאָך פאַרבליבן איינצלנע עפּיזאָדן זיינע.

איך געדענק נאָך גאַנץ גוט אַ צייט פון אונדזער לעבן שוין אין דעם גרויסן מויער, ווען דער פאָטער פלעגט אַלע טאָג אויפשטיין זעקס אַזייגער אינדערפרי, כדי אָפּצולערנען אַ בלאַט גמרא אינאיינעם מיט אַן עלטערן יידן. יענער עלטערער ייד איז געווען אָנגעשטעלט ווי אַ „ווייי־

נער", ביי מיינעם א שוועסטער־קינד, וואס האט געהאלטן ביי אונדז אין הויף א „פאדוואל" (א בראנפן־לאגער). דער וויינער האט זיך גערעכנט פאר א ייד — א למדן, אבער מיין פאטער האט געלערנט מיט אים מער ווי מיט א תלמיד, איידער מיט א חבר פון דעמזעלביקן גראד לומדות.

עס איז באמת געווען א חן צו זען זייערעביידנס פנימער, שוין נאכן לערנען, ווען זיי פלעגן זיצן ביים טיי און זיך נאך דורכוואַרפן מיט האלבע ווערטער וועגן דער דורכגעגאנגענער סוגיא.

דאס האט אנגעהאלטן אזוי לאנג, ווי דער וויינער האט געהאט זיין שטעלע ביים שוועסטער־קינד. פארלוירן זי האט ער אבער זייער פלוצלונג. עס האט זיך מיט אים געטראפן עפעס א סיבה, פון וועלכער א קעכין האט אין מיטן דער נאכט גענומען שרייען מיט באנומענע קולות. אויף מארגן אינדערפרי איז ער מיט האק און פאק פארשוואונדן פון אונדזער הויף.

מיין פאטער האט נאך אט דער פאסירונג נאך געפרואווט א פאר מאל „לערנען" אליין אינדערפרי, אבער דאס האט אים הפנים באלד דער־עסן, און פון דעמאלט אן האב איך אים שוין זעלטן ווען געזען זיצנדיק ביי א ספר און ציפנדיק זיין בערדל, ווי דאס פלעגט ביי אים זיין דער באליבטסטער צייט־פארטרייב אין די אמאליקע יארן.

איך געדענק אויך דעם לעצטן יוד־טית כסלו, דעם יום־טוב פון די ליובאוויטשער חסידים, וועלכער פלעגט, אויף א שמחת־תורה־אופן, מיט גרוים שמחה אפגעהיט ווערן ביי אונדז אין הויז. דאס מאל האט מען נאך העלער געלאזט ברענען דעם גרויסן בליץ לאמפ אין עס־צימער און אויך אין זאל אנגעצונדן דעם לאמפ. דער טיש איז געווען געדעקט מיט א פרישן, ווייסן טישטוך; מסתמא האט מען אויך געמאכט „לאטקעס" מיט געזונענע שמאלץ, ווי אלעמאל. אבער קיין געסט „אויף לאטקעס" האט מען ניט איינגעלאדן, און קיין איבעריקע משקה צום טיש האט מען אויך ניט דערלאנגט. ווער רעדט שוין וועגן א גלעזל „אריק" אדער „פונש" — דאס האט שוין אינגאנצן געפעלט.

נאכן אוונט־עסן איז דער פאטער אוועק צו זיך אין קאבינעט.

באלד נאכדעם האבן זיך אבער דערהערט שווערע טריט אויף די טרעפ צו אונדז. עס האט זיך געעפנט די טיר און, נאך א קליינער אמפערניש מיט אונדזער דינסט־מיידל, האט זיך אין עס־צימער אריינגע־ווארפן מיינער א פריערדיקער מלמד, ר' משה, א איד, א זקן, שוין אין די טיפע זיבעציקער.

ער איז געווען שיכור, ווי לוט, האט זיך קוים געהאלטן אויף די

פיס, איז אָבער גליַיך אַרויס מיט אַ פריילעכן „גוט יאַ־אַ־אַ־נטעף!”
און —

— וואו איז יאָשע?

אויף דעם געפילדער איז אַרויס דער פאָטער מיט שטרענג־צונויפגע־
פירטע ברעמען. דער מלמד פלעגט אים פריער קיינמאָל ניט רופן אַנ־
דערש, ווי „ר' יוסף”.

דערזעען מיין פאָטער, האָט זיך דער זקן אַ לאָז געטאָן צו אים מיט
שיכורע טריט און האָט אים קודם כל מכבד געווען מיט אַ חסידישן „מי
שברך”. — יאָשע זאַטולאָווסקי, קוש מיר אין · . . ! איך וויל אַ
גלעזל אַריק!

די מוטער און אַלע אין שטוב זיינען געשטאַנען בלייכע.

דער פאָטער האָט אים פריינטלעך געגעבן די האַנט, געענטפערט:
„גוט יום־טוב!”, גענומען פירן אים אין זאַל אַריין און געהייסן דער־
לאַנגען אַהין טיי.

— ניין, ניט טיי! אַריק! — האָט זיך געעקשנט ר' משה.

— אַריק, אַריק! — האָט אים באַרואיקט דער פאָטער.

שלמה, אונדזער מענטש אין שטוב, וואָס איז היינט געבליבן ביי
אונדז אויף „וועטשערע”, האָט שנעל געבראַכט אַ פלעשל „ראָם” און איז
תיכף אוועקגעפאָרן אויף אַ שליטל נאָך ר' משהס זון, אַ יידן פון אַ יאָר
פערציק, וואָס האָט ביים פאָטער געדינט, ווי אַ „בראַקער” אין וואַלד.

פון זאַל, וואוהין מען האָט דערלאַנגט דעם טיי מיט דעם ראָם, האָט
זיך אַ לענגערע צייט גאָרנישט ניט געהערט. ווען איך האָב אַריינגעבליקט
אַהין, פאַמעלעך אויפעפענענדיק די טיר, האָב איך געזען, ווי ביי איין
זייט טיש איז געזעסן אין אַ יאַרמולקע ר' משה. די פיאות און די האָר
זיינען ביי אים געווען צעשויבערט און האָבן אויסגעזען ווי אַ „הייליקער
שיין” פון זילבערנע שטראַלן.

ער האָט געקוקט צו דער ערד, האָט עפּעס גיך „געזאָגט” מיט אַ
ניגון פון אַ רבינס תורה, שאָקלענדיק דערביי דעם קאָפּ פון רעכטס אויף
לינקס. זיין פנים, אַ טויט־בלייכער, האָט גאָר ניט אויסגעזען, ווי ביי אַ
שיכור. צו דעם טיי מיט ראָם האָט ער זיך ניט צוגערירט.

דער פאָטער איז געזעסן ביי דעם אַנדערן זייט טיש, אויך אַ בלייכער
ווי ליַיוונט, זיך שטאַרק איינהערנדיק אין ר' משהס רייד.

האָט ר' משה באמת „געזאָגט” תורה, אָדער גאָר געלערנט מיטן
טאַטן אַ פרשה „בלק„ פאַר זיין קאַלט ווערן צו דער חסידות? אָדער

איז דאָס טאַקע געווען אַ „תורה", נאָר מיט אַ קלאָר דורכזיכטיקער „בלק"־טענדענץ?

דער פאָטער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ שטרענגן בליק און איך האָב שנעל פאַרמאַכט די טיר.

אין אַ ווײַלע אַרום איז שלמה געקומען צוריק מיט אונדזער בראָקער, און — איך געדענק נאָר, ווי זיי האָבן אין עס־צימער געהאָלפן אָנטאָן ר' משה'ן זײַן פוטער און זײַן היטל. דער פאָטער, אַלץ נאָך אַ בלייכער, איז אויך געשטאַנען דערבײַ.

ר' משה איז שוין ווידער געווען רויט אין געזיכט און שיכור, ווי לוט. ער האָט אַלץ געטענהט: „יאָשע זאַטולאָווסקי, קוש מיר אין ... אריין!" פּלוצלונג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צום פאָטער מיט די נעגל אין פּנים.

דער זון און שלמה האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און ארויס געפירט.

— ווי ער האָט דאָס מיך צעדראַפּעט! (צעגראַבלט) — האָט דער פאָטער באַמערקט מיט אַ שמייכל, באַטאַפּנדיק מיט די פינגער אַ פּאָר קליינע קראַצלעך אויף זײַן פּנים, — נ־נאַ! צײַט צו גיין שלאָפן!

פון דעמאָלט אָן איז שוין דרויסנלעך אין אונדזער הויז נים געווען מער קיין שפּור פון דער חסידות. פאָרן צום רבין אויף אַלע סוכות און ברענגען אים אַ „יאַנאָווער" אתרוג „מיט אַ ביס" האָט מײַן פאָטער נאָך פריער אויפגעהערט.

נאָר מײַן מוטער איז געבליבן טרײַ איר גאַנצן לעבן דעם ליובאַ־וויטשער הויף און געשיקט אַהין „פּדיונות".

די באַפרייאונג פון חסידות וואָלט אסור געווען אָן אומגליק אָדער אַ ירידה, ווען אָן אַנדער „רוחניות וואָלט פאַרנומען איר פּלאַץ. דאָס איז אָבער נים געווען דער פאַל. עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן אַ פאַקל, און קיין אַנדערער איז אויף זײַן אָרט נים אָנגעצונדן געוואָרן. די „אַט־מאָספערע" אין דער היים האָט אַלץ מער און מער באַקומען אַ גאַנץ אַנ־דער באַלייכטונג.

.23

די בורזשואַזע אַטמאָספערע

ווען איך טראַכט וועגן די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אונדזער הויזלעכער „אַטמאָספערע", שווימען ארויף אין מיין זכרון אונדזערע שלוש־סעודותן, וועלכע מיר פלעגן נאָך אָפּהיטן, אָבער שוין נים „געפּראַוועט". אויף זיי איז נאָך שאַרפער ניכר געוואָרן דער גרויסער אונטערשייד, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין אונדזער לעבנס־שטייגער, צווישן דעם „אַמאָל" און דעם „היינט".

גאַנץ אַנדערע מהות'ן זיינען געוואָרן אונדזערע שבת'דיקע געסט. פאַרשוואונדן געוואָרן זיינען די אַלטע, באַבערדלטע און באַפּיאותטע פאַרשוינען. גאַנץ אַנדערע פּנימער פלעגט מען איצטער זען אַרום אונדזער טיש: די פּנימער פון דעם נייעם,ייִנגערן דור קרובים און מחותנים. איך געדענק צוויי אַזעלכע ייִנגערע פעטערס, אַריינגעחתנטע אין אונדזער פאַמיליע, מאַנען פון צוויי ייִנגערע מומעס פון דעם פאָטערס צד.

איינער, א פאַניוויעזשער, מיט דעם פאַמיליען־נאָמען שטערן. זיין יידישן נאָמען געדענק איך נים. מיר דאַכט, מיר פלעגן אים קיינמאָל מיט דעם יידישן נאָמען נים רופן· דאָס איז געווען א קרעפּטיק־געבויטער „לעבע־מאַן" אין די מיטעלע יאָרן. געגאַנגען איז ער אייראָפּייאיש געקליידט; געטראָגן א שווערע גילדערנע קייט מיט ברעלאָקן און שווערן גילדערנעם חתימה־רינג.

איינשטיין, ווען אין וויטעבסק, פלעגט ער אין א האָטעל, נאָר האַלטן שבת פלעגט ער ביי אונדז. און ווי ער פלעגט נאָר אריין אין שטוב און אויסטאָן דעם קאַפּעליוש, אזוי פלעגן זיך נעמען שיטן וווערטלעך, און עס פלעגט ווערן פריילעך און לעבעדיק.

נאָך א יונגער פעטער פלעגט זיין ביי אונדז אָן אָפּטער גאַסט, דער פעטער מאָטע פון קאַראַטשעוו, זייער א וואוילער מענטש, א מזג טוב און א קלוגער.

א „דריטער אין בונד" איז געווען אונדזערער א מחותן, פון די ריינוסעס, א יונגער מעבאַניקער.

די אַלע דריי זיינען געווען טיפּישע פאַרטרעטער פון דעם נייעם דור היינט־וועלטיקע יידן, וואָס האָט זיך דעמאָלט גענומען באַווייזן אויך

אין אונדזער פרום־יידישער משפחה. שפעטער איז אָט דער טיפּ געוואָרן כמעט ווי דער הערשנדיקער אין דעם רוסיש־יידישן לעבן.

אסימילירט זיינען די דאָזיקע „היינט־וועלטיקע" ניט געווען. קיין רוסישע בילדונג האָבן זיי ניט געהאַט. דאָס ביסל חדר־לומדות האָט זיך אויך ביי זיי שוין לאַנג אויסגעוועפּט. די השכלה און די העברייאישע אויפקלערונג־ליטעראַטור האָט זיי ניט אָנגערירט. די רעליגיעזע יידישקייט האָבן זיי סתם אַזוי אָפּגעטרייסלט קרעפּטיק פון זיך, ווי אַ הונט, וואָס קומט אַרויס פון וואַסער; און פון אַ באַוואוסטזיניקער וועלטלעך־נאַציאָנאַלער יידישקייט איז דאָך אין יענע יאָרן נאָך ערגעץ ניט געווען אפילו קיין שפּור׳

אָן אַ וואַסער עס איז שייכות צו אַ וועלכן עס איז גייסטיקן לעבן, איז די נשמה פון יענעם דור געווען אַריינגעטאָן נאָר אין צוויי שטרע־בונגען: פאַרדינען געלט און אַ לעב־טאָן מיט אַ קנאַק.

אויך אין אונדזער משפחה האָט די מאַיאָריטעט פון דעם ייִנגערן דור גענומען מיט דער צייט געהערן צו דעמזעלביקן טיפּ. די מינאָריטעט — די וואָס מיט גרינטלעכער לומדישער דערציאונג און וואָס אַביסל אָנגעשמעקט פון דער השכלה, — האָט, אונטער דער השפּעה פון דער מאַיאָריטעט, באַקומען דעמזעלביקן בליק אויף אַ חשובן מענטשלעכן לעבן.

די בעסערע מענטשן פון אָט דעם דור, אַ באַפרייטן פון דער רעליגיע אָבער אויך פון יעדער גייסטיקייט, האָבן אויך ווילִיק געהאָלפן די אַנדערע אין דער דערגרייכונג פון זייער העכסטן לעבנס־אידעאַל: געשמאַק פאַר־דינען און געשמאַק פאַרלעבן.

עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דער סעקסועלער יצר־הרע איז דערביי געוואָרן דער אויבערהאַר איבער אַלע געפילן. די יונגעלייט, וועגן וועלכע איך רעד דאָ, זיינען ניט געווען קיין „צעלאָזענע יונגען", קיין „מופקרים". איך בין זיכער, אַז די גרעסטע מאַיאָריטעט זייערע האָבן אין דעם פּרט שטרענג אָפּגעהיט די פאָדערונגען פון דער יידיש־רעליגיעזער מאָראַל. און פאַר די ייִנגערע פרויען האָט מען גאַנץ געוויס געקאָנט שווערן ביי אַן אָרון־קודש, אַז זיי האָבן בפּועל ממש קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון דער „טהרת המשפחה".

אָבער גערעדט וועגן דעם ענין האָט מען נאָכאַנאַד, און די יידישע וויציקייט האָט דערביי אַרויסגעוויזן די העכסטע גאונות אין פאַרפירע־רישע און פאַרשיכורנדיקע וואונקען און אָנצוהערענישן.

אַט דאָס איז געווען דער טיפּ מענטש וואָס איז געזעסן ביי אונדזער טיש.

וואו זיינען אהינגעקומען אונדזערע עלטערע געסט? וואוהין איז פאַרשוואונדן דער הילכיקער, מונטערער „בני היכלא", אַט דער וואונדער־לעך שיינער געזאַנג, מיט זיינע אָריגינעלע איבערגאַנגען פון מאָטיוו צו מאָטיוו, וואָס מיר פלעגן זינגען אמאָל מיט אזא פריידי? וואוהין — די גייסטיק־רייכע שמועסן וועגן לומדישע און וועלטלעכע ענינים?

גיי, פאַרפיר אַ שמועס מיט דעם פעטער פון פאַניעוועזש אָדער מיט „ריינוסקען" וועגן דער נפקא מינה צווישן חסידות און מתנגדות, אָדער וועגן דעם סוד פון „אחור וקדם יצרתנו"! . . .

אַלע אמאָליקע גייסטיקייטן זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף אַ צע־לאָזענער חוכא וטלולא, אין וועלכער עס האָט זיך פריי אויסגעלעבט די מאַטעריעלע עקאָנאָמישע רחבות.

עס איז אויך בולטער געוואָרן אין לעבן דער קולט פון געלט. איך זאָג בפירוש: דער קולט.

רייכקייט, — פרנסה, און, ממילא, געלט, — איז, נאַטירלעך, אויך פריער געשטאַנען אין הויכער חשיבות ביי אונדז, ווי ביי דעם גאַנצן יידישן פאָלק, אַ חוץ אפשר די גאָר געהויבענע יחידי סגולה, וואָס האָבן ניט געוואָלט וויסן פון אַ „צורת מטבע".

איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ צופרידנקייט מיין פאָטער פלעגט דערציילן וועגן דעם „ט"ז" (אָדער איז דאָס געווען וועגן דעם ש"ך?), אַ באַרימטן גאון, אַן איידים פון אַ גרויסן גביר, אַז ביי אים אויפן טיש פלעגט תמיד דאַרפן שטיין אַ שיסעלע מיט גילדערנע רענדלעך, ער זאָל זיך שפּילן מיט זיי, פאַרטראַכטערהייט, בעתן לערנען.

אָבער דאָס איז ניט געווען קיין געלט־קולט. ווי מיין פאָטער זאָל אפשר ניט האָבן מקנא געווען דעם גאון פאַר אַזאַ שפּילן זיך, געשעצט האָט ער אים ניט פאַר זיינע גילדערנע רענדלעך. רייכקייט איז געווען אונטערגעוואָרפן אונטער לומדות, פרומקייט, יחוס.

ווייניקסטנס, האָט מען אַט די דריי מעלות געשטעלט העכער פאַר רייכקייט אין דעם אינעווייניקסטן באַוואוסטזיין. אין דער צייט אָבער, וואָס איך שילדער איצטער, זיינען אַט די מעלות אָפּגעשטופּט געוואָרן ווייט אויף דעם הינטערשטן פּלאַן. דער „פאַררינער" איז אויך אין דעם אינעווייניקסטן מאַראַלישן באַוואוסטזיין אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ סך העכער פאַר דעם למדן, דעם פרומען, דעם יחסן.

און די געשפּרעכן וועגן געלט, וועגן די גוטע, געשמאַקע פאַרדינסטן,

אפילו די גאָר ניט כשר'ע, סאַי פון אַ יורידישן שטאַנדפּונקט, סאַי לפי דער פּשוטער מאָראַלישער ליטישקייט, האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן.

דאָס איז געווען די אייגנטלעכע טעמע פון די טיש־געשפּרעכן, דאָס גרונט־געוועב, אין וועלכן עס פלעגן זיך אַריינהעפטן די בלומען פון דעם מער אָדער ווייניקער דורכזיכטיקן שלאָף־צימער־לעבן.

און די ליבע צו געלט פלעגט זיך אָפּט אַרויסרייסן מיט אַ גאַנץ אָפענעם ציניזם.

— געלטעלע־ע! — האָט אַמאָל איינער פון די מסובים אַרויסגע־שריען מיט התלהבות. ער האָט דערביי אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אין דער הויך, האָט צונויפגענומען די פינגער אין אַ פויסט און האָט אים ליידנשאַפטלעך געטרייסלט אין דער לופטן.

די ליבע צו געלט און די ליבע צו זנות (די כשרע זנות — ביי די גאָר פרום־געבליבענע, די „אַלערלייאיקע" — ביי די אַנדערע), — אָט דאָס זיינען געווען די צוויי צענטערן, אַרום וועלכע עס האָט זיך גע־דרייט דאָס גאַנצע נשמה־לעבן פון דעם אויפקומענדיקן וועלטלעך־יידישן דור.

אונדזער הויז איז זיכער ניט געווען קיין אויסנאַם צום שלעכטן אין אָט דעם פּרט. אין אַנדערע יידישע הייזער פון דעמזעלביקן „שטאַט", וואָס האָבן זיך געשניטן אויף „אַריסטאָקראַטישקייט", האָט עס אויסגעזען נאָך אַ סך טרויעריקער. טריפענע זנות און שיכּרות, — פון דעם איז אין אונדזער הויז, אויף וויפיל איך ווייס, דעמאָלט נאָך אפילו קיין זכר ניט געווען.

אין אַנדערע הייזער איז אָט דער יונגער סוחרישער דור, דער יידי־שער (נאַטירלעך, דער ניט־אינטעליגענטער) דערגאַנגען אין זיין מאָראַ־לישער ירידה כמעט ביז צו דערזעלביקער שטופע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען די רוסישע בורזשואַזע יוגנט, די אַזוי־אָנגערופענע „סוחרמ־שע זונדעלעך" („קופּיעטשעסקיע סינקי"), וועמענס העכסטער לעבנס־אידעאַל איז באַשטאַנען אין שיכּרות, קאָרטן־שפּילן און אַלערליי פּיל־דערנדיקע דעבאָשן אין די אַלערליי פּרייַלעכע הייזלעך.

אין דעם סוף פון די נײַניצקער יאָרן זיינען — ווי איך האָב מיך שפּע־טער דערוואוסט — אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעמזעלביקן קעסל־גרוב אויך יידישע קינדער פון זייער חשובע פאַמיליעס, מיט אַ היפּש ביסל אינטע־ליגענטן דערביי.

אין פאַרגלייך מיט „שפּעטער" און מיט „לייטן" איז אפשר די אַט־מאָספערע אין אונדזער הויז געווען גאָר ניט אַזאַ שרעקלעכע. און אויך

דאָס מוז איך דאָ בפירוש באמערקן, אַז ביי מיין פאָטער איז אָט דער גייסטיקער צושטאַנד געווען אַן איבערגאַנגס־צושטאַנד. ער האָט ניט געקאָנט פאַלן צו־טיף אין דער מאָראַלישער ירידה. ער האָט דאָ אונטער־געטאַנצט אויב ניט גאָר אויף אַ פּרעמדער חתונה ,איז אויף אַ חתונה פון אַ מער אָדער ווייניקער ווייטן קרוב׃

אָט דאָס איז — אין די קאַרגסטע שטריכן — געווען יענע אַטמאָס־פערע, וועלכע מיר האָבן גערופן: „די בורזשואַזיע", און וועלכע שלמה זאַנוויל האָט גענומען האַסן שוין ביי איר ערשטן, נאָך גאַנץ אָנשטענדיקן, אויסשלאַג אין אונדזער הויז.

אַנסקי האָט דעמאָלט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ טיפּ פון אַן ערנסטן רעוואָלוציאָנער און דעמאָקראַט.

נענוג אָנגעקוקט זיך, אין זיין מוטערס שענק, אויף דעם דלות און די יסורים פון די אונטערשטע פּלאַסטן, אויסגעלייטערט זיין געדאַנק מיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, האָט ער דערקלערט דעם קריג דער בורזשואַזער וועלט. עס האָט אין אים געברענט אַן אמתע שנאה צו איר, און ער האָט אַלץ מבטל געווען אין איר, ניט געפינענדיק קיין איין גוטע האָר.

זיין ערשטן פּראָטעסט אַנטקעגן איר האָט ער שוין צו יענער צייט (אַזוי אַרום 1882) אַרויסגעזאָגט אין דראַמאַטישע סצענעס (געשריבן אין יידיש). זייער טעמע איז געווען: — אַן ערד־גראָבער ווערט פאַרשאָלטן ביי זיין אַרבעט ביי אַ רייכן גביר און ווי אַזוי דער גביר באַגייט זיך מיט דער אַלמנה.

שפּעטער האָט ער די סצענעס באַאַרבעט אין אַ גרעסערער נאָוועלע, וועלכע איינער, אַן אָסטראָם, האָט פון מאַנוסקריפּט איבערגעזעצט אין רוסיש און פאַרעפנטלעכט אין „וואָסכאָד" אין דעם יאָר 1884. (זי איז פון דער רוסיש־יידישער קריטיק באַגעגנט געוואָרן זייער גינסטיק, און באַגריסט געוואָרן ווי דער אָנהויב פון אַ נייער ריכטונג אין דעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן.)

אויך מיט דעם געדאַנק פון אַן אָפּערעטע האָט זיך דעמאָלט שלמה זאַנוויל אַרומגעטראָגן. זי האָט געזאָלט שילדערן דאָס לעבן, די זיטן, די אידעאַלן און די האָפענונגען פון דעם סאָציאַליסטישן יונגן דור. אָנ־געהויבן האָט זי זיך, ווי מיר געדענקט זיך, מיט אַ כאָר פון אַרבעטער אין אַ סאָציאַליסטישן קאָאָפּעראַטיוו: „מיר דאַרפן ניט קיין קייסער!"

אין זיין שפּעטערדיקן קולטור־היסטאָרישן בילד: „די פּיאָנערן" האָט ער אַרויסגעפירט איינעם אַ יונגנמאַן געוועזן, — אין וועלכן מיר

איז גרינג געווען צו דערקענען אייניקע כאראקטעריסטישע שטריכן פון אנסקין גופא·

אויך געווערמאן איז פול מיט אומקאמפראמיסלעכן האס צו דער „אלטער וועלט", אבער אין דעם פרט פון אינעוויניקסטן פראטעסט אנט־קעגן איר איז יענער העלד — נאר א בלייכע קאפיע פון אנסקין, דעם אכצניעריקן „ניהיליסט", וואס האט אפילו אין זיין הילוך און קליידונג ניט געוואלט וויסן פון א וועלכן עס איז „שטאט".

ווען ער פלעגט רעדן וועגן דער „בורזשואזער אטמאספערע" און וועגן די „אריסטאקראטן", האט עס אים ממש געווארפן פון אויפרעגונג און כעס. „שמוציקע שמאטעס פון דעם ענגלישן לארדיזם" („גריאזנאיע לאסקוסיא אנגלייסקאווא לארדיזמא") — האט ער זיי אמאל אנגערופן אין א געשפרעך.

פארוואס — „פון דעם ענגלישן לארדיזם", — דאס איצטער צו דערקלערן, איז ניט אזוי וויכטיק געווען: דער „ענגילשער לארד" איז פאר אים דעמאלט געווען דער סימבאל פון דעם סאציאלן אבי אבות הטומאה.

פלעגן מיר זיך זייער אפט אומקערן צו דעם געדאנק, אז איך מוז אוועק פון דער דאזיקער „בורזשואזנער אטמאספערע"", און אויך מיר האט זיך געלייגט אויפן שכל דער פלאן, איך זאל אוועקפארן קיין טולע צו זיין שוועסטער־קינד.

דער פלאן איז באמת געווען א געבענטשטער, און מיין לעבן אין טולע האט טאקע געשפילט א גרויסע ראלע אין מיין אויסבילדונג. עס איז טאקע פאר מיר געווען זייער א גוטע זאך, וואס איך בין דעמאלט אוועק פון דער היים.

איך וויל מיך ניט מאכן ערגער, איידער איך בין געווען. אבער ווער ווייסט, וואס פון מיר וואלט געווארן, ווען איך וואלט פארבליבן אין ווי־טעבסק, אייגזאפנדיק אין זיך, אומבאמערקט, טאג־איין, טאג־אויס, דעם טאפלטן יצר־הרע־גייסט, וואס האט געהערשט אין דער „בורזשואזער אטמאספערע".

געווים האב איך געהאט א שטארקע שמירה אנטקעגן יענעם סם: אי אין מיין גייסטיקער אנטוויקלונג, אי אין מיינע סאציאליסטישע איבער־צייגונגען, אי אין מיין היים־הונגער צו ריין־גייסטיקע איבערלעבענישן·

אבער סוף־כל־סוף בין איך געווען א זעכצן־זיבעצן יעריקער בחור, צוגעבונדן מיט אומצאליקע פעדים צו דער היים, צו דער מוטער, וואס איך האב אזוי ליב געהאט און וואס האט מיך אזוי געליבט. און פאר דעם

פֿאָטער האָב איך געהאַט דעם גרעסטן אינעווייניקסטן דרך־ארץ פֿון דער פֿריעסטער קינדהייט אָן. און דער לעבן אין דער היים איז געווען אַזאַ פֿריילעכער און — לאָזט מיך איך זאָגן — טאַקע אַ גאַנץ אינטערע־סאַנטער . . .

איך וויל מיך ניט מאַכן ערגער איידער איך בין געווען. אָבער עס איז פּאָרט געווען גאָר אַ גוטע זאַך, וואָס איך האָב געפֿאָלגט אַנסקין.

מיט דעם אוועקפֿאָרן פֿון דער היים זיינען ניט געווען פֿאַרבונדן ניט קיין „טראַגעדיעס", ניט קיין קאָנפֿליקטן, אפֿילו ניט קיין קלענערע צונויפֿשטויסן.

דער פֿאָטער איז דעמאָלט געווען אין ריגע. די מוטער, האָט תּחילת היפּש געפּראָטעסטירט אַנטקעגן מיין פֿאָרן. אָבער איך האָב גע־פֿונען אַרגומענטן, צו באַווייזן די נויטיקייט פֿון דעם שריט פֿאַר מיין ווייטערדיקן „שטודירן". ס'איז דאָרטן אַ בעסערע גימנאַזיע, ניט אַזאַ ווי ביי אונדז, אין וויטעבסק. איך וועל דאָרטן פֿון קיינעם נישט גע־שטערט זיין וכו', וכו'.

אויך מיט אַ יינגלשער בראַוואַדע האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט: אַז איך בין שוין אַ דערוואַקסענער און דאַרף זיך עקאָנאָמיש שטעלן אויף מיינע אייגענע פֿיס. אין טולע וועל איך לעבן פֿון „שטונדן".

— גוט! — האָט דערויף די קלוגע מוטער געענטפֿערט מיט אַ שמייכל. — זאָל דיר גאָט העלפֿן! אָבער דאָס וואָלסטו געקענט אויס־פֿירן אויך אין וויטעבסק . . .

אוועקגעפֿאָרן בין איך מיט דער הסכּמה פֿון די עלטערן און, פֿאַר־שטייט זיך, אויך אויף זייער חשבון. איך ווייס ניט, וואָס דער פֿאָטער האָט געשריבן דער מוטער וועגן דעם. אָבער איצטער הויבט מיר אָן דוכטן, אַז ער האָט גענומען שפּירן צו מיר — ווי זאָל איך דאָס אָנרופֿן — יע, אפֿשר טאַקע אַ שטיקל דרך־ארץ.

עס קאָן זיין, אַז פֿאַרלירנדיק דעם אַלטן באָדן פֿון אונטער זיינע פֿיס און ניט זייענדיק באַהאַוונט אין די נייע וועגן, אין וועלכע די בעסערע שטודירנדיקע יוגנט איז אַוועקגעגאַנגען, וגם אני בתוכם, אָבער שפּירנ־דיק מיט דעם אינטעלעקטועלן חוש זיינעם, אַז דאָס מוז אויך זיין „עפּעס אַ געהויבענער דרך", איז ער אינגאַנצן מטושטש געוואָרן און פֿאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. דאָ פֿלעגט ער זיין צו שטרענג און פֿאַרעקשנט און דאָ ווידער נאָכגעבן אַלץ.

.24

אין „טיף ראַסיי״

מיין ערשטן אַרויספאָר אין דער גרויסער וועלט אַריין, די נסיעה פון דער היים, פון וויטעבסק אַזש ביז טולע, אָנהויב ווינטער 1882, געדענק איך ווי אין אַ חלום. מסתמא בין איך געווען אין אַ העכסט „באַפליגלטער״ שטימונג ביים ערשטן פאַנאַנדערנעמען די יונגע פליגלען.

עס געדענקט זיך מיר, אַז איך האָב די שטאָט טולע און מיין צוקונפטיק לעבן אין טולע מיר אויסגעמאָלט אין אַ ראָזנפאַרביקער באַלייכטונג. מיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט, אָנגעטריבן פון דער תשוקה נאָך אַן אייגענעם, אינהאַלטסרייכן און שיינעם לעבן, און אויך אַ תשוקה צו דינען, אויב ניט אייגן־אויסגעאַרבעטע, איז פאָרט אייגן געוואָרענע, אין פלייש און בלוט אַריינגעדרונגענע, אינהאַלטס־רייכע און שיינע אידעאַלן.

אָבער דאָס געדענק איך באַשטימט: די שווערע, פאַרפרעסטע שטימונג מיינע אין דעם לעצטן טייל וועג, זינט איך האָב זיך אַריבערגעזעצט אין וויאַזמע אין דער באַן קיין טולע.

געפאָרן בין איך, נאַטירלעך, דריטן קלאַס. ניט נאָר אויס „דעמאָקראַטישן״ פּרינציפּ און אויך ניט נאָר אויס עקאָנאָמיע. עס וואָלט קיינעם פון אונדז גלאַט ניט אַרויף אויפן זין צו פאָרן צווייטן אָדער גאָר ערשטן קלאַס.

אַלע יידן ביי אונדז, אפילו פון דעם נגידיש־גבירימשן שטאַנד, צו וועלכן אויך מיין פאַמיליע האָט שוין דעמאָלט געהערט, פלעגן קיינמאָל ניט פאָרן אַנדערש. צווייטן און ערשטן קלאַס פלעגן פאָרן נאָר „פּריצים״, אָפיצערן, באַאַמטע, רוסישע אינטעליגענטן. קורץ, די רוסישע „געזעלשאַפט״.

דער ייד האָט זיך געפילט, ווי אַ פרעמדער צווישן זיי. דאָס מער האָט ער זיך געפילט „אין דער היים״, צווישן אייגענע מענטשן, אין דעם דריטן קלאַס, וואו מען פלעגט פאָרן פיזיש אין דער שרעקלעכסטער ענגשאַפט, אָבער גייסטיק אין דער גרעסטער רחבות.

דאָרטן פלעגט מען קאָנען דאַווענען אין טלית און תפילין און שיר ניט בציבור; טרעפן זיך און באַקענט ווערן מיט נייע מענטשן; דערוויסן זיך פון אַלץ וואָס עס טוט זיך אין די דריי וועלטן, וואָס האָבן

אינטערעסירט דעם יידן: דער סוחרימשער וועלט (אין דער ערשטער ליניע), דער יידישער וועלט און דער „וועלט" בכלל·

פון דאָרטן פלעגן אויך אַרויסוואַקסן אי פּאַסיקע געשעפטס־פאַר־בינדונגען, אי שידוכים. אין מיינע צייטן פלעגט מען אויך גלעט אי־בערשיקן דורך אַ „פּאַסאַזשיר".

און דער עיקר, דאָרטן איז מען געווען „ברודער בברודער" מיט די קאָנדוקטאָרן, און פון „בילעטן" האָבן געוואוסט נאָר די פאַרמעגלעכערע. ניט אומזיסט פלעגט מען דערציילן אין שפּאַס, אַז די קאָנדוקטאָרן פלעגן אויפן וועג, ביים אויסרופן די סטאַנציעס, אויסזינגען: סטאַנציע די און די — יהודים בל"מ! (בלי מעות . . .)".

גאַנץ אַנדערש איז דאָס אָבער געווען אויף דער באַן־שטרעק וויאַז־מע־טולע, אין „טיף ראַסיי".

ווען דער טרעגער האָט אין וויאַזמע אַריינגעטראָגן מיינע פּעקלעך — אַ קישן און אַ „קאָלדרע" האָט צווישן זיי, נאַטירלעך, אויך ניט געפעלט — און איז אַרויס, האָב איך באַלד באַמערקט, אַז איך בין דער איינציקער פּאַסאַזשיר אין דעם גרויסן, גראַמען וואַגאָן.

עס איז אַוועק אַ היפּשע צייט, אָבער קיינער איז ניט צוגעקומען; נאָר דער „הייצער", אַ יונגער שייגעץ, איז אויף אַ מינוט אַריין און ווי־דער אַרויס.

אַן אומהיימלעכע שטילקייט האָט גענומען הערשן אַרום. דער פּעראָן פון דער סטאַנציע איז געווען, ווי אויסגעשטאָרבן. פון די פענצטער אויף דער אַנדערער זייט וואַגאָן האָבן זיך געזען פאַרשנייטע פעלדער, און אַ קליינער, לייכטער שניי איז אומעטיק און פויל געפאַלן אויף דער ערד· מען האָט „דערלאַנגט" דעם צווייטן קלונג, און ווידער איז אַלץ געוואָרן משונהדיק טויט.

דאָ האָב איך ווידעראַמאָל, ווי ניט זעלטן אין מיין לעבן, דערשפּירט אַ קעלט אין אַלע ביינער און אַ געפיל, ווי דאָס לעבן וואָלט מיך אַראָפּגע־וואָרפן פון זיין וואָגן אָן אַ זייט וועג און האָט זיך אַליין אין גאַלאָפּ אַוועקגעטראָגן ערגעצוואו, ווייט־ווייט . . .

און דאָס מאָל האָט דאָס לעבן ניט נאָר מיך אַראָפּגעוואָרפן, נאָר אויך די געשטאָרבענע אייזנבאַן מיט דער סטאַנציע, מיט דער גאַנצער שטאָט וויאַזמע... ליגן מיר פאַרוואָרפענע, פאַרגעסענע ערגעצ־וואו אָן אַ זייט וועג . . .

ענדלעך —דער דריטער קלונג. דער שייגעץ איז אַריין אין וואַ־גאָן און האָט זיך איינגעהויקערט אין אַ ווינקל. דער צוג האָט זיך גע־

נומען רירן און געמיטלעך קייקלען איבער די רעלסן. איך האָב מיך אויך איינגעהויקערט אין מיין ווינקל און געלעגן אַ פאַרגליווערטער, אַ פאַרפינצטערטער, אָן אַ ברעקל זון און האָפנונג אין זיך. אפילו נאָך דער היים האָב איך ניט געבענקט.

אָנגעקומען קיין טולע, בין איך פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, און אויף מאָרגן פרי בין איך גלייך אוועק צו אַנסקים פעטער. זיין יונגער זון — אַ צוויי־דריי־און־צוואַנציק־יעריקער בלאָנדין, אויף וועלכן מיר האָבן געלייגט האָפענונגען אין דעם פּרט פון באַציאונגען צו ראַדיקאַלע קרייזן, איז באמת געווען זייער ווייט פון אַ וואָסער עס איז ראַדיקאַליזם.

עס איז מיר ניט שווער געווען, שוין ביי דעם ערשטן געשפּרעך, אויסצוגעפינען, אַז ער איז ווייט ניט נאָר פון „אַזוינע זאַכן", נאָר בכלל פון אַן אַלגעמיינער בילדונג. אַן איין־איינציק קינד ביי פאַרמעגלעכע עלטערן, פלעגט ער גלאַט אַרומגיין שלינג־און־שלאַנג, אָן אַ וועלכער עס איז באַשעפטיקונג אין לעבן.

ער איז אָבער געווען אַ מענטש מיט אַ וואַוילן כאַראַקטער, און האָט זיך די ערשטע צייט שטאַרק אָפּגעגעבן מיט מיר, ביז איך האָב מיך איינגעאָרדנט און אַריין אין דעם טולער לעבן.

די דרויסנדיקע סביבה, אין וועלכער דער יונגער קאַהאַן האָט מיך אַריינגעפירט, איז געווען אַ יידישע, אָבער אַ שטאַרק אַסימילירטע. די מאַיאָריטעט פון דער קליינער יידישער באַפעלקערונג אין טולע איז באַ־שטאַנען פון קאַנטאָניסטן, אויסגעדינטע „ניקאָלאַיעווסקי" סאָלדאַטן, און זייערע קינדער.

דאָס איז עפּעס געווען אַ גאַנץ באַזונדערע יידישע וועלט, וועגן וועל־כער מיר האָבן קיין ברעקל השגה ניט געהאַט אין דער היים. יידיש האָט קיינער ניט גערעדט, און אויב ווער עס איז פלעגט שוין ווען עס איז יאָ פּרוּוון ריידן יידיש, איז דאָס געווען אַ גאַנץ־משונהדיקער זשאַרגאָן מיט אַזעלכע ווערטער, ווי צ. ב., „אַביעסטאַקאַניעווען", צונעמען ביי איינעם דאָס גלאָז; אָדער: „עס דויעט פון די פאָלעס" („עס בלאָזט פון די דילן"), און דערגלייכן.

די יידישע פרומקייט איז, לפּחות אין יענע הייזער, וואו איך פלעג אַריינגיין, געהאַנגען אויף זייער אַ דינער האָר, און האָט זיך אויסגעדריקט ניט אַזוי אין דעם היימישן לעבן, ווי אין דעם „מנין", וואוהין די עלטערע יידן פלעגן גיין דאָס רוב נאָר אום יום־טובים.

דאָרטן, אין מנין, פלעגן אויך פאָרקומען די אמת־יידישע מחלוקתן פאַר גבאות, אָדער עליות און דערביי — די פעטע פּעטש.

— טי, טשטאָ־זעש עטאָ, איסאַק סאַמאָילאָוויטש, אָטדאַל „שלישי" אבראַשקע ווארנאַקו, אַ מניע קאַקאַי טאָ „שיש" אָסטאַוויל? " (וואָס האָסטו עפּעס אוועקגעגעבן „שלישי" דעם גנב אבאַראַשקע און פאַר מיר האָסטו געלאָזן אַ פייג?) — בייזערט זיך אַ חשובער באַלעבאָס אויף דעם גבאי, פאַרוואָס מען האָט אים אויפגערופן „שישי" און ניט „שלישי".

— פאַמילוי, סעמיאָן אַנדרייאַיטש! — פאַרענטפערט זיך דער גבאי — וויעד שישי אַ סך בעסער, טשעם שלישי . . .

מיט מעשיות וועגן דער עם־הארצות פון דעם „קאַנטאָניסט" וואָלט מען געקאָנט אָנפילן אַ גאַנץ בוך. די ברעקלעך יידישקייט, וואָס האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט ביי דעם עלטערן דור, וואָס האָט שוין אפילו ניט געקאָנט קיין פשוטע עברי. אין זיין שפּראַך, אין זיין לעבנס־שטייגער איז ער מיט קיין זאַך ניט געווען פאַרשיידן פון דער אַרומיקער גרויס רוסישער סביבה.

קיין נאָענטן צונויפלעבן זיך מיט די רוסן האָב איך אָבער אין טולע ניט געקענט באַמערקן. זעלטן ווען יידן און רוסן פלעגן גיין צו־גאַסט איינע צו די אַנדערע. און אויך אין די זעלטענע פאַלן פלעגן רוסן (דער עיקר, יינגערע) קומען צו גאַסט צו יידן, איידער יידן זאָלן ווען איינגע־לאַדן ווערן אין אַ רוסיש הויז.

אָבער דערויף האָט זיך קיינער ניט באַקלאָגט, און פון דעם אייגנט־לעכן אַנטיסעמיטיזם האָט זיך באמת ערגעץ ניט באַמערקט קיין שפּור. די שיידוואַנט, וואָס איז פאַרט געווען צווישן יידן און ניט־יידן איז געווען זייער אַ דינע. זי איז בשום אופן ניט געווען קיין באַוואוסטזיניק־נאַציאָנאַלע, נאָר מער אַ רעליגיעזע. און אַזוי ווי מען האָט אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן וועגן אָט דעם ענין זייער ווייניק געטראַכט, האָט מען די שיידוואַנט אינגאַנצן ניט געמערקט.

אונטער דער ווירקונג פון אָט דער שטאַרק־רוסיפיצירטער ספערע, בין אויך איך אין זייער אַ קורצער צייט געוואָרן פאַקטיש רוסיפיצירט (אין מיינע געדאַנקען האָב איך מיך שוין לאַנג גערעכנט פאַר אַ „רוס").

מיין רוסיש האָט פאַרלאָרן דעם יידישן אַקצענט און דעם ריין־ליט־עראַרישן נוסח. זי איז געוואָרן עכט גרויס־רוסיש, ווי די גאַס האָט זי גערעדט, ווי די אַרומיקע סביבה האָט זי איבערגעגעבן. איך האָב אַליין געשפּירט דעם איבערבייט אין מיין אַקצענט, אין דער אינטאָנאַציע און דעם אַרט רעדן, און בין באמת געווען דערפון זייער צופרידן.

דער אמת־רוסישער מענטש, מיט וועלכן איך בין שפּעטער באַקאַנט געוואָרן נעענטער, איז געוואָרן העכסט סימפּאַטיש. אפשר האָבן אין דעם

געהאט אַ געוויסן חלק מיינע דעמאָלסטיקע אסימילאַטאָרישע אידייען. ער איז מיר אָבער פארבליבן העכסט סימפּאַטיש עד היום הזה, נאָך איבער פערציק יאָר באוואוסטזיניקן יידישן נאַציאָנאַליזם. נאָך עד היום בין איך אין מיינע נאַציאָנאַלע סימפּאַטיעס אַ „רוסאָפיל".

אין דעם הויז פון די קאהאנס האָב איך זיך באקענט מיט אַ יידישן קאַנטאָניסט, וואָס האָט בשעתו ניט אויסגעהאַלטן די עינויים קשים פון דעם אַמאָליקן סאָלדאַטן־לעבן און האָט זיך געשמדט. ער האָט געדינט אין איין רעגימענט מיט קאהאנען.ביידע זיינען זיי פארשליידערט גע־וואָרן פון אונדזערע מקומות אַזש קיין טולע, ביידע דורכגעגאנגען די שבעה מדורי גיהנום פון דעם אַמאָליקן סאָלדאַטן־דינסט, און ביידע פאַר־בליבן ביז צולעצט טרייע גוטע־פריינט. יעדער קאַנטאָניסט האָט נאָך דער „סלוזשבע" חתונה געהאַט מיט אַ דאָרפישער און האָט געלעבט, ווי אַ רייכער פּויער, ניט ווייט פון שטאָט.

ווען אין שטאָט, פלעגט ער קומען צו־גאַסט צו קאהאנען. דאָרטן האָב איך אים איינמאָל געטראָפן אין אַ ציצענעם העמדל מיט רויטע בלי־מעלעך, ארויסגעלאָזן איבער די קני, און אין שאַראַוואַרעס, אריינגע־שטעקט אין פּויערשע כאַליאַוועס. אַ שיינער, אביסל אַ פארגרעבטער יידישער פּנים, אָדער ניין, ניט קיין ריין־יידישער; גיכער: אַ רוסישער, נאָר מיט יידישע אויגן און אַ שיינער, קיילעכדיקער, גרויליך־רויטלעכער באָרד. ער איז געזעסן, געטרונקען טיי און געבלעטערט אין אַ העברייאישן תנ"ך. די יידישע אותיות האָט ער שוין פארגעסן, הגם געווען אַמאָל אַ וואוילער חדר־יינגל. נאָר עס האָט אים, משמעות, פארשאַפט אַ תענוג צו פילן די הייליקע בלעטלעך אונטער זיינע פינגער.

— ד־דאַ־אַ־אַ, ניע ווידיערזשאַל . . . („יע, ניט אויסגעהאַלטן")

— האָט ער פארטראַכטערהייט און מיט אַ ליכטן זיפץ ארויסגערעדט, נאָכדעם ווי קאהאן האָט מיר דערציילט זיין געשיכטע און וועגן דער שווע־רער צייט, וואָס זיי ביידע האָבן אריבערגעטראָגן אין די אַלטע ניקאָלאַ־יעווסקע צייטן.

קיין שטאַרקן צער פאַר זיין „ניט אויסהאַלטן" האָב איך פונדעסט־וועגן אויף זיין פּנים ניט געזען. איך האָב געקוקט אויף אים מיט אַ געמישטן געפיל אי פון רחמנות, אי פון ליבע. און ווי ווייניק איך זאָל דעמאָלט ניט האָבן געטראַכט וועגן יידן און זייער גורל, האָב איך פונ־דעסטוועגן הנאה געהאַט פון דעם געדאַנק, אַז אַזוי קאָן אויסזען אַ ייד, אַז אַזוי אַן ערך וועלן אין דער צוקונפט אויסזען אַלע יידן אין רוסלאַנד.

אין מיין זכרון וועגן מיין לעבן אין טולע געפין איך איצטער נאָך

א פּאָר דאַטן, וואָס באַווייזן מיר, אַז ניט קוקנדיק אויף מיין גאַנצער אַסימילאַטאָרישקייט אין דער טעאָריע און היפּשער אַסימילאַטאָרישקייט אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, האָט ערגעץ־וואו ביי מיר פּאַרט געלעבט אַן אינטענסיווער אינטערעס צו יידן און דעם יידישן פּאָלק, ווייל אַלץ וואָס פלעגט מיך דערמאָנען אָן דער יידישער עקזיסטענץ, פלעגט משונה־דיק אויפלייכטן אין מיין באַוואוסטזיין און אַרומגערינגלט ווערן מיט שטראַלן פון אַן עכטן נאַציאָנאַל־געפיל.

אזוי געדענק איך, אַז זייענדיק אַמאָל אין אַ רוסישער באָד, האָב איך, זיך אויסטועענדיק, דערהערט, ווי אַ יונגער ייִנגלשער קול רופט עמיצן צו אין אַ ניט־ליטווישן יידיש:

„האָסטע גענימען עס וועש?" — דאָס יידיש איז דאָ געווען אַזוי אומדערוואַרטעט, און געקלונגען האָט עס אַזוי שיין און באַטעמט, אַז מיין האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן פאַר פרייד.

איך געדענק ניט, אַ דאַנק וועלכן צופאַל עס האָט זיך ביי דער יידי־שער פאַמיליע, וואו איך האָב ביינגעוואוינט, געפונען מענדעלע מוכר ספרימס „דאָס קליינע מענטשעלע". איך האָב דאָס מיט דעם גרעסטן תענוג דורכ־געלייענט. אין דערזשעלביקער צייט האָב איך דעמאָלט געלייענט אַלפאַנס דאָדעס אַ ראָמאַן אין אַ רוסישער איבערזעצונג.

עס האָט זיך מיר פּלוצים אויסגעדאַכט, אַז איןביידע ווערק דריקט זיך אויס דערזעלביקער אַרט טאַלאַנט און פון דערזעלביקער גרויס: אַן ערלעכער רעאַליזם, מילד באַלויכטן מיט שטראַלן פון אַ ווייכער סענ־טימענטאַליטעט.

דורכגעלייענט דאָס ביכל, האָט זיך מיר פאַרוואָלט אָנשרייבן אין יידיש אַ קליינע אַרבעט, פאַרשטייט זיך, פאַר די מאַסן, אין וועלכער איך האָב געוואָלט פּאָפּולאַריזירן דעם ווערט און דעם באַדייט פון דער אמתער שיינער ליטעראַטור און דעם חילוק צווישן איר און די „בולוואַר־ראָמאַ־נען" (אַזוי האָט מען דעמאָלט גערופן די „שונד"־ראָמאַנען), אַ־לאַ שמ"רס און בלאַשטיינס.

אָנהויבן האָט זיך די דאָזיקע אַרבעט געזאָלט מיט דער עצה, דער לעזער זאָל פאַרקויפן אַלע בולוואַר־ראָמאַנען, וועלכע ער האָט, און אויך דינעזאָנס „הנאהבים והנאימים", ווי אַ צוגאָב, און קויפן זיך מענדעלע מוכר ספרימס קליין ביכעלע, וואָס רופט זיך „דאָס קליינע מענטשעלע".

איך האָב אָבער באַלד דערשפּירט, אַז מיין יידיש איז שוין קיין יידיש ניט. האָב פשוט פאַרגעסן, ווי מען דריקט זיך אויס אין יידיש, און . . . אָסור זאָל מיר זיין, אויב איך האָב דערפון געהאַט, לאָז זיין,

אַ ברעקל עגמת־נפש . . . אדרבה! איך האָב געפֿילט דערביי אַ מין אינעווייניקסטע צופֿרידנקייט, ווי יענער פֿרומער יונגערמאַן, וואָס איז געוואָרן אַן אַפּיקורוס און וואָס האָט אין איין שיינעם פֿרימאָרגן זיך פֿלוצלונג, צו זיין פֿרייד, דערוואוסט, אַז ער האָט שוין מיט מזל פֿאַרגעסן, ווי מען זאָגט „אשרי” אויף אויסנווייניק . . .

און נאָך אַנדערע אַזעלכע קליינינקייטן פֿון יענער צייט געדענקען זיך מיר. אייניקע פֿון זיי וועט מיר נאָך אפֿשר אויסקומען צו באַרירן. איך זאָג נאָך אַמאָל: זיי באַווייזן נאָר, אַז ווי פֿעסט אַסימילאַטאָריש עס זיינען ניט געווען מיינע אידייען און ווי שטאַרק אַסימילירט איך בין ניט געווען אין מיין גאַנצן וועזן, האָט די אַסימילאַציע פֿאָרט ניט געשלאָגן קיין טיפֿע וואָרצלען אין דער נשמה. אויף איר גרונט האָט געלעבט אַ יידיש־נאַציאָנאַלער האַלב־באַוואוסטזיין, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

איז אפֿשר ש. ניגער פֿאָרט גערעכט, ווען ער באַטראַכט די אַסימילאַטאָרישקייט פֿון מיין און אַנסקיס דור — דער עיקר פֿון יענע פֿאַרטרעטער זיינע, וואָס האָבן געהאַט אונדזער יידישע דערציאונג און אונדזער פּראָגרעסיווע גייסטריכטונג — ווי אין תוך — און פּסיכאָלאָגיש גענומען — פֿאַר אַ זייער אויבערפֿלאַכיקן עפּיזאָד.

בנוגע מיין פּסיכאָלאָגיע קאָן דאָס נאָך בעסער שטימען, איידער בנוגע אַנסקים.

.25

איך געפֿין אַן אוצר

ווען איך זיץ איבער מיינע זכרונות וועגן די פּאָר יאָר, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין מולע, בלייבן אייגנטלעך זייער ווייניק דאַטן וועגן מיין עפֿנטלעכער און רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. דאָס רוב איבערלעבענישן זיינען געווען מער פֿון אַ ריין פּערזענלעכן כאַראַקטער, אויב מ'זאָל צורעכענען צו זיי מיין אויסבילדונג אין די פֿאַרשיידענע פֿעכער פֿון דעם מענטשלעכן וויסן, מיט וועלכער איך האָב מיך דעמאָלט באַשעפֿטיקט מיט דעם גרעסטן חשק און התמדה.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין מולע האָט אין יענער צייט כמעט ווי גאָרניט עקזיסטירט. אויף וויפֿיל מיר איז באַקאַנט פֿון די

היסטאָרישע ווערק און די מעמוארן, האָט די טולער גובערניע בכלל ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע, ניט אין דער צייט פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" (ערד און פרייהייט) און ניט אין דער צייט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" (פאָלקס פרייהייט). נאָר איין פאַרשיקטער פאַר נאַראָדנאָוואָ־לישע פאַרברעכנס געדענקט זיך מיר פון טולע — דער סטודענט בוט־קעוויטש. וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ חשובע ראָלע אין יענער באַוועגונג, וועלכע גראַף טאָלסטאָי האָט אַרויסגערופן מיט זיינע שריפטן און זיין פּראָפּאַגאַנדע.

אָבער ווען איך בין געקומען קיין טולע איז שוין בוטקעוויטש געווען, ווי מיר דוכט זיך, אַ פאַרשיקטער, און אויך דאָס פאַר חטאים, וועלכע ער איז באַגאַנגען ניט אין טולע. (פּערזענלעך באַקאַנט געוואָרן בין איך מיט אים ערשט אין דעם יאָר 1887.)

אין טולע זיינען אויך ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, אויב מען זאָל ניט אָנרופן מיט דעם נאָמען אַ פּאָר איינצלנע מענטשן, וואָס האָבן געסימפּאַטיזירט מיט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". קיין סיס־טעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך ערגעץ ניט געפירט, ניט צווישן די תלמידים פון די מיטלשולעס (דריי אַזעלכע זיינען געווען אין טולע), ניט צווישן די פאַבריק־אַרבעטער, וואָס האָבן אויסגעמאַכט גאָר אַ באַדייטנ־דיקער טייל פון דער באַפעלקערונג.

דערפאַר אָבער איז די גאַנצע טולער אינטעליגענציע, — און דער גרעסטער רוב קינדער פון דעם אַדלשטאַנד — געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערן אינטעלעקטועלן ניוואָ איידער ביי אונדז אין וויטעבסק. און בכלל האָט זיך אין דעם עפנטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן געפילט אַ העכערער ליבעראַלער גייסט מיט מער בילדונג און אַ גרעסערן אינ־טערעס צו אָרטיקע עפנטלעכע אָנגעלעגנהייטן. די גובערניע האָט גע־הערט צו די בעסטע פון יענע ראַיאָנען ,אין וועלכע ס'איז איינגעפירט געוואָרן די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג („זעמסטוואָ").

די טולער קלאַסישע גימנאַזיע איז באמת געווען אַ ליבעראַלער דער־ציאונגס־אינסטיטוט און ניט מחמת אַפּגעלאָזטקייט און אומבאַלעבאַ־טישקייט, ווי אין וויטעבסק, נאָר מחמת דעם, וואָס סאַי דער יונגער די־רעקטאָר, סאַי אַ גרעסערע צאָל ייִנגערע לערער האָבן טאַקע געהערט צו דעם ליבעראַלן, פּראָגרעסיוון לאַגער.

דער דירעקטאָר — קוליקאָוו, דאַכט זיך, איז געווען זיין נאָמען — איז אַליין געווען אַ ליטעראַטאָר, ער האָט דראַמאַטיזירט שטשעדרינס גרויסע קולטור געמעלדע „די הערן גאָלאָווליאָוו" אונטער דעם נאָמען

„יודושקא". אין גימנאזיע האָט ער איינגעפּירט אָוונט־פּאַרווײַלונגען אַלע שבת־צו־נאַכט, צו וועלכע יעדער איינער האָט געהאַט אַ פּרייען צוטריט. די ייִנגערע לערער פלעגן אויף זיי האַלטן פּאָפּולערע פאַרלעזונגען פון זייערע פעכער באַגלייט מיט בילדער פון דער צויבער־לאַמטערנע. גוטע פאַרלעזער און דערציילער פלעגן אַראָפּגעבראַכט ווערן פון מאָסקווע, און זיי האָבן באַקאַנט געמאַכט דעם עולם מיט די בעסטע ווערק פון דער רוסישער ליטעראַטור און מיט די שילדערונגען פון דעם פאָלקס־לעבן.

עס קאָן זיין, אַז אַט די אויפגעקלערטע, ניט ראַדיקאַלע, אָבער ליבעראַלע אַטמאָספערע איז גראָד געווען, ביז צו אַ געוויסן גראַד, אַ שמירה אַנטקעגן די שאַרף „רעוואָלוציאָנערע באַציִלן", וואָס האָבן אין יענער צייט זיך אַלץ מער און מער געפּרוּבּפּערט און געמערט אין די קולטורעל מער אָפּגעשטאַנענע ראַנד־ראַיאָנען בכלל, און דעם ייִדישן תחום המושב בפרט.

אויף מיר האָט די דאָזיקע אַטמאָספערע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אין דער היים האָב איך מיר ניט געקאָנט פאָרשטעלן אַן אויפגעקלערטן, פּרייזיניקן מענטשן, וואָס לייענט מיט התמדה די ראַדיקאַלע זשורנאַלן, און וואָס זאָל אין דער זעלביקער צייט ניט זיין קיין אָנהענגער פון דעם אַטעאיסטישן מאַטעריאַליזם, פון די ראַדיקאַלע לעבנס־בליקן און פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויב איינער איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, לפּחות לויט זיינע סימפּאַטיעס, איז ער טאַקע באמת געווען אַ רעאַקציאָנער און אַ „פינצטערלינג" (מראַקאָבעסיעץ).

מיר געדענקט זיך די באַקאַנטשאַפט מיט אַן עלטערן מענטשן, אַ שרייבער, דוכט מיר, אַן אַרטיקער היסטאָריקער, זייער אַ געבילדעטער מאַן, אַ בקי אין יענע אַלע „הייליקע שריפטן", וועלכע מיר האָבן געלייענט מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד, וואָס פלעגט אָבער ריידן וועגן זיי כמעט ווי מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, פון אויבן אַראָפּ. פון פּיסאַרעוון, ווי אַ דענקער, האָט ער כלל נישט געהאַלטן און אים מבטל געווען כקליפּת השום. טשערנישעווסקין האָט ער גענומען אַ סך ערנסטער, אָבער מיט זייער אַ שטאַרקער רעזערווע. יראת הכבוד האָב איך ביי אים באַמערקט נאָר צו געווענען און קאַוועלינען, — אַ לעגאַלן שריפטשטעלער און געלערנטן וועמעס נאָמען און שריפטן עס זיינען מיר געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. איך פלעג אויסהערן זיינע רייד גאַנץ ערנסט, פלעג אַרויסברענגען מיינע טענות אַנטקעגן זיין שטאַנדפּונקט, פלעג מיך פילן זייער אומבאַפרידיקט מיט זייע ענטפערס, און פלעג אייגנטלעך אַליין ניט וויסן ווי איך זאָל מיך שטעלן צו אַזעלכע מיני מענטשן און געדאַנקענגאַנגען.

ער, ווי דאָס רוב טוער פון דעם עלטערן דור (געבילדעטע קריסטן), האָבן טעאָרעטיש געהערט צו יענעם קעסטעלע אין מיין קלאַסיפיקאַציע, וואָס האָט געטראָגן די אויפשריפט: „דער ליבעראַל", און וואָס איז ביי מיר געווען ארומגענומען מיט ביטול. די לעבעדיקע ליבעראַלן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר מיר, האָבן אָבער אויסגעשלאָסן יעדן ביטול צו זיך און האָבן אימפּאָנירט מיט זייער וויסן און אָפּגעוואוינענעם אורטייל.

עס האָבן גענומען אין מיר שוין דעמאָלט אויפגיין אַ האַלב־באַוואוסט־זינקער חשד, אַז דער ענין פון וועלט־אָנשויאונגען פון סאָציאַל־פילאָזאָ־פישע און סאָציאַל־פּאָליטישע אידייען איז גאָר ניט אַזאַ פּשוטער ווי מיר האָט זיך דאָס פריער געדוכט.

טשערנישעווסקים געדאַנק, אַז אַלץ הענגט אָפּ פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג און אַז אויב איינער ווערט באַקאַנט מיט די אמתן פון דער נאַטור־וויסנשאַפט און דער געשיכטע און באַפרייט זיין גייסט פון אַלע רעליגיעזע „זאַבאַבאָנעס", ווערט ער שוין במילא געטריבן צו דעם סאָצי־אַליסטישן אידעאַל — האָט דאָ געפונען אַ לעבעדיקע סתירה אַנטקעגן זיך.

דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ האַלב־אומבאַוואוסטזיניקער חשד, וואָס איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן אַ סך שפּעטער. דעמאָלט האָט ער אין מיר ארויסגערופן די נאָך שאַרפערע תשוקה באַקאַנט צו ווערן מיט די גרעסערע טעאָרעטישע ווערק פון מיין רבין טשערנישעווסקין, וועלכע מיר האָבן ניט געקענט קריגן אין וויטעבסק. אָבער אויך אין טולע זיינען זיי געווען יקר־המציאותן. מען האָט מיר עטלעכע מאָל צוגעזאָגט צו ברענגען אַזאַ אָדער אַן אַנדער ווערק פון אים, אָבער דאָס האָט זיך אַלץ ניט גע־מאַכט.

נאָר דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצן פּאַק פון זיי.

אין טולע זיינען געווען אַ פּאָר בוקיניסטן — הענדלער מיט אַלטע ביכער — אַ מסחר, פון וועלכן מ'האָט אין אונדזערע געגנטן גאָרנישט געוואוסט. אין יענע קראָמען, אָנגעפּאַקטע מיט אַלערליי ביכער און אַל־טע זשורנאַלן, פלעג איך זיין אַן אָפטער אריינגייער און אַ גוטער קונד. מיט איינעם פון יענע הענדלער בין איך געוואָרן אפילו נעענטער באַקאַנט. דאָס איז געווען אַן עלטערער „קופּיעץ" מיט אַ בייזן שטענדיק אָנגעראָקטן פּנים.

איינמאָל פרעג איך אים, אַזוי ווי אַגב אורחא, צי האָט ער עפּעס ניט געהערט פון אַ שריפטשטעלער טשערנישעווסקי, און צו געפינען זיך

נישט ביי אים וואָסערע פון זיינע שריפטן. דער „קופּיעץ" האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע ביידע צלמע אויגן מיט די אַראָפּהענגענדיקע רויטע לעדלעך, האָט געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע און האָט לסוף אַרויסגערעדט, ציילנדיק די **טראָפּן:**

— „טאָשלוט מעביאַ זאַ משערע־ניע־שעווסקאַוואַ!" (מ'וועט דיך פֿאַר משערנישעווסקין פֿאַרשיקן).

איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ער האָט מיך אָנגענומען פֿאַרן אַקסל און האָט שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— „פּאָדי סודאַ, ראַיטיאַ!" (גיי אַהין, פֿאַרע זיך).

ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ טונקעלן חדר, אין וועלכן איך פֿלעג קיינמאָל ניט אַריינקומען, וואָס דאָרטן אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּל און האָט מיר אָנגעצייגט אַ גאַנצע וואַנט אין אַ ווינקל אָנגעוואָרפֿן מיט אַלטע רוסישע זשורנאַלן. איך האָב מיך מיט זשק אַ וואָרף געטאָן אויף דעם גרויסן באַרג שמאַטעס. עס זיינען דאָרטן געווען אַלטע זשורנאַלן נאָך פֿון די פֿעריציקער יאָרן, דער עיקר, די זעמאַלסטיקע „אָטשעטשעסטווענניע זאַפּיסקי", נאָך פֿון ביעלינסקיס צייטן. געווען אין גאָר אַ גרויסער צאָל דאָסטאָיעווסקיס זשורנאַל „ווערעמיאַ" — זאַכן וואָס האָבן מיך לגמרי ניט אינטערעסירט; אָבער עס האָבן זיך געפֿונען באַוויזן, און וואָס ווייטער, אַלץ מער ביכלעך פֿון דער „רוסקאַיאַ סלאָוואָ" און פֿון דעם **„סאָוורעמיעניק".**

עס איז באמת שווער צו באַשרייבן די גרויסע פֿרייד, וואָס מיך האָט דעמאָלט אַרומגענומען. פֿון לאַווראָוון האָב איך זייער ווייניק געהערט ביז דעמאָלט, אָבער פֿאַרט שוין געוואוסט, אַז ער איז „אַן אונטערדריקער". איך האָב גענומען אויסרייסן פֿון די זשורנאַלן טשערנישעווסקיס אַרטיקלען, אָבער דאָ איז אַריין מיין קופּיעץ און האָט גענומען פּראָטעסטירן.

„ניין, ברודערל, דאָס גייט נישט. וועסט אַרויסקלייבן אַלע ראָזשינקעס אויף אַ פּאָר פֿונט און מיר וועסטו איבערלאָזן די שמאַטעס. ווילסטו נעמען, נעם ווי עס גייט — די גאַנצע ביכלעך".

איך האָב באַשלאָסן צו נעמען דעם **„סאָוורעמיעניק".** אינאיינעם זיינען דאָס געווען אַ זעכציק גראָבע ביכער, וועלכע איך האָב געמוזט שלעפּן שטונדנווייז פֿון זיין קראָם צו זיך אַהיים. אָבער קיינמאָל איז מיר אַ משא אַזוי גרינג ניט געווען צו טראָגן ווי דעמאָלט, ווען איך פֿלעג, אַ באַרעקטער מיט שווייס, מיט אַ פּאַנאַנדערגעעפֿנטן פּוטערל, שלעפּן

אויף זיך אין אַ זוניקן קנאַקעדיקן פראָסט־טאָג, די פּעק אַלטע „סאָוורע־מיעניק".

צוויי פראַגן האָבן מיך באַזונדער דאַן אינטערעסירט אין טשערני־שעווסקים סיסטעם. איך האָב געזוכט אין זיינע שריפטן די טיפערע טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דעם אַטעאיסטישן מאַטעריאַליזם בכלל. ספּעציעל אָבער האָט זיך מיר ניט געוואָלט לייגן אויפן שכל, אַז די אַזוי אָנגערופענע העכערע מאָראַלישע געפילן, און דער עיקר יענע געפילן, פון וועלכע עס וואַקסט אַרויס אַזאַ שאַרפער, אַזאַ בולטער אַקט, ווי די מסירת נפש פאַר אַן אידעאַל אָדער אַ גלויבן, — אַן אַקט, וואָס אויף אים איז געגרינדעט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון דער טעראָריסטי־שער פּאַרטיי — אַז אַזעלכע העכערע געפילן, זאָג איך, זאָלן גאָר ניט זיין בנמצא, ווייל אין זייער תוך זיינען זיי ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דער הוילער עגאָאיזם, אַ באַלויכטענער מיט שטראַלן פון דער ריין גייסטיקער שכלדיקער אַנטוויקלונג. קיין ספק אין דער ריכטיקייט פון די געדאַנקען האָב איך דעמאָלט ניט געהאַט. איך האָב פּשוט ניט געוואוסט ווי אַזוי זיי ווערן טעאָרעטיש אַרויסגעבראַכט אין דער „וויסנשאַפטלעכער דער־קענטעניש".

ניט ווילנדיק און ניט ערנסט פלעג איך מיר אָפּט אַליין משער זיין אין וועלכע וועגן, אַן ערך, אַזאַ וויסנשאַפט קאָן גיין, כדי צו קומען צו אַזוינע רעזולטאַטן, אָבער קיין אמתע טעאָרעטישע באַפרידיקונג, אפילו בדרך כלל, האָב איך פון מיינע אייגענע געדאַנקען ניט געהאַט. איך וועל נאָך מסתמא צוריקקומען ביי אַ שפּעטערער געלעגנהייט צו אָט דעם ענין. דאָס מוז איך אָבער פאַרנאָטירן, אַז גראַד וועגן אָט די פראַגן האָב איך אין טשערנישעווסקים שריפטן, וואָס איך האָב געפונען אין „סאָוורע־מיעניק" אפילו קיין וואָרט ניט באַגעגנט, וואָס זאָל מיך ווי ס'איז אַרויס־פירן אויפן געוואונטשענעם וועג.

וועגן דעם מאַטעריאַליזם געדענקען זיך נאָך אַ פּאָר חקירות, וואָס האָבן געזאָלט קלאָר מאַכן, אַז אַלע גייסטיקע פּראָצעסן, וועלכע מיר שרייבן־צו דער עקזיסטענץ פון אַ נשמה, דערקלערן זיך וויסנשאַפטלעך ווי גאַנץ פּשוטע מאַטעריעלע פּאַרקומעניש, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין יע־נעם טייל מאַטעריע, וועלכע רופט זיך דער מאַרך און דער נערוון־סיסטעם. אָבער אָט דער געדאַנק איז מיר שוין געווען פריער ניט נאָר באַקאַנט, נאָר כמעט ווי אַן אַבסאָלוטער אַקסיאָם, וואָס נויטיקט זיך שוין ניט אין קיין באַווייזן. צו דעם געדאַנק בין איך שוין געוואוינט געוואָרן פון יענע

דיסקוסיעס, וועלכע מיין לערער בראווע האָט געפירט מיט מיין פעטער זאַנוויל פון יעליעץ.

די איינציקע דערקלערונג, פאַרוואָס איך געפין ניט דעם נויטיקן פונדאַמענט אין טשערנישעווסקיס שריפטן, איז געבליבן פאַר מיר צו זוכן אין דעם פאַקט, וואָס איך האָב געהאַט ניט אַלע ביכלעך פון „סאָוורעמיעניק" ביי זיך און וואָס אויך אין די ביכלעך, וועלכע איך האָב אַ דאַנק אַזאַ גליקלעכן צופאַל געפונען ביי דעם בוקיניסט, זיינען אַ סך אַרטיקלען פון טשערנישעווסקי געווען לכתחילה אַרויסגעריסן (דער „טשטשאַ דיעלאַט" האָט אויך געפעלט). אַ שרעקלעכער פאַרדרוס!

דערפאַר איז אָבער געווען גענוג מאַטעריאַל אין דעם „סאָווריעמיעניק" בכלל און אין טשערנישעווסקיס אַרטיקלען בפרט, וואָס האָבן באמת ברייטער געמאַכט מיין בליק און באַרייכערט מיינע קענטענישן אויף די פעלדער פון געשיכטע, סאָציאַלער וויסנשאַפט און פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

איך האָב געהאַט אין מיינע הענט גאָר אַ גרויסן טייל פון טשערנישעווסקיס „קריטישע באַמערקונגען צו דזשאָן סטיואַרט מילס פּאָליטישער עקאָנאָמיע" און איך וויים עד היום ניט קיין בעסערן אַריינפיר אין דער סאָציאַליסטישער קריטיק פון דעם מאָדערנעם עקאָנאָמישן סיסטעם, ווי יענע קריטישע באַמערקונגען. ניט אומזיסט האָבן זיי געמאַכט אַזאַ טיפן רושם אויך אויף אַזאַ טיפן דענקער און בקי אין הלכות עקאָנאָמיע ווי קאַרל מאַרקס, וואָס האָט זיי דערמאָנט לשבח אין אַ פּריוואַט בריוו צו ענגעלסן און וואָס האָט נאָכדעם עפנטלעך געקרוינט טשערנישעווסקין מיט דעם נאָמען „דער גרויסער רוסישער געלערנטער און קריטיקער".

עס שאַדט ניט צו דעמאָנען דאָס דעם איצטיקן דור, וואָס איז נוטה בכלל צו פאַרזען דעם באַטייט און די גרויס פון יענעם רוסישן דענקער און פאַרשער מחמת זיינע, פאַר אונדזער צייט, אמת „אויבערפלעכלעכע" טעאָריעס אין דער פילאָסאָפיע און אין דער עסטעטיק.

איך האָב דאָרטן אויך געפונען טיילן פון זיינער אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דעם קהלשן אייגנטום אין דעם רוסישן דאָרף, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין „אַגראַריזם" און „פאָלקסטימלערישקייט". און אויך אַ סך אַנדערע איינצלנע אַרטיקלען, יעדער אַזוי קלוג, אַזוי פשוט געשריבן און פאַרט אַזוי רייך אין אינהאַלט און געדאַנק.

מיין ליבע און טיפע פאַרערונג צו דעם גייסטיקן העלד פון מיין יוגנט איז בשום אופן ניט פאַרמינערט געוואָרן, נאָר האָט בפירוש זיך פאַרשטאַרקט אין דעם שטודיום פון זיינע ווערק. און אין יוגנטלעכן

איבערמוט פלעג איך אמאל טראכטן, אַז אויב איך בין ניט באַשטימט פון דעם גורל צו זיין אַ פּאָעט, ווי דאָס האָט געהאַפט שלמה זאַנוול, וואָלט איך געוואָלט זיין אַזאַ פּראָזע־שרייבער ווי טשערנישעווסקי.

עס האָט גענומען גאַר אַ גרויסע צייט ביז דער „טשערנישעווסקי־אַניזם" האָט זיך ביי מיר ביסלעכווייז פאַנאַנדערגעבערקלט און איז פאַנאַנדערגעפאַלן. איך ווייס איצט כמעט קיין איין פּונקט ניט אין דער אַלגעמיינער פילאָסאָפישער וועלט־אַנשויאונג, מיט וועלכן איך וואָלט איצטער געקאָנט מסכים זיין אָדער אפילו פאַרקוקן זיין פלאַכקייט און מאַגערקייט. אָבער פון דער געשיכטע האָב איך מיר דערוואוסט, אַז אַט די פילאָסאָפישע מאָרגערקייט איז געווען ניט אַזוי אַ פּראָדוקט פון אַ שוואַכער אינדיווידועלער דענק־קראַפט, ווי אַ סך מער אַ פּראָדוקט פון אַ גרויסן טעות, אין וועלכן דער מענטשלעכער געדאַנק האָט געמוזט אַריינפאַלן, אפילו ביי אַזעלכע אמתע ריזן פון דעם מענטשלעכן דענקען, ווי פייערבאַך און קאַרל מאַרקס.

26.

מיינע ערשטע שריט

ווען איצטער, בעתן דערמאָנען זיך, פאַרגלייך איך טולע מיט ווי־טעבסק און די צוויי פאַרשיידענע „וועלטן" פון יענע שטעט, געפין איך קודם כל, אַז אין טולע האָב איך ניט באַמערקט קיין סימנים פון אַ קאַמף „צווישן דעם אַלטן און דעם יונג דור" — אַ קאַמף, וואָס איז אין וויטעבסק געווען כמעט ווי די אַקס, אַרום וועלכער אונדזער לעבן האָט זיך געדרייט, און וואָס מיט אים איז געווען פול די רוסישע „פּראָגרעסיווע" בעלעטריסטיק פון די זעכציקער און אָנהויב זיבעציקער יאָרן.

ניט ביי די יידן, ניט ביי די קריסטן, זיינען ניט געווען קיין קאָנפליקטן צווישן די קינדער, וואָס האָבן זיך געזאָלט רייסן צו אַ „נייעם לעבן", און די עלטערן, וואָס האָבן געזאָלט אָפּהיטן די יסודות פון דעם אַלטן.

דאָס טולער לעבן איז צו יענער צייט געווען אַן אָרגאַניש איינגע־שטעלטס, פאַר די פאַרשיידענע שיכטן — לויט אַ פאַרשיידענעם נוסח.

עס פלעגט מיר אויסקומען צו טרעפן זיך מיט אַ סך יונגעלייט פון דעם קריסטלעך־סוחרישן קלאַס. דאָס פלעגט געשען אָדער אויף די „אוונטן"

פון דער גימנאַזיע אָדער — נאָך עפּטערס — אין אַ טאַבאַק־מאַגאַזין אויף דער הויפּט־גאַס, דער „קיעווסקאַיאַ". די קראָם איז געווען אַ מין קלוב און ראַנדעוואַר־פּלאַץ, וואו לייִדיק־גייער פּלעגן פאַרברענגען גאַנצע טעג אין רייכערן און פּלאַפּלען — און לייִדיק־גייער צווישן דער סוחרישער יוגנט זיינען געווען אַ סך. אויך פאַרנומענע פּלעגן אַריינלויפן אַהין אויף אַ שעה אָדער צוויי.

עס האָט זיך מיר דאַרטן קיינמאָל ניט געמאַכט צו הערן אַ שמועס אויף אַ פּאָליטישער, סאָציאַלער אָדער אַפילו אַ ליטעראַרישער טעמע. אויב מען האָט זעלטן ווען גערעדט וועגן „ליטעראַטור", איז דאָס געווען דאָס רוב וועגן די הומאָריסטישע זשורנאַלן: דעם „בודילניק", דער „סטרעקאָזאַ" און די „אָסקאָלקי". דער עיקר פּלעגט מען לעקן די פינגער פון די קליינע דערציילונגען אין די „אָסקאָלקי", אונטערגעשריבן מיט דעם נאָמען „אַ משעכאָנטע" — משעכאָוס פּסעוודאָנים, איידער ער איז נתגלה געוואָרן אין דער גרויסער ליטעראַטור.

די הויפּט־טעמען פאַר דעם געשפּרעך פון אָט דער יוגנט — אַ וואַווילער, לעבנס־לוסטיקער און מונטערער — זיינען געווען די אָרטיקע פּאַסירונגען; די גבורות ונפלאות, וואָס די מאָסקווער „זשוליקעס" טוען אָפּ, ווען אַ באַנדע זייערע מאַכט אַ וויזיט קיין טולע (עס האָבן נאָך געלעבט אין זכרון די בריליאַנטענע המציאות פון דער יידישער גנבטע, דאָס „גאָלדענער הענטל"), די „דעבאָשען", וואָס די פּראָווינציעלע „קופּיעטשעסקי סינקי" (סוחרים־זינדלעך) מאַכן אין די טראַקטירן און די „הייזלעך", ווען זיי קומען אין דער „גובערניע", ועל־כולם — אין ווינטערצייט — דער יאָג־ספּאָרט אויף „שנעל־לויפערס" („ריסאַקי"), וואָס פּלעגט כמעט יעדן אָוונט פאָרקומען אויף דער „קיעווסקער" גאַס.

מען האָט געשמאַק אַרומגערעדט די מעלות פון דעם אָדער יענעם פערד, וואָס האָט באַלאַנגט צו דעם אָדער יענעם יונגן „קופּיעץ", גענוי אָנגעגעבן די ברייט פון זיין הינטער־חלק און דעם מקח, וואָס מען האָט פאַר דעם לויפער באַצאָלט: פערציק טויזנט, פופציק טויזנט, פינף־און־זיבעציק טויזנט.

קירכלעך־פרום, אָפּגעהיט אין דער „תעניתים־צייט" און מוראדיק אַבערגלויביש, איז אָט די יוגנט געווען פונקט אַזוי ווי די עלטערן. די „מאָדערנערע" האָבן געצויגן זייער גייסטיקע שפּייז פון די וועכנטלעכע „אילוסטרירטע" זשורנאַלן: דער „ניוואַ", די „אָגאָנקי", דעם „זשיוואָפּיסנאַיאַ אָבאָזרעניע". פון וואַנען זאָלן זיך דאַ נעמען קאָנפליקטן צווישן אַלט און נײַ?

מיט דער ביוראָקראַטישער וועלט האָט מיין סביבה ניט געהאַט קיין ברעקל מגע ומשא, ווי מיר זיינען אויך קיינמאָל ניט געקומען אין באַריר מיט דער גאָר צאָלרייכער טולער פאַבריק־אַרבעטערשאַפט. אַ געוויסן צו־טריט האָבן מיר געהאַט צו דער מיטל־פּריצימשער וועלט און צו דער אינ־טעליגענציע. אָט די העכערע פּלאַסטן פון דער געזעלשאַפט זיינען, אין דורכשניט, געווען דורכגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון די ליבעראַלע „זיעמ־סטוואָס" (די אָרטיקע ראַיאָנע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען). דאָ האָט מען זיך שוין גראָד געאינטערעסירט מיט „פּאָליטיק". אָבער דאָס איז געווען די ריין־אָרטיקע פּאָליטיק, די קליינע רייבונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען צווישן די „זיעמסטוואָס" און דער צענטראַלער מאַכט.

דאָס רוב פון אָט די פּלאַסטן — אַזוי שאַצט דאָס אָפּ מיין זכרון — זיינען געווען ערנסטע ליבעראַלן, וואָס האָבן געלייגט זייערע האָפנונגען אויף דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פון די „זיעמסטוואָס", פון וועלכע עס וועט „מוזן" אַרויסוואַקסן אַ „קאָנסטיטוציע" מיט אַ פּאַרלאַמענט. צו די אמתע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן אין דער העכערער אַריסטאָקראַ־טיע האָט אונדזער איינער ניט געהאַט אפילו קיין דריסת הרגל. עס איז מיר ניט באַקאַנט געווען קיין איין הויז, וואָס זאָל האָבן אַבאָנירט דעם קאָנסערוואַטיוון „רוסקי וויעסטניק". אויך די באמת ראַדיקאַלע „אָטיע־טשעסטווענייע זאַפּיסקי" זיינען געווען גאָר ווייניק פאַרשפּרייט.

עס קאָן זיין, אַז גראָד אָט די אָרגאַנישע איינגעשטעלטקייט פון דעם לעבן, מיט דער איבערוואָג, וואָס דער ליבעראַלער גייסט האָט געהאַט אין דער געזעלשאַפט, איז געווען די הויפּט־סיבה, פאַרוואָס טולע איז דע־מאָלט געווען אַ שטאָט, וואָס האָט קיין ברעקל נאָמען ניט געהאַט אין דער געשיכטע פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אין מיין צייט זיינען נאָך דאָרטן ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס.

ערשט שפּעטער האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן אַן אַרבעט צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט, אָנגעפירט פון אָסיפּ מינאָרן, וואָס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט מאָסקווע. אויך וויערא לאָכאָווא, מיין שפּעטערדיקע פרוי, האָט באַזוכט טולע, אין עפּעס אַ שליחות פון דעם צענטער צו מי־נאָרן. אָבער מיט מינאָרס אַרעסט און פאַרשיקונג האָט זיך אויך אָט די אַרבעט אָפּגעשטעלט אויף יאָרן און יאָרן.

קיין ראַדיקאַלע קרייזן זיינען, ווען איך בין געקומען אהין, אפילו אויף אַ רפואה ניט געווען. עס זיינען, נאַטירלעך, געווען איינצלנע אויס־נאַמען, ווי צ. ב. די פאַמיליע בוטקיעוויטש. דער עלטערער זון פון דער פאַמיליע, אַ סטודענט פון דער אוניווערסיטעט, אַנאַטאָלי, איז שוין דיי־

מאָלט געווען אַ פאַרשיקטער אין סיביר פאַר זיין אָנטיילנעמען אין דער „נאַראָדאָוואָלישער" באַוועגונג, די חטאים זיינע איז ער אָבער באַגאַנגען ניט גופא אין טולע. אין 1887, ווען ער האָט זיך שוין אומגעקערט פון סיביר, בין איך פּערזענלעך באַקאַנט געוואָרן מיט אָט דעם מערקווירדיק אייגעלן און ערנסטן מענטשן. קיין רעוואָלוציאָנער איז ער שוין ניט געווען: ער איז געוואָרן איינער פון די ערשטע וויכטיקע פּיאָנערן אין דער נאָר־וואָס אויפגעקומענער „טאָלסטאָיאַנישער" באַוועגונג.

אין טולע בין איך געווען באַקאַנט מיט זיין ברודער, אַ גימנאַזיסט, אַ העכסט סימפּאַטישער טיפּ, פון וועמען עס האָט ווי געשפּריצט מיט „געזונט", פיזישער, אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער. אין זיין גרויסן, ליכטיקן אַרבעטס־צימער האָט ער איינגעאָרדנט אַן איינבינדער־וואַרשטאַט מיט די בעסטע אינסטרומענטן, און האָט זיך געקליבן צו אָרגאַניזירן אַ סאָציאַליסטישן קאָאָפּעראַטיוו על־פּי־נוסח טשערנישעווסקי.

צו די ראַדיקאַלן האָט געהערט אויך איינער אַ יונגערמאַן, „אָן באַשטימטע באַשעפטיקונגען", מיט דעם נאָמען ספּעקוליעוו. אַ זון פון זייער אָרימע עלטערן, דאַכט מיר, פון גייסטלעכן שטאַנד; אַ דאַרער, קרענקלעכער בלאָנדין מיט זייער אַן אינטעליגענטן אויסדרוק אין געזיכט, האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ בינטל אויפגערודערטע נערוועז. ווען ער פלעגט קומען צו מיר, פלעגט ער זיך אָפט אָנפרעגן, צי עס איז צו־מאָל ניטאָ אין שטוב אַ ביסל באַלדריאַן־טראָפּנס. מיר זיינען באַלד געוואָרן זייער נאָענט.

דאָס רוב אַ פאַרשוויגענער, פלעגט ער זיך אָבער ציטנווייז פאַנאַנדעררעדן, און דעמאָלט פלעגט זיך אַרויסווייזן, וואָס פאַר אַ מאַסע היסטאָרישע ידיעות דער מענטש האָט פאַרמאָגט, דער עיקר אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיינע קענטעניש אין אָט דעם פּרט האָט ער געשעפּט, ווי איך בין מיך משער, ניט אַזוי פון „אונטערערדישע" קוואַלן, ווי פון באַריכטן וועגן די רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די לעגאַלע ציטונגען.

פון אים האָב איך מיך אויך דערוואוסט וועגן דעם יידישן רעוואָלוציאָנער „לייבאַ דעיטש". אַזוי האָט ער אים טאַקע גערופן: „לעיבאַ דעיטש", מן הסתם ווייל אונטער דעם נאָמען האָט דער באַרימטער ליעוו דייטש געפיגורירט אין די אָפיציעלע דאָקומענטן.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיר איז גראָד געפעלן געווען, וואָס יענער רעוואָלוציאָנערער העלד האָט זיך גערופן „לייבאַ". ניט קוקנדיק

אויף מיין דעמאָלטיקן רוסיציזם, האָב איך דערשפּירט צו אים אַ באַ־
זונדערס וואַרימען געפיל, אַ געפיל פון גאָר נאָענטער קרובהשאַפט, אַ סך
אַ נאָענטערער, איידער, זאָגן מיר, צו זיין נאָענטסטן חבר, סטעפּאַנאָ־
וויטשן, מיט וועמען דייטשס נאָמען איז געווען פאַרבונדן אין ספּעקו־
ליעווס דערציילונגען.

ווי געזאָגט, איז דעמאָלט אין טולע נאָך ניט געווען אפילו קיין שפּור פון אַ וועלכער עס איז רעוואָלוציאָנערער, לאָז זיין, ריין־פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט. דאָס איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט בכלל. די נאַראָדנאָוואָלישע באַוועגונג, וואָס איז געווען די הערשנדיקע אויף דער רעוואָלוציאָנערער גאַס, האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ קריזיס, וועלכן זי איז שוין ניט אַריבערגעשטאַנען. דער צענטראַלער „אויספיר־קאָמיטעט" איז געווען צעקלאַפּט. ווי מיר ווייסן איצטער פון וויערא פיגנערס מעמוארן, איז פון אים געבליבן נאָר זי אַליין, וואָס האָט זיך, מיט אַ פּאָר מיטהעלפער, געוואָרפן, ווי אַ פיש אויפן ברעג, כדי ווידער אויפצובויען דעם קאַמף־אַפּאַראַט. די געהיימע דרוקערייען זיינען שוין אויך געווען אַלע אַרעסטירט. קיין נייע ליטעראַטור איז ניט אַרויסגעגאַנגען, און פאַרשפּרייטן, קאָמענטירן, פּאַרטיידיקן איז ניט געווען וואָס.

פונדעסטוועגן האָט זיך אין טולע, באַלד נאָך מיין קומען אַהין, צונויפגעשטעלט אַ קרייזל פון גימנאַזיסטן און רעאַליסטן, און אַ פּאָר פון זיי זיינען שוין געווען אין די העכערע קלאַסן. מען פלעגט זיך צונויפקומען אינאיינעם און לייענען די פאַרבאָטענע אָדער האַלב־פאַרבאָטענע ליטעראַטור און געמיט זיך ערנסט פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין די פּראָבלעמען פון דעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם.

די ראַדיקאַלע ליטעראַטור, די לעגאַלע און האַלב־לעגאַלע -- ד. ה. אַזאַ, וואָס איז פאַרווערט געוואָרן נאָכדעם, ווי זי איז לעגאַל אַרויס — האָבן מיר געהאַט לרוב פון זייער אַ רייכער ביבליאָטעק, וואָס האָט געהערט צו דעם אָפּיצערישן קלוב. אַ גרויסע הילף זיינען דערביי געווען אויך טשערנישעווסקיס אַרטיקלען, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון דעם „סאָווערעמיעניק".

ווי קליין און אומבאַדייטנדיק עס איז, אין תוך אַריין, ניט געווען יענע אַרבעט, דערמאָן איך זיך אָן איר מיט דאַנקבאַרקייט און וואַרימקייט. אפשר איז דאָס טאַקע, אפילו „אין תוך אַריין", גאָר ניט קיין קליינע זאַך, ווען יונגעלייט ווערן, בעת זייערע גייסטיקע און מאָראַלישע פייאיקייטן הויבן זיך אָן פאַנאַנדערצועפענען, אַריינגעפירט אין די גרויסע פּראָבלעמען פון דער צייט און לערנען זיך צו באַטראַכטן זיי ווי עפּעס

אזוינס, וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צו זייער אייגענעם פּערזענלעכן לעבן; ווען זיי געוואוינען זיך צו צו דעם געדאַנק, אַז אויך זייער אייגן לעבן דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן אין דינסט פון אַ גרויסן אידעאַל און אַז יעדער פון זיי וועט דאַרפן נעמען אויף זיך זיין גרעסערן אָדער קלענערן חלק פון יענע ליידן און קרבנות, מיט וועלכע עס דאַרף אויסגע־קעמפּט ווערן אַ נייער, חשובער און קלוגשאַפענדער לעבן פאַר אַלעמען.

עס איז געווען עפּעס זייער ערנסטעס — אויב איר ווילט, טיף רעלי־גיעזעס — אין דעם גאַנצן ענין: אַ רעליגיעזער קולט פון דעם טעאָרע־טישן אמת, אַ זיך הייליקן צו דינען אים און פאַרשפּרייטן אים.

און דערצו האָט טאַקע די אַרבעט אויך מיר אַ סך געהאָלפן פאַנאַנדער־צוקלייבן זיך אין די פאַרשיידענע שטרעמונגען, אין וועלכע עס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען דער ראַדיקאַלער געדאַנק אין רוסלאַנד.

ביז צו טולע האָב איך גאָר געוואוסט פון דעם חילוק, וואָס צווישן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און דער „טשאָרני פּערעדיעל". די קאַרי־פּייען פון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק האָבן, בדרך כלל, אַלע געהאַט פאַר מיר דיעמזעלביקן פּנים. ערשט אַ טיפערער אַריינדרינגען אין יעדן אײ־נעמס געדאַנקענגאַנג האָט געקאָנט אַרויסברענגען די פונדאַמענטאַלע פּרינ־ציפּיעלע אונטערשיידן, וואָס האָבן געהערשט, צ. ב., צווישן דער שיטה פון דאָבראָליובאָוון און דער שיטה פון פּיסאַריעוון אין די זעכציקער יאָרן, ווי אויך צווישן דעם גאַנצן וועלט־באַנעם פון די זיבעציקער יאָרן, מיט טשערנישעווסקין, ווי איר צענטראַל־זון, און דער שפּעטערדיקער צייט.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך מיך אפשר אָפּשטעלן אויף אָט דער זייט פון מיין אַנטוויקלונג, ווייל אויך אין איר איז געלעגן אַ סטימול צו מיין באַפרייאונג פון די „אויטאָריטעטן" און צו ערנסטערע באַטראַכ־טונגען וועגן דעם מהות און די באַדינגונגען פון יענעם „אַבסאָלוטן אמת", צו וועלכן עס שטרעבט דער פרייער געדאַנק.

אין מיין טולער פּעריאָד אָבער איז נאָך פאַר מיר קיין רייד ניט געווען וועגן אַ מוטיקער סקעפּטישער אָדער קריטישער שטעלונג צו אונ־דזערע גייסטיקע „רביים", און צו דעם גאַנצן מאַטעריאַליסטיש־אַטעאיס־טישן וועלט־באַנעם. אדרבה! אַלץ, וואָס מיר האָבן געלייענט, פאַנאַנ־דערגעקייט און דורכגעטראַכט, האָט געגעבן נייע באַווייזן פאַר דער ריכ־טיקייט פון דעם אָנגענומענעם שטאַנדפּונקט. אַ גרויסע ראָלע האָט דער־ביי געשפּילט אַ קליין האַלב־לעגאַל ביכעלע פון דעם שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם פּראָפעסאָר סיעטשענאָוו.

דאָס ביכעלע איז אַרויס נאָך אין דעם סוף פון די זעכציקער יאָרן און האָט זיך גערופן: „רעפלעקסי גאָלאָוונאָוואָ מאָזגאַ" („די רעפלעקסן פון דעם קאָפּ־מארך"). דאָס האָט געגעבן אַן איבערבליק איבער די פאָר־שונגען אויף אַ וויסנשאַפטלעכן פעלד, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט אין יענער צייט און וואָס שטייען עד־היום אין דעם צענטער פון דעם וויסנשאַפטלעכן און פילאָסאָפישן באַטראַכט: די פאָרשונגען וועגן די פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ ניט נאָר אין די נערוון, נאָר אויך אין מארך.

אַלע אַזעלכע פאָרשונגען, אָנגעהויבן מיט אַ סיעטשענאָוון אין די זעכציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, ביז צו די געניאַלע עקס־פּערימענטן פון דעם איצטער וועלט־באַרימטן מאָסקווער פּראָפעסאָר, פּאַוו־לאָוו, אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט — האָבן איין־און־דעמזעלביקן טעאָרעטישן קוק: ניט נאָר קלאָר אויסגעפינען די מאַ־טעריעלע, אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישע זייט פון די „ריינע" „נשמה־פּראָ־צעסן", נאָר אויך אַרויפצוצווינגען אויף דעם געדאַנק די אַבסאָלוטע זי־כערקייט, אַז זיי זיינען גאָר ניט קיין באַזונדער־זעלבסטשטענדיקע „זייט" אין דעם „נשמה"־לעבן, נאָר אין תוך אַריין פּשט־פּשוט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ ריין פיזיאָלאָגיש־מעכאַנישער פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער נערוון־ און מארך־סובסטאַנץ.

דער „אויסקוק" איז אַ מאַטעריאַליסטישער. אָבער דער געוואוּנע־נער „אויסבליק" איז נאָך גאָר אַ מטושטשער. ניט קוקנדיק אויף די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען, וואָס זיינען ביז איצט געמאַכט געוואָרן אויף אָט דעם וויסנשאַפטלעכן פעלד, איז די טעאָרעטישע, פּרינציפּיעל־פילאָזאָ־פישע זייט פון דעם ענין עד־היום נאָך פּונקט אַזוי שטרייטעוודיק, און די אויסגעפונענע רעזולטאַטן רעדן נאָך עד־היום אויף אַזויפיל פאַרשיידענע לשונות און לאָזן צו אַזויפיל פאַרשיידענע אויסטייטשונגען, ווי גאָר אין אָנהויב.

אָבער פאַר אונדז, יונגע מאַטעריאַליסטן, פאַר וועמען דער מאַטערי־אַליזם איז געווען ניט סתם אַזוי אַ טעאָרעטישע דערקענטעניש, נאָר בפועל ממש אַ רעליגיעזער גלויבן, איז סיעטשענאָווס ביכל געווען מער ווי אַן אַנט־פּלעקונג.

וואָס טשערנישעווסקי האָט נאָר מסביר געווען מיט זיין קלאָרן מוח, דאָס האָט אונדז אין סיעשענאָווס שריפט „באַוויזן . . . דורך פּראָקש מיט דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ.

און דער אויספיר איז געווען: דער מאַטעריאַליזם איז ניט קיין

קאָפּ־סברה. עס איז אַ פעסט־שטייענדיקער וויסנשאַפטלעכער „פאַקט". עס איז אַלץ „רעפלעקסן". די גאַנצע „נשמה", מיט דעם „פרייען ווילן", מיט דעם שטרעבן צו די העכסטע צילן און אידעאַלן, מיט אַלץ־מיט־אַנאַנ־דער, זיינען קאָמפּליצירטע מעכאַניש־פיזיש־כעמישע באַוועגונגען אין דער טויטער מאַטעריע. (אַ גדולה אויף אונדז!).

און פונקט ווי אין דעם מענטשלעכן קערפּער קאָן ניט זיין קיין רייד וועגן אַ וועלכער עס איז „נשמה" מיט אַ „יענער וועלט", אַזוי איז אויך פאַר דער גאַנצער קערפּערלעכער וועלט — מאַן דכר שמיה" פון גאָט, ווי די רעליגיעס ווילן, אָדער פון אַ „וועלט־נשמה", ווי דאָס וויל די מע־טאַפיזישע פילאָסאָפיע.

דער מאַטעריאַליזם אין דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט האָט „גע־פאָדערט פון דעם קאָנסעקווענטן דענקער", ער זאָל זיין אויך אַ מאַטע־ריאַליסט אין דעם גאַנצן וועלט־באַנעם. דאָס איז אויך געווען דער יסוד פון דעם מאָראַל־פילאָסאָפישן מאַטעריאַליזם, וואָס האָט זיך געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון דעם „אויפגעקלערטן עגאָאיזם". ווייל אויך דער מענטש איז דאָך, „אין תוך אריין", ניט מער ווי אַ חיה. (אַ גדולה אויף אונדז!)

אָט די פראַגן פון דער אַלגעמיינער וועלט־אַנשויאונג זיינען דאָך מער געשטאַנען אין דעם צענטער פון דעם אינטערעס, וואָס קיין אַנדערע אַר־בעטן האָבן מיר דעמאָלט, אייגנטלעך, ניט געהאַט. עס איז ניט געווען ניט קיין דירעקטער קאַמף אַנטקעגן דער רעגירונג פאַר פרייהייט, ניט קיין קאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזיע פאַר גערעכטיקייט. עס איז געווען אַ גייסטיק ראַנגלען זיך מיט דער אַלטער וועלט — אַ ראַנגלען זיך, וואָס האָט כולל געווען אין זיך אָט די ביידע קאַמפן און האָט געדאַרפט צו־גרייטן דעם קעמפער צו זיי.

אונטערגעשמידט מיט די נייע קענטענישן און אַרגומענטן, זיינען פיל פון אונדז אַרוים „צו פאַנגען נשמות" צווישן דער איבעריקער שטו־דירנדיקער יוגנט. אַ פּאָר פון מיינע אייגענע דערפאַרונגען אין אָט דער אַרבעט, מחוץ דעם ענגערן קרייזל, האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם.